STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03322

MENTSH UN GOT

J. Wolf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. וואָלף

מענטש און גאָט

אַרויסגעגעבן פון ד. לעהמאַן
בוענאָס איירעס 1944

J. Wolf: Hombre y Dios
Editado por D. Lerman
Buenos Aires — 1944

ה. ווֹאלף

מענטש און גאָט

ק א פ י ט ל 1

ג אָ ט

I

דער מענטש ליבט אזוי שטאַרק זיך אַליין, אַז זיין איך איז אוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער וועלט. די וועלט עקזיסטירט און איז טעטיק, נאָר און בלויז פאַרן מענטשלעכן איך. די וועלט־פונקציע ווערט באַנומען נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן מענטשלעכן איך. דער איך איז אַזאַ מעכטיקער מאַגנעטישער כוח, וואָס ציט־צו צו זיך יעדע מינדסטע פּאַסירונג, וואָס קומט נאָר ערגעץ פאָר. ער איז דער צענטראַלער פּונקט אַרום וועלכן עס באַוועגט זיך דער גאַנ־צער אוניווערז. ער איז דער צענטריפּעטאַלער כוח פונעם וועלט־לעכן פאַרגיין. ער רעאַגירט אויף יעדער מינדסטער באַוועגונג, וואָס קומט פאָר אינעם ווייטסטן פּונקט פונעם קאָסמאָס. ער איז פיל־באַר צו יעדן שאָרך אינעם וועלט־לעבן. טאָמער דערהערט ער נאָר ערגעץ דעם מינדסטן גערויש, גיט באַלד עפּעס אַ וויבריר אינעם איך: „עס האָט מיט מיר אַ שייכות!" דער מענטשלעכער איך, איז די כוונה תחילה פון אַלץ וואָס געשעט אונטער־ און איבער דער זון און אַלע מעגלעכע זונען.

קיין איינציקער געדאַנק וועגן דער וועלט, קען נישט געדענקט ווערן אויסער די ראַמען פונעם איך. די וועלט און אירע דערשיי־נונגען עקזיסטירן נישט אָנפאַרזיך, ד"ה אָפּגעזונדערט פונעם מענ־

טשן, נאָר זיי עקזיסטירן דורכויס אין צוזאַמענהאַנג מיט אים. דער מענטש איז נישט אינדיפערענט צו די וועלט־פּראָגן, ער באַקלערט זיי נישט ווי אַ זייטיקער, וואָס אים איז אַלציינס צי זיי זיינען אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר ער באַקלערט זיי עגאָצענטריש, מיט זעלבסט־ווילן. ווי אָביעקטיוו עס זאָל זיך דעם מענטש נישט אויסוויזן, אַז ער דענקט־נאָך וועגן הויכע פּראָבלעמען, אַז ער מיינט נאָר צו דער־קענען די זאַכן ווי זיי זיינען אַנפאַרזיך, דענקט ער דאָך ווי אַזוי די זאַכן זיינען אין שייכות מיט אים. די אָביעקטיווע וועלט־באַ־טראַכטונג, איז פון דעסטוועגן שטענדיק סוביעקטיוו, דאָס הייסט, מ׳טראַכט ווי אַזוי זיינען די פּראָבלעמען פאַרן מענטשן. ד י וועלט געהערט דעם מענטשן. דער מענטש טראַכט שטענדיק וועגן זיין וועלט. דער ווייטסטער פון די שטערן געהערט דעם מענטשן. ווען די וועלט וואָלט נישט געווען דעם מענטשנס, וואָלט ער וועגן איר נישט געטראַכט. די וואָס פאַרלירן דעם אינטערעס צו זיך אַליין, פאַרלירן אויך דעם אינטערעס צו דער וועלט, דאָס הייסט, צו וויסן און צו לערנען די וועלט. דעם דאָזיקן געפיל רופן מיר טראַסצענדענטער עגאָצענטריזם, דאָס מיינט, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט, דער גאַנצער באַשאַף, דער גאַנצער אוני־ווערז, דער ווייטסטער פונקט דאָזיין, וואָס דעם מענטשנס געדאַנק און פאַנטאַזיע קענען נאָר דערגרייכן, אַלץ איז פאַרבונדן מיטן מענ־טשלעכן איך. אויב די נאַטור איז טעטיק, אויב די נאַטור פונקציאָ־נירט, אויב עס פולסירט און עס שלאָגט אַ לעבעדיקער אָטעם אין דער נאַטור, אויב עס שאַפט זיך און עס בויט זיך אין דער נאַטור, האָט עס אַלץ אַ שייכות מיטן מענטשנס איך.

די ליבע צו אונדזער איך, איז דער שטאַרקסטער און אינטימס־טער געפיל אין אונדז. נישטאָ נאָך איין געפיל, וואָס זאָל זיין אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין אונדז, אַזוי טיף אריינגעקנעטן און אריינגע־וועבט אין יעדן אָטאָם פון אונדזער וועזן, ווי די ליבע צו אונדזער איך. זי, די ליבע צו אונדזער איך, פילט אונדז אויס און רינגלט אונדז אַרום. זי באַשטימט אונדזער דענקען און ריכטעט אונדזער פילן. נישטאָ קיין איין איינציקע מחשבה אין וועלכער זי זאָל נישט „האָבן אַ האַנט״. זי איז די געהיימע ספּרוזשינע וואָס באַטרייבט

אונדזער גאַנץ גייסטיק לעבן. זי נערט אונדזערע חלומות און טרוי־מען; זי וועקט אונדזערע האָפענונגען און שטרעבונגען; זי שטויסט אונדז צו קאַמף און צו אונטערנעמונגען; זי איז דער קוואַל פון אונדזער פרייד און טרויער, ענטוזיאַזם און אַנטוישונג.

זינט דער מענטש האָט געקריגן באַוואוסטזיין וועגן זיך אַליין, וועגן זיין אייגן לעבן און עקזיסטענץ און וועגן דעם לעבן און עק־זיסטענץ פון דער וועלט, איז ער פול געוואָרן מיט פאַרחידושונג און פאַרוואונדערונג איבער דער דאָזיקער גראַנדיעזער און סודות־פולער דערשיינונג, וואָס מ'רופט וועלט־לעבן. עפּעס אַ מין איידעלע מורא פילט אים אויס. ער שטייט אומגעוועגדט מיט זיין בליק צו דער וועלט און וויל אַריינדרינגען אין איר תוך, וויל זיך אידענטי־פיצירן מיט איר. זיין גייסט איז פול מיט געהיימע פראַגן וועגן דעם זין און צוועק דערפון. דאָס לעבן פון דער וועלט און זיין אייגן לעבן, דריקן און באַלאַסטן אים: וואָס איז דאָס אַלץ? צוליב וואָס איז עס? פונוואַנען קומט עס און וואוהין גייט עס? דער סוד פונעם אַללעבן בישופט אין מענטשן און האַלט אים כסדר וואַכזאַם.

ג אָ ט איז דער ענטפער אויף די אַלע פראַגן; גאָט איז דער זינען און דער תוך פון דער וועלט. אָן גאָט זעט אַלץ אויס ציללאָז און זינלאָז. דער גאַנצער באַשאַף, אַלץ וואָס עקזיסטירט, אַלץ וואָס לעבט, שטרעבט, קעמפט און ראַנגלט זיך — אַלץ זעט דאַן אויס אומזיניק, אומנוצלעך, אָן אַ טעם און אָן אַ צוועק: — צוליב וואָס, צוליב וועמען! די וועלט בלייבט הפקר, פאַרלאָזן, אָן אַ פירער, אָן אַ שומר, אָן אַן אויפקוקער. קיינער זאָרגט זיך נישט וועגן איר, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט איר פונקציע. — גייט זי, גייט זי; וועט זי אויפהערן גיין, וועט זי מער נישט זיין.

אויך דער מענטש פילט זיך, אָן גאָט, איבעריק אויף דער וועלט. זיין לעבן פאַרלירט דעם טעם און דעם זינען. צוליב וואָס לעבט ער? צוליב וואָס איז ער פאַראַן? ווער דאַרף אים און ווער האָט אים אַהער געבראַכט? אַלץ ווערט דאַן גייסטיק חרוב און צעשטערט, און בלייבט רעדוצירט צו טויטער זינלאָזער מעכאַניק און אויסגע־הוילטער וויקלונג פון פראָצעסן אָן אַ אָנהייב און אָן אַ סוף.

דורך גאָט קריגט די מענטשלעכע זעלבסטליבע אַ טיפע פאַר־

ענטפערונג. די וועלט ווערט איינגענומען פאַרן מענטשן. גאָט איז דער העכסטער באַלעבאָס פון דער וועלט. אין גאָט איז קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע וועלט־לעבן און וועלט־געשען. דורך פאַרבינדן זיין איך מיט גאָט, פאַרבינדט דער מענטש די גאַנצע וועלט מיט זיין איך. וואָס פאַרא אידייע האָט נאָך געקענט מער אויסנעמען און מער געפעלן ווערן דעם מענטשן, ווי די אידייע אַז ער, זיין לעבן, זיינע ליידן, זיינע פריידן, זיינע אויפטוען, זיינע ניצחונות און מפלות — זיינען די זאָרג פון גאָט, פון גאָט דעם באַשעפער און פירער פון דער וועלט־

דורך גלויבן אין גאָט דערהייבט דער מענטש זיין איך צו וועלט־וויכטיקייט. אָן גאָט איז דער מענטש אַ מינדערוויכטיק ווערימל, אַן אומבאַמערקט שטויבעלע, אַ לופטבלאָז, וואָס אַט איז ער דאָ און אַט איז ער נישטאָ; מיט גאָט, איז דער מענטש דער קעניג פון דער נאַטור, דער צוועק פון באַשאַף. ווי האָט דער מענטש געקענט נישט אויסחלומען גאָט, און זיך האַלטן אין אים אַזוי פעסט אָנגעקלאַמערט ווי ער האָט דאָס געטון!

זינט די מענטשן האָבן אויסגעטרוימט גאָט, איז זיין הויפּט־אויפגאַבע שטענדיק געווען זיך צו פאַרנעמען מיט זייער לעבן און מעשים; מיט זייערע זינד און טוגנטן, מיט זייערע אַמביציעס און ליידנשאַפטן, מיט זייער גליק און ליידן. און נישט בלויז מיטן כלל, נאָר אויך מיטן פרט, מיטן יחיד. נישט געווען די מינדערוויכטיקע פאַסירונג אינעם לעבן פונעם מינדערוויכטיקסטן מענטשלעכן יחיד, וואָס גאָט זאָל זיך מיט דעם נישט פאַרנעמען.

פון זייער געבוירנטאָג אָן שטייען די מענטשן־באַשעפענישן מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל און רופן גאָט. יעדער רופט גאָט צו זיך; יעדער וויל, אַז גאָט זאָל אים אויסהערן; יעדער וויל, אַז גאָט זאָל ווייסן אַלץ־אַלץ וואָס ביי אים טוט זיך; יעדער וויל אַז גאָט זאָל אים באַזאָרגן מיט אַלע זיינע באַדערפענישן. אָן גאָט איז דער מענטש עלנט און פאַריתומט. ער

האט נישט פאר וועמען זיך צו באקלאגן און א גויט און פאר וועמען דאס הארץ אויסצוגיסן ווען עס ווערט פול. ער האט נישט ווער עס זאל אים באדויערן אין זיינע ליידן און ווער עס זאל אים באגריסן אין זיינע פריידן. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים ווען ער פאלט און קיינער העלפט אים נישט אויפשטיין. קיינער באדויערט אים נישט אין אן עת־צרה און קיינער פילט אים נישט מיט, ווען עס טוט אים וויי. קיינעם הארט נישט זיין פיין, קיינעם קימערן נישט זיינע מפלות און קיינער טרייסט אים נישט אין זיינע אומ־גליקן. אליין איז דער מענטש אויף דער וועלט. אליין דארף ער שלעפן דעם שווערן יאך פון זיין לעבן; אליין דארף ער טראגן די שווערע משא פון ליידן און יסורים, ביז זיין לעבן קומט צו ענדע. שווער, אומגעהויער שווער איז פארן מענטשן דער באוואוסטזיין פון אזא זינלאז לעבן און ציללאזער עקזיסטענץ. לעבן בלייבט דאן רעדוצירט צו א שפיל פון ליידן און ווייטיקן, וואס דער סוף דערפון איז טויט, נישט־זיין.

מיט גאט איז דעם מענטשן גוט און היימלעך אויף דער וועלט. ער פילט זיך געשיצט און אפגעהיט. ער פילט זיך אונטער א גע־טרייער אויפזיכט און א זיכערער שמירה. ער פילט אז מ'גיט אויף אים אכטונג און מ'קוקט אים נאך; ער האט צו וועמען זיך צו ווענדן אין זיינע ליידן און ווער עס זאל אים אויסהערן ווען עס טוט אים וויי. אין יעדן שווערן מאמענט פון זיין לעבן, ווענדט ער די אויגן צום הימל און עפנט אויף זיין הארץ פאר גאט; רעדט זיך אוים פאר אים ווי פאר א געטרייען פאטער און איז זיכער אז זיינע רייד זיינען פארנומען געווארן. דאס ברענגט דעם מענטשן באַרואיקונג, טרייסט און דערלייכטערונג.

דער גלויביקער מענטש — וואו ער זאל זיך נישט קערן, פילט ער זיך באגלייט פון גאט. אין מידבריות און וויסטענישן, אינמיטן ימען און אויף פארוואָרפענע אינדזלען — אומעטום באגלייט אים גאט. נישטא דאס ארט, וואו גאט זאל נישט מיטגיין מיטן מענטשן, און נישטא די צייט, ווען גאט זאל נישט גרייט זיין דעם מענטשן אויסצוהערן.

איבערהויפט קומט מען צו גאט אין אן עת־צרה. ווען עס קו־

מען אומגליקן אויף מענטשן, לויפן זיי צו גאָט. פרום ווערן, מיינט אָפטמאָל — פאַראומגליקט ווערן. פון איין זייט איז עס דערפאַר, וואָס פאַר אַ צרה האָט מען מורא. אַ צרה דערמאָנט אין גאָט. אין איר זעט מען איין גאָטס צאָרן און שטראָף, און מען קומט אים בעטן, ער זאָל מוחל זיין און אָפּווענדן די צרה און די שטראָף. פון דער צווייטער זייט, אָבער, איז עס אויך דערפאַר, וואָס צרות מאַכן דעם מענטשן מער זעלבסטעמפינדלעך. אונטער ליידן, פילט זיך דער „איך" געפאַלן און אָפּהענטיק און ער נויטיקט זיך מער אין אויפֿמערקזאַמקייט און צערטלעכקייט. פאַר יעדעם מאָל ווען דער מענטש פילט זיך צעוויייטיקט און דערדריקט, שטייגט זיין „רעליגיעזע פיל־באַרקייט", ד"ה, ער דערפילט אַ גרעסערע באַדערפעניש אין גאָט, וועלכער זאָל אים צערטלען.

גאָט איז די שאַפונג פונעם מענטשלעכן איך, פאַרן איך, — כדי אים, דעם־איך, צו צערטלען, אים נאָכצוגיין, זיך צו פאַרנעמען מיט אים: אים באַלוינען, באַשטראָפן, זיין אויף אים בייז, אים מוחל זיין אא"וו.

דער מענטשלעכער איך, וואָס איז אַזוי דורשטיק, אַזוי גרעֿ ניצלאָז און אומענדלעך דורשטיק נאָך אויפמערקזאַמקייט צו זיך — ווי האָט ער געקענט נישט פאַרכאַפּט ווערן פון געדאַנק, אַז ס'איז פאַראַן אַ בורא עולם, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין אים, וואָס קוקט זיך־צו צו זיין יעדן שריט און טריט, וואָס באַאָבאַכטעט אַלע זיינע טאַטן און געננג און ווייס אַלץ וואָס ביי אים קומט פאָר, אָפילו זיין מינדסטע פאַרבאָרגענע מחשבה!...

II

דער מענטש איז שטענדיק פאַרטון אין זיך און מיט זיך. ער איז איבערגעלאָדן מיט זעלבסטפילעוודיקייט. ער איז אָנגעגאָסן מיט אויטאָ־סענסיביליטעט, ווי אַ רייפער וויינשטאָק מיט זאַפט. דער איך איז געשפּאַנט איבער זיך אַליין און האַלט זיך אָן אויפהער אין איין פּלאָנטערן ארום ענינים וואָס זיינען אים נוגע. און נוגע איז אים אַלץ. ער איז צו גאָרנישט גלייכגילטיק. אַלץ וואָס ער זעט,

הערט, באַמערקט, באַטראַכט, דערמאָנט־זיך — אַלץ האָט אַ שייכות מיטן איך און ער איז פאַראינטערעסירט אין דעם. אין יעדן מאָמענט איז פאַראַן עפּעס אַ מאָטיוו, וואָס באַרירט אים, רייצט אים און רעגט אים אויף. און טאָמער האָט ער נישט אַזאַ מאָטיוו וואָס זאָל אים אָנרייצן, פילט ער זיך אומגליקלעך און נידערשלאָגן. צומ־שטאַרקסטן זוכן מיר אַז אונדזער איך־געפיל זאָל כסדר זיין אַק־טיוו. דערמיט דערקלערט זיך אונדזער אומגעשטילטער דראַנג צו געזעלשאַפט. אין דער קעגנוואַרט פון נאָך איכן, ווערט אונדזער איך טעטיק און הויבט אָן צו אַרבעטן העפטיק און אינטענסיוו. פאַר איינזאַמקייט האָבן מיר מורא. מיר ווערן טרויעריק און נידערגע־שלאָגן ווען מיר זיינען איינזאַם. דאָס איז דערפאַר, וואָס אונדזער איך־ווילן לעבט זיך נישט אויס און ווערט נישט באַפרידיקט. די שטאַרקע נויגונג אונדזערע זיך צו געפינען אין געזעלשאַפט, איז אַ דערשיינונג וואָס מ'דאַרף דורכאויס דערקלערן דורך איך־ווילן. לעבן אינטענסיוו, פילן זיך מונטער און האַפערדיק, פירן אַ לעבן אַ פול־בלוטיקס און אַ קרעפטיקס, מיינט, האַלטן געשפּאַנט און אַקטיוו אונדזער איך־ווילן. וואָס מער מיר זיינען אין באַציאונגען מיט אַנ־דערע איכן, וואָס מער אויפמערקזאַמקייט עס איז קאָנצענטרירט אויף אונדז, וואָס מער מיר האָבן ווילן זיך צו אימפּאָנירן און זיך אַרויסצוהייבן, אַלץ שטאַרקער לעבן מיר, אַלץ פולער און קרעפ־טיקער איז אונדזער עקזיסטענץ. פאַרקערט, וואָס מער אונדזער איך־ווילן איז אָפּגעשוואַכט, וואָס ווייניקער זעלבסט־אינטערעס מיר האָבן, וואָס ווייניקער מיר פילן **זיך אַליין**, אַלץ ווייניקער זוכן מיר געזעלשאַפט, אַלץ ווייניקער אינטערעסירט אונדז די באַ־ציאונגען מיט נאָך מענטשן, און אַלץ בלאַסער, לעבלאָזער איז אונדזער עקזיסטענץ.

דער ווילן פאַרן איך איז דער מקור פון אונדזער גייסטיק לעבן. פונקציאָנירט ווי געהעריק אָט דער דאָזיקער פונדאַמענטאַלער אימ־פּולס, איז די גאַנצע ווייטערדיקע פונקציע פון גייסט אין אָרדע־נונג; פונקציאָנירט ער נישט ווי געהעריק, גייט שוין נאָכדעם אַלץ צרהדיק.

צוממייסטן פילן מיר אַ באַדערפעניש אין מענטשן, ווען מיר

לײדן. נישטאָ קײן גרעסערע פּײן װי די פּײן פון לײדן אין אײנזאַמקײט און פאַרלאָזנקײט. דעמאָלט װערט צעװײטיקט אױסער אונדזער גוף און נשמה, אױך אונדזער איך. מיר פילן זיך געטראָפן אַלס זעלבסטבאַװוסטער בעל־חי, אונדזער לעבנס־יסוד פילט זיך געטראָפן און אָנגעגריפן, און אין אונדז הײבט זיך אױף אַ געיאָמער און אַ געקלאָג; עס קלאָגט זעלבסטבאַװוּסט לעבן װאָס װערט צעשטערט; עס הײבט־אױף אַ דערשיטערלעכן פּראָטעסט־געשרײ — ל ע ב ן , װאָס װערט פאַרװאָרלאָזט. דער צער פון זעלבסטבאַװוּסט לעבן װאָס גײט אונטער און װערט פון קײנעם נישט אונטערגעהאַלטן, איז דער גרעסטער צער. דעריבער איז עס, װאָס עס זײנען גאָר נישטאָ אַזעלכע גרױסע יסורים, װעלכע זאָלן ניט זײן לײכט אַריבערצוטראָגן דעמאָלט, װען מיר זײנען אַרומגערינגלט פון נאָענטע און אײגענע מענטשן װאָס צערטלען אונדז. די הנאה, די געהײמע, שטילע הנאה, די „ביאָלאָגישע פרײד", װאָס אונדזער איך געניסט אין אַזאַ מאָמענט, איז גרעסער װי די לײדן, װאָס עס קומט אונדז אױס איבערצוטראָגן. גענוג אָפט פּאַסירט עס, אַז מיר קוקן־אױס, מיר זוכן אַ געװיסע מאָס לײדן, כדי דורכדעם צוצוציען צו אונדז מיטגעפיל, ד"ה, צערטלונג פון אונדזער איך. װען מיר לײדן אין פאַרלאָזנקײט, װען קײנער זעט נישט צו אונדזער פּײן, װען קײנער קוקט זיך נישט אום אױף אונדזערע װײטיקן, װען קײנער הערט נישט אונדזערע קרעכצן, אָ, דעמאָלט װערן אונדזערע װײטיקן און אונדזער פּײן פילפאַכיק פאַרגרעסערט.

פון דער צװײטער זײט דערװאָרט דעם איך אין לעבן נאָר נעגאַציע. די באַציאונגען מיט אַנדערע איכן, שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאַרביטערטע מילחמה, מיט די קנאַפּסטע שאַנסן פאַרן איך אַרױסצוגײן דער זיגער. אױף יעדן שריט און טריט זעט זיך דער איך אַרומגערינגלט פון געפאַרן נעגירט צו װערן. דאָס שװערסטע אין מענטשלעכן לעבן איז צו דעראָבערן פאַר זיך אַ בכבודיק אָרט און אַלגעמײנע אַנערקענונג. דװקא דאָס, װאָס דער מענטש װיל צומשטאַרקסטן, דװקא דאָס קריגט ער צומװײניקסטן. יעדער ערשטער איך זעט אין יעדן צװײטן איך — אַ פאַרנײנער, אַ צונישטמאַכער. דער װײט גרעסטער טײל פון די כלומרשטע פּאָזיטיװע באַציאונגען

צווישן איכן, די מענטשלעכע פריינטשאפט, איז אינדעראמתן, אינ־דערשטיל, בסתר, פול מיט קעגנזייטיקער דערווידערונג. מערסטע מאָל ענדיקן זיך פריינטשאפטן דערמיט, וואָס די געהיימע קעגנזייטיקע דערווידערונג קומט ארויף אויפן אויבערפלאך, און די פאַר־שטעלטע פריינטשאפט גייט איבער אין אַן אָפענער פיינטשאפט.

נישטאָ און נישט געווען דער גליקלעכער מענטש וואָס זאָל זיך געווען קענען רימען, אַז ער האָט אָפּגעלעבט זיינע יאָרן אויף דער וועלט אין פולער הארמאָניע צווישן זיין איך מיט די אנדערע איכן; אַז ער האָט נישט געהאט קיין אָפענע קעגנער, וואָס האָבן אים אָפן ארונטערגעריסן; אַז ער האָט נישט געהאט קיין פארשטעל־טע קעגנער, וואָס האָבן הינטן־ארום געגראָבן אונטער אים; אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען די צילברעט פון בייזוויליקייט; אַז זיינע גוטע־פריינט און חברים האָבן אים קיינמאָל נישט אנטוישט; אַז מענטשן מיט מער מאכט פון אים, האָבן אים קיינמאָל נישט גע־זוכט צו דערנידעריקן און באַליידיקן; אַז מענטשן מיט ווייניקער מאכט פון אים, האָבן אים קיינמאָל נישט געזאָגט קיין פאלשע ליבווערטער, חניפהדיק און היפּאָקריטיש אים געשמייכלט אין די אויגן, און אים באַשמוצט און בארעדט אונטער די אויגן. מיט איין וואָרט: אַז זיין איך איז נישט אויסגעקומען דורכצוטראָגן און צו פילן אויף זיך די ביטערע אטאקעס פון אנדערע איכן, וואָס האָבן אים געוואָלט אראָפּרייסן און צונישט־מאכן.

וואָס מער אַ איך איז פארדינסטפול און לייסטנדיק, און האָט רעכט אויף אנערקענונג און דערהויבונג, אַלץ מער גפינען זיך אנ־דערע איכן פון זיין מיליע, וואָס זוכן אויף כוח נישט צו דער־לאָזן זיין העכערשטעלונג, זוכן אים צו אנטווערטיקן און אראָפּצור־רייסן. פארדינסטפולע פערזאָנען טראָגן־איבער אפשר מער ווי אנ־דערע — איך־ליידן. אין אַזאַ פּראָפּאָרץ ווי עס שטייגט די באַרעכ־טיקונג פאר אַ פארדינסטפולן איך ער זאָל אויפשטייגן, אין אַזאַ פּראָפּאָרץ שטייגט דער נעגאַציע־ווילן פון די צו־אים־ענלעכע איכן נישט צו דערלאָזן אים אויפשטייגן. עס הייבט זיך אָן קאַמף, לאנגער פאַרביטערטער קאַמף, וועלכער ברענגט דער פארדינסטפולער פער־

זענלעבקייט דערשעפונג, אַנטוישונג, ווידערווילן און מורא פאַר מענ־טשן.

עס זיינען געווען און עס זיינען דאָ אַ סך, וואָס האָבן זיך דעראָ־בערט אומבאַגרעניצטן באַזיץ און מאַכט, און האָבן אויף כוח אונ־טערטעניק געמאַכט אַנדערע מענטשן און אַרויפגעצוואונגען אויף זיי אויסערלעכן רעספּעקט און אונטערוואַרפנקייט. עס איז אָבער נישטאָ און נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זיין איך זאָל גע־ווען פריי זיין פון אָנגריפן פון אַנדערע איכן און זאָל נישט געווען ביטער קעמפן און זיך ראַנגלען פאַר דער אייגענער דערהאַלטונג. נישט דער רייכער און מעכטיקער, וועלכער הערט נאָר לויבווערטער און חניפה־רייד, און וועלכער זעט נאָר הכנעהדיקע פּנימער און גע־בויגענע קניען, איז פריי פון איך־ליידן, און אויך נישט דער אָרימס־טער און קלענסטער, וועלכער ווערט פון אַלעמען דערנידעריקט און באַליידיקט און געטרעטן מיט די פיס. אָפּגערעדט אַז די מענטשן וואָס שטייען אויף די מיטלסטע שטופן, אַז זייערע קעגנזייטיקע איך־באַציאונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַן אומאויפהערלעכע שלאַכט צווישן זיך, וואו יעדער זוכט אַראָפּצושטויסן דעם צווייטן פון זיין אויבערשטער פּאָזיציע און זי אַליין צו פאַרנעמען.

דאָס סאָציאַלע לעבן פון די מענטשן איז אַ גרויס שלאַכטפעלד פון אַלע קעגן אַלע און פון יעדן קעגן יעדן. אומאויפהערלעך האַלטן זיך די זעלבסטן אין איין רייסן אויף אַרויף. יעדער איך קעמפט און ראַנגלט זיך אינערהאַלב זיין שיכט און קלאַס. יעדער איך זוכט און שטרעבט זיך איבערצוהויבן איבער אַנדערע איכן פון זיין מי־ליע. דער דאָזיקער קאַמף דרינגט דורך די ענגסטע מענטשלעכע פאַר־באַנדן. עס קעמפן ברידער מיט ברידער, חברים מיט חברים, פריינט מיט פריינט. אומעטום וואו עס טרעפן זיך נאָר צונויף צוויי אומ־געפער גלייכע איכן, הייבט זיך באַלד אָן צווישן זיי אַ שטילער קאַמף פאַר העכערשטייענדיקייט. פון אָנהייב גייט, כלומרשט, קעגנזייטיקע אַכטונג און אָנערקענונג, דאָס הייסט, די קעגנזייטיקע באַיאָונג פון די אין־קאָנטאַקט־געקומענע איכן. דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַ פאַלשער שלייער אויף דער אמתער און טיפער פאַרניינונג. עס

דויערט נישט לאַנג, און די פאַרנייגונג קומט ארויף אויפן אויבער־פלאַך.

דער איך־ווילן איז דער ערשטער צו דערוואַכן אין דעם מענטשנס נשמה און דער לעצטער זיך אויסצולעשן. ער דערוואַכט אינעם זויג־לינג וואָס הייבט נאָר וואָס אָן ארויסצואווייזן סימנים פון באַ־וואוסטזיין, און טרעט נישט אָפּ פונעם אַלטן מאַן, אזוי לאַנג עס שלאָגט אַ לעבעדיקער אָטעם אין אים. ער באַהערשט דעם יונגן ווי דעם מיטליעריקן, דעם אָרימען ווי דעם רייכן, דעם בעטלער ווי דעם קעניג. אַלע גלוסטונגען איז מעגלעך צו זעטיקן, נאָר נישט די גלוסטונג פונעם זעלבסט. מען קען זעטיקן דעם חשק צו געלט; מען קען זעטיקן דעם חשק צו רייכע טישן; מען קען זעטיקן דעם חשק צו פרויען, נאָר דעם חשק פאַרן איך קען מען נישט זעטיקן. וויפל אַ איך זאָל נישט אויפגעהויבן ווערן פון זיינע מיט־איכן, אַלץ נאָך און נאָך וויל ער אויפגעהויבן ווערן. דערפון דרינגט ארויס, אז דער איך־ווילן איז פאַרן מענטשן אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון ליידן. וואָרום קומען אין לעבן, קומט דער איך מיט אַ ווילן זיך איבערצו־הייבן, און טרעפן טרעפט ער אַ פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד, — די אַנדערע איכן זוכן זיך גאָר אַליין איבערצוהייבן און אים אַראָפּצו־דריקן; ער רייסט זיך אויף אַרויף און אַנדערע רייסן אים אויף אַראָפּ. האָפן האָפט דער יונגער איך, וואָס קומט אין לעבן אַריין, געצערטלט צו ווערן, אונטערגעהאַלטן צו ווערן, און טרעפן טרעפט ער דערוויי־דערונג און אַראָפּדריקונג. אָט די דערווידערונג צום איך, פאַרשאַפן טיפע ליידן. מיט דער צייט, נאָך ווידערהאָלטע דורכפאַלן, נעמען זיי קראַנק מאַכן. וואָס מער אַ איך איז זעלבסטעמפינדלעך, מער קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין, אַלץ מער איז ער אויסגעשטעלט צו כאַפּן קלעפּ אין לעבן, אַלץ גרעסערע אַנטוישונגען דערוואַרטן אים, אַלץ גרעסערע איך־ליידן וועט אים אויסקומען איבערצוטראָגן. נישט זעלטן ענדיקן אַזעלכע מיט זעלבסט־פאַרניכטונג, אָדער אין משוגעים־הויז. בדרך כלל אָבער איז נישטאָ קיין מענטש וואָס זאָל פריי זיין פון איך־ליידן. יעדער איינער קען דערציילן וועגן די פאַרשידנסטע סאָרטן אַנטוישונגען, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין לעבן; אַנטוישונגען אין פריינט, אַנטוישונגען אין קאָלעגן, אַנטוי־

שונגען אין פאמיליע. יעדע אנטוישונג ברענגט דערשלאגנקייט, ברענגט דערדריקטע שטימונג; מען ווערט ביי זיך געפאלן, מען ווערט אפגעפרעמדט פון מענטשן, מען ווערט פאריינזאמט.

רעליגיע איז געווען א גוואלדיקע דערלייכטערונג פארן מענטשלעכן איך. די אלע אנטוישונגען און ליידן, וואס עס איז דעם איך אויסגעקומען איבערצוטראגן אין זיינע באציאונגען מיט מענטשן, זיינען אין א גרויסער מאס קאמפענסירט געווארן אין זיינע באציאונגען מיט גאט. די שווערקייט — די אוממעגלעכקייט, כמעט — וואס דער מענטש האט אנגעטראפן ביים אויסלעבן זיך אין פאזיטיווע איך־באציאונגען מיט זיינע מיטמענטשן, האט ארויסגערופן און אונטערגעהאלטן די באדערפעניש זיך אויסצולעבן אין פאזיטיווע איך־באציאונגען מיט גאט. עס קען זיין, אז ווען מענטשן וואלטן זיך נישט אזוי פיל אפגענארט און פאראטן איינער דעם אנדערן; ווען זיי וואלטן זיך נישט אזוי טיף און לײדנשאפטלעך נעגירט איינער דעם אנדערן, וואלטן זיי זיך ווייניקער געגוויטיקט אין גאט און וואלטן זיך מער אויסגעלעבט צווישן זיך גופא. איז עס אבער נישט אזוי. איין מענטש זוכט איינצושלינגען נישט בלויז דעם צווייטנס לייסטונגען, נאר אויך דעם צווייטנס איך, און דער ווייט־גרעסטער טייל מענטשן לעבן פון אייביק אן אין א לאגע פון פארשלונגענע. אין אזא פאל איז שוין נישט געבליבן קיין אנדער אויסוועג, ווי נאר לויפן צו גאט, זוכן צו שיצן ביי א י ם. דאס וואס מ׳האט פארשפילט ביי מענטשן האט מען געזוכט צו געווינען ביי גאט. פאר די דערנידערונגען און באליידיקונגען, וואס דעם מענטשן איז אויסגעקומען אויסצושטיין צווישן זיינע מיטמענטשן, האט ער געזוכט אן ענטפער ביים אויבערשטן.

גאט איז דער דערלייזער פון די מענטשלעכע איכן. אין יעדן קריטישן מאמענט פארן איך, נאך יעדער שווערער איבערלעבונג, נאך יעדער ביטערער אנטוישונג, לויפט דער מענטש אוועק צו גאט און באקלאגט זיך פאר אים, פעשטשעט זיך פאר אים, רעדט־זיך־אויס דאס שווערע הארץ פאר אים, און דאס ברענגט אים בארואיקונג און טרייסט. ווער וויים, צי די מענטשן וואלטן בכוח געווען איבערצוטראגן אזוי פיל ליידן און פיין, אזוי פיל פארשקלאפונג און אונ־

טערדריקונג, אַזוי פיל אכזריותן און פאַרפאָלגונגען, ווען נישט דאָס וואָס זיי האָבן באַטש געקענט אויפהייבן די אויגן צום הימל און האָבן די זיכערקייט, אַז גאָט קוקט זיך־צו צו דעם וואָס עס פּאַסירט מיט זיי, אַז ער איז מיט זיי, אַז ער וועט זיך סוף־כל־סוף אָננעמען זייער קריוודע און וועט זיך אָפּרעכענען מיט זייערע דערנידעריקער און באַליידיקער.

עס איז זיך נישט פאַרצושטעלן די אומגעהויער־גרויסע הילף, די גרעניצלאָזע הילף, וואָס רעליגיע איז געווען פאַר די דערנידעריקטע און באַליידיקטע מענטשן. טרויעריק ביז גאָר איז דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט. דער מענטש איז די ליידנדיקסטע באַשעפעניש. סיי מיט זיין גוף און סיי מיט זיין נשמה איז ער אויסגעשטעלט פאַרמוטשעט צו ווערן אַ לעבן־לאַנג. דעם מענטשן איז ערגער ווי דער חיה. חיות קענען בלויז ליידן פיזיש, אָבער נישט גייסטיק. חיות קענען נישט זיין קיין שקלאַפן. חיות קען מען בלויז אויסנוצן, עקספּלואַטירן און מאַטערן קערפּערלעך. בלויז די שכלדיקע, די זעלבסט־באַוואוסטע חיה, — דער מענטש, קען זיין אַ שקלאַף און קען פאַרשקלאַפן; בלויז דער מענטש קען זיך פילן דערנידעריקט און באַליידיקט און קען דערנידעריקן און באַליידיקן; בלויז דער מענטש קען טראַכטן וועגן די עוולות, וואָס ווערן קעגן אים באַגאַנגען, און דערפון ליידן. חיות ליידן בלויז איין מאָל פון אַן עוולה — ווען זי ווערט זיי געטון; טראַכטן וועגן דער עוולה און דערפון ליידן, דאָס קענען זיי נישט. דער מענטש ליידט צוויי מאָל פון אַן עוולה: איין מאָל ווען זי ווערט אים געטון — ליידט ער פיזיש, און דאָס צווייטע מאָל ווען ער דענקט וועגן דער עוולה — ליידט ער גייסטיק. און שוין ווען זי ווערט אים געטון ליידט ער סיי פיזיש און סיי גייסטיק. דער חיהס נשמה פּראָטעסטירט נישט קעגן איר גורל, אַלס אַ באַשעפעניש וואָס איז אויסגעשטעלט אויפגעפרעסן צו ווערן; עס פייניקט איר נישט דער באַוואוסטזיין, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן צו ליידן. די שוואַכערע חיה — אָדער זי ווערט אויפגעפרעסן און זי איז מער נישטאָ, אָדער זי בלייבט לעבן, איז זי אַ פריי באַשעפעניש און איז גלייך מיט איר פאַרשלינגער און אויפפרעסער. ווי אַנדערש אָבער איז עס ביים

מענטשן. אויסערדעם וואָס ביים מענטש האָט זיך דער אַקט פון פאַרשלונגען ווערן, מצד דעם שטאַרקערן, פיזיש, אויסגעצויגן אויף נאָר זיין לעבן, איז נאָך צוגעקומען אויך דער אַקט פון פאַרשלונגען ווערן פסיכיש. דער מענטש ווערט נישט אויפגעגעסן פאַר איין מאָל און אַלס אַ פריי וועזן, נאָר ער ווערט קאָנסומירט לאַנגזאַם, אַלס אַ שקלאַף. סיי זיין גוף און סיי זיין נשמה ווערן געפּענטעט, פאַר־קריפּלט, צעקאַטעוועט און אַ תל־געמאַכט. דאָס דויערט אַ לעבן לאַנג, יאָרן און יאָרן, פון געבוירן ביזן שטאַרבן. — קען נאָך זיין עטוואָס טראַגישערס און טרויעריקערס דערפון! און דאָס איז געווען דער גורל פון דער גרעסטער מערהייט מענשן דורך דער גאַנצער געשיכ־טע. ווי האָבן זיי עס געקענט איבערטראָגן!

גלויבן האָט געהאָלפן די מענטשן דורכטראָגן זייערע אומגע־הויערע ליידן און זייער ביטערן גורל. גאָט האָט אויפגעהויבן די געפאַלענע איכן. וואָס מער די מענטשלעכע איכן זיינען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס מצד זייערע מיט־איכן, אַלץ מער האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צו גאָט. ווען דער באַליידיקטער מענטש איז געקומען אויסגיסן זיין האַרץ פאַר גאָט, ווען ער האָט אים אויס־דערציילט אַלע ענוים און בושהס, וואָס ער האָט אויסצושטיין, האָט ער זיך דורכדעם געפילט אויפגעהויבן. ער איז געווען זיכער אַז גאָט האָט אים אויסגעהערט. ער האָט זיך געפילט צוגעלאָזן פון גאָט, מיטגעפילט פון אים. ביי גאָט איז ער אַזוי חשוב ווי זיין אונטער־דריקער, האָט עס געהייסן. מעגן אים די מענטשן באַליידיקן וויפל זיי ווילן, גרייכט עס צו אים נישט, מחמת גאָט איז מיט אים.

גלויבן איז געווען דער עווענטועלער שויץ־פּלאַץ פאַרן איך. אָן גאָט האָט דער מענטשלעכער איך געקענט פולשטענדיק צעטרעטן און פאַרניכטעט ווערן. מיט גאָט האָט עס נישט געקענט געשען, וואָרום שוין דאָס בלויזע פילן זיך אַלס גאָטס אַ שאַפונג, דאָס טראָגן אין זיך גאָטס נשמה, האָט צוגעגעבן דעם מענטשן אַזאַ טראַסצענ־דענטע חשיבות און ווירקלעכקייט, וואָס אָן גאָט האָט מען אַפילו נישט געקענט אָנען דערפון. — ווי האָט דער מענטש געקענט נישט גלויבן אין גאָט!...

III

עס איז נישט אויסצורעכנען און עס האָט קיין שיר נישט צו דעם אַלעמען, אין וואָס מענטשן האָבן אַליין געגלייבט, אַז עס איז פאַר זיי אַ צייכן און אַ אָנזאָג, וועגן גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע פּאַסירונגען וואָס שטייען זיי פאָר. עס האָט אויסגעזען, ווי ערגעץ וואָלטן געזעסן וועלט־גייסטן און טאָג און נאַכט שטודירט יעדן איינעמס פּערזענלעכע ענינים, כדי אים צו קענען אָראָפּשיקן פאַר־שטעלטע צייכנס און אָנזאָגן, מכוח גוטע אָדער שלעכטע טרעפענישן וואָס דערוואַרטן אים. די גאַנצע נאַטור איז געווען באַשאַפן, כדי אויף אַ פאַרשטעלטן אופן צואווייזן צו טון די מענטשן מכוח זייע־רע מינדסטע אָנגעלעגנהייטן. אין די מינדערוויכטיקסטע צופאַלן האָבן מענטשן אַריינגעלייגט צו־זיי־געצילטע וועלט־כוונות. דורך אַלע יאָרטויזנטער זעען מיר די מענטשן־קינדער מיט צעשראָקענע פּנימער און אויפגעריסענע אויגן, מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און קלאַפּנדיקע הערצער, שטיין און פאָרשן דעם זינען און די באַדיי־טונג פון די אומענדלעכע, צאָללאָזע, אומאויסרעכנסבאַרע צייכנס און אָנזאָגן. מחנות וואָרזאָגער און העלזעער, אָקולטיסטן און אַס־טראָלאָגן, חלומות־באַשיידער און אָראַקול־פאַרטייטשער, שטייען און דערקלערן דעם זינען פון די פּאַטאַלע וועלט־צייכנס פאַרן מענטשן. יחידים און פעלקער. אָרים און רייך — אַלע־אַלע אָן אויסנאַם, האָבן זיי, דור־איין דור־אויס, געוואָלט, מיט פיבערדיקער גיריקייט, וויסן, דעם זינען און באַדייט פון די צייכנס, וואָס האָבן זיך צו זיי באַ־וויזן. צי קען מען דען זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן אָרט די דאָזיקע גלויבונגען האָבן שטענדיק פאַרנומען אין לעבן פון די מענטשן?! צי קען מען דען גאָר איצט אַנען, ווי שטאַרק, ווי לײדנשאַפטלעך שטאַרק, מענטשן האָבן געגלויבט אין דעם, און ווי איבערצייגט זיי זיינען געווען אין דער ריכטיקייט פון די געהיימע וועלט־צייכנס?!

נעמען מיר אַזאַ געביט ווי די אַסטראָלאָגיע און שטערנזעעריי.

— דער הימל־געוועלב איז געוואָרן די מזל־ברעט און די שטערן די מזל־קייקעלעך פון די מענטשן. די אומצייליקע הימל־קערפּערס, זייערע גראַנדיעזע באַוועגונגען, זייערע וואונדערלעכע דערשיינונ־

נען, זיינען געוואָרן א ש פ י ל ע כ ל פ א ר ן מ ע נ ט ש נ ס א י ד. דער גלויבן אין די שטערן, איז געוואָרן דער באַליבסטער גלויבן פון גאָר דעם מענטשלעכן מין. מען באַגעגנט אים אין די עלטסטע צייטן און אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער ערד. די ראָל וואָס דער דאָזיקער גלויבן האָט געשפּילט, איז געווען אומגעווינלעך גרויס. יעדע דערשיינונג אויפן הימל, פלעגט אָנמאַכן א גוואַלדיקן רושם. עס פלעגט אַריינוואַרפן אין א פּאַניק פעלקער גאַנצע. א פּחד פלעגט אַלעמען באַפאַלן, און מען פלעגט זיך גרייטן צו אָנקומענדיקע אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס. די געשיכטלעכע אַנאַלן זיינען פול מיט באַשרייבונגען פון דעם מין.

ציוויליזאַציעס האָבן אויפגעבליט און חרוב געוואָרן; דורות זיינען געקומען און פאַרגאַנגען, און די מענטשן האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט — מיט ליידנשאַפט און ברויז, מיט טויט־שרעק און פרייד־צאַפּלען, מיט פּאַניק און יובל — צו קוקן אין הימל אַריין און דאָרט זוכן זייער שטערנדל. די שטערנזעעריי איז דערהויבן געוואָרן צו דער חשובסטער און „עקזאַקסטער וויסנשאַפט". די קלוגע קעפּ, די טיפע מוחות, האָבן זיך געווידמעט דער „פאָרשונג" פון די שטערן. אַלץ אויפן נאַכטישן הימל איז געווען אָנזאָג, וואָרענונג, צייכן; צייכן פון גליק און אומגליק; צייכן פון מילחמה און שלום; צייכן פון זאַטקייט און הונגער; צייכן פון מגפות און פּלאָגן; צייכן פון געבוירן און שטאַרבן, — צייכנס פון אַלץ וואָס דער מענטש האָט געגאַרט און געגלוסט, און צייכנס פון אַלץ, פאַר וואָס דער מענטש האָט מורא געהאַט און זיך געשראָקן. אַזוי פאַר אַלע אינייענעם און אַזוי פאַר יעדן באַזונדער.

יעדער פינקלדיקער שטערן האָט גערופן און געלאָקט און געצוויבערט: „איך רייד צו דיר, מענטש! איך דערצייל דיר סודות. לייען מיך, פאָרש מיך, פאַרשטיי מיין ווינקנדיקע שפּראַך!" מענטשלעכע הערצער האָבן געצאַפּלט; מענטשלעכע פאַנטאַזיעס זיינען געפלויגן. מען האָט געפאָרשט די „סודות" פון די שעמערירנדיקע שטערן־נעצן. מען האָט שטודירט די „געהיימנישן" פון די צאַפּלענדיקע ליכט־פּינטלען. אַלץ האָט געהאַט זינען, אַלץ האָט געהאַט באַדייטונג. יעדער שטערן איז געווען א שליח, יעדער פּלאַנעט אן אַנ־

זאָגער. האָט העל אויפגעגלאַנצט אַ שטערן אינעם פירמעמענט, איז עס געווען אַן אָנזאָג פון וואוילשטאַנד און פרייד; האָט זיך באַוויזן אַ רויטער שטערן, איז עס געווען אַן אָנזאָג פון בלוט און פייער. קאָמעטן זיינען געקומען צו לויפן פון זייערע ווייטסטע ווינקלען אינעם וועלט־רוים; זון און לבנה האָבן זיך פאַרטונקלט; נייע שטערן פלעגן אויפשיינען און זיך אויסלעשן. — צוליב וואָס? — כדי צו דערציילן דעם מענטשן זיין צויבער־מעשהלע. ניט קיין קאָסמישע געזעצן האָבן באַטריבן די הימלשע קערפּערס; גישט קיין פעסט־געזעצטע נאַטור־קרעפטן האָבן באַשטימט זייער גאַנג. דאָס וואָס האָט באַטריבן די הימל־קערפּערס און באַשטימט זייער גאַנג, איז געווען — דער ווילן פונעם מענטשלעכן איך. אַלע הימלען, אַלע זונען, אַלע שטערנס, אַלע וועלטן און זייער גאַנצער תקום, אַלץ געהער צום מענטשלעכן איך און ער האָט איבער זיי די אויסשליסלעכע דעה; ער באַטרייבט זיי, ער פאַראָרדנט זיי, ער שאַלטעט און וואַלטעט איבער זיי ווי אים געפעלט. — וואונ־דערלעכער מענטשלעכער איך!...

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיטן גלויבן אין חלומות. דורך דער גאַנצער געשיכטע זעען מיר די מענטשן שטיין און זיך גריבלען און זיך פאַרטיפן און זיך קליגערן, מכוח דעם באַדייט און דעם זינען פון זייערע באַנאַכטיקע חלום־זעאונגען. יעדער חלום איז פול מיט סוד־סודות; יעדער חלום איז פול מיט אָנזאָג און אַנטפּלעקונג, פול מיט טיפן זינען און באַדייטונג. מען מוז וויסן וואָס זיי באַדייטן; מען מוז דערגיין וואָס זיי זאָגן אָן. מעכטיקע און הארן פון דער וועלט פאַלן אריין אין צאָרן, קריגספירער און מילחמה־העלדן פילן זיך דערשלאָגן און פאַרלוירן, פעלקער ציטערן און זיינען פול מיט טויט־שרעק — אַ בייזער חלום האָט זיך זיי געחלומט. אַלע יאָרהונדערט, אַלע יאָרטויזנט. די מענטשהייט הערט אויף אַ מינוט נישט אויף חלומען און פאָרשן דעם זינען און באַדייט פון חלומות.

וואָס איז עס? — א י ך ־ ק ר א נ ק י י ט ! דערפאַר וואָס די מענטשלעכע איכן ווילן כסדר זיין דער צענטער פון וועלט־אויפ־מערקזאַמקייט; דערפאַר וואָס די מענטשלעכע איכן גאַרן אַזוי שטאַרק, אַז אַ וועלט־פּאַטום זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען, — וועגן

זיי טראַכטן, וועגן זיי זאָרגן, וועגן זיי פּלאַנעווען, זיי מיינען, צו זיי צילן אא"וו — דערפאַר זיינען זיי גרייט עס איינצוזען אין יע־דער דערשיינונג, וואָס קען נאָר מיט עפּעס מאַכן דעם איינדרוק פון אַזעלכער.

IV

די באַצייכענונגען מזל, גורל, שיקזאַל, פאַטאַלע באַשטימונג אא"וו, זיינען אינדערא‏מתן נישט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר ספּאָנ־טאַנע אויסדרוקן פון טראַסצענדענטן עגאָצענטריזם. מיר קענען נישט דערלאָזן — עס שטעקט אין דעם אַ ווייטיקלעכע זעלבסט־צור־נישט־מאַכונג — אַז מיר, אונדזער לעבן, דאָס וואָס געשעט מיט אונדז, זאָל זיין אַ פּראָדוקט פון בלינדע, קויזאַלע וויקלונגען, און עס זאָל נישט זיין קיינער, ווער עס זאָל עס האָבן פאָרויסבאַטראַכט און פאָרויסבאַשטימט. מיר ווילן דורכויס, אַז אונדזער לעבן זאָל עמיצן אָנגיין, זאָל פאַרנעמען עמיצנס אויפמערקזאַמקייט. דער גלויבן אין גורל באַפרידיקט אָט די דאָזיקע טראַסצענדענטע זעלבסט־ליבע אונדזערע. גלויבן אין גורל מיינט, אַז דאָס וואָס מיט אונדז געשעט, ווערט באַוואוסטזיניק און אָפּזיכטלעך באַשטימט אַזוי. די קלעפּ וואָס מיר באַקומען, ווערן מיט אַ כיוון אויף אונדז אַראָפּגע־שיקט. גלויבן אין גורל שטעלט אַוועק אונדזער לעבן אין צענטער פון אַ געהיימער וועלט־אויפמערקזאַמקייט, און מאַכט, אַז אַלץ וואָס דאַרף פּאַסירן מיט אונדז, זאָל פאַרגעפּלאַנט און פאַרבאַשטימט ווערן.

אויך „מזל" מיינט דאָס זעלבע. מזל מיינט, אַז פאַר יעדן איי־נעם איז פאַרבאַשטימט אַ גוט אָדער שלעכט לעבן. דאָס מזל קען מען נישט בייטן. מיט אַזאַ מזל ווי מ'ווערט געבוירן, מיט אַזאַ מזל מוז מען לעבן און שטאַרבן.

גורל באַציט זיך אויף געשעענישן; מזל — אויפן מענטשן. אין ערשטן פאַל זאָגט מען: מיסתמא האָט אַזוי באַדאַרפט פּאַסירן; אין צווייטן פאַל זאָגט מען: מיסתמא האָט מיין מזל אַזוי גורם געווען. ביי גורל קומט אונטער דער מענטש דער בייזער טרעפונג;

ביי מזל קומט אונטער די בייזע טרעפונג דעם מענטשן. אַ שלימזל טרעפֿן בייזע טרעפֿעניש וואו ער גייט און וואו ער שטייט (שלימזל, וואו גייסטו!). אַן אַנדערן וואָלט עס נישט געטראָפֿן, נאָר אים, דעם שלימזל, טרעפֿט עס יאָ. „זיין בייז מזל ברענגט עס מיט"... דאָס בייזע מזל פֿאַרפֿאָלגט אָט דעם דאָזיקן און גייט אים נאָך פּוסטרירט און דאָס פֿאַרורזאַכט און רופֿט אַרויס די אומגליקן וואָס פּאַסירן מיט אים...

ביים גרעסטן טייל מענטשן גייט דאָס וואָרט מזל נישט אַראָפּ פֿון די ליפּן. אמת, זיי מאַכן דערפֿון קיין קולט נישט; (פֿאַראַן נאָך וענוג וואָס מאַכן יאָ אַ קולט דערפֿון) דאָך זיינען זיי נישט אינגאַנצן גלייכגילטיק דערצו און באַנוצן עס נישט בלויז ווי אַ וואָרט. אַ געוויסער ספּאָנטאַנער גלויבן איז פֿאַראַן אין דעם. און אָט דער ספּאָנטאַנער גלויבן איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש און באַלערנדיק, וואָרום דאָרט וואו עס גייט וועגן אַ קולט, קען מען זאָגן, אַז עס ווירקט די קולט־סוגעסטיע. דאָרט אָבער וואו די דערשיינונג איז אַ ספּאָנטאַנע, איז זי דורכויס אַן אויסדרוק פֿון אַ אינטימען פֿאַרלאַנג. און דער אינטימער פֿאַרלאַנג איז צו זיין פֿאַרגעזען און פֿאַרבאַשטימט. דאָס ערגסטע איז פֿאַר אונדז זיין אַ צופֿעליקייט. מיר ווילן בשום אופֿן נישט זיין קיין צופֿעליקייט אויף דער וועלט. זיין אַ צופֿעליקייט אויף דער וועלט, דערווידערט דעם סאַמע יסוד פֿון אונדזער זעלבסטבאַוואוסטזיין. עס איז אונדז טויזנט מאָל ליבער צו טראָגן איבער אונדז אַ בייזע פֿאַטאַלע באַשטימונג, איידער צו זיין איינגאַנצן אָן אַ באַשטימונג. דער געדאַנק, אַז מיר זיינען באַשטימט פֿון גורל, אַז אַ פֿאַרבאָרגענער וועלט־פֿאַטום האָט אונדז אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט און פּרעפּיקסירט אונדזער לעבנס־גאַנג, ברענגט אונדז אַזאַ טיפֿע און אינטימע הנאה, אַז דער צווייטער געדאַנק, וועגן אַ שלעכטן גורל, בלייבט נישטיק און שוואַך לגבי דעם ערשטן. דער ווידערווילן צו זיין אַ צופֿאַל, איז אַ ביאָלאָגישער; דער ווידערווילן צו ליידן, איז אַ באַוואוסטזיניקער. פֿאַרשטענדלעך, אַז דער באַוואוסטזיניקער ווידערווילן צו ליידן, קען זיך נישט פֿאַרגליכן מיטן ביאָלאָגישן ווידערווילן צו זיין אַ בלינדער צופֿאַל.

וואָס נויטיקער מיר דאַרפֿן עטוואָס דורכפֿירן, און עס קומט

אונטער א צופאַל וואָס שטערט אונדז דעריין, אַלץ מער זיינען מיר גענויגט אין דעם אַריינצוליי‌גן א ספּעציעלע צו אונדז־געצילטע כוונה. אָט איז אינמיטן נאַכט אונדזער קינד שטאַרק קראַנק געוואָרן. מיר דאַרפן דרינגענד א דאָקטער. אַלאַרמירט און צעטומלט ווילן מיר לויפן נאָכן נאָענטסטן דאָקטער, נאָר עס ברעכט אויס אַ שטורעם און א שלאַקס רעגן און מיר קענען זיך נישט רירן פון אָרט. פילן מיר דען דעמאָלט ניט, אַז די דאָזיקע נאַטור־געשעעניש איז צוגעגרייט געוואָרן כדי אונדז צו שטערן? נאָך בולטער וועלן מיר עס פילן, ווען מירן דאַרפן ברענגען דעם דאָקטער פון א ווייטער שטרעקע און אויפן וועג וועט זיך צעברעכן די אַקס פונעם וואָגן, אָדער מירן אַריינפאַלן אין א גראָבן און זיך נישט קענען רירן פון אָרט. אין אַזאַ פאַל וועט פאַר אונדז זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָס איז בכיוון געמאַכט געוואָרן, כדי אונז צו שטערן אָנקומען אין צייט און ראַטעווען אונדזער קינד.

א חתן האָט שטאַרק געליבט זיין כלה, און זיך לאַנג געגרייט צו גיין מיט איר אונטער דער חופה. ווען ס'איז געקומען נאָענט פאַר דער חתונה און די כלה איז אוועקגעשטאָרבן — פילט ער דען דעמאָלט נישט, אַז ס'איז געווען „א בייזע שפּיל פון גורל" מיט אים?

טאַטע־מאַמע וואָס האָבן לאַנג און הייס באַגערט צו האָבן אַ קינד, און ענדלעך האָט זיי „גאָט באַשאָנקען" מיט א געראָטענעם בן יחיד, „איינעם אין דער וועלט". אין אַ שיינעם טאָג, ווען דאָס קינד איז זיך געגאַנגען שפּילן מיט נאָך קינדער, האָט עס געליטן א טויטלעכן אַקצידענט. — פילן דען נישט די אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע, אַז דאָס איז ספּעציעל געטון געוואָרן, כדי זיי שווער צו טרעפן?...

וואָס טיפער און אינטימער א זאַך איז פאַרבונדן מיט אונדזער איך; וואָס מער אונדזער ווילן איז קאָנצענטרירט אויף א געוויסער דערגרייכונג; וואָס מער מיר זיינען איינגעשפּאַרט עפּעס אויפצוטון און מיר באַמיען זיך וועגן דעם א לענגערע צייט, און לסוף קומט אונטער א צופאַל וואָס צעשטערט אונדזער הייסטע שטרעבונג, אַלץ מער זיינען מיר גענויגט איינצוזען אין דעם אַן אַפּ־

זיכטלעכע טראַסצענדענטע כוונה, וואָס וויל אונדז דערווידערן און פאַרלעצן.

וואָס שוואַכער איכן זיינען און וואָס מער זעלבסטעמפינדלעך, אַלץ מער אַבערגלויבעריש זיינען זיי. דאָס איז דערפאַר, וואָס זייער איך־געפיל איז אין זיי כסדר טעטיק. זיי פילן אומאויפהערלעך זיך אַליין, זיי זיינען דורכאַנאַנד אויפמערקזאַם אויף זיך. דאָס סטימו־לירט און רעגט זייער פאַנטאַזיע אויסצומאָלן צופאַלן וואָס זיינען זיי נוגע; דאָס איז גורם, אַז זיי זאָלן לעבן אין אַ פערמאַנענטער איבערציטערונג איבער זייער פערזאָן. יעדע געשעעניש אַרום זיי, האָט אַ באַזונדערס טיפן אָפּקלאַנג אין זייער אָנגעשפּאַנטער איך־פילבאַרקייט. אַלץ וואָס זיי האָבן ווען עס איז געהערט אָדער גע־לייענט, אַז עס איז אַ שלעכטער סימן, ווען דער דאָזיקער סימן באַ־ווייזט זיך צו זיי, דערשרעקט עס זיי און זיי האָבן שוין מורא אַ טריט צו שטעלן.

אָט איז למשל אַ הויכגעשטעלטע אַקטריסע געגאַנגען עטוואָס דורכפירן און אַ שוואַרצע קאַץ איז איר דורכגעלאָפן דעם וועג. זי קריגט מורא און ציט זיך צוריק. אָדער אָט איז אַ ליידנשאַפטלעך מיידל, וואָס זיצט קעגניבער אַ ציגיינערקע, וועלכע וואַרפט איר קאָרטן און זאָגט איר פאָר איר צוקונפט. דאָס מיידל איז אויפגע־ברויזט. איר פּנים פלאַמט. אירע אויגן ברענען. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און קלאַפּנדיק האַרץ הערט זי זיך־צו צו יעדער וואָרט וואָס די טרעפערן ברענגט אַרויס וועגן איר צוקונפט. דאַכט זיך מאָדערנע מענטשן, און זעט נאָר ווי זיי האָבן אויפגעברויזט אין קאָנטאַקט מיט כישוף־צייכנס. וואָס אייגנטלעך איז פאָרגעקומען מיט זיי? — זיי האָבן דערפילט אויף זיך מיסטישע אויפמערקזאַמקייט. ביי אונדזער הויכגעשטעלטער אַקטריסע איז רעכט, אַז די שוואַרצע קאַץ איז אַ ספּעציעלער אַגענט פון אַ געהיימער וועלט־אינסטאַנץ, פון וואַנען מען האָט איר נאָכגעקוקט, וואו מען האָט געוואוסט די שעה און די מינוט ווען זי פאַרלאָזט איר הויז; מען האָט געוואוסט וואו זי גייט און דעם צוועק פון איר גיין, און מען האָט אויף שנעל, אין דער באַשטימטער רגע און אין באַשטימטן אָרט, אַ טרייב־געטון

די שווארצע קאץ, כדי איר צו וויסן צו טון, אז די אונטערנעמונג וואס זי גייט דורכפירן, וועט איר ברענגען א דורכפאל!...

אויך דאס מיידל פילט דאס זעלבע. זי פילט אז א געהיימע וועלט־אינסטאנץ איז אין געגעבענעם מאמענט פארנומען מיט איר; מ'וויים וואו זי געפינט זיך — אז זי פרעגט איר צוקונפט; פון דער געהיימער וועלט־אינסטאנץ פירט מען אן מיט די הענט פון דער קארטנוואָרפערקע, כדי דורך די קארטן איר פארצוזאגן, אז „עס וועט זיך אין איר שטערבלעך פארליבן א בחור מיט שווארצע אויגן או"וו או"וו"...

נעמט מען אין אכט, אז טויזנטער און טויזנטער יארן זיינען די מענטשן פון גאר דעם ערדקיילער געווען ארייגעטון אין מעשים פון אט דעם סארט, דאן מוז מען טיף שטוינען איבער דער אומגע־הויערער מאכט פון אונדזער זעלבסט־ליבע. מעגלעך, אז קיין שום אנדער געפיל אין דער מענטשלעכער נשמה קען זיך צו אים נישט גלייכן.

V

דער יסוד פון דער רעליגיעזער אינסטיטוציע איז שכר ועונש. שכר ועונש מיינט, אז יעדער איינציקער מענטש ווערט נאכגע־קוקט פונעם „עין צופה", פון דעם אויג וואס קוקט נאך יעדן, וואס וויים יעדנס מעשים, וואס וויים יעדנס מחשבות, און וואס וועט בא־לוינען די גוטע און באשטראפן די שלעכטע. אפגענומען דעם דאזיקן געדאנק ביי רעליגיע, בלייבט רעליגיע באדנלאז און אן עקזיסטענץ־בארעכטיקונג. — קען נאך זיין מער זעלבסט־גרויסמאכונג, מער זעלבסט־פארוויכטיקונג ווי אט דער דאזיקער גרונט־געדאנק פון רעליגיע?!

ערגעץ אין א פארווארפענעם, באהאלטענעם ווינקל פון דעם מינדסטן פון די פלאנעטן, האט א פיצעלע מענטשעלע געטון אן עבירה — האט זיך נאכגעגעבן אן אומשולדיקן פארלאנג זיינעם. באלד וועט דאס דאזיקע פיצעלע מענטשעלע זיך דערפילן אומ־היימלעך, וועט דערפילן די דריקנדיקע לאסט פון זינד און וועט זען

אָנגעשטעלט אויף זיך א פּאָר אויגן וואָס קוקן אויף אים גלייך פון הימל אראָפּ...

דאַכט זיך א מינדערוויכטיקער טאַט, וואָס א מינדערוויכטיקער מענטש איז ערגעץ באַגאַנגען. און דאָך? — דאָך האָט דאָס צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם באַשאַפער פון אַלע וועלטן, פון גאָט דעם אַלמעכטיקן, וואָס זיצט ערגעץ ווייט־ווייט אויפן זיבעטן הימל, און דאָס פּיצעלע זינדיקע מענטשעלע וועט דערפאַר געקאַטעוועט ווערן אין גיהנום. — איז עס נישט וואונדערלעך? אונדז אינטערעסירט נישט איצט דער געגעבענער מענטש, וואָס מען האָט אים פון קינדווייז אָן באַווירקט אַזוי צו פילן. אונדז אינטערעסירט איצט: ווי אַזוי איז אַזאַ געדאַנק אויפגעקומען און — פאַרוואָס האָבן מיליע־מיליאָנען מענטשן, דורך טויזנטער און טויזנטער יאָרן, געגלויבט אין אים? וואָס פאַר א פּסיכישער כוח האָט זיי דערצו באַוואויגן? וואָס זאָגט אונדז דער פאַקט וואָס גאָר די מענטשהייט האָט דורך אַלע אירע אייביקייטן געגלויבט, אַז גאָט, דער העכסטער און דער מעכטיקסטער וועלט־וועזן, קוקט זיך־צו צו יעדן איינעמס מינדסטן און אומבאַדייטנדיקסטן טאַט און האָט אים שטענדיק אויפן אויג? — עס זאָגט אונדז אַז: *דער מענטש ליידט פון א קרענקלעכער מעגאַלאָמאַניע, צו זען זיך אַלס צענטער פון דער וועלט.* אָן דער דאָזיקער קראַנקייט, וואָלטן נישט גלויבן און נישט אַבערגלויבן געהאַט אַן אָרט אין אונדזער לעבן, זיי וואָלטן נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו האַלטן. אונזער איך־ליבע, וואָס נעמט אַרום דעם אוניווערז, איז דער מקור פונוואַנען עס פליסן אַרויס סיי די טונקעלע מורא פאַר בייזע צופאַלן און סיי די מורא פאַר געטלעכע שטראָפן.

VI

אין תפילה קומט דער איך־ווילן אָפּן און אוממיטלבאַר צום אויסדרוק. דער גאַנצער ענין פון תפילה־טון און גאָט־בעטן, איז דאָך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, באַזירט אויפן געדאַנק, אַז גאָט נעמט־

אויף יעדן איינעמס געבעט און הערט־זיך־צו צו יעדן איינעמס פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן.

עס ציען זיך אומצערייסבאַרע, אומצעשטערבאַרע פעדים פון יעדן איינעמס האַרץ גלייך צו גאָט. גאָט איז דירעקט פאַרבונדן מיט יעדן איינעמס אינערלעכקייט. גאָט איז דער אינטימסטער, דער נאָענטסטער פריינט פון יעדן. דאָס וואָס מען בעט ביי גאָט און דאָס וואָס מען פאַרטרויט פאַר גאָט, דאָס בעט מען נישט און דאָס פאַרטרויט מען נישט פאַר קיין שום מענטשן. אין מענטשן, אפילו אין די בעסטע קען מען זיך אַנטוישן, און אָפּגעפרעמדט ווערן פון זיי. אין גאָט קען מען זיך קיינמאָל נישט אַנטוישן און אָפּגעפרעמדט ווערן פון אים. צו גאָט איז מען שטענדיק נאָענט; צו גאָט איז מען שטענדיק צוגעבונדן; פאַר גאָט עפנט מען שטענדיק דאָס האַרץ און מען דערציילט פאַר אים אויס דאָס לעצטע.

גאָט איז אַ שטענדיקער און אַלזייטיקער אָנרעגער פונעם איך־ווילן. די באַציאונגען צווישן מענטש און גאָט באַרירן אַלע שטרעמונגען פון דער איך־פילבאַרקייט. אַמאָל האָט דער מענטש פאַר גאָט מורא; אַמאָל האָט ער אים ליב; אַמאָל וויל ער זיך פאַר אים פעשטשען; אַמאָל וויל ער זיך אים אונטערוואַרפן. טוט דער מענטש מיצוות, איז ער אין פּאָזיטיווע איך־באַציאונגען מיט גאָט; טוט ער עבירות, איז ער אין נעגאַטיווע איך־באַציאונגען מיט גאָט; האָט ער חרטה און טוט תשובה, פילט ער זיך שולדיק און געפאַלן ביי זיך און וואַרט אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין און צוריק ווערן חבר מיט אים. ווערט דעם מענטשן שווער, לויפט ער צו גאָט; ווערט אים לייכט, לויפט ער ווידער צו גאָט; האַלט ער אָפּ ניצחונות, דאַנקט ער גאָט און פילט זיך פּאַוואַריזירט; ליידט ער מפּלות, טרייסט ער זיך מיט גאָטס ווילן און בעט אים הילף אויף ווייטער; פאַרפאָלגט ער, וויל ער אַז גאָט זאָל אים העלפן פאַרפאָלגן; ווערט ער פאַרפאָלגט, בעט ער ביי גאָט שוץ פאַר זיך און צרות פאַרן שונא; ליבט ער, זוכט ער די סאַנקציע פון גאָט; האַסט ער — אויך דאָס זעלבע. מיט איין וואָרט: גאָט איז דער באַגלייטער פונעם איך אין זיינע אַלע אויסדרוקן און צושטאַנדן. מיט גאָט ליידט דער מענטש קיינמאָל נישט פון אַן איבערלאַסטונג פון נישט אויסגעדריקטע איך־געפילן.

אין יעדער שעה, אין יעדער מינוט און אין יעדער אָרט, פילט ער גאָט לעבן זיך. גאָט האַלט דעם איך שטענדיק טעטיק און וואַכזאַם. גאָטס נאָענטקייט, דאָס פילן זיך אומויפהערלעך באַאָבאַכטעט פון אים, מאַכט דעם איך שטענדיק געשפּאַנט. און דאָס איז דאָס בעס־טע וואָס דער מענטש קען זיך ווינטשן. כאָטש ער פילט זיך דורך דעם געשטערט און נישט פריי צו טון געוויסע זאַכן, איז אויך אין דעם גופא פאַראַן אַ געהיימע הנאה: דער מענטש וויל ליבערשט זיך דאַרפן פילן נישט פריי, זינדיק און שולדיק; דאַרפן זיך אויסבאַ־האַלטן, איידער קיינעם נישט אָנגיין, איידער צו זיין הפקר, צו קענען אַלץ טון, און צו זיין איבערגעלאָזן אויף זיך אליין.

VII

שטאַרקער גלויבן איז שטענדיק אַן אויסדרוק פון שאַרפער זעלבסט־עמפּינדלעכקייט. ר ע ל י ג י ע ז ע ל יי ד נ ש אַ פ ט מ יי נ ט: ו וי ל ן ז י ך צ ו ג ע פ י נ ע ן א י ן ה ע פ ט י ק ע א י ך ־ ב אַ צ י אַ ו נ ג ע ן מ י ט ג אָ ט. אַזוי איז עס ביי גאָר גוטע, און אַזוי ביי גאָר שלעכטע. דער גרויסער צדיק שטעלט אַוועק, דורך טיפן גלויבן, זיין לויטערן איך אין העפטיקע באַציאונגען מיט גאָט, און דער גרויסער רשע שטעלט אויך אַוועק, דורך טיפן אַבערגלויבן, זיין פינצטערן איך אין העפטיקע באַציאונגען מיט גאָט. די פּערווערזע, היסטעריש־סאַדיסטישע פרוי, די מרשעת, איז שטאַרק גלויביק, און די צאַרטע, איידל־פילנדיקע, שטיל־פאַרבענקטע צידקניות און בת טובים, איז אויך שטאַרק גלויביק. די דאָזיקע צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פּראָטאָטיפּן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די צוויי אַנטיפּאָדן פון אונדזער מין — ווי הימל־ווייט עס איז דער א י נ ה אַ ל ט פון זייער פרומקייט, און ווי ענלעך עס איז די פ אָ ר ע ם פון זייער פרומקייט. כאָטש דאָס, מ י ט וו אָ ס זיי קומען צו גאָט, און, במילא, גאָט גופא, איז ביי ביידן אין גרונט פאַרשידן, דאָך, איז דער פ אַ ר וו אָ ס זיי קומען צו גאָט ביי ביידע דער זעלבער. ביידע, סיי די ערגסטע, סיי די בעסטע, לויפן צו גאָט אויסלאָדן דעם איבערפלוס פון זייער איך־

פילבארקייט. דערפאר וואָס זיי פילן זייער שטאַרק זיך אַליין, פילן זיי אַזאַ גרויסע נויטווענדיקייט צו קומען אין אינטענסיווע איך־באַציאונגען מיט גאָט, וואָס זאָל זיי צערטלען, צוטוליען און באַרואיקן.

גאָט ברענגט באַרואיקונג און פרידן די אַפּאַסיאָנירטע נשמות און ליידנשאַפטלעכע נאַטורן. דורך קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט גאָט, פילן זיי זיך דערלייכטערט און דערלייזט. זייער איך, וואָס גאַרט אַזוי שטאַרק געליבט צו ווערן און איז אַזוי זשעדנע נאָך אויפמערקזאַמקייט צו זיך, קריגט פון גאָט די געגאַרטע ליבע און דעם געגאַרטן גוטן ווילן.

קאפיטל 2

אומשטערבלעכקייט

I

אלץ וואָס לעבט, וויל לעבן. די העכסטע שטרעבונג פון יעדער בעל־חי, איז זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. גאָרנישט וויל אַ בעל־חי שטאַרקער ווי לעבן. פאַר קיין זאַך פילט דער בעל־חי נישט אַזאַ דערשיטערנדיקע, אויפשווידערנדיקע מורא ווי פאַרן טויט. קיין זאַך דערשרעקט אים נישט אַזוי טיף און צענעמענדיק, ווי דער טויט. קיין זאַך וואַרפט נישט אָן אויפן בעל־חי אַזאַ יאָמערלעכן, פּאַנישן פּחד ווי דער טויט. און דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. ווען לעבן זאָל נישט אַזוי שטאַרק מורא האָבן פאַר טויט; ווען לעבן זאָל נישט אַזוי שטאַרק פיינט האָבן טויט, נאָר לעבן זאָל זיין גלייכגילטיק צו טויט, זאָל זיך אונטערגעבן טויט, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געקענט האָבן. אלץ וואָלט אונטערגעגאַנגען; אלץ וואָלט אַריינגעפאַלן אין טויט און זיך אויסגעלאָשן. דער ווילן צו לעבן, איז דער גרונט־תנאי פון דער נאַטורס עקזיסטענץ.

אומעטום וואו עס ברענט דאָס פייערל פון לעבן, איז גלייכצייטיק פאַראַן אַ ווילן אַז דאָס דאָזיקע פייערל זאָל ברענען. לעבן, און דער ווילן צו לעבן, זיינען אַזוי אינטים פאַרקנופּט און פאַרבונדן, אַז זיי זיינען כמעט איינס און דאָס זעלבע. לעבן, אָן ווילן צו לעבן, איז אוממעגלעך. עס וואָלט געווען אַ סתירה אין זיך גופא. לעבן

האסט טויט מיטן שטארקסטן האס, וואס עס קען זיין. דאס איז א האס, וואס איז אויסגעקריצט אינעם סאמע יסוד פון לעבעדיקן וועזן; עס איז א האס, וואס איז אריינגעקנאטן אינעם סאמע עלעמענט פון לעבן.

עס איז אבער פאראן א גוואלדיקער אונטערשייד צווישן לעבן וואס האט באוואוסטזיין וועגן זיך אליין, און לעבן וואס האט נישט קיין באוואוסטזיין וועגן זיך אליין. חיות, לעבן בלויז, אבער זיי ו י י ס ן נ י ש ט, אז זיי לעבן און זיי דענקען נישט וועגן זייער לעבן. אויך שטארבן זיי בלויז, אבער זיי ווייסן נישט, אז זיי שטארבן און זיי דענקען נישט וועגן טויט. חיות האבן נישט קיין באוואוסטזיין נישט וועגן לעבן און נישט וועגן טויט. אזוי לאנג זיי קומען נישט אין אוממיטלבארער בארירונג מיט טויט-געפאר, אזוי לאנג ווייסן זיי וועגן טויט גארנישט; ער עקזיסטירט נישט פאר זיי. דאס „פראבלעם פון לעבן און טויט", הויבט זיך פאר דער חיה אן ערשט דעמאלט, ווען זי זעט זיך באדראעט פון טויט-געפאר. ווען זי זעט זיך נישט באדראעט פון קיין געפאר, עקזיסטירט נישט פאר איר דאס פראבלעם פון לעבן און טויט, דאס הייסט, איר לעבנס-ווילן דערוואכט אין איר נאר אין מאמענט ווען איר לעבן איז אין סכנה. ווען דער דאזיקער אומשטאנד ווירקט נישט, איז נישט שייך צו ריידן ביי איר וועגן א ספעציעלן לעבנס-ווילן. די מונטערקייט, פרייליכקייט, וואס מיר זעען, למשל, ביי חיות, ווען זיי זיינען זאט און האבן באפרידיקט אלע זייערע באדערפענישן, וואס דאס מאכט אויף אונדז דעם איינדרוק, ווי די חיות וואלטן זיך געפרייט מיט זייער לעבן, וואלטן גענאסן די גוטסקייט און זיסקייט פון א געזונטער און קרעפטיקער עקזיסטענץ, דאס קען מען נים אנרופן לעבנס-ווילן. דער לעבנס-ווילן ביי דער חיה, דערוואכט נאר אין צוזאמענשטויס מיט טויט. ווען די חיה דערזעט זיך אין א טויט-ברענגענדיקער סיטואציע, ערשט דעמאלט הייבט אין איר אן צו רעאגירן, צו שרייען און ליארעמען איר לעבנס-באגער, וואס איז גלייכצייטיק רעטונגס-אינסטינקט. זי פאלט אריין אין אן אויפגעברויזטער פאניק, אין א צעשטורעמטער בהלה, און זוכט זיך צו ראטעווען מיט אלע מעגלעכע מיטלען וואס זי באזיצט. אט דעם דאזיקן אויפגע-

ברויזטן צושטאַנד, אין וועלכן די חיה פאַלט אריין אין אַנבליק פון
טויט־געפאַר, קען מען אַנרופן אַזוי גוט טויט־שרעק, ווי מען קען
אים אַנרופן לעבנס־דראַנג. ס'איז איין און די זעלבע זאַך, מחמת
אויסער דער דאָזיקער שרעק, פילט די חיה נישט קיין שום אַנדער
ווילן צו לעבן. זי פילט אַ חשק צו שפּייז, זי פילט אַ געשלעכטלעכן
חשק, זי פילט אַ ווילן צו לויפן אָדער צו שרייען, אָבער קיין ספּע־
ציעלן ווילן צו לעבן פילט זי נישט, ווייל זי ווייס גאָרנישט וואָס
לעבן איז. און די מורא וואָס מיר זאָגן אַז זי פילט פאַרן טויט, איז
אויך נישט ריכטיק געזאָגט. וואָרום מיט אַן אמת האָט די חיה גאָר־
נישט מורא פאַרן טויט. ווי קען זי מורא האָבן פאַרן טויט, ווען זי
ווייס גאָרנישט וואָס טויט איז. טויט האָט זי קיינמאָל נישט אי־
בערגעלעבט. טויט איז בכלל נישט קיין פּאָזיטיווע דערשיינונג,
עפּעס וואָס מ'קען פאַרזוכן, דורכמאַכן, פּרואוון; טויט איז נישט
קיין ממשותדיקייט; טויט איז נישט קיין רעאַלער מצב; טויט איז
לויטער נעגאַטיווס — אומזיין, אומעקזיסטענץ. וועגן טויט קען מען
בלויז דענקען, אַלס קעגנזאַץ פון לעבן, פון זיין, אָבער נישט אים
פילן. און חיות ווי חיות דענקען נישט, קענען זיי וועגן טויט קיין שום
באַגריף נישט האָבן. ווען מיר ריידן ביי חיות וועגן אַ ווילן צו לעבן
אָדער מורא פאַרן טויט, זיינען דאָס אַנטראָפּאָמאָרפיזמען. מיר שיל־
דערן די חיהשע איבערלעבונגען אין מענטשלעכע באַגריפן און אין
מענטשלעכע ווערטער. שילדערן די חיהשע איבערלעבונגען אין ווער־
טער און באַגריפן וואָס זאָלן זיי, די חיהשע איבערלעבונגען, ווירק־
לעך אַנטשפּרעכן און אויסדריקן, קענען מיר נישט, ווייל מיר ווייסן
זיי נישט. דאָך, ווען מ'זאָל וועלן שילדערן די זאַך גענוי אַזוי ווי מיר
זיינען עס בכוח זיך פאָרצושטעלן, ווען מיר שטרענגען זיך אָן אריינ־
צולעבן אין דער חיהס פּסיכיק, וואָלט מען זיך באַדאַרפט אויס־
דריקן אַזוי: ווען די חיה באַמערקט אַ וועלכן עס איז טויט־ברענ־
גענדיקן אָביעקט, אָדער זי פאַרדעכטיקט, אַז דאָס איז אַזעלכער,
דערוואַכט אין איר מאָמענטאַל אַ מעכטיק געפיל וואָס טרייבט איר
זי זאָל זיך פון דעם דאָזיקן אָביעקט ראַטעווען. זי דערשרעקט זיך
נישט פאַרן טויט, נאָר פאַרן טויט־ברענגענדיקן אָביעקט. דערצו אינ־
גאַנצן איז רעדוצירט ביי דער חיה די פראַגע פון לעבן און טויט.

— זיי האָבן מורא פאַר ט ו י ט ־ ב ר ע נ ג ע ר . פאַר יעדעם מאָל וואָס זיי דערפאַרן, אויף אַ וועלכן עס איז אופן, אַ טויט־ברענגענדיקע זאַך — און די נאַטור האָט זיי באַשאָנקען מיט זייער שאַרפע אויסשפּירמיטלען דאָס געוואָר־צו־ווערן — דערוואַכט אין זיי אַ מעכטיקער אימפּולס, וואָס טרייבט זיי זיך צו ראַטעווען פון איר, פון דער טויט־ברענגענדיקער זאַך. זיי פילן אָבער נישט נישט קיין ספּעציעלן ווילן צו לעבן און נישט קיין ספּעציעלע מורא פאַרן טויט. די דאָזיקע באַצייכענונגען זיינען מענטשלעכע אינטערפּרעטאַציע, דאָס הייסט, מיר פאַרטייטשן די דערשיינונג ביי חיות, אַלציינס ווי זי איז ביים מענטשן. פּונקט ווי מ׳קען נישט זאָגן, ווען מיר זעען אַז חיות זוכן שפּייז, אַז דאָס זיינען זיי באַהערשט פון לעבנס־ווילן, נאָר פון ווילן צו עסן, אַזוי קען מען אויך נישט זאָגן, ווען זי אַנטלויפט פון איר טויט־ברענגער, אַז זי אַנטלויפט פון טויט, נאָר זי אַנטלויפט פון אַ טויטנדיקן אָביעקט. די מורא איז פאַרן אָביעקט, נישט פאַרן טויט. אַז דאָס איז מורא פאַרן טויט, דאָס וו יי ס ן מ י ר , אָבער נישט די חיה. די נאַטור האָט געמאַכט, אַז די חיה זאָל אין אָנבליק פון טויט־געפאַר זיך דערשרעקן און אַנטלויפן אָדער באַנוצן די אַנדערע פאַרטיידיקונגס־מיטלען, וואָס זי האָט צו דעם צוועק, אָבער נישט אַז זי זאָל וויסן. מיר, מענטשן, וואָס פאַרטייטשן דעם צוועק פון די נאַטור־ווערק, ווייסן, אַז דער צוועק איז דאָ לעבן. די חיות דאַרפן בלויז א ו י ס פ י ר ן ; וויסן און פאַרשטיין דעם צוועק און דעם זינען פון זייערע טואונגען און אימפּולסן, דערצו האָט זיך בלויז אויפגעהויבן דער מענטש.

נאָך קלאָרער קען מען עס אילוסטרירן מיטן געשלעכטס־ווילן ביי חיות. אין דער געהעריקער צייט, דערפילט די חיה אַ חשק זיך צו פּאָרן מיט אַ אינדיווידי פון צווייטן געשלעכט. וועגן פּאָרזעצונג פון מין, פאַרשטענדלעך, הייבט זי גאָרנישט אָן צו וויסן. זי פילט בלויז אַ חשק צו פּאָרן־זיך און מער גאָרנישט. אַז דער דאָזיקער חשק האָט אַלס ציל די פּאָרזעצונג פון מין, דאָס ווייסן מיר מענטשן, דענקער; מיר פאַרשטייען די כוונות פון דער נאַטור, מיר ווייסן וואָס די נאַטור איז אויסן געווען מיט איר אריינגעבן די געשלעכטן אַ חשק צו קרייצן זיך: זי איז אויסן געווען די דערהאַלטונג פון די

מינים און פון לעבן. די חיות ווייסן עס אָבער נישט. ווען מיר וואָלטן געזאָגט, אַז די חיות פילן אַ פאַרלאַנג זיך פאָרצוזעצן, וואָלט עס געווען נישט ריכטיק געזאָגט, מחמת זיי פילן עס נישט. זיי פילן בלויז אַ פאַרלאַנג זיך צונויפצוקומען; דאָס פאָרזעצן דעם מין, איז די אינטערפּרעטאַציע פון פאָרונג־ווילן, אָבער איז נישט ער גופא. אפילו דער מוטערלעכער אינסטינקט מיט וועלכן די נאַטור האָט באַשאָנקען די חיות, איז אויך זייער אַן אוממיטלבאַרער, ד״ה די מאַמע חיה ווערט געשטויסן פון אַ ספּאָנטאַנעם ווילן צו זויגן איר קליינס, עס אַרומצולעקן, אָפּהיטן און באַשיצן, אָן דעם אַז זי זאָל עפּעס ווייסן, אַז מיט דעם דערהאַלט זי עס ביים לעבן, און אַז אָן דעם וועט עס שטאַרבן. זי איז נישט אויסן צו דערהאַלטן ביים לעבן דעם קומענדיקן דור, נאָר זי איז אַ בלינדער אינסטרומענט פון דער נאַטור און זי פירט אויס די באַפעלן וואָס די נאַטור האָט אַריינגעטון אין איר וועזן. די נאַטור האָט אין איר אַריינגעטון אַ ווילן צו שפּייזן דאָס נייגעבוירענע און עס צו באַשיצן, און זי פירט עס אויס. דעם צוועק פון איר „איידעלן מוטער־געפיל״ און „נאָ־בעלע מוטערלעכע מעשים״, — דערפון ווייס זי גאָרנישט. דאָס ווייסן מיר בלויז. באַלד וועט זיך דאָס קליינס שטעלן אויף די פיס און וועט זיך מער נישט נויטיקן אין דער מאַמעס שפּייז און שוץ, און עס וועט זיך אויסלעשן דאָס מוטערלעכע געפיל אין דער ברוסט פון דער מאַמע חיה און צווישן איר מיט איר קינד וועט קיין שום שייכות נישט זיין מער.

אַזוי איז עס מיט דער „מוטער־ליבע״ ביי חיות; אַזוי איז עס מיט זייער „ווילן צו דערהאַלטן דעם מין״ און אַזוי איז עס אויך מיט זייער „לעבנס־ווילן״. די דאָזיקע אַלע באַצייכענונגען זיינען אַנטראָפּאָמאָרפיזמען און אַנטשפּרעכן נישט די פּסיכישע ווירק־לעכקייט פון דער חיה.

די פראַגע פון לעבן און טויט, אין אמתן זינען פון די דאָזיקע ווערטער, איז אַ מענטשלעכע פראַגע. בלויז דער מענטש ווייס אַז ער לעבט און אַז ער וועט שטאַרבן.

דער מענטש לעבט טאָפּלט און טאָפּלט וויל ער נישט שטאַרבן. דער מענטש לעבט אי אַלס בעל־חי מיט אַ פיזיאָלאָגיש לעבן, אי אַלס

בעל־שכל מיט א פסיכאָלאָגיש לעבן. אַלע בעלי־חיים שרעקן זיך פאַרן טויט בלויז איין מאָל — ווען זיי קומען אין אוממיטלבאַרן קאָנ־טאַקט מיט טויט־געפאַר. דער מענטש שרעקט זיך פאַרן טויט צוויי מאָל. ביים מענטשן איז פאַראַן א פיזיאָלאָגישע טויט־שרעק ווי ביי אַלע חיות. ווען דער מענטש זעט זיך אין געפאַר פון טויט, ברויזט ער אויף, ער פאַלט אַריין אין אַזא בהלה און פאַניק ווי יעדער חיה אין אַן ענלעכער סיטואַציע: ער נעמט אַנטלויפן, זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרצווייפלט שרייען אא"וו, און ביים מענטשן איז אָבער אויך פאַראַן א פסיכאָלאָגישע טויט־שרעק, וואָס ביי חיות איז זי, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, נישטאָ. די פסיכאָלאָגישע טויט־שרעק לעבט איבער דער מענטש דעמאָלט ווען ער טראַכט וועגן טויט און פאַרטיפט זיך אין אים; ווען ער דערנענטערט זיך מיט זיין גייסט צום טויט; ווען ער לעבט זיך אַריין און פילט זיך אַריין אין טויט. דעמאָלט פאַלט ער נישט אַריין אין קיין בהלה און פאַניק; דעמאָלט איז נישט שייך צו שרייען און אַנטלויפן, נאָר דעמאָלט נעמט נאָגן אין האַרץ א שטילער אָבער דערשיטערנדיקער ווייטיק; דעמאָלט באַמעכטיקט זיך איבער אונדז דער צער און דער פיין פון לעבן וואָס זעט פאַר זיך טויט און קען זיך פון אים נישט ראַטעווען. לעבן און טויט טרעפן זיך צונויף פנים אל פנים אויפן סצענאַר פון אונדזער די־מיון, און מיר אַליין זעען צו ווי טויט פאַרשלינגט אונדז; מיר אַליין זעען מיט אונדזערע אויגן ווי מיר פאַרזינקען אינעם תהום פון אומקום; מיר אַליין זעען ווי טויט לייזט אונדז אויף, מעקט אונדז אויס און מאַכט פון אונדז גאָרנישט, אומזיין. דער שווינדלעכער פּראָצעס פון אונדזער אומקום, קומט פאָר אין אונדזער אָנוועזנהייט.

מיר אַליין מוזן אָנשויען דאָס גרויליקע בילד פון אונדזער אייגע־נער אויפלייזונג. דאָס איז א גרויסער ווייטיק. אין ערגעץ אין דער נאַטור טרעפט נישט אַזעלכעס. קיין שום בעל־חי איז דערמיט נישט געשטראָפט. אין דער גאַנצער וועלט פון לעבן, ביזן מענטשן, קען טויט נישט אַריינדרינגען אין לעבן. אומעטום וואו ס׳איז דאָ לעבן, איז קיין טויט נאָך נישטאָ, און אומעטום וואו ס׳איז דאָ טויט, איז קיין לעבן מער נישטאָ. בלויז ביים מענטשן, ביים דענקער, קען

טויט אריינדרינגען אין לעבן, און לעבן קען פילן דעם פיין פון שטארבן און די שרעק פון טויט.

און דאס דאזיקע קען זיך איבערחזרן אומצייליקע מאל. אונד־זער פארשטעלונג קען אונדז אראפפירן, ווידערהאלטע מאל, אין די שווארצסטע אפגרונטן פון טויט און אונדז ווייזן גרויליקע ספעק־טאקלען פון צעפאלונג און אומקום. אן א שיעור מאל קען דער מענטש איבערלעבן און איבערפילן די גרוילן, די אנגסטן און די יסורים פון טויט.

עס איז לגמרי קיין חידוש נישט פארוואס די מענטשהייט איז פון איר פריסטער קינדהייט אן אזוי פארכאפט געווארן פון דער אומשטערבלעכקייטס־אידייע. ווארום וואס האט דען דער דענקענ־דיקער בעל־חי געקענט מער ווען ווי לעבן! אין קיין זאך האט דער מענטש נישט געגלויבט מיט אזוי פיל חשק, אייפער און ליידנשאפט, ווי אין לעבן נאכן טויט. קיין זאך האט נישט אזוי אפעלירט צו זיין טיפסטן ווילן, ווי דער גלויבן, אז נאכן פיזישן טויט, הייבט זיך אן פאר אים א ניי, ספּיריטועל, אייביק־דויערנדיק לעבן. דער דאזיקער גלויבן האט אנטשפּראכן דעם אינטימסטן ווילן, וואס איז אריינגע־וועבט אין זיין וועזן און וואס איז אריינגעוועבט אין יעדן לעבעדיקן וועזן. ביזן גרונט האט דער מענטש זיך אריינגעלעבט אינעם דאזיקן גלויבן. גאר זיין געדאנק איז געווען ארומגענומען פון אים, אזוי אז עס האט אים אויסגעוויזן די נאטירלעכסטע זאך אין דער וועלט אז עס זאל אזוי זיין, און דורך טויזנטער און טויזנטער יארן איז אפילו קיין שאטן פון קיין פארדאכט אים נישט געקומען אין קאפּ אריין מכוח דעם. אזוי וואלט אויך געהאנדלט יעדע אנדערע לע־בעדיקע באשעפעניש אויפן מענטשנס ארט. יעדער בעל־חי וואס וואלט געקענט דענקען און האבן באוואוסטזיין וועגן לעבן און טויט, וואלט געגלויבט, אז ער איז אומשטערבלעך. און ווען אפילו די אזוי גערופענע טויטע נאטור וואלט געהאט באוואוסטזיין וועגן איר עקזיסטענץ, וואלט יעדעם שטיינדל געגלויבט, אז נאך זיין צעפאַ־לונג, וועט עס ווידעראמאל עקזיסטירן אייביק אין א ספּיריטועלער פארעם, אין א ספּיריטועלער וועלט. דער גלויבן אין אומשטערב־

לעבקייט, דרינגט אַרויס פון דעם אוניווערסאַלן לעבנס־ווילן, פּלוס באַוואוסטזיין וועגן לעבן.

די מורא וואָס דער מענטש פילט פאַרן טויט, איז אַ טיפע און דערשיטערנדיקע. די דאָזיקע מורא טעראָריזירט אים, זי רירט אים פון זינען. יעדער אבער האָט מורא פאַרן טויט; יעדעס קעמערל האָט מורא פאַרן טויט; דאָס מענטשלעכע לייב האָט מורא פאַרן טויט. נישטאָ דער מענטש, דער שטאַרקסטער, וואָס זאָל נישט אויפשוידערן, וואָס זאָל נישט צעטרייסלט ווערן ביזן גרונט, ווען ער ווערט דורכגענומען פון טויט־געפיל. ווען דער מענטש דענקט וועגן זיין אויפלייזונג — ווי אַזוי ער ווערט־אויס, ער ווערט אינגאַנצן אויסגעלאָשן, עס בלייבט פון אים גאָרנישט איבער — באַהערשט אים אַ צעשטערנדיקער פּחד און פּיין. אַ ביטערע ווייטיק קראַמפּט־איין זיין ברוסט, אַ יאָמערנדיקער, הימלשרייענדיקער צער צערייסט זיין האַרץ; יעדעס פּיצעלע פון זיין וועזן הייבט אָן ביטער שרייען און פּראָטעסטירן; יעדער אַטאָם פון זיין לייב הייבט זיך אָן פאַרצווייפלט צו ראַנגלען און ווערן: ניין! נישט טויט, נישט שטאַרבן, נישט אומקום! דער גאַנצער האַס, וואָס די נאַטור האָט אַריינגעטון אין לעבעדיקע באַשעפענישן צו טויט; די גאַנצע ברענענדיקע שינאה, וואָס לעבן פילט צו טויט — גיט מיט איינמאָל אַ דערוואַך און עס ווילט זיך אַנטלויפן פון טויט, אַנטרונען ווערן פון אים.

עס האָט געמוזט אַנטשטיין אַ וועג און אַן אופן ווי אַזוי דענקענדיק לעבן זאָל זיך ראַטעווען פון טויט. דער דאָזיקער וועג איז געווען זיך צעטיילן אויף צוויי: אויף גוף און נשמה, אויף קערפּער און גייסט. לאָזן שטאַרבן דעם גוף און לאָזן לעבן דעם גייסט. פאַר מוזן אָפּשטעלן די קערפּערלעכע פונקציעס פילט דער מענטש נישט קיין מורא; מורא פילט ער פאַרן אויפהערן זיין. אַזוי לאַנג ווי דער מענטש בלייבט עקזיסטירן ווי אַ גייסט, איז נישטאָ קיין טויט, נאָר ס'איז דאָ ווייטערדיקע עקזיסטענץ. טויט מיינט דאַן איבערגיין פון איין לעבנס־צושטאַנד אין אַ צווייטן, איבערגיין פון איין סאָרט עקזיסטענץ אין אַ צווייטער. דער מענטש קען זיך פאָרשטעלן אַז זיין קערפּער איז טויט, אַז אַלע לעבנס־פונקציעס זיינע זיינען שוין אויסגעלאָשן און אָפּגעשטעלט אין אים. דאָך, אַזוי לאַנג ווי ער

בלייבט אַלס גייסט, איז נאָך נישט פאַראַן קיין טויט. דער אמתער טויט קומט דעמאָלט, ווען ער לעשט זיך אויס פולשטענדיק. דע־מאָלט קומט דאָס אויפהערן זיין, דאָס פאַרשווינדן, דאָס ווערן־אויס. אָט פאַר דער דאָזיקער טאָטאַלער אויסלעשונג פילט דער מענטש די אמתע טויט־שרעק און די אמתע טויט־אַנגסטן.

II

די אומשטערבלעכקייטס־אידייע איז אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דער מיסטישער וועלט־אַנשויאונג, זי איז איר לאָגישע קאָנסעק־ווענץ. וואָרום אויב ס'איז פאַראַן לעבן אָן קערפּער, איז דאָך כמעט פון זיך אַליין געדרונגען, אַז נאָך זיין פיזישן טויט בלייבט דער מענטש עקזיסטירן ווי אַ גייסט.

מיסטיק און אומשטערבלעכקייט איז איין און די זעלבע זאַך און די ביידע זיינען אומאָפּטיילבאַר איינס פונעם אַנדערן, זיי וואַק־סן ביידע אַרויס פון דעם זעלבן פּרינציפּ — אומאַטעריעלע מציאות; זיי זיינען צוויי אַספּעקטן פון איין און דער זעלבער דערשיינונג. נישט מער, די מיסטיק באַציט זיך צו דער וועלט, און די אומ־שטערבלעכקייט באַציט זיך צום מענטשן. די מיסטיק איז די פאַר־אומשטערבלעכונג פון דער וועלט, און די אומשטערבלעכקייט, איז די מיסטיציזירונג פונעם מענטשן. ביידע זיינען איין גאַנצקייט — ספּיריטואַליזם איבער דער גאַנצער ליניע פון לעבן און זיין. אומ־שטערבלעכקייט אָן ספּיריטועלער וועלט־אַנשויאונג איז אומדענק־באַר; ספּיריטועלע וועלט־אַנשויאונג אָן אומשטערבלעכקייטס־אי־דייע, איז אומקאָנסעקווענץ, האַלבקייט, נישט־פאַרענדיקטקייט. גלוי־בן אין גאָט און נישט גלויבן אין נשמה און יענער וועלט, הייסט גלויבן אין אַ האַלבער זאַך. דער גלויבן אַז עס איז פאַראַן ספּירי־טועלע רעאַליטעט, אַז עס איז פאַראַן אימאַטעריעלע, אַפיזישע עק־זיסטענץ, וואָס איז נישט אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון אונטער־גאַנג און טויט, נאָר איז אייביק, האָט געמוזט פאַרכאַפּן דעם מענ־טשן, דעם טרעגער פון זעלבסטבאַוואוסט לעבן.

שוין דער בלויזער באגריף פון גייסטהאפטיקער עקזיסטענץ, עפנט אויף נייע האריזאנטן אין אן אומענדלעכקייט אריין; עס אנט־פלעקן זיך וועלטן, וואו עס הערשט לעבן פון אייביק ביז אייביק, וואו עס איז נישטא קיין אונטערגאנג, נישטא קיין סוף, נישטא קיין אומקום. אין אנבליק פון אזא ספיריטועלן אייביקייטס־זיין, זעט אויס די מאטעריעלע וועלט און איר גאנג, פיצלדיק און איינטאגיק. עס איז געווען אומפארמיידלעך אז גאר די אויפמערקזאמקייט פו־נעם דענקנדיקן בעל־חי, אין וועמענס מוח ס'האט זיך אריינגעכאפט אזא צויבער־אידייע פון אייביקייטס־לעבן, זאל אוועקגעווענדט ווערן אהינצו, — אהינצו וואו ס'איז קיין טויט נישטא, וואו ס'הערשט אומפארגענגלעכקייט, וואו ס'הערשט שטענדיקער זיין און שטענדי־קע פארזעצונג. וויבאלד ס'איז פאראן מאטעריעלאזע עקזיסטענץ און מאטעריעלאזע באשעפענישן, איז פארוואס זאל דער מענטש זיין דערפון אויסגעשלאסן! פארוואס זאל דער מענטש נישט זיין פון דארטן און קאנען קומען אין די דאזיקע צענטערן פון אייביקן לעבן און פון אייביקן זיין!

דער גלויביקער מענטש האט זיך געזען ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט לעבן. די שטערבלעכע וועלט איז געווען א אינדזעלע אינ־מיטן פון א גרויסן, אומענדלעך גרויסן, לעבנס־ים. ער האט גע־שוועבט אין אן אומענדלעכן רוים פון לעבן. קיין טויט האט אין ערגעץ און אינגאנצן ניט עקזיסטירט. דער שיינבארער פיזישער טויט, איז נאר געווען אן איבערבייט פון לעבן צו לעבן, אן איבער־גאנג פון איין סארט עקזיסטענץ צו א צווייטער. קיין אמתער טויט, קיין פארשווינדן, איז נישט געווען. וואס האט דעם מענטשן גע־קענט מער פאנגען ווי דאס?! מיט ארגאנישער פרייד האט דער מענטש געגלויבט אין גייסט־וועלטן; מיט ביאלאגישן פאר־געניגן האט ער געהאט צו טון מיט אלערליי גייסטער און געטער, ווייל זיי האבן מיט זיך פארגעשטעלט קערפערלאז לעבן; זיי זיינען געווען דער באווייז אז קערפערלעכער טויט איז קיין טויט נישט און אז די מאטעריעלע שטערבלעכע וועלט איז נישט די איינציקע, נאר ס'זיינען דא אנדערע, מער שטאנדהאפטיקע און מער דויערנדיקע וועלטן; זיי זיינען געווען דער באווייז אז פיזישער אומזיין, איז

נישט קיין אבסאָלוטער אומזיין, נאָר פיזישער אומזיין, איז ספּירי־טועלער זיין.

דאָס וואָס האָט דעם מענטשן געהאַלטן אַזוי שטאַרק געבונדן צו דער מיסטיק, איז, איבערהויפּט, געווען איר אייביקייטס־אַס־פּעקט. דורך דער מיסטיק האָט דער מענטש געוואונען פאַר זיך אייביק לעבן. די מיסטיק האָט דעם מענטשן געזאָגט, אַז לעבן איז נישט פאַרבונדן מיט קערפּער, נאָר איז אומאָפּהענגיק פון אים; לעבן איז אויסער און איבער קערפּער און טיילט, בכן, נישט זיין גורל. די פאַרגענגלעכקייט פון קערפּער איז נישט מחייב די פאַרגענג־לעכקייט פון לעבן. אָט דער דאָזיקער געדאַנק האָט געמוזט שפּילן די גרויסע ראָלע אין לעבן פון דער מענטשהייט, וואָס ער האָט פּאַקטיש געשפּילט. ער האָט עס געמוזט שפּילן דערפאַר, ווייל ער האָט אנטהאַלטן דעם ניצחון פון לעבן איבער טויט. פון דעם מאָמענט אָן ווען דער מענטש האָט זיך געקענט פאַרשטעלן לעבן אָפּגעטיילט פון מאַטעריע, פון דעם מאָמענט אָן האָט ער זיך געמאַכט אומשטערבלעך.

אָן דער מיסטיק איז דער מענטש קערפּער און שטאָף, וואָס ווערט געבוירן, וואַקסט, עלטערט זיך און — שטאַרבט. מיט דער מיסטיק איז דער מענטש אַן אייביק־דויערנדיק וועזן, וואָס קומט פון גייסט־וועלטן און קערט זיך אום צוריק אַהין. קערפּער און שטאָף זיינען נישט מער ווי לבוש, ווי שאָלעכץ. דער עיקר אין מענטשן איז זיין ספּיריטועלער עלעמענט. ער, דער ספּיריטועלער עלעמענט איז זיין לעבן, זיין געדאַנק, זיין געפיל.

אָן דער מיסטיק, איז דער מענטש אַ נאַטור־באַשעפעניש; מיט דער מיסטיק, איז ער אַן איבערנאַטירלעך באַשעפעניש; אָן דער מיסטיק, איז דער מענטש איינגעגלידערט אין דער אַלגעמיינער מישפּחה פון אַלע לעבעדיקע ברואים און האָט דעם זעלבן אָנהייב און דעם זעלבן סוף וואָס זיי; מיט דער מיסטיק, שטייט דער מענטש אויסערהאַלב דער מישפּחה פון די לעבעדיקע ברואים און האָט אַן אַנדער אָנהייב און אַן אַנדער סוף וואָס זיי: זיי שטאַמען פון דער ערד און קערן זיך אום צו דער ערד, און ער שטאַמט פון הימל און קערט זיך אום אין הימל.

אָן דער מיסטיק, איז דער מענטש אַ שטערבלעכע חיה; מיט דער מיסטיק איז ער אַן אומשטערבלעכער גאָט...

III

די אומשטערבלעכקייטס־אידייע איז כמעט אַזוי אַלט ווי אַלט עס איז דער מענטשלעכער געדאַנק. עס שווימט און גריבלט אין רעליגיע מיט די פאַרשידנסטע אומשטערבלעכקייטס־קאָנצעפּציעס און אומשטערבלעכקייטס־דאָגמען. אָנהויבנדיק פון די ווייטסטע פּרעהיסטאָרישע צייטן ביז אויף היינטיקן טאָג, איז נישטאָ נאָך איין גלויבונג וואָס זאָל זיין אי אַזוי אַלט און אי אַזוי אַקטועל, ווי דער גלויבן אין לעבן נאָכן טויט. אויב עס איז פאַראַן אַ דירעקטער אומאיבערגעריסענער פאָדים, וואָס פאַרבינדט דעם איצטיקן מענטשן מיט זיין ווייטסטן עלטערפאָטער פון דער אורצייט, איז עס דער גלויבן אין לעבן נאָכן טויט.

די וועלט פון די טויטע האָט מען אויף אַן אומענדלעכער צאָל אופנים איינגעאָרדנט. דער אויסזען און די איינריכטונגען פון יענער וועלט, זיינען געווען אַזוי פאַרשידן, ווי פאַרשידן עס זיינען געווען די לעבנס־שטייגערן און געשמאַקן פון די פאַרשידנסטע מענטשלעכע קיבוצים וואָס האָבן באַפעלקערט די ערד. די אינסטיטוציעס און דאָס לעבן אויף יענער וועלט, זיינען געווען אַן אידעאַליזירטער מוסטער פון די אינסטיטוציעס און לעבן אויף ד ע ר וועלט. יעדער פאַרשריט אינעם לעבן אויף ד ע ר וועלט, איז אויך געווען אַ פאַרשריט אינעם לעבן אויף יענער וועלט.

קיין שום געביט פון גלויבן האָט נישט צוגעצויגן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, ווי דער גלויבן אין לעבן נאָכן טויט. דאָס איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין די אומצאָליקע און אומענדלעכע טויטן־קולטן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. דאָס פייערלעכע באַגראָבן טויטע, איז די איינציקע פירונג וואָס איז געבליבן אומאונטערגעבראָכן און אומגעענדערט אין מענטשלעכן לעבן, זינט יענער ווייטער צייט ווען דער מענטש האָט זיך נאָך געפונען אויף גאָר אַ פּרימיטיווער שטופע ביז אויף היינ־

מיקן טאָג. אָנהויבנדיק פון די אור־אַלטע קברים־בערגלעך פון דער פּרעהיסטאָריע, ביז די לוקסוסיעזע בית עלמינס פון דער היינטיקער צייט, איז אין זיי אַלע פאַרטון געוואָרן אומגעהויערער פליים און אויפמערקזאַמקייט. די אַלערליי קברים־בנינים און טויט־אויסשטאַטונגען פון גאָר דער וועלט און פון גאָר דער מענטשלעכער צייט, דערציילן אונדז זייער קלאָר וועגן דער גוואַלדיקער ראָל וואָס דער אומשטערבלעכקייטס־ווילן האָט געשפּילט.

אָן אַן אויפהער און אָן אַן אָפּשטעל, זינט דער נעאָליטישער תקופה ביז דער האַרטער קעגנוואַרט, זעען מיר די מענטשן, פון אַלע וועלט־טיילן און פון אַלע קולטור־שטופן, זיין אַריינגעטון מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט, אין אויסשטאַטן זייערע מתים און צו־גרייטן זיי צום פאַרשטייענדיקן לעבן. נאָך איידער דער מענטש האָט געהאַט געמאַכט אפילו דעם ערשטן טריט אפן וועג פון זיין מאַטע־ריעלער קולטור, נאָך איידער ער האָט געהאַט אפילו אַ רעכטע צורה פון אַ מענטשן, האָט ער זיך שוין פאַרנומען מיטן אויסשטאַטן זיינע מתים, זיי צערעמאָניעל באַגראָבן, מיטגעבן זיי צדה לדרך און בויען זיי טויטן־וואוינונגען. איז עס נישט ביז גאָר אינטערעסאַנט, וואָס דער עלטסטער און אוניווערסאַלסטער קולטור־טאַט פון מענטש־לעכן מין, איז באַשטאַנען אין צוגרייטן זיינע מתים צום ספּירי־טועלן לעבן נאָכן טויט?! איז נישט, למשל, העכסט־באַלערנדיק דער פאַקט, וואָס די גרעסטע בנינים און מאָנומענטן, וואָס זיינען אונדז פאַרבליבן פון דער אַלטער וועלט, זיינען קברים — מיר מיינען די עגיפּטישע פּיראַמידן?

— די פּיראַמידן. — עס איז פולשטענדיק אַראָפּגעריסן דער מיסטעריעזער שלייער, וואָס האָט איינגעהילט די דאָזיקע גראַנ־דיעזסטע און וואונדערלעכסטע מאָנומענטן פון דער פאַרצייטיקער וועלט. צעיאָגט זיינען די געהיימניספולע שאָטנס, וואָס האָבן, יאָר־טויזנטער, אַרומגעשוועבט אין די דאָזיקע גיגאַנטישע געבויען. דער מענטשלעכער געניוס האָט ריידנדיק געמאַכט די שטומע קאָלאָסן, וואָס האָבן דורך דורות און דורות געסודעט מיט זייער מעכטיקן שווייגן. היינט זיינען די פּיראַמידן און אַלץ וואָס זיי אַנטהאַלטן אין זיך, אַן אָפן בוך פאַר אַלע, און מיר קענען דעם אינהאַלט פונעם

דאָזיקן בוך אַזוי קלאָר ווי פון די בעסט־געשריבענע ביכער, דאָס הייסט, מיר ווייסן וואָס די מאַכער פון די דאָזיקע קאָלאָסן זיינען אויסן געווען מיט די מינדסטע פּרטים אין זיי. עס איז אָבער דאָ אַ צווייטע זייט צו וויסן: וואָס פאַר אַ כוח האָט געשטויסן דאָס עלטס־טע קולטור־פאָלק פון דער וועלט אַוועקצוגעבן אַזויפיל איבער־מענטשלעכע מי און אָנשטרענגונג, כדי אויסצובויען די דאָזיקע גוואַלדיקע מאָנומענטן פון טויט? די גרעסטע שטעט וואָלטן זיי גע־קענט אויפבויען, די נוצלעכסטע עפנטלעכע ווערק וואָלטן זיי גע־קענט אויפשטעלן, מיט דער אַרבעט און מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן פאַרטון אין די דאָזיקע ריזן־קברים. איז צוליב וואָס האָבן זיי דאָס געטון? וואָס פאַר אַ מעכטיקע קראַפט, וואָס פאַר אַן אומבאַזיג־באַרער מאַגישער כוח האָט געשטויסן דאָס דאָזיקע אַרבעטזאַמע און געמיטלעכע פאָלק, צו בויען קאָלאָסן פון טויט?

די פּיראַמידן זיינען דער העכסטער אויסדרוק פון אַ מענטש־לעכער אינסטיטוציע, וואָס גייט דורך ציוויליזאַציעס און קולטורן, עפּאָכן און דורות. די פּיראַמידן זיינען נישט קיין לאָקאַל־עגיפּטישע דערשיינונג, זיי זיינען אַן אַלמענטשלעכע דערשיינונג. הינטער זיי שטייען די אַלערליי קברים, וואָס דעקן צו דעם ערד־אויבערפלאַך זינט גאָר דער מענטשלעכער צייט. מיט זיי זיינען דירעקט פאַר־בונדן די פריסטע קברים פון דער פּרעהיסטאָריע, די פאַרוואָרפנסטע קברים פון די ווילדע אויף די ווייטסטע אינדזלען, און די קברים פון די היינצייטיקע מענטשן. די פּיראַמידן זיינען נאָר דער העכס־טער אויסדרוק פון דער דאָזיקער אייביקער קברים־קולטור. די פּי־ראַמידן דערציילן אונדז בעסער ווי וועלכער עס איז אַנדער דאָקו־מענט, ווי גרויס עס איז דעם מענטשנס ווילן צו לעבן. אין קיין שום אונטערנעמונג האָט דער מענטש נישט אַריינגעטון אַזויפיל ענערגיע און אָנשטרענגונג, ווי אין דער אונטערנעמונג וואָס האָט געצילט אים צו פאַראומשטערבלעכן. די פּיראַמידן זיינען דער מאָ־נומענט פון דעם מענטשנס אומשטערבלעכקייטס־ווילן. די גרעסטע ווערק אין דער מענטשלעכער געשיכטע זיינען — קברים, קברים, וואו עס וואוינט דעם מענטשנס אומשטערבלעכער גייסט...

קברים. — פון אייביק אָן שטייען די מענטשלעכע דורות ביי

די קברים פון זייערע טויטע און ריידן צו זיי, צו די קברים, בעטן ביי זיי, דערציילן זיי אוים די ליידן און פריידן, בעטן ביי זיי שוץ און הילף, און אזוי ווייטער. די בית עולמס זיינען פאר די מענטשן געווען נישט קיין פלעצער פון טויט, נאר פלעצער פון לעבן. צו די קברים האט מען גערינט; די קברים האט מען פארערט און פארהערלעכקייט, געצירט און געפלעגט. צו קיין זאך איז דער מענטש ניט צוגעגאנגען מיט אזויפיל יראת־הכבוד און ערנסט ווי צו א קבר.

נאך ביז היינטיקן טאג הערן מענטשן נישט אויף — און ווען נאך לאנג נישט אויפהערן — צו מאכן א קולט פון טויט. מיטן גרעסטן אייפער און מיט דער גרעסטער ליידנשאפט גיט מען זיך נאך היינט־צו־טאג אפ מיטן אויסשטאטן טויטע. זייערע קברים ווערן געהיט און געפלעגט מיט א באזונדערס ווארימער און צערטלעכער אויפמערקזאמקייט. אין יעדן רו־טאג זיינען די בית עולמס פארפלייצט מיט מאסן מענטשן, וואס קומען צו באזוך צו זייערע טויטע אייגענע. מען זאגט תפילות און מען ריכט אפ גאטעסדינסטן. דאס טוען נישט בלויז גלויביקע מענטשן, נאר אפילו אומגלויביקע. דער גרעסטער טייל אומגלויביקע, ווען זיי האבן צו טון מיטן טויט און מיט טויטע, ווערן זיי גלויביק... עס דערוואכן אין זיי „רעליגיעזע שטימונגען” און עס באמעכטיקט זיך איבער זיי א ספּעציעלער „גלויבנס־סענטימענט”. דער קאנטאקט מיטן טויט, אינספּירירט זיי „רעליגיעזע געפילן”. די ספּעציעלע טעג וואס זיינען געווידמעט דעם אנדענק פון די טויטע, האבן אומעטום גרויס דערפאלג. דער „טאג פון די טויטע” ביי קריסטן, ברענגט צונויף אומצייליקע מחנות באזוכער אויף די קברים. אין די טעג פון יזכור, ביי יידן, זיינען די שילן געפּאקט. אפילו די גרעסטע „אפּיקורסים”, וואס שמעקן א גאנץ יאר נישט אריין אין קיין שיל און הויבן נישט אן צו גלויבן אין גאט, קומען פון דעסטוועגן אין די טעג פון הזכרת נשמות דינען צו דער נשמה פון טויטן טאטן אדער טויטער מאמען. אויך ווילן די זעלבע אומבאדינגט באגראבן ווערן אויפן יידישן בית עולם. עס איז ביז גאר כאראקטעריסטיש און באלערנדיק דער פאקט, וואס אין די יידישע ישובים פון גאר דער וועלט, האט קיין שום פילאנטראפּישער, סאציאלער אדער עקאנאמישער ציל נישט

געקענט צונויפברענגען אַזויפיל יידן פון די פאַרשידנסטע שיכטן און אידעאָלאָגיעס אין איין פאַראייניקונג, ווי דער ציל פון אַן אייגענעם געמיינזאַמען בית עולם. די חברה קדישאס זיינען די צאָלרייכסטע פאַריינען. בלויז גאַר געציילטע זיינען פון זיי אויסגע־שלאָסן. און דאָ איז נישט קיין רייה פון רעליגיעזע יידן, מחמת אַזוי גלייך ווי ס'קומט צום טויט, ווערן אַלע רעליגיעז...

IV

נאָענטע מענטשן, מיט וועלכע מיר האָבן יאָרן־לאַנג געלעבט צוזאַמען, ווערן אַ טייל פון אונדז, וואַקסן זיך צונויף מיט אונדז. זייער לעבן ווערט אַ טייל פון אונדזער לעבן. זייער לעבן בלייבט אין אונדז, און מיר באַלעבן זיי פון זיך אַרויס. נאָך זייער טויט, שטייען זיי אונדז פאַר די אויגן; מיר זעען זיי און מיר הערן זיי, מיר פילן זיי נאָענט פון אונדז און מיר זעען זיי אונדז אַרומרינגלען.

ווען מיר קומען אויפן קבר פון אַזאַ נאָענטן טויטן, אָדער ווען מיר קוקן אויף זיינס אַ בילד, טויכט אין אונדז אויף דער פולער איינדרוק פון זיין לעבן. עס וואַכן אין אונדז אויף דערינערונגען, וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן, — דערינערונגען, וואָס דורך אַסאָ־ציאַציע רופן זיי אַרויס די בעסטע געפילן וואָס מיר האָבן איבער־געלעבט צוזאַמען מיטן טויטן. מ'קען זאָגן, אַז מיט אַזאַ טויטן טרעטן מיר ווידעראַמאָל אַריין אין לעבנס־באַציאונגען. מיר הויבן פונדאַסניי אָן פירן מיט אים אַ געמיינזאַם לעבן. אַלץ וואָס מיר פילן טיף און דערשיטערנדיק, דערציילן מיר פאַר אים. מיר דער־ציילן אים אויס אונדזער שווער האַרץ און מיר ווילן פון אים מיט־געפיל, מיר ווילן פון אים לאַסקעס און צערטלעכקייטן. ער הערט אונדז, ער פילט־אונדז־מיט, ער צערטלט אונדז און זאָרגט פאַר אונדז. אַזעלכע באַציאונגען מיט געליבטע טויטע, גיבן מיר זיך אַפטמאָל איבער מיט אַמתער ליידנשאַפט. עס ציט אונדז אַריין און באַהערשט אונדז. נישט זעלטן טרעפט עס, אַז שטאַרק געליבטע אָדער שטאַרק געפירכטעטע טויטע, „לעבן" אַזוי לאַנג מיט אונדז ווי מיר

אַליין און גייען אין קבר אַריין — צום צווייטן מאָל — צוזאַמען מיט אונדז.

פון דעסטוועגן ליבט מען טויטע אַנדערש ווי לעבעדיקע. צו טויטע איז מען אַנדערש צוגעבונדן ווי צו לעבעדיקע. דעם אָנדענק פון אַ געליבטן טויטן, האַלט מען טייער אויף אַן אַנדער אופן, ווי דעם אָנדענק פון אַ געליבטן לעבעדיקן מענטשן, וואָס איז פון אונדז ווייט אַוועק. אונטער דער ליבע וואָס מען פילט צו טויטע, באַהאַלט זיך אויס אַ געהיימער, מיסטעריעזער געפיל — די „ביאַ־לאָגישע מורא", וואָס אַ לעבעדיק וועזן מוז פילן פאַר טויט. עס איז ליבע מיט מורא פאַר טויט אינײנעם, עס איז טויטן־ליבע. טויטן־ליבע איז אָפטמאָל שטאַרקער ווי ליבע צו לעבעדיקע. טויטן־ליבע לאָקט; אין טויטן־ליבע ווירקט דער רייץ פון טויט. רייץ פון טויט איז ווידעראַמאָל נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר מורא פאַר־ן טויט. געליבטע טויטע פאַרפאָלגן. מען קען אין זיי ניט פאַרגעסן. זייער געשטאַלט שוועבט פאַר די אויגן, — עס זיינען טויט־געשטאַלטן, וואָס גייען נאָך. מען הערט זייערע רופן — זיי רופן צו זיך. ליבע און טויט מישן זיך אויס. מען פילט זיך געפאַנגען פון טויט, פון וועלכן מ'וויל אַנטלויפן און מ'קען נישט. נאָענטע טויטע, דאַכט זיך אונדז, האָבן אַ רעכט אויף אונדזער לעבן און עס ווייזט זיך אונדז אויס, אַז זיי ווילן מיר זאָלן קומען צו זיי; מיר פילן זיך שולדיק לגבי זיי מיט דעם וואָס מיר לעבן. דערפון ד'ער כסדרדיקער ווילן זיי מפצה צו זיין. דאָס זעלבע איז אויך מיט טויטע וועלכע מען פאַרערט.

צו חשובע טויטע, זאָגט מען, באַציט מען זיך מיט פּיעטעט און ערפּוכט; מען גיט זיי אָפּ כבוד און מען האַלט טייער זייער אָנדענקען. דאָס איז דורכויס ריכטיק. אָבער אויך אונטער די דאָזיקע געפילן באַהאַלט זיך אויס די ביאָלאָגישע מורא פאַרן טויט. דער דאָזיקער געהיימער „ביאָלאָגישער געפיל" שטייט אין הינטערגרונט פון אונד־זער באַציאונג צו טויט און צו טויטע אין אַלגעמיין. קיין טויטע גיט מען נישט אָפּ גלאַט סתם קיין כבוד, מען פאַרערט זיי נישט ווי מען פאַרערט פאַרדינסטפולע לעבעדיקע; טויטע גיט מען אָפּ כבוד און מען פאַרערט זיי אויף אַ ספּעציעלן אופן, דאָס מיינט: צום גע־

פיל פון יראת־הכבוד און אכטונג וואָס מען פילט צו זיי, קומט צו נאָך א געפיל — די געהיימע מורא פאַרן טויט. גופא דער געפיל צו רעספעקטירן טויטע, נעמט זיך דערפון. מיר זיינען געגויגט צו רעספעקטירן יעדן טויטן, ווער ער זאָל נישט זיין. אפילו די אומ־באדייטנדיקסטע מענטשן, גיט מען נאָכן טויט אָפּ א געוויסע מאָס כבוד. מען באטראכט עס פאר א חוב — מען קען נישט נעמען און אוועקוואַרפן א מענטשן. דאָס וואָלט געווען פאַר אונדז גופא א באַ־ליידיקונג. ווען מיר זעען ווי מען באהאנדלט א טויטן מיט פחיתת הכבוד, פילן מיר זיך דערפון פערזענלעך געטראָפן. מען איז פאַר־זיכטיק נישט מבזה צו זיין קיין מת. ביזיון־המת האלט מען פאר א גרויס פאַרברעכן. פאַרוואָס? —

טויטע זיינען אונדז נוגע, זיי זיינען די דערמאָנונג פון אונד־זער אייגענעם סוף. אין דער אָנוועזנהייט פון א טויטן, ווערן מיר ערנסט, מיר פילן א ווילן צו שווייגן און זיך צו פאַרטראַכטן. דער אָטעם פון טויט טוט אויף אונדז א שלאָג און עס ווערט אונדז אומ־היימלעך. דער טויטער וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז געפינט זיך אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן מיר וועלן זיך אומפאַרמיידלעך מוזן געפי־נען. דערפון דער ווילן צו רעספעקטירן און צו באערן. מיטן רעספעק־טירן דעם טויטן, רעספעקטירן מיר זיך אליין; מיטן באַדויערן אים, באדויערן מיר זיך אליין. אן עלנטער מת, אויף וועמענס טויט קיי־נער וויינט נישט, נאָך וועמענס לוויה קיינער גייט נישט נאָך און וועמענס קבר בלייבט איינזאַם און פאַרלאָזן, מאכט אויף אונדז א פיינלעכן איינדרוק. — מיר דערפילן די פיין פון שטאַרבן אין איינ־זאמקייט און פאַרגעסנקייט.

אָן דעם ספּעציעלן געפיל צו טויט, נאָר בלויז צוליב דער ליבע אָדער אכטונג, וואָס מ׳האָט אמאָל געפילט צו א געוועזענעם מענטשן, וואָלט מען טויטע פאַרגעסן און זיי וואָלטן קיין שום פּלאַץ נישט פאַרנומען אין מענטשלעכן לעבן. אויב דער קולט פון טויטע איז, אונטער די פאַרשידנסטע פאָרמען, אזוי אוניווערסאל און פאַר־וואָרצלט, איז עס נאָר דערפאַר וואָס טויטע זיינען בלויז טויט פאר זיך, אָבער נישט פאַר די לעבעדיקע וואָס זיי לאָזן. פאַר די לעבע־דיקע זיינען טויטע און טויט איינס פון די באַאומרואיקנדיקסטע פּראָ־

בלעמען. נאָענטע טויטע טוען בלויז דאָס, וואָס זיי באַוועגן אונדז זיך צו דערנענטערן און זיך צו פאַרטיפן אין טויט. פרעמדע טויטע, צו וועלכע מיר זיינען גלייכגילטיק, דערמאָנען אונדז נישט אין זיך און נישט אין טויט. נאָענטע טויטע, צו וועלכע עס איז אונדז גע־בליבן געפילן פון ליבע און אכטונג, וועמענס אָנדענק עס איז טיף איינגעקריצט אין אונדז, דערמאָנען אונדז יאָ אין זיך און דורך זיך — אין טויט. מען פלעגט דעם אָנדענק פון נאָענטע טויטע, ווייל דורך זיי קומען מיר אין באַרירונג מיטן טויט; דורך זיי קומען מיר צו גאַנץ נאָענט צום טויט, מיר קומען אין זיין שאָטן. עס הייסט, אז מען קולטיווירט און מען דינט דעם אָנדענק פון די נאָענ־טע טויטע נישט דערפאַר וואָס זיי זיינען נאָענט, נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען טויט. דער עיקר איז דאָ דער טויט. ווען מען וואָלט זיך דערינערט אין נאָענטע טויטע, ווי מען דערינערט זיך אין נאָענטע לעבעדיקע, וואָס זיינען ווייט אוועק, וואָלט קיין טויטן־קולט קיינ־מאָל און אינערגעץ נישט אויפגעקומען. דער קולט פון טויטע וואָס איז אַזוי אַלט און אַזוי גרוים ווי די מענטשלעכע קולטור — און אפשר נאָך עלטער און גרעסער פון איר — האָט צו פאַרדאַנקען זיין עקזיסטענץ בלויז דער ג ע ה יי מ ע ר ב י אָ ל אָ ג י ש ע ר מ ו ר א פ אַ ר ן ט ו י ט.

טויט איז פאַרן דענקענדיקן בעל־חי די טיפסטע מיסטעריע, פון וועלכער ער איז אַרומגערינגלט; טויט איז דער אומלעזבאַרער סוד, וועמענס באַשייד ער וואָלט מער פון אַלץ געוואָלט וויסן; טויט איז דאָס גרויסע רעטעניש, פאַר וועלכעם דער מענטש שטייט פאַר־גאַפט און דערשראָקן. טויט צויבערט, טויט באַומרואיקט. אויב דאָס אָפגעבן זיך מיט טויטע איז אַזוי אוניווערסאַל און פאַרוואָרצלט אינעם לעבן פון די מענטשן, איז עס נאָר דערפאַר וואָס דאָס אָפ־געבן זיך און דאָס צערעמאָניען זיך מיט טויטע, איז אַן אָפגעבן זיך און אַ צערעמאָניען זיך מיט זיך אַליין. אַלץ וואָס מיר טוען פאַר טויטע, טוען מיר פאַר זיך. אונדזער ספּעציעל־אויפמערקזאַמע, ספּעַ־ציעל זאָרגפעליקע, ספּעציעל געריכטע באַציאונג צו טויטע, נעמט זיך פון דער ספּעציעל־אויפמערקזאַמער, ספּעציעל זאָרגפעלטיקער און ספּעציעל געריכטער באַציאונג אונדזערער צו ט ו י ט...

V

מיר ווילן נישט פארגעסן ווערן נאָכן טויט. נאָכן טויט, ווילן מיר, מ'זאָל אונדז געדענקען און דערמאָנען. טויטע וואָס ווערן פאַר־געסן נאָכן טויט, זיינען מער טויט ווי די וואָס מען געדענקט און דערמאָנט.

מיר האַלטן אין איין זוכן מיטלען און וועגן ווי זיך צו פאַרומ־שטערבלעכן. דער באַוואוסטזיין, אַז נאָך אונדזער טויט וועלן מיר דערמאָנט ווערן, אונדזער אָנדענק וועט לעבן, פאַרקלענערט די מורא פאַרן טויט. מיר ווילן לאָזן נאָך זיך קינדער, כדי דורך זיי זיך צו פאַראייביקן און פאַרזעצן, כדי זיי זאָלן אויפהאַלטן אונדזער אָנדענקען. שטאַרבן אָן קינדער, מיינט שטאַרבן אינגאַנצן; שטאַרבן מיט קינדער, מיינט שטאַרבן אויף אַ העלפט. אין ערשטן פאַל שטאַרבט אַ שטאַם, אין צווייטן פאַל, שטאַרבט אַ יחיד.

קינדער פלעגן דעם אָנדענקען פון זייערע עלטערן נישט בלויז צוליב ליבע און יראת הכבוד, נאָר אויך צוליב דעם ווילן, אַז זייע־רע קינדער זאָלן דאָס זעלבע טון מיט זיי. דער אבות־קולט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַנגע געשלאָסענע קייט פון געוועזענע, זייענדיקע און קומענדיקע דורות. יעדער נייער דור שליסט זיך מיט פאַרגע־ניגן אַריין אין דער קייט, מיטן באַוואוסטזיין אַז ער ווערט אַ ניי רינגעלע אין אַן אייביקער לעבנס־קייט.

דורך דעם זיכערן וויסן, אַז די קומענדיקע דורות וועלן אויפ־היטן אונדזער אָנדענקען, ווערט פאַרמינערט די פיין פון שטאַרבן. גרויס איז דעריבער דער צער פון אַ מענטשן, ווען ער שטאַרבט עלנט און פאַרלאָזן און ביי וועמענס טויטן־בעט קיינער וואַכט נישט; וועלכער מוז אַרויסלאָזן זיין לעצטן אָטעם און שליסן זיינע אויגן צום לעצטן מאָל, מיטן באַוואוסטזיין אַז אָט באַלד וועט אים דער טויט פולשטענדיק פאַרשלינגען; אָט באַלד וועט ער אינגאַנצן אויס־געלאָשן ווערן, אינגאַנצן פאַרשווינדן. זיי נאָמען וועט פאַרגעסן ווערן, זיין געדעכעניש וועט אָפּגעמעקט ווערן און עס וועט פון אים קיין זכר נישט בלייבן. אָט די דאָזיקע פילן די יסורים פון טויט אין דער פולער מאָס און מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט. זיי לעבן איבער דעם גאַנצן גרויסן ווייטיק, וואָס עס פילט אַ ז ע ל ב ס ט ב א־

וואוסט לעבעדיק באשעפעניש, וועלכעס קומט אום, וועלכעס לעשט זיך אוים. ביי די דאָזיקע דערגרייכט דער פּיין פון טויט צום העכסטן פּונקט. וואָרום די יעניקע אַנדערע, וועלכע שטאַרבן און עס וואַכן ביי זייער צוקאָפּנס צאַלרייכע פאַמיליעס פון קינדער און קינדס־קינדער, פילן נישט מיט אזא גרויזאמקייט די האַנט פון טויט, וואָס לאָזט זיך אויף זיי אַראָפּ. די לעצטע בליקן וואָס זיי וואַרפן אויף זייער נאָכקומפט, מילדערן די יסורים פון שטאַרבן. די שטאַרבנדיקע פילן, אַז זיי בלייבן איבער אין די דורות וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט. זיי, די אָנגעווזנדיקע, זיינען זייער פאָרזעצונג, און זיי וועלן זיי געדענקען און דערמאָנען. דאָס פאַר־קלענערט דעם צער פון שטאַרבן. פילן מיט דער גאַנצער גרויזאַמ־קייט דעם צער פון טויט, פילן די איינזאַמע, די, וועמענס לעצטע בליקן פאַלן אויף ליידיקע פיר ווענט...

עס איז זייער שטאַרק דער ווילן אין מענטשן צו לאָזן נאָך זיך אַ זכר. מיר טוען אַלדאָס מעגלעכע צו לאָזן אויף דער ערד אַ סימן און אַ צייכן, אַז מיר זיינען דאָ געווען אָנוועזנד. אזוי גלייך ווי מיר דערפילן נאָר, אַז מיר קענען מיט עפּעס פאַראייביקן אונד־זער נאָמען, אזוי גלייך טוען מיר עס. מיר שפּענדן גרויסע סומען געלט כדי אונדזער נאָמען זאָל בלייבן אויסגעקריצט אויף געדענק־טאָוולען; מיר ווילן אַז אונדזער נאָמען זאָל בלייבן פאַרשריבן אין ספּעציעלע אָנדענק־ביכער. רייכע לייט בויען אוים אַנשטאַלטן פון עפנטלעכן נוצן און רופן עס אָן אויף זייער נאָמען. אפילו דער אָרימסטער מענטש וויל אַז אויף זיין קבר זאָל כאָטש שטיין אַ מצבה מיט אַ געהעריקער אויפשריפט. ס׳רוב מאָל מאַכן אָרימע קרובים די גרעסטע אָנשטרענגונגען און זעען אַז דער קבר פון זייער אייגענעם זאָל נישט בלייבן פאַרשעמט און שטעלן פאַר די לעצטע גראָשנס אַ מצבה. זעלטן ווען געפינט מען אויף אַ בית עולם אַ קבר וואָס זאָל זיין אינגאַנצן פאַרלאָזן. אַזעלכער זאָגט אונדז, אַז דאָ ליגט באַגראָבן אַ גאָר עלנטער מענטש, וואָס האָט אויף דער וועלט קיינעם נישט געהאַט, ווער עס זאָל אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד, און דאָס מאַכט אויף אונדז אַ טרויעריקן איינדרוק און רופט אַרוים אונדזער מיטגעפיל און רחמנות.

באזונדערס אָבער איז גרויס דער כוח פֿון דעם אומשטערב־לעכקייטס־ווילן, ווען ער קומט באַגלייט מיט באַוואוסטזיין, אַז מ׳קען זיך פּאַראייביקן דורך שאַפֿן ווערטפֿולע ווערק. דער באַוואוסט־זיין, אַז מען איז ביכולת זיך צו מאַכן אומשטערבלעך דורך אייגע־נע ווערק, רעגט און סטימולירט דעם שאַפֿונגס־ווילן און פֿאַרוואַנדלט אים אין אַ מעכטיקן כוח. אויף וויפֿל שפּערישע פּערזענלעכקייטן זיינען באַוועגט פֿון אַן אוממיטלבאַרן ווילן צו שאַפֿן, און אויף וויפֿל זיי האָבן געגום פֿון זייער שאַפֿן, איז דאָך שטענדיק צוגע־מישט צום ספּאָנטאַנען שאַפֿונגס־דראַנג אויך דער ווילן זיך צו מאַכן אומשטערבלעך. דאָס באַוועגט די שאַפֿנדיקע אינדיווידן, זיי זאָלן זיך אָנשטרענגען און שאַפֿן אַ דויערנדיקן ווערט. ווער ווייס וויפֿל גרויסע ווערק מיר האָבן צו פֿאַרדאַנקען אָט דעם מעכטיקן אָנרעגער צו שאַפֿן, און גרויס צו שאַפֿן. די מעגלעכקייט, אַז אונדזער נאָמען זאָל בלייבן לעבן אויף לאַנג־לאַנגע דורות, סטי־מולירט אויף אַן אומגעהויערן אופֿן דעם שאַפֿונגס־ווילן. מען שטרענגט אָן אַלע גייסטיקע כוחות, מען שפּאַנט אָן אַלע פֿעאיקייטן, מיט וועלכע מען איז באַשאָנקען; מען קאָנצענטרירט די גאַנצע באַ־גאַבונג אויף דעם ווערק וואָס מען נעמט זיך פֿאַר צו שאַפֿן, און מען זעט עס זאָל אַרויסקומען גרויס.

און ווער ווייס צי איז גופֿא דאָס וואָס מען רופֿט שאַפֿונגס־פֿרייד עפּעס אַנדערש ווי דער געהיימער באַוואוסטזיין, אַז מיר מאַכן גרויס אונדזער נאָמען און מיר פֿאַרומשטערבלעכן זיך. דורכן שאַפֿן גרויסע, אָנערקענטע ווערק, קריגט אונדזער זעלבסט אַ פֿולע באַפֿרי־דיקונג, און דאָס מאַכט עס, אַז מיר זאָלן פֿילן אַ גרויסע אינטימע פֿרייד. זאָל אונדזערס אַ ווערק, וואָס מיר האָבן געשאַפֿן אונטער־דער אַליין־איינגעבילדעטער מיינונג, אַז עס איז גרויס און וויכטיק — צוליב וואָס מיר האָבן געפֿילט שאַפֿונגס־פֿרייד — נאָכדעם נישט אָנערקענט און אָראָפּגעריסן ווערן, וועלן מיר ווערן אַנטוישט און טרויעריק און מירן זיך פֿאַר זיך אַליין שעמען איבער דער אומ־זיסטער און געגאַרטער פֿרייד, וואָס מיר האָבן געפֿילט. מירן דאָס ווערק זאָגאַר פֿיינט קריגן, ווייל מירן זיך דערין זען אין אַ לעכער־לעך ליכט. דאָס זעלבע אויך, ווען מיר האַלטן אין שאַפֿן אַ ווערק

און עס גיט אונדז בעת מעשה א לויף־דורך דער געדאנק, טאָמער איז עס גאָר מינדערוויכטיק און ווערטלאָז, גייען מיר מאָמענטאַל איבער פון דער העכסטער שאפונג־התפעלות אין א געדריקטער שטי־מונג. דערפון איז קלאָר צו זען, אז די פרייד פון שאפן איז דורכויס פארבונדן מיטן זעלבסט־ווילן און איז אָפּהענגיק פון זיין באפרידי־קונג, אָדער אידייע פון זיין באפרידיקונג. די גרונט־כוחות וואָס ווירקן אין דער טיף פון אונדזער נשמה זיינען פארהילט און פאר־באָרגן, און אָפּטמאָל מוז מען זיך טיף אראָפּלאָזן אין זיך ביז מען געפינט אויס די אמתע סיבות פון געפילן און איבערלעבונגען...

נישטאָ קיין ספק דערין, אז אין אַלע אומשטערבלעכע ווערק וואָס די מענטשהייט האָט געירשנט פון אירע גרויסע מענטשן, האָט א גאָר גרויסן חלק דער אומשטערבלעכקייטס־ווילן פון זייערע שאַ־פער. דערמאָנט מען זיך ווי אָפט זיינען גרויסע ווערק געשאפן גע־וואָרן אונטער די שווערסטע אומשטענדן: ביי אָרימקייט, עלנטקייט, קראַנקייט, נויט און פארפאָלגונג, ווערט נאָך קלאָרער, אז דאָס וואָס האָט די שאפער געגעבן כוח גובר צו זיין די אַלע שוועריקייטן, איז געווען די אויסזיכט אויף דער צוקונפט; דער טיפער גלויבן אז זיי מאכן זיך אומשטערבלעך, און די זיכערקייט, אז די צוקונפטיקע דורות וועלן זיי אָנערקענען און אָפּשאַצן.

די אָרגאַנישע, די ביאָלאָגישע פרייד, וואָס מיר געניסן, אַלס זעלבסטבאַוואוסטע לעבעדיקע וועזנס, פון דעם געדאַנק, אז אונדזער נאָמען וועט לעבן און וועט זיך געפינען אויף די ליפן פון די נאָכ־קומענדיקע דורות, איז אין לשער גרוים. נישטאָ, אפשר, נאָך איין געפיל, וואָס זאָל זיך מיט דעם קענען פארגלייכן. עס איז די פרייד פון לעבן וואָס האָט טריומפירט איבער טויט. מענטשן וואָס לאָזן נאָך זיך גרויסע אומשטערבלעכע ווערק, האָבן מער נישט מורא פארן טויט, ווייל זיי האָבן אים גובר געווען. די מורא פארן טויט וואָס איז הויפּטזעכלעך א מורא נישט פארגעסן צו ווערן, ניט צו פאר־שווינדן, איז ביי זיי מער נישט פאראַן. זיי ווייסן, אז זייער אָנ־דענק וועט בלייבן לעבן, און זיי נעמען אויף דעם טויט מיט א גע־וויסער רואיקייט.

ווי גרוים עס איז דער כוח פון דעם אומשטערבלעכקייטס־ווילן,

קען מען זען אויך דערפון, וואָס די מאַכטהאָבער פון אַלע צייטן האָבן געטון אַלדאָס מעגלעכע צו פאַראייביקן זייער אָנדענקען. וויפל ריזן־קברים, וויפל גיגאַנטישע מאַוזאָלייען, וויפל מאָנומענטן, סטאַטוען, דענקמעלער, ביוסטן, בראָנז־טאָוולען זיינען עדות פונעם מענטשס אומשטערבלעכקייטס־ווילן און האָבן צו פאַרדאַנקען זייער עקזיסטענץ דעם חשק פונעם שכלדיקן בעל־חי קיינמאָל נישט צו שטאַרבן. ווען אַלע מענטשן וואָלטן געהאַט אַזויפיל מאַכט און מיטלען וויפל עס האָבן געהאַט ווייניקע, וואָלט די ערד געווען צו קליין צו טראָגן אויף זיך אַזויפיל דערמאָנונגס־ און פאַרומשטערבלעכונגס־ווערק. ניט אַלע, ווייט נישט אַלע, האָבן געהאַט די מעגלעכקייט מיט וואָס־עס־איז צו פאַראייביקן זייער נאָמען. געוואָלט און וועלן — ווילן דאָס אַלע. נישטאָ גאָר אַזאַ מענטשלעכע באַשעפעניש וואָס זאָל נישט טיף גאָרן צו לאָזן נאָך זיך אַ וועלכן עס איז זכר.

אַז מיטן פאַראייביקן עמיצנס אָנדענקען טוט מען פאַר אים אַ גרויסע זאַך, איז צו זען אויך דערפון, וואָס פאַרדינסטפולע פערזאָנען קאָמפּענסירט דערמיט די געזעלשאַפט. מענטשן וועלכע האָבן געלייסטעט פאַר זייער פאָלק, לאַנד, שטאַט, קאָלעקטיוו, באַלוינט מען מיטן פאַראייביקן זייער נאָמען. מען שטעלט זיי אויף מאָנומענטן און דענקמעלער אין עפנטלעכע פּלעצער; מען רופט אָן אויף זייער נאָמען שטעט, גאַסן, אַנשטאַלטן, באַטריבן, מען גיט נאָך זיי אַ נאָמען קינדער אא״וו. אַלע פילן, אַז דאָס איז די בעסטע באַלוינונג. שטילערהייט איז מען מקנא דער פאַראייביקטער פערזאָן. מען וואָלט געוואָלט אַז אויך אונדז זאָל מען דאָס זעלבע טון. אָבער ניין — פילט מען — מיר האָבן עס נישט פאַרדינט...

אַזעלכע אַקטן פון פאַרומשטערבלעכן פאַרדינסטפולע פערזענלעכקייטן, זיינען טאָפּלט קאָמפּענסירנדיק. זיי זיינען אי באַערונגס־אַקטן, אי פאַראייביקונגס־אַקטן. עס ווערט דורך זיי באַפרידיקט אי דער איך־ווילן פונעם טויטן, אי זיין פאַראייביקונגס־ווילן. דאָס איז דער העכסטער פאַרגעניגן, די העכסטע אינטים־אָרגאַנישע פרייד, וואָס דער מענטש, דער בעל־חי מיט באַוואוסטזיין ווענן זיין זעלבסט און זיין לעבן — קען פילן. איצט פילן מיר עס, די לעבעדיקע, פאַר אים. מיר פילן דאָס אַלץ וואָס ער וואָלט געפילט ווען ער וואָלט גע־

לעבט און געווען אַנוועזנד אויף זיין אייגענעם באַערונגס־ און פאַר־אומשטערבלעכונגס־אַקט. עס קומט פאַר אַ אידענטיפיצירונג מיטן טויטן און זיין פאַרטרעטונג דורך אונדז. מיר הערן אויס פאַר אים די זיסע און אַנגענעמע רייד וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט. מיר נעמען אַריין דעם געשטאָרבענעם אין זיך, כדי ער זאָל זיין אַנוועזנד אויף זיין פאַרהערלעכונגס־אַקט און הערן דעם לויב צו זיין לעבן און צו זיין ווערק. און אויך: אויב מענטשן הערן נישט און געניסן נישט פון דעם לויב, וואָס מען זאָגט זיי נאָכן טויט, הערן זיי אים אָבער און געניסן פון אים ווען זיי לעבן. זיי געניסן פון געדאַנק, אַז נאָך זייער טויט וועלן זיי פאַרערט און פאַראייביקט ווערן. נישט ווייניק מאָל, מיסתמא, זיינען מענטשן וואָס קענען דאָס דערוואַרטן, אַנוועזנד, במחשבה, אויף זייערע אייגענע פאַראומשטערבלעכונגס־אַקטן און הערן זיך־צו צו די לויב־ווערטער וואָס ווערן וועגן זיי געזאָגט און — געניסן, געניסן...

VI

דער גלויביקער מענטש האָט נישט געפילט אין אַזאַ מאָס דעם פחד פאַרן טויט, ווי עס פילט דער נישט גלויביקער. דער גלויבן, אַז טויט איז אַן איבערגאַנג פון לעבן צו לעבן, איז באַפרייען די נשמה פון דער געפאַנגענשאַפט אין גוף, איז אָפּגעבן דער ערד אירס און דעם הימל זיינס — דער דאָזיקער גלויבן האָט געוויסערמאַסן קעגנ־געווירקט און אָפּגעשוואַכט די דערשיטערנדיקע מורא פאַרן טויט. מיר זאָגן געוויסערמאַסן, מחמת אינגאַנצן אָפּשאַפן די ספּאָנטאַן־אָרגאַנישע מורא פאַרן טויט, האָט אויך דער גלויבן אין אומשטערבלעכקייט נישט געקאָנט. די שינאה פון לעבן צו טויט איז אַזוי גרויס, אַז אפילו גאָט אַליין האָט זי נישט געקענט אָפּשאַפן. דאָך, ביז אַ געוויסן גראַד האָט גלויבן אין אומשטערבלעכקייט יאָ געמילדערט דעם פחד פאַר טויט.

דער באמת גלויביקער מענטש, ער האָט געשוועבט אין אַן אַט־מאָספער פון אייביקייט־לעבן. ספּיריטועל לעבן איז געווען אומענד־לעך אין אַלע ריכטונגען פון דער וועלט; ספּיריטועל לעבן איז גע־

ווען אַז אַ סוף און אַן אַ אָנהויב, אין צייט און רוים. די מאַטעריעלע וועלט איז געווען אַ קליין פינטעלע אין דער אומענדלעכקייט פון די גייסט־וועלטן און רוחניותדיקער וועזנהייט. קערפּער און שטאָף זיינען נישט געווען די אמתע רעאַליטעט, נאָר זיינען געווען נישט מער ווי לבוש אויף דער אמתער ספּיריטועלער רעאַליטעט וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער זיי. די חושים זיינען געווען פעלער־האַפטע דערקענטעניש־מיטלען, וועלכע האָבן געוויזן די ווירקלעכקייט אין אַ פאַרפירערישער שיין און וועלכע מען האָט נישט געמאָרט געטרויען. די אמתע דערקענטעניש איז געקומען דירעקט פון דער נשמה, וועלכע האָט אויפגענומען אוממיטלבאַר די ספּיריטועלע רעאַליטעט פון דער וועלט. די נשמה, ד"ה דער ספּיריטועלער עלעמענט וואָס וואוינט אין מענטשן און באַלעבט אים און באַזיגט אים, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם ספּיריטועלן עלעמענט פון דער וועלט און דורך דער דאָזיקער פאַרשמעלצונג און צוזאַמענגיסונג פון ביידע ספּיריטואַליזמען, האָט זיך באַקומען דאָס אמתע וויסן און די אויטענטישע דערקענטעניש. דאָס וואָס די גלויביקע מענטשן האָבן געזען מיט זייערע אויגן, האָט נישט עקזיסטירט פאַר זיי, און דאָס וואָס זיי האָבן נישט געזען, האָט יאָ עקזיסטירט. די זעעבאַרע וועלט איז געווען פאַרבלענדעניש, און די נישט זעעבאַרע, די פאַרבלענדטע און אויסגעדאַכטע, איז געווען ווירקלעכקייט. רעאַלע קעגנשטאַנדן זיינען געווען שאָטנס, און שאָטנס — רעאַלע קעגנשטאַנדן. טויט איז געווען לעבן, און לעבן איז געווען טויט. די מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען אויף דער ערד און געלעבט אין הימל; האָבן געהאַט גופים און געווען נשמות. פון זייער פריסטער קינדהייט, זיינען די גלויביקע מענטשן געשטאַנען אומגעווענדט מיט זייערע בליקן צו די ספּיריטועלע וועלטן. זיי זיינען געווען „דאָרטיקע". „דאָ", זיינען זיי געווען געסט; דאָ האָבן זיי זיך געפונען פּראָוויזאָריש. געוואוסט האָבן זיי, אַז זיי קומען פון ספּיריטועלע רעגיאָנען און וועלן זיך אומקערן אהינצו. און אפילו „דאָ" זייענדיק, זיינען זיי געווען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די גייסט־וועלטן און געטראַכט, געפילט און געטון נאָר אין אָנקלאַנג מיט די דאָזיקע. זייענדיק וואַך, האָבן זיי באַוואוסטזיניק געווענדט די מחשבה „אהינצו"; שלאָפנ־

דיק, איז די נשמה באוואוסטלאָז געפֿלויגן „אהינצו". איז געקומען א צרה, איז זי געווען פֿון די גייסט־וועלטן, און האָט געטראָפֿן א גליק, איז עס אויך געווען פֿון דאָרטן. אַלץ וואָס „דאָ" האָט פּאַסירט, איז געווען אָנגעפֿירט פֿון „דאָרטן". יעדע געשעעניש האָט געהאַט איר מיסטישע סיבה און יעדער קעגנשטאַנד זיין ספּיריטועלן הינטערגרונט.

וואָס איז דאָס געווען? — דער מענטש האָט זיך געלאָזט באַהערשן פֿון מיסטישן חלום דערפֿאַר, וואָס אין אים האָט ער געזען אייביקייט־לעבן; די מיסטיק האָט אים געמאַכט פֿאַר אַן אומשטערבלעך וועזן. אייביקייטס־לעבן — דאָס איז דאָס צויבער־וואָרט, וואָס האָט פֿאַרנאַרט און פֿאַרכישופֿט דעם שטערבלעכן בעל שכל. אייביקייטס־לעבן איז דער גרויסער סוד פֿון דעם אומפֿאַרגלייכלעכן דערפֿאָלג פֿון רעליגיע. מיט פֿאַרגעניגן האָט דער מענטש געלאָזט פֿאַרמינדערוויכטיקן די מאַטעריעלע וועלט; מיט פֿאַרגעניגן האָט ער געלאָזט דעגראַדירן קערפּער און שטאָף; מיט פֿאַרגעניגן האָט ער געלאָזט פֿאַרלייקענען זיינע חושים און באַגלויבט מאַכן זיינע פֿאַנטאַזיעס און טרוימערייען. דאָס אַלץ האָט געהאַט איין ציל: אָפּשאַפֿן טויט, פֿאַרלייקענען טויט, צונישט־מאַכן שטערבלעכקייט. דער מיסטישער חלום איז פֿאַרן מענטשן געווען א זיסער און אָנגענעמער חלום. ער האָט אין דעם דאָזיקן חלום געזען אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט ס'זאָל אַזוי זיין. וואָס פֿאַר א גרעסער גליק קען דען דער מענטש זיך ווינטשן ווי באַזיצן אַן אומשטערבלעכע נשמה? וואָס קען דעם מענטשן נאָך מער אויפֿהויבן, נאָך מער סובלימירן? דער מענטש ווערט א קליינער גאָט! דער מענטש ווערט א טייל פֿונעם וועלט־גייסט, וואָס דויערט פֿון אייביק ביז אייביק. וואָס קען נאָך זיין גרעסער און וואָס קען נאָך זיין העכער?!

נשמה. — אין אַלץ האָט מען געקענט צווייפֿלען און געצווייפֿלט, נאָר נישט אין דער עקזיסטענץ פֿון א נשמה. דאָס איז געווען דער זיכערסטער, אַפּריאָרי זיכערסטער, אבסאָלוט זיכערסטער אמת, אַן אמת, וועלכן דער פֿאַקט גופֿא פֿון זוכן אַן אמת האָט שוין באַשטעטיקט.

נשמה. — זי האָט דעם מענטשן געמאַכט פֿאַר דער קרוין פֿון

דער נאַטור. אדאַנק איר איז דער גאַנצער באַשאַף געלעגן צום מענטשנס פיס און געשטאַנען צו זיין דינסט. ער איז דורך איר געוואָרן דער ציל און דער צוועק פון דער וועלט און אַלץ איז גע־מאַכט געוואָרן פון זיינעטוועגן. דעם טויט האָט זי באַזיגט און אייביק לעבן האָט זי דעם מענטשן געגעבן. אומענדלעכע גייסט־וועלטן האָט זי פאַר אים איינגענומען. אָן אַ נשמה, איז דער מענטש אַן איינטאָג־פליג, אַ שאָטן וואָס באַווייזט זיך און פאַרשווינדט, אַ בלאָנדזשענדיק פייערל, וואָס ברענט אַ ווייל און לעשט זיך באַלד אויס; אַ באַשעפעניש וועמענס קורץ־דויערנדיק לעבן איז אַן אומ־אונטערגעבראָכענע קייט פון ליידן און יסורים, דורכפאַלן און אַנ־טוישונגען, וואָס ווייס נישט פונוואַנען ער קומט, וואוהין ער גייט און צוליב וואָס ער ליידט. — ווי האָט דער מענטש געקענט צוויפ־לען אין אַ נשמה, ווי האָט דער מענטש געקענט אַרויסלאָזן פון זיי־נע הענט דעם דאָזיקן צויבער־אינסטרומענט, וואָס מיט דעם איז ער אַלץ און אָן דעם — גאָרנישט!...

אין אָנבליק פון גלויבן אין אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, ווערט אַלץ וואָס פּאַסירט מיטן מענטשן אויף דער וועלט, מינ־דערוויכטיק, נאַריש און נישטיק. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דען די קורצווייליקע צרות און ליידן, וואָס דעם מענטשן קומט אויס אויס־צושטיין ביים לעבן, אין פאַרגלייך מיט די פריידן און תענוגים נאָכן טויט, וואָס וועלן זיך ציען אייביק און אומענדלעך? וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דאָס פאַרגענגלעכע, נישטיקע שטיקל גוף, אין פאַר־גלייך מיט דער אייביקער נשמה? וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דאָס מאַטעריעלע לעבן אויף דער ערד, און אַלערליי שטרעבונגען און אינטערעסן, אין פאַרגלייך מיטן לעבן, אַלס גייסט, אין הימל? דער גלויבן אין אומשטערבלעכקייט האָט די מענטשן געמוטיקט און גע־שטאַרקט, האָט זי געגעבן האָפענונג און טרייסט, האָט זיי געגעבן כח און ווילן צו טראָגן דעם שווערן לעבנס־יאָך. דער געדאַנק וועגן צוקונפטיקן אייביקייטס־לעבן האָט פאַרמינדערוויכטיקט די ערדישע ליידן, האָט פאַרקלענערט די פיזישע ווייטיקן און געמאַכט, אַז די מענטשן זאָלן נעמען זייערע ליידן און ווייטיקן מיט רואיקייט און רעזיגנאַציע. וואָס מער די מענטשן זיינען געוואָרן פאַרפאַלגט און

געראָדפּט, וואָס מער מען האָט זיי געדריקט און געשטיקט, געיאָגט און געפּלאָגט, געבייטשט און געטרעטן מיט די פיס, אַלץ פעסטער איז געוואָרן זייער גלויבן אין הימלשן לעבן און אַלץ מער האָבן זיי וועגן דעם געטרוימט, דערצו געדורשט און געגאַרט.

וואָס וואָלט געוואָרן פון די מענטשן אָן גלויבן אין אומשטערב־לעכקייט, וויפל גרעסער וואָלטן געווען זייערע ליידן! מיטן גלויבן אין אומשטערבלעכקייט, האָט מען דעם מענטשן געקענט וויי־טון, אויסנוצן, פּייניקן, אָבער נישט צעשטערן, נישט אומברענגען, נישט פאַרניכטן. אַלע ליידן האָבן זיך געענדיקט ביים גוף. די נשמה איז געווען אומבאַרירלעך.

און אַז גלייביקע מענטשן זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר דער אַלטערנאַטיווע פון אָפּזאָגן זיך פון זייער גלויבן, אָדער שטאַרבן, האָט די גרעסטע מערהייט שטענדיק אויסגעקליבן דאָס לעצטע. מיט העלדנמוט און מיט באַגייסטערונג האָבן גלויביקע אָפּגעגעבן זייער לעבן אויף קידוש השם. עס האָבן נישט אָפּגעשראָקן קיין טאָרטורן און פּייניקונגען. מען איז געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. מען האָט געשטרעקט די העלדזער צום חלף און געגעבן דאָס לייב פאַר ווילדע חיות. און אין זעלבן מאָמענט ווען די גופים האָבן זיך גע־קראַמפּט אין טויט־קאָנוואולסיעס, זיינען די נשמות געפלויגן אין לויטערע הימלען פול מיט געטלעך ליכט און שיינקייט; מחנות מלא־כים זיינען זיי אַקעגנגעפלויגן און זיי מיט יובל אויפגענומען. הימל־שע מוזיק האָט אָנגעפילט די העל־שעמערירנדיקע רוימען מיט זיסע טענער, וואָס האָבן דערפרישט און דערקוויקט די אָנקומענדיקע נשמות פון די קדושים... פון איין זייט, אין דערווירקלעכקייט: ברע־נענדיקע גופים אויף שייטערהויפנס, מענטשלעך לייב צעקאַליטשעט, צעוואונדיקט און פאַרפּייניקט; בלוטנדיקע קערפּערס צעריסן, צע־סאַרפּעט דורך אויסגעהונגערטע חיות. פון דער צווייטער זייט, אין דער וויזיע: ליכט־ספערן, געטלעכע מוזיק, כאָרן פון מלאכים, הימל־שע פרייד און פרידן. — וואָס האָט גובר געווען: ווירקלעכקייט, צי וויזיע? די גרעסט־גרעסטע ליידן פון קערפּער, אָדער די אויסגע־טרוימטע געניסן און פריידן פון דער נשמה? — וויזיע האָט גובר געווען! מען איז געגאַנגען אין פלאַמען, מען האָט זיך געלאָזט וואַרפן

פאַר חיות רעות, מען האָט געגעבן דעם קאָפּ צום שאַרף פון שווערד. גלויבן אין אומשטערבלעכקייט, לאַקנדיקע קראַפט פון אייביקייט־לעבן האָט אַלץ גובר געווען.

VII

דערלאָזן אַז די וועלט גייט אויף אַ מעכאַנישן אופן, אַז די נאַטור איז אַ בלינדע שפּיל פון כוחות און קרעפטן, פון ווערן און פאַרגיין, פון אויפקום און אומקום, פון געבוירן און שטאַרבן — אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַר ווען — וואָלט געמיינט דערלאָזן אַז די וועלט איז טויט. און וויבאַלד די וועלט איז טויט, איז דער מענטש, אירס אַ לייבלעך קינד, אויך טויט. און דאָס וויל נישט דער מענטש. די סאַמע יסודות פון זעלבסטבאַוואוסטן לעבנס־ווילן ווערן אויפגע־טרייסלט און שוידערן־אויף אין אָנבליק פון אַ טויטער וועלט. די עצם לעבנס־עסענץ, דער לעבנס־עלעמענט, הויבט אויף אַ שוידער־לעכן פּראָטעסט קעגן אַזאַ השערה, וואָרום דאָס מיינט פאַרלייקע־נונג פון לעבן, דאָס מיינט פאַרניכטן דעם אַלזיין, און צוזאַמען מיט אים דעם מענטשן. און דאָס קען נישט זיין. לעבן קען זיך אַליין נישט אומברענגען; לעבן קען זיך נישט אומאַרימען מיט טויט; לעבן מוז אָפּלייקענען, צעשטערן, פאַרניכטן טויט.

גאָט איז געבוירן געוואָרן אינעם מענטשלעכן לעבנס־ווילן. אַזוי גלייך ווי דער מענטש האָט געעפנט זיינע גייסטיקע אויגן און איז געוואָרן זעלבסט־ און וועלט־באַוואוסט, אַזוי גלייך איז ער אויך גע־וואָרן גאָט־באַוואוסט. די הכרה פון לעבן און די הכרה פון גאָט, איז איין און די זעלבע זאַך. וואָרום זאָגן, אַז בלויז דער מענטש אַליין האָט לעבן, ד"ה באַוואוסטזיין, און די גאַנצע איבעריקע וועלט איז טויט, מעכאַניש, וואָלט דער מענטש מיט דעם אָפּגעשניטן פאַר זיך יעדן צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט. עס וואָלט דאַן געהייסן, אַז איין לעבעדיק וועזן בלאָנדזשעט אַרום אין אַ וועלט פון טויט; דער מענטש, וואָלט עס געהייסן, לעבט אויף אַ וועלט אַ בית־הקברות; אחוץ אים איז מער קיין לעבן אויף דער וועלט נישטאָ. דער מענטש איז אַ קיילעכדיקער יתום, אָן אַן אָפּשטאַם און אָן אַ צוקונפט. איז

וואָס פאַר אַ זינען האָט אַ לעבן וואָס קומט פון טויט, באַוועגט זיך אין טויט און מוז זיך אומקערן צו טויט?! כדי דער מענטש זאָל אַרויסקומען פון לעבן, זאָל זיך באַוועגן אין לעבן און זאָל זיך אומ־קערן צו לעבן, האָט ער געמוזט באַלעבן, דאָס הייסט, באַוואוסט־מאַכן די וועלט. די וועלט גייט נישט מעכאַניש, נאָר די וועלט גייט ציל־באַוואוסט. גאָט איז דער ציל־באַוואוסטער באַלעבער פון דער וועלט. דורך גאָט קריגט דאָס לעבן פון דער וועלט אַ זין און אַ געּ־דאַנק. און דורך דעם זין און געדאַנק פון דער וועלט„ קריגט אויך דעם מענטשנס לעבן אַ זין און אַ געדאַנק.

דאָס שטרעבן צו גאָט, איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר דאָס שטרעבן צו לעבן; קלאַמערן זיך אין גאָט, מיינט קלאַמערן זיך אין לעבן. קיין זאַך וויל דער מענטש נישט שטאַרקער און טיפער ווי לעבן. דערפאַר איז דער גאָט־געפיל אַזוי שטאַרק און טיף פאַר־וואָרצלט אין מענטשן. קיין זאַך טרעפט נישט שטאַרקער דעם לעבנס־ווילן, ווי דאָס פאַרלייקענען גאָט. בלייבן גאָטלאָז מיינט, אונטער־ברעכן דעם לעבנס־פונדאַמענט פון דער וועלט און דעם לעבנס־פונ־דאַמענט פון מענטש.

ווי קען דער מענטש צעשטערן זיך אַליין, ווי קען דער מענטש פאַרניכטן און פאַרלייקענען זיך אַליין?! דורך פאַרלייקענען גאָט, לעשט דער מענטש אויס דאָס ליכט וואָס ברענט אין דער וועלט און וואָס באַלייכט דעם ליידנדיקן און פיינפולן לעבנס־וועג פון די באַשעפעניש. אָן גאָט בלייבט הערשן פינצטערניש אויף דער וועלט, אַ פינצטערניש וואָס דרינגט דורך אַלץ און אַלעמען. — צוליב וואָס ליידן און קעמפן און ראַנגלען זיך די לעבעדיקע ברואים? צוליב וואָס די ווייטיקלעכע שפּיל פון אויפגיין און פאַרגיין? צוליב וואָס די יאָמערלעכע פּראָצעדור פון געבוירן און שטאַרבן? אָן גאָט, בלייבט די וועלט אַן אייביקער כאָאָס פון צוזאַמענהאַנגלאָזע, אומזיניסע פּראָצעסן און טעטיקייטן. איין רייע פּראָצעסן צעשטערט, וואָס אַ צווייטע בויט; איין סאָרט דערשיינונגען פאַרניכטעט, וואָס אַ צוויי־טער סאָרט דערשיינונגען שאַפט. דער גאַנצער קיום ווערט אַריינ־געשליידערט אין אַן אָפּגרונטלאָזן תהום, וואו עס קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכע ברוויזונג און יווירונג פון כוחות וואָס שטערן זיך,

שלאָגן־זיך־איבער און נייטראַליזירן זיך קעגנזייטיק. איין כוח רייסט אויף אַרויף, דער צווייטער אויף אַראָפּ; איין כוח גייט רעכטס, דער צווייטער לינקס. און אינערהאַלב דעם דאָזיקן מישמאַש געפינט זיך דער מענטש. בלויז אַן אויגנבליק דויערט זיין עקזיסטענץ; בלויז אַן אויגנבליק איז ער אויפן אויבערפלאַך פון לעבנס־ים און באַלד דערנאָך פאַרשווינדט ער אין אָפּגרונט פון טויט און קערט זיך מער נישט אום פון דאָרט. אַזוי איז עס אָן גאָט. מיט גאָט, אינקעגנטייל, הערשט אויף דער וועלט די העכסטע אָרדענונג. אומעטום וואו אָן גאָט ווייזט אויס דיסהאַרמאָניע און ווידערשפּרוך, ווערט, מיט גאָט, האַרמאָניע און צוזאַמענווירקונג; אומעטום וואו אָן גאָט ווייזט אויס קעגנזייטיקע אויסראָטונג, ווערט מיט גאָט קעגנזייטיקע אונטער־האַלטונג; אומעטום וואו אָן גאָט ווייזט אויס קעגנזייטיקע צעשטע־רונג, ווערט מיט גאָט קעגנזייטיקע בויאונג; אומעטום וואו אָן גאָט ווייזט אויס קעגנזייטיקער האַס, ווערט מיט גאָט קעגנזייטיקע ליבע. גאָט, וואָס איז די אַלערהעכסטע פאַרקערפּערונג פון וויסן און חכמה, איז דער ענטפער אויף אַלע פראַגן און ווידערשפּרוכן...

גאָט באַלעבט, באַזעלט און באַזינט אַלץ. דאָס מינדסטע ווע־רימל איז באַלעבט פון אים; דאָס מינדסטע שפּראָצעלע איז באַ־הויכט פון זיין לעבעדיקן אָטעם. אַלץ וואָס עקזיסטירט און גע־דייעט, איז פול מיט גאָטס לעבן. אומעטום און איבעראַל קלאַפּט און פּולסירט זיין באַלעבנדיקע קראַפט. קיין זאַמדעלע רירט זיך נישט פון אָרט, קיין שטויבעלע כוט זיך נישט קיין באַוועג אָן דער געטלעכער קראַפט וואָס עס האָט אין זיך. מיט גאָט, איז אַלץ פול מיט לעבן, אומעטום און שטענדיק לעבן. דער גאַנצער אוניווערז איז איין גרויסער קאָכיקער ים פון לעבן. קיין טויט איז מיט גאָט אינערגעץ נישטאָ...

ספּאָנטאַן און פון זיך אַליין האָט דער מענטש זיך געפילט צו־געצויגן צו אַזאַ אידייע. דאָס באַהעפטן זיך און דאָס צונויפגיסן זיך פון מענטשן מיט גאָט, איז געוועזן דאָס באַהעפטן זיך און דאָס צו־נויפגיסן זיך פונעם מענטשן, פון זעלבסטבאַוואוסטן בעל־חי, מיטן מקור פון אַל־ און אייביקייטס־לעבן.

ווען באוואוסטזיין האָט זיך געפּאָרט מיטן אוניווערסאַלן לעבנס־ווילן, איז פון דעם דאָזיקן זיווג געבוירן געוואָרן גאָט...

VIII

דער מענטש איז אויפגעשטיגן צו אַ געטער־הויך. אויב ער קען נישט באַשאַפן קיין וועלטן און זיי צעשטערן, קען ער אָבער יאָ פאַרשטיין און אַריינדרינגען אין די פּראָצעסן פון וועלט־יצירה און וועלט־אויפלייזונג. ער קען אויפזוכן און פעסטשטעלן די כוחות און קרעפטן, וואָס באַטרייבן דאָס וועלט־לעבן, און דורך דעם ווערט ער מיטבאַשאַפער פון דער וועלט און מיטבאַטייליקטער אינעם גאַנג פון אוניווערז. אויב דער מענטש קען נישט באַשאַפן קיין נייע נאַטור, קען ער אָבער די פאַראַנענע טיילווייז נאָכמאַכן. ער קען שאַפן נייע פאַרבינדונגען און קאָמבינאַציעס, ער קען עקספּלואַטירן אירע כוחות לטובת זיך, ער קען, הייסט עס, טון אַ געטער־אַרבעט. זאָגן, אַז אָט דער דאָזיקער שעפערישער, וואונדער־טוענדיקער, וועלטן־אַרומנעמענדיקער מענטשלעכער גייסט, איז אַ לופט־בלאָז, וואָס אָט איז ער דאָ און אָט איז ער נישטאָ, אַנטוווערטיקט און דעגראַדירט די גרויסקייט פון אָט דעם דאָזיקן גייסט ביז צו אַ גראַד פון פאַרצווייפלונג. — וואָס בלייבט דאַן איבער אויף דער וועלט!...

מסכים זיין, אַז דער גייסט פונעם וויסנשאַפטסמאַן, פונעם פילאָזאָף, פון דענקער, פון דיכטער, פון נביא — דער גייסט וואָס מעסט־אויס אַלע וועגן און שטעגן פונעם קאָסמאָס; דער גייסט וואָס גרייכט ביז די ווייטסטע שטערן, דער גייסט וואָס דרינגט אַריין אינעם קלענסטן פּיצעלע באַלעבטן און אומבאַלעבטן שטאָף, דער גייסט וואָס דעקט אויף די טיפסטע סודות פונעם אוניווערז, דער גייסט וואָס זאַפּט אין זיך אַריין אַלע שיינקייטן און דערהויבנקייטן פון דער וועלט, דער גייסט וואָס פילט אַלע ליידן און פריידן פון מענטשן — מסכים זיין, אַז אָט דער דאָזיקער גייסט ווערט אַזוי אויס, ווי עס ווערט אויס דער גייסט פונעם צעטראָטענעם ווערימל אונטער אונדזערע פיס, איז אַזאַ פיינלעכע זעלבסט־דערנידערונג, איז אַזאַ ווייטיקלעכע זעלבסט־צונישט־מאַכונג, אַז עס שטייגט כמעט איבער

די מענטשלעכע כוחות דאָס צו טון. אין קענגנטייל איז זאָגן אַז אַט דער דאָזיקער גייסט איז אומשטערבלעך, זייער אין אַנקלאַנג מיט דעם איינדרוק וואָס מיר האָבן וועגן זיין גרויסקייט און וועגן זיין וועלט־וויכטיקייט. אַ סך בעסער האַרמאָנירט עס מיט דעם אומ־מיטלבאַרן איינדרוק, וואָס מיר האָבן וועגן גייסט פון גרויסע מענ־טשן — וויסנשאַפטליט, פילאָזאָפן, נביאים, הייליקע, דיכטער — ווען מיר זאָגן אַז זייער גייסט איז אַ טייל פון גאָט, איידער ווען מיר זאָגן, אַז ער איז אַ רעזולטאַט פון אַ מעכאַניש־פיזיאָלאָגישער פונק־ציע, אַז ער איז דער גייסט פון דער חיה אויף אַ פּאַרפּולקאָמטער שטופע. צו גרויס איז די דיסטאַנץ, צו טיף איז דער תהום, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן גייסט פון מענטש און גייסט פון חיה, אַז מען זאָל אים אַזוי לייכט קענען אַריבערשפּרינגען. דערפאַר זעען מיר, אַז די גרעסטע און פיינסטע גייסטן פון אַלע צייטן, האָבן געגלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. דאָס איז דערפאַר, וואָס וואָס לויטערער אַ מענטשנס פּסיכיק איז, וואָס העכער און דערהויבענער אַ מענטש פילט זיך אַליין, וואָס מער עס ציט אים זיך צו פאַרטיפן אין דער הכרה פון דער וועלט, וואָס ריינער, פיינפילנדיקער און איידעלער אַ מענטשנס נשמה איז, וואָס מער שיינקייט, גוטסקייט און חכמה זי האָט אין זיך, אַלץ מער האָט זי דעם איינדרוק פון זיך אַליין ווי פון אַ העכערער גייסט־סובסטאַנץ. דער גוואַלדיקער קאָנטראַסט צווישן דעם אופן פילן און דענקען פון גרויסן מענטשן, און דעם אופן פילן און דענקען פון דער חיה, שטויסט אים, דעם גרויסן מענטשן, צו האָבן דעם איינדרוק וועגן זיין אייגענער ביאָטישער פּסיכיק ווי וועגן אַ מעטאַפיזישער אומ־שטערבלעכער נשמה, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון לויטערע הימלען און האָט זיך באַזעצט אין אים.

מען מוז באַזיצן אַן אויסערגעוויינלעכע ניכטערקייט פון גע־דאַנק און שטאַרקייט פון ווילן; די ליבע צום אמת — ווי טרויעריק ער זאָל נישט זיין — מוז זיין אַזוי גרויס און פּרעדאָמינירנדיק אי־בער אַלע רעליגיעז־מעטאַפיזישע ליידנשאַפטן וואָס לעבן אין דער אייגענער נשמה, כדי מען זאָל זיך קענען אַוועקשטעלן פּנים אל פּנים מיטן וועלט־און מענטש־פּראָבלעם און נישט געשטרויכלט ווערן.

די צויבערן פון „הימל״ זיינען אזוי גרויס און פארפירעריש; עס בלענדט דארט מיט אזא גייסטיקער פראכט און שיינקייט — אן אייביק־דויערנדיקע פראכט און שיינקייט — און די איבלען פון דער „ערד״ און אירע נישטיקייטן — קורצדויערנדיקע און כהרף־עינדיקע — זיינען אזוי אפשטויסנדיק, נאריש און לעבערלעך, אז מען מוז מיט אן אמת באזיצן א סך כוח, כדי זיך נישט צו לאזן פאנגען פון די בלענדנדיקע אילוזיעס פון הימל, נאר בעסער בלייבן ביים פיינלעכן אמת פון דער ערד.

קאפיטל 3

עטישע רעליגיע

I

כאָטש דער מאָנאָטעאיזם שטייט אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה פון דענקען, ווי דער פּאָליטעאיזם, איז דאָך די וויכטיקייט פון מאָנאָטעאיזם נישט אין זיין העכערן **דענקען**, נאָר אין זיין העכערן **פילן**. נישט די פילאָזאָפיע פון מאָנאָטעאיזם איז וויכטיק, נאָר זיין פּסיכאָלאָגיע.

אורשפּרינגלעך האָבן די מענטשן זיך פאָרגעשטעלט זייערע גאָט־הייטן אַלס שלעכטע, בייזע, נקמהדיקע, בלוטדורשטיקע וועזנס, און אויף דער שטופע פון מאָנאָטעאיזם, האָבן די מענטשן זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן גאָט אַלס אומענדלעך גוטן, אַלס דעם העכסטן אויסדרוק פון ליבע, מילדקייט, באַרמהאַרציקייט, פאַרגעבונג אא״וו. מיר זעען פאַר זיך אַזאַ ראַדיקאַלן שינוי אין דער אינטערפּרעטאַציע פון גאָט, וואָס גייט פון לעצטער אַנימאַליטעט צו העכסטער מאָראַלי־טעט. אַדאַנק וואָס איז דער דאָזיקער עקסטרעמער שינוי פאָרגעקומען? — דער דאָזיקער שינוי אין גאָט איז פאָרגעקומען אַדאַנק דעם וואָס אַזאַ שינוי איז פאָרגעקומען אין מענטשן.

צוזאַמען מיטן גלויבן אין אחדות הבורא, האָט דער מענטש אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַזעלכע נייע עמאָציעס און געפילן, פון וועלכע עס איז אין דער פילגעטעריי אַפילו קיין שפּור נישט פאַראַן.

אין מאַנאַטעאיזם האָט זיך אַנגעהויבן אַנטפּלעקן אַ נייער מענטש. דער מענטש האָט זיך באַוויזן אין אַ ניי ליכט, אַ נייער מענטש איז דערשינען, אַן אומגעהויער העכער באַשעפעניש ווי ער האָט זיך געוויזן צו זיין אין די געצנדינערישע רעליגיעס.

דער דאָזיקער אומבייט איז, נאַטירלעך, נישט פאָרגעקומען מיט איינמאָל און ער איז נישט געווען קיין נס מן השמים, וואָס דער איינציקער גאָט האָט געטון מיטן מענטשן. דער דאָזיקער אומבייט איז געווען אַ פּועל יוצא דערפון, וואָס אין מענטשן האָט געהאַט אָנגערייפט — ווער ווייס פאַרן משך פון וויפל צייט — אַ בעסערע נאַטור. דעם מענטשנס נאַטור איז בעסער געוואָרן, זיינע יענעם וווייטן באַגינען, ווען עס זיינען געבוירן געוואָרן די בלוט־דורשטיקע געטער פון פּאָליטעאיזם. פּונקט ווי די פּילגעטעריי האָט מער נישט אַנטשפּראָכן די נייע פאַזע פון מענטשלעכן דענקען, און דער מענטש האָט אָנגעהויבן איבערשאַצן די וועלט־פראַגע אין ליכט פון זיין ניי־געשטיגענער דענק־קראַפט, אַזוי, און נאָך מער, האָבן די אַלטע פאַרצייטיקע געטער מער נישט אַנטשפּראָכן די נייע פאַזע פון מענטשלעכן פילן, און דער מענטש האָט אָנגעהויבן איבערשאַצן דעם כאַראַקטער פון גאָט אין אָנקלאַנג צו זיין אייגענעם פאַרפיינערטן כאַראַקטער. גאָט האָט, מיט דער צייט, אָנגעהויבן פאָרשטעלן מיט זיך אַזאַ אידעאַל, סובלים וועזן, וועגן וועלכן דער מענטש קען קוים טרוימען. גאָט איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס שענסטע און דערהויבנסטע, וואָס די איידלסטע נשמות זיינען נאָר בכוח צו פילן. ווען מ'פּרוּווט אַ בליק טון אויף דער מענטשהייט אין שפּיגל פון אירע געטער, איז דער אונטערשייד צווישן דעם געצנדינער און דעם עטישן מאָנאָטעאיסט, אומגעהויער גרויס.

איז וואָר־זשע האָט עס געמאַכט אַז גאָט זאָל זיין אַזוי אומענדלעך גוט? פאַרוואָס האָבן זיך גאָר מענטשן ביכלל דערטראַכט צו אַזאַ אומענדלעך גוטן און דערהויבענעם גאָט? פונוואַנען זיינען די אַלע העכסט־עטישע אַטריבוטן און אייגנשאַפטן פון גאָט אַרויסגעדרונגען? וועלכער איז דער לעצטער כוח וואָס האָט די מענטשן געקענט אָנרעגן און שטויסן זיך אויסצומאָלן אַזאַ אידעאַל און לויטער בילד פון גאָט?

אינעם ענטפער אַף אַט די פראַגן ליגט דאָס קאַפּיטאַלע פּראָבלעם פון דער מענטשהייט; מיטן ענטפער אויף אַט די דאָזיקע פראַגן מישפּט מען, שטעלט מען דעם דיאַגנאָז, איבערן גייסטיקן ווערט פון מין מענטש.

און דער ענטפער אויף די פראַגן, מיינען מיר, מוז זיין נאָר איינער: דער אומענדלעך גוטער גאָט איז געבוירן געוואָרן אין מענטשן. אין זיך האָט אים דער מענטש געפונען; אין זיך האָט אים דער מענטש דערקענט און אַנטדעקט און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט; אין זיך האָט דער מענטש דערבליקט דאָס אידעאַלע, שעמערירנדיק און בלענדנדיק גאָט־בילד, און פון זיך אַרויס האָט ער עס געמאָלט. קיין שום אַנדער שול, וואו צו לערנען עפּעס מכוח די עטישע אייגנשאַפטן פון גאָט, אויסער די שול פון זיין אייגענער נשמה, האָט דער מענטש נישט געהאַט. קיין שום אויסערלעכער כוח האָט דעם מענטשן נישט געקענט שטויסן און באַאיינפלוסן זיך אויסצומאָלן אַן אידעאַלן גאָט; דערצו האָט נאָר געקענט שטויסן אַ אינערלעכער כוח. וואָלט דער מענטש נישט דערפילט די עטישע אַטריבוטן פון גאָט אין זיך, וואָלט ער קיין שום אַנדער מקור צו שעפּן דערקענטעניש וועגן גאָטס נאַטור נישט געהאַט. אַלדאָס בעסטע און שענסטע, אַלדאָס איידלסטע און פיינסטע, וואָס דער מענטש האָט דערפילט אויפשטראַלן אין זיין אייגענעם גייסט, האָט ער עס איבערגעגאָסן אין גאָט. יעדער ליכטיקער געפיל וואָס האָט אויפגעבליצט אין מענטשן, יעדע שיינענדיקע עמאָציע וואָס האָט אויפגעלויכטן אין זיין וועזן, יעדע העלע שפּירונג וואָס האָט אויפגעשפּראָצט אין זיין נשמה, האָט ער עס אוועקגעגעבן גאָט. גאָט איז די פולקאָמסטע פּערזאָניפיצירונג פון אַלע לויטערע שטרעבונגען און בענקשאַפטן וואָס לעבן אין מענטשן. אין גאָט זיינען קאָנצענטרירט אַלע טוגנטן און אידעאַלע אַספּיראַציעס צו וועלכע דער מענטש רייסט זיך. גאָט איז די העכסטע פאַרקערפּערונג פון דעם מענטשנס מ ע נ ט ש י־ש ע ר נאַטור, וואָס איז נאָך זייער יונג און וואָס האַלט איצט אין ווערן.

דער דאָזיקער רייף־געוואָרענער שינוי אין מענטשנס גייסט, האָט געמוזט האָבן אַ טיפע, אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויף זיין

גלויבן. וואָרום ווי אַזוי האָט דער מענטש, וואָס אין סאַמע יסוד, אין סאַמע עצם פון זיין גייסט האָט אָנגעהויבן אריינקומען ליב־שאַפט־עמפינדונג און גוטסקייט־געפיל, ווי אַזוי האָט ער געקענט ווייטער גלויבן אין נקמהדיקע, בייזע, בלוטדורשטיקע געטער? דאָס איז געווען אוממעגלעך; דאָס איז געווען אַ סתירה אין זיך גופא; די דאָזיקע צוויי מאָמענטן שליסן זיך אויס איינער דעם צווייטן. גאָט איז שטענדיק און אומפארמיידלעך די פאַרקערפּערונג פון דעם, וואָס מיר זיינען צום טיפסטן אין זיך; גאָט איז די פּערזאָניפיקאַציע פון אונדזער אינטימסטן זיין. די יעניקע גרונט־געפילן וואָס ליגן אויפן דעק פון אונדזער נשמה; די יעניקע אָרגאַנישע און וועזנטלעכע כו־חות, וואָס זיינען באַהאַלטן בחדרי־חדרים פון אונדזער גייסט, לויט זיי פאַרמירן מיר גאָט. זיי, די דאָזיקע כוחות, רייסן זיך דורך אומ־באַמערקט פאַר אונדז אַליין, ספּאָנטאַן און אומבאַוואוסטזיניק גיסן זיי זיך דורך אין אונדזער גאָט־קאָנצעפּט און שמידן אויס אונדזער גלויבן. עס איז נישטאָ קיין בעסער מיטל צו דערקענען דעם מענטשן, ווי אַזוי ער איז אין זיינע טיפסטע־טיפעניש, ווי אויסצוגעפינען ווי אַזוי עס זעט אויס זיין גאָט.

גאָט איז די שטרענגסטע איבערזעצונג, די געטרייסטע קאָפּיע פונעם מענטשנס גייסט. גאָט איז דעם מענטשנס נשמה איבערגע־גאָסן אין געשטאַלט פונעם אַלמעכטיקן בורא עולם. דאָס וואָס מען האָט נישט אין זיך, דאָס קען מען נישט איבערגיסן אין גאָט, און דאָס וואָס מ'האָט יאָ אין זיך, דאָס מוז מען איבערגיסן אין גאָט. ווען עס האָבן אָנגעהויבן געבוירן ווערן מענטשן ביי וועלכע דער „ואהבת לרעך כמוך” איז געווען אויסגעקריצט אין זייער בלוט און פלייש, האָט פון זיך אַליין געמוזט אָנהויבן פאָרקומען אַן איבער־בייט אין זייער גאָט־באַגריף. דער נייער גאָט־באַגריף איז נישט גע־ווען קיין פועל יוצא פון קיין פּראָוויסדיקער באַטראַכטונג און טעאָ־רעטישער קאַלקולאַציע, נאָר ער איז אויפגעקומען ספּאָנטאַן, אַפן זעלבן ספּאָנטאַנעם אופן ווי עס איז אַמאָל אין מוח פון פּרימיטיוון מענטשן אַנטשטאַנען דער באַגריף וועגן זיינע גאָטהייטן ווי וועגן בייזע, בלוט־דורשטיקע און פאַרפאַלגנדיקע וועזנס, אויפן זעלבן אופן איז איצט פון זיך אַליין אויפגעקומען דער נייער באַגריף

ווענן אן אל רחום. דער באגריף ווענן אן אל רחום האָט אָנגעצייי־טיקט אין מענטשנס גייסט און האָט סטיכיש איבערגעשטראָמט אין דער ספערע פון זיין געדאנק. נישט פריער האָט מען מיטן שכל באטראכט, אז גאָט, דער באשאפער פון דער וועלט, דער פאָ־טער פון אלע ברואים, דער טרעגער פון אלץ וואָס עקזיסטירט און האָט א קיום — דארף זיין פול מיט חסד און מיט רחמים, און נישט בייז און נקמהדיק, נאָר פארקערט, פריער האָט דעם מענטשנס הארץ דערפילט אז גאָט איז אומענדלעך גוט און נאָכדעם ערשט האָט ער אָנגעהויבן ארגומענטירן און ברענגען „שכלדיקע" ראיות דאָס צו באשטעטיקן. אויף דער שטופע איידער דער מענטש איז רייף געוואָרן צו פילן גוטס, וואָלט זיין מוח בשום אופן נישט בכוח געווען ארויסצוברענגען קיין איינציקן ארגומענט צו דערווייזן די גוטסקייט פון גאָט, און אזעלכעס וואָלט ביכלל געווען אוממעג־לעך צו דענקען. און ווען אפילו עס וואָלט פון ערגעץ אן אנדער פלאנעט, מיט א העכערן סאָרט מענטשן אראָפּגעקומען אהער א נביא און דאָ געפּריידיקט א גוטן גאָט, וואָלטן אים די מענטשן פון דער ערד נישט אָנגעהויבן צו פארשטיין. נאָר דערפאר וואָס עס איז רייף געוואָרן אין אונדז א געפיל־באזע פאר דעם אל רחום, נאָר דערפאר האָט מען אָנגעהויבן אזוי פארשטיין און דענקען און מ'האָט עס געקענט דערווייזן מיט שכל הישר און מיט ניכטערן פארשטאנד.

וואָלט גאָטס עטישע נאטור נישט רייף געוואָרן אין מענטשן, וואָלט די וועלט אויף אלע צייטן געבליבן באהערשט פון דעמאָנען און בייזע בלוטדורשטיקע געטער, און קיין גאָט פון אומבאגרעניצ־טער ליבע וואָלט קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן. אויב אזעלכעס איז יאָ געשען, אויב בייזע געטער האָבן געמאכט פלאץ פאר א גוטן גאָט, איז די דאָזיקע דערשיינונג נישט פאָרגעקומען אין די הימלען, נאָר אין די מענטשן. אין מענטשן האָט יענע טייל פון זיין נאטור, וואָס איז סימבאָליזירט און פארקערפערט געווען אין די בייזע, בלוטדורשטיקע, האסנדיקע און נקמהדיקע געטער, געמאכט פלאץ פאר דער צווייטער, נייערער און יינגערער טייל פון זיין נאטור, וועמענס סימבאָל און פארקערפערונג עס האָט אָנגעהויבן זיין דער גאָט פון העכסטער ליבע.

די געשיכטע פון די געטער, איז די געשיכטע פון די מענטשן; די עוואָלוציע פון רעליגיע איז די עוואָלוציע פון מענטשנס נאַטור; דער פּראָגרעס פון גלויבן, איז דער פּראָגרעס פון דעם מענטשנס נשמה. גאָרנישט איז פאַראַן אין גאָט, וואָס איז נישט פאַראַן אין מענטשן. אַלץ וואָס געפעלט גאָט, געפעלט עס, אינדערעמתן, דעם מענטשן. פאַרשן גאָט, מיינט פאַרשן דעם מענטשן. פאַרשטיין און דערקענען גאָט, מיינט פאַרשטיין און דערקענען אונדז אַליין. גאָט האָט נישט קיין פּיצל אייגענע רעאַליטעט; גאָטס רעאַליטעט איז אינגאַנצן אונדזער אייגענע רעאַליטעט (אָבער אונדזער אייגענע רעאַליטעט איז זי יאָ!); גאָטס גייסט, איז אונדזער גייסט. ווען דער מענטש איז געווען דורכויס שלעכט, זיינען זיינע געטער געווען דורכויס שלעכט; ווען דער מענטש איז געוואָרן בעסער, זיינען זיי־נע געטער געוואָרן בעסער, און ווען עס זיינען שוין געווען מענטשן וואָס זיינען געווען גאָר גוט, איז זייער גאָט אויך געוואָרן גאָר גוט. דערפאַר איז די עוואָלוציע פון דער גאָט־אידייע די בעסטע מאָס צו מעסטן די עוואָלוציע פון מענטשנס גייסט, וואָרום דורך קיין שום אַנדער אופן האָט דער מענטש נישט אַזוי גרינטלעך און אויב־שעפנדיק, אַזוי אינטים און אינטעגראַל אויסגעדריקט זיך אַליין ווי דורך רעליגיע.

II

דער אומשאַצבאַרער ווערט פון רעליגיע איז אין דעם פּסיכאָ־לאָגישן מאַטעריאַל, וואָס זי ליפערט אונדז. גאָט, און דאָס זעלבע דער שטן, זיינען די געטרייסטע רעפלעקטירונגען פונעם מענטשנס גייסט. אין גאָט שפּיגלט זיך אָפּ מיט דער גרעסטער גענויקייט אַלץ וואָס אין מענטשן טוט זיך. אַלדאָס גוטע און אַלדאָס שלעכטע, וואָס האָט זיך געפונען אין מענטשן, איז איבערגעליפערט געוואָרן אין גאָט.

ווי אומגלויביק מ׳זאָל נישט זיין און ווי מ׳זאָל נישט קוקן אויף די מיסטישע פּערסאָנאַזשן ווי אויף שאַפונגען פונעם מענטשנס גייסט, איז דאָך אָבער זיכער אַז דעם מענטשנס שאַפונגען זיינען זיי יאָ. איז אויב אַזוי, באַקומט רעליגיע און די מיסטיק פאַר

אונדז א גרויסע באדייטונג. מיר נעמען די מיסטיק נישט ווי עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אַ ווערט אָנפאַרזיך, נאָר ווי אַזעלכעס וואָס שפּיגלט אָפּ ווערטן וואָס געפינען זיך אין מענטשן. פאַר די גלויביקע, איז גאָט די רעאַליטעט, און דעם מענטשנס גייסט — דער רעפלעקס; דער מענטש האָט אויף אַזויפיל אַ ווערט, אויף וויפל גאָט איז פאַראַן אין אים. פאַר אונדז, פאַרקערט, איז דער מענטש די רעאַליטעט, און גאָט איז דער רעפלעקס פון מענטשנס גייסט; גאָט האָט אויף אַזויפיל אַ ווערט אויף וויפל דעם מענטשנס גייסט איז פאַראַן אין אים. די גלויביקע, זוכן גאָט אין מענטשן; מיר, פאַרקערט, זוכן דעם מענטשן אין גאָט. אויך מיר „גלויבן אין גאָט", אויך מיר זאָגן אַז גאָט איז אַ ממשות. נישט מער, ער איז אַ ממשות א י ן מענטשן און ד ו ר כ ן מענטשן. מיר גלויבן נישט אַז גאָט, אָדער געטער, עקזיסטירן ווי ווירקלעכע וועזנס; מיר גלויבן אָבער יאָ, אַז זיי עקזיסטירן ווי פּסיכישע דערשיינונגען. מיר גלויבן אין די מיסטישע פּערסאָנאַזשן ווי אין אויסדרוקן און פּערזאָניפיקאַציעס פון מענטשנס גייסט־אייגנשאַפטן.

דער גאָט פון העכסטער ליבע איז פאַרן פּסיכאָלאָג נישט ווינציקער וויכטיק און חשוב ווי פאַרן טעאָלאָג. פּונקט ווי דער טעאָלאָג זעט אין דעם אל רחום די איינציקע האָפענונג פון דער מענטשהייט זיך אַרויסצוקריגן פונעם יאָמערטאָל וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס מענטשלעכע לעבן; פּונקט ווי דער טעאָלאָג זעט אין גוטן גאָט די איינציקע באַזע פאַר מענטשלעכער פאַרבעסערונג און פאַרשענערונג; פּונקט ווי דער טעאָלאָג זעט אין עטישן גאָט דעם העכסטן זינען פון מענטש־ און וועלט־לעבן — אַזוי זעט דאָס אויך דער פּסיכאָלאָג. נישט מער דער פּסיכאָלאָג שטייט אויף אַ פאַרקערטן שטאַנדפּונקט וואָס דער טעאָלאָג. ער קומט נישט פון גאָט צום מענטשן, נאָר פון מענטשן צו גאָט. דער פּסיכאָלאָג זאָגט; אַז וויבאַלד מענטשן האָבן געגלויבט אין אַ דערהויבענעם, אין אַ סופּבלימען גאָט, וואָס איז אי די העכסטע פאַרקערפּערונג און אי דער העכסטער מקור פון יעדער שיינקייט, גוטסקייט און חכמה, איז דערפון געדרונגען אַז מענטשן האָבן אַזוי געפילט. וואָרום ווען נישט, ווען די מענטשן וואָלטן אַזוי נישט געפילט, וואָלט עס געווען אַן

אוממעגלעכקייט, אַז אומזין, אַפילו, אַז זיי זאָלן גלויבן אין אַזאַ גאָט. אונטער יעדן גלויבן, ווייס דער פּסיכאָלאָג אויף זיכער, באַהאַלט זיך אויס אַ פּסיכישע רעאַליטעט. גלויבן איז פאַר אים אַן אומאָפּפרעגבאַרער צייכן, אַז דאָס אין וואָס איינער גלויבט, איז זיינע אַ נשמה־נויגונג. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין נשמה־נויגונג וואָס זאָל זיך אָנקליידן און אונטערהאַלטן אַ באַשטימטע גלויבונג, וואָלט קיין גלויבונג נישט געווען.

אויב אַ גוטער גאָט איז אויסגעטרוימט געוואָרן און אויב מענטשן האָבן געגלויבט אין אים, איז עס אַן אומאָפּפרעגבאַרער באַווייז, אַז דער דאָזיקער גאָט האָט געהאַט אין די מענטשן אַן אינערלעכע אחיזה און אָנשפּאַר. זיי האָבן אים געפילט, זיי האָבן אים באַגריפן מיט זייערע הערצער. ער איז זייער גייסט נישט געווען פרעמד און אומבאַקאַנט.

באַוואוסטזיניק, צי אומבאַוואוסטזיניק, האָט דער מענטש אַנטהילט, אין רעליגיע, זיין גייסט ביז לעצטער נאַקעטקייט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן דנאָ פון זיין נשמה, און פון דאָרט, פון יענעם טיפסטן ממעמקים, האָט ער באַגריפן און געשילדערט גאָט. פאַר גאָט האָט זיך דער מענטש ניט געקענט פאַרמאַסקירן און פאַרשטעלן; פאַר גאָט האָט ער נישט געקענט סימולירן און ליגנערן, ווייל גאָט איז געווען דער בוחן לבבות. און אויב ער האָט זיך יאָ פאַרמאַסקירט און סימולירט און געליגנערט פאַר גאָט, איז עס געווען לחלוטין אומבאַוואוסטזיניק, דאָס הייסט ער האָט נישט געוואוסט אַז ער נאַרט אַפּ גאָט און זיך אַליין. קיין בכיוונדיקע גענאַרעריי איז עס נישט געווען. פאַרן רעליגיע־פּסיכאָלאָג, איז די זעלבסט־ און גאָט־נאַרעריי אַזוי אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, ווי די נישט־גענאַרעריי. וואָרום אין דעם ספּאָנטאַנעם ליגן, זעט דער פּסיכאָלאָג צווייַ פּסיכישע ווירקלעכקייטן: אי די וואָס ווערט פאַרלייקנט, אי די וואָס ווערט אויפגעדעקט. אין אמת, אינקעגנטייל, זעט ער בלויז איין פּסיכישע ווירקלעכקייט — די אויפגעדעקטע. פאַרן פּסיכאָלאָג איז נישט פאַראַן קיין ליגן און קיין אויסטראַכטעכץ ביכלל און ביפרט איז נישט פאַראַן קיין ליגן און קיין אויסטראַכטעכץ אין רעליגיע. פאַר אים איז די אויסטראַכטעכץ און דער

ליגן אזוי אמת — און נאָך אפשר אמתער — ווי דער אמת גופא. דער גאַנצער צוגאַנג פּסיכאָלאָגיש צו באַטראַכטן רעליגיע, שטיצט זיך דאָך אויף דעם פּאָרויסיקן אורטייל, אַז אַלץ אין רעליגיע איז אויסגעדיכטעט און פאַרפאַסט פון מענטשן. אין פאַרקערטן פאַל, אויב רעליגיע וואָלט געווען אמת און ווירקלעך, וואָלט דער פּסיכאָלאָג גאָרנישט געהאַט דאָ וואָס צו טון. א פאַקט וואָס איז ווירקלעך פּאַרלאָפן און וועלכן מענטשן האָבן מיט אַן אמת דערפאַרן, האָט נישט קיין פּסיכאָלאָגישן ווערט; ער האָט א ווערט פאַר די יעניקע וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַזעלכע פאַקטן. א פּסיכאָלאָגישן ווערט האָבן אויסגעטראַכטע פאַקטן, אין וועלכע מ'דאַרף אויסגעפינען דעם פּסיכישן מאָטיוו וואָס האָט דעם אויסטראַכטער באַוועגט זיי אויסצוטראַכטן. אויב רעליגיע איז אמת, דאַן קומט דאָס וואָרט דעם גייסטלעכן און נישט דעם פּסיכאָלאָג. דער פּסיכאָלאָג האָט דעמאָלט צו זאָגן אין רעליגיע, ווען מ'גיט פון לכתחילה צו, אַז רעליגיע איז אמת בלויז פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט. דעמאָלט זאָגט דער פּסיכאָלאָג, אַז וואָס מער אויסטראַכטעכץ, אַלץ מער פּסיכישע רעאַליטעט באַהאַלט זיך אויס אונטער דעם; וואָס מער ליגן דער אויסגעטראַכטער פאַקט איז, אַלץ מער אמת, דאָס הייסט, אַלץ שטאַרקער איז דער אינערלעכער, דער עמאָטיווער כוח, וואָס שטויסט דעם פאַקט אויסצוטראַכטן. לויטן פּסיכאָלאָג, איז גאָט דאָס רעאַלסטע, דאָס ממשותדיקסטע וואָס קען נאָר זיין. וואָס מ'זאָל נישט געווען זאָגן אין גאָטס נאָמען און וויפל מ'זאָל וועגן אים נישט געווען זאָגן, איז אַלץ גוט געזאָגט. וואָרום געזאָגט האָבן מענטשן, און אויפגענומען דאָס געזאָגטע האָבן אויך מענטשן, הייסט עס, אַז עס האָבן געמוזט זיין רעאַלע פּסיכישע סיבות וואָס האָבן באַוואויגן סיי די זאָגער צו זאָגן, און סיי די אויפנעמער אויפצונעמען. דערפון דרינגט אַרויס, אַז אַלץ וואָס איז וועגן גאָט געזאָגט געוואָרן, און אַלץ וואָס מענטשן האָבן וועגן גאָט געגלויבט, האָט געהאַט א פּסיכישן גרונט אין זיי.

אויב עס איז געווען אַזאַ זאַך ווי עטישע רעליגיע, מיט וועלכער די מענטשהייט — אָדער לפּחות די פרומע מענטשן — האָט אָפּגעלעבט א גרויסן טייל פון איר היסטאָרישן לעבן, איז עס נישט

געוועז קיין אויסטראַכטעניש, נאָר שטרענגע ווירקלעכקייט. די שטרענגע ווירקלעכקייט איז באַשטאַנען אין רייכן און פרוכטבאַרן נשמה־לעבן, וואָס די פרומע מענטשן האָבן געפירט אונטער עטישע רעליגיע. די מעטאַפיזיק, די אידייאישע פאַרעם, האָט געקענט זיין טרוים, אָבער דאָס וואָס די גוטע און די פרומע האָבן געפילט אונטערן דאָזיקן טרוים, איז געווען רעאַליטעט. די העכסט־העכסטע אויפשוואונגען און דערהויבונגען פון מענטשלעכן גייסט, זיינען געווען אמת און ווירקלעך. ווען איינער גלויבט, טעותדיק, אין אַ גוטער אָדער שלעכטער בשורה, וואָס מ'זאָגט אים אָן, לעבט ער איבער פרייד אָדער צער. די בשורה קען זיין פאַלש, אָבער דאָס איבערגעלעבטע דורך דער בשורה, איז שטענדיק אמת. די פראַגע צי די רעליגיעזע בשורה איז אמת אָדער ניט, דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. דער פאַקט איז אָבער אַז די דאָזיקע בשורה האָט אַרויסגערופן די גוואַלדיקסטע איבערלעבונגען ביי די בעסערע מענטשן. איז דאָס טאַקע וויכטיק: עס איז וויכטיק, אַז אונטער עטישער רעליגיע האָבן פרומע מענטשן געפירט דאָס שענסטע און לויטערסטע נשמה־לעבן. דאָס ווייזט אונדז, אַז מענטשן זיינען בכוח צו פירן אַ שיין און לויטער נשמה־לעבן; זיי זיינען באַרופן דערצו, זיי האָבן עס אין זיך. און עס ווייזט אונדז אויך, אַז די געטלעכע בשורה האָבן די מענטשן זיך אליין אָנגעזאָגט. דערפאַר וואָס די מענטשן האָבן געוואָלט הערן די דאָזיקע בשורה, האָבן זיי זי אויסגעחלומט און זי זיך אָנגעזאָגט.

זאָל זיין אַז רעליגיע איז נישט מער ווי אַ חלום. אָבער אַ חלום האָט אויך זיין אמת. אויב די מענטשהייט האָט געהאַט אַזאַ שיינעם חלום, איז עס אַ באַווייז אַז עס זיינען פאַראַן אינערלעכע מאָמענטן וואָס האָבן דעם שיינעם חלום אַרויסגערופן און אונטערגעהאַלטן, איז עס אַ באַווייז, אַז אין מענטשנס נשמה זיינען פאַראַן געהיימע שטרעבונגען, וואָס האָבן דעם דאָזיקן דורות־לאַנגן חלום פאַראורזאַכט און גענערט.

זאָל זיין אַז עטישע רעליגיע איז נישט מער ווי דיכטונג, אָבער דיכטונג איז אויך ווירקלעכקייט פון מענטשנס גייסט. וואָס איז דען דיכטונג? — דיכטונג איז אויסדריקן די אייגענע נשמה אין שיינקייטס־פאָרמען; פאַרויסערן די פאָעזיע וואָס מ'האָט אין זיך, אין

פּאָעטישע געשטאַלטונגען. די פּאָעטישע געשטאַלטן זיינען נישט רעאַל, רעאַל איז בלויז דער פּאָעטישער אינהאַלט, וואָס שטייט הינ־טער זיי. גאָט איז געווען די העכסטע פּאָעטיזאַציע פון דעם מענטשנס אינערלעכער פּאָעזיע. ווען די מענטשן וואָלטן נישט געהאַט דעם פּאָעטישן תוך אין זיי, וואָלט די פּאָעטישע פאָרעם נישט געקענט זיין אויסער זיי.

אויב מענטשן האָבן זיך אין עטישער רעליגיע געפילט הייליק, זיינען זיי געווען הייליק, איז עס א סימן, אז אין מענטשן איז דאָ הייליקייט; אויב מענטשן האָבן זיך אין עטישער רעליגיע געפילט גוט און לויטער, זיינען זיי געווען גוט און לויטער, איז עס א סימן, אז אין מענטשן איז דאָ גוטס און לויטערקייט; אויב מענטשן האָבן אונטער עטישער רעליגיע געפילט יום טוב אין זייער נשמה, איז עס א סימן אז יום טוב איז דאָ אין דער מענטשלעכער נשמה; אויב מענטשן האָבן טרוימענדיק וועגן גאָט, געפילט התרוממות, עקס־טאַז און פּאַטאָס עד כלות הנפש, איז עס א באַווייז, אז די פעאי־קייט זיך צו באַגייסטערן ביז צו אזא הויכן גראַד, איז פאַראַן אין מענטשן.

ס'איז נישט וויכטיק צי ס'איז געווען א גאָט וואָס האָט אויס־געהערט די שענסטע האַרץ־אויסגוסן וואָס די מענטשלעכע דורות האָבן פאַר אים געמאַכט; וויכטיק איז, אז מענטשן האָבן אַזעלכעס געטון; ס'איז נישט וויכטיק צי ס'איז געווען א גאָט וואָס האָט פאַרנומען די ריינסטע מענטשלעכע תפילות; וויכטיק איז, אז מענ־טשן האָבן תפילה געטון. און אין די תפילות, וואָס זיי האָבן געשיקט צו גאָט, האָבן זיי אויסגעדריקט די שענסטע, די איידלסטע געפילן, די צאַרטסטע, די פיינסטע שפּירונגען, וואָס זיינען אין זיי אויפגע־קומען. די תפילות וואָס די פרומע לייט האָבן געשיקט צו גאָט זיי־נען געווען אי זיסע ליריק, אי טיפע עלעגיע, אי שטורעם און אויפ־ברויז פון געמיט, אי שטילע, רואיקע שטימונג, אי פרייד און אי טרויער, אי וועלט־שמערץ און אי לעבנס־ענטוזיאַזם.

אַזוי געזען, שטעלט מיט זיך פאָר רעליגיע אַן אומדערשעפּ־לעכן קוואַל פון ב י אָ ע ט י ש ע ו ו ע ר ט ן . אין עטישער רעליגיע האָט דער בעסערער מענטש זיך צעשטראַלט מיט אַלע זיי־

נע פּראַכטן. אין עטישער רעליגיע האָט דער בעסערער מענטש ארויס־געבראַכט פון זיך גאָר זיין שיינקייט, וואָס איז פאַראַן אין אים. אין עטישער רעליגיע שעמערירט דער גייסט פון מאָראַל־מענטשן מיט אַן אמת געטלעך ליכט. אַן אומויפהערלעכער און אומדערזעטיקלע־כער דראַנג צו נשמה־ריינקייט און נשמה־דערהויבנקייט באַהערשט אים. וואָס ריינער ס'איז געוועזן אַ מענטשלעך האַרץ, וואָס איידע־לער און פיינפילנדיקער, אַלץ מער האָט עס געגאַרט נאָך לייטערונג און דערהויבונג.

זעען מיר די גוואַלדיקע הויך צו וועלכער עס האָבן זיך אויפ־געהויבן אין עטישער רעליגיע די שענערע און בעסערע מענטשן, דעמאָלט מוז מען כאָטש אויף וויפל עס איז אָנהויבן צו גלויבן אין דעם כוח און ווערט פון דעם מענטשנס מאָראַלישער נאַטור. אָט גייען דורך פאַר אונדזערע אויגן די דורות און דורות הייליקע, צדי־קים און אמת־גוטע און פרומע לייט. מיר זעען פאַר זיך מענטשן מיט בלאַנקע הערצער און קרישטאָל־ריינע נשמות, מענטשן מיט אַ טויבן־גוטסקייט און אַ טויבן־ליבשאַפט אין זיך, מענטשן פון אַ גרעניצלאָזער ערלעכקייט און תמימות. די דאָזיקע פילן־מיט דעם צער פון יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש, זיינען גרייט זיך מסריב צו זיין פאַר דער טובה פון יעדן מינדסטן מענטשן, זיינען גרייט מיט ליב און זעלע צו העלפן יעדן ליידנדיקן און באַעוולטן; ווייסן נישט וואָס הייסט עמיצן וויי־טון, וואָס הייסט עמיצן באַליידיקן, וואָס הייסט ליגן־זאָגן און אָפּנאַרן. קוואַלן פון ליבע צו מענטש און וועלט שטראָמען פון זייערע הערצער. אַן אומשטילבאַרע בענקשאַפט און אומלעשבאַרער דורשט נאָך גוטסקייט און שיינקייט באַהערשט זיי. דעם גאַנצן אוניווערז האָבן זיי אָנגעפילט מיט זייער שטראַלנ־דיקער ליבע, די גאַנצע וועלט אָנגעגאָסן מיט זייער לויטערער שיינ־קייט.

אָט הערן מיר די דאָזיקע טויבן־נשמות, די צדיקים און צדקניותן פון אַלע צייטן, זינגען תהילים ותשבחות צום אויבערשטן; מיר הערן ווי זיי גיסן אויס זייערע ריינע אומשולדיקע הערצער אין תפי־לות צו גאָט ברוך הוא; מיר זעען זיי פאַרטיפט אין זיסער דביקות; מיר זעען זיי צעשטראַלט אין ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז און היילי־

קער התלהבות. יעדער אויפשוואונג פון געפיל, יעדער ציטער פון הארץ, יעדע רעגונג פון געמיט, איז — „אן אויפשטראלונג פון געטלעכן גייסט אין זיי". זייער גאנץ לעבן איז איין גרויסער יום טוב און די גאנצע וועלט איין גרויסער ליכטיקער שויפלאץ וואו עס אנטפלעקט זיך גאטס חסד און גאטס רצון.

וואס איז דאס אלץ? ווער האט אריינגעטון אין די דאזיקע מענטשן אזא דערהויבנקייט פון פילן? ווער האט אין זיי אריינגעגעבן אזא עמאטיוון פראכט, וואס אפילו אונטער דער ווירקונג פון די העכסטע קונסטן האבן מיר אזעלכעס נישט געזען?

די דאזיקע סובלימע פסיכיק איז פאראן אין מענטשן. ווען זי וואלט נישט געווען אין מענטשן, וואלט מען זי דורך קיין שום מיטל אין דער וועלט אין אים נישט געקענט אריינזעצן. דאס וואס דער מענטש איז נישט, דאס קאן קיין שום גלויבן, ווי שטארק ער זאל נישט זיין, עס פון אים נישט מאכן; דאס וואס דער מענטש קען נישט פילן, דאס פילט ער נישט, וואס מ'זאל דערצו נישט טאן. און דאס וואס דער מענטש קען נישט פילן, דאס קען ער נישט דענקען און דאס דענקט ער נישט.

נישט גאט האט געמאכט די דאזיקע מענטשן אזוי שיין און לויטער, נאר די דאזיקע שיינע און לויטערע מענטשן האבן געמאכט גאט אזוי...

דער געפיל איז דאס רעאלסטע און פונדאמענטאלסטע אינעם מענטשנס גייסט. אלע שכלדיקע באטראכטונגען, אלע קאנצעפטן און אידייען, אלע וועלט, מענטש און געזעלשאפט-אנשויאונגען, אלץ וואס דער שכל ברענגט ארויס און פארפיקסירט, אלץ האט זיין לעצטן מקור אין געפיל. דער געפיל איז דער אלערהעכסטער באפעלער אינעם מענטשנס גייסט. און האט זיך איינמאל דעמאנסטרירט אין לעבן א באשטימטער קאמפלעקס געפילן, מעג מען זיין זיכער, אז דער דאזיקער קאמפלעקס געפילן איז אויף שטענדיק פאראן אין מענטשן. אז ער איז א באשטאנדטייל פון זיין ביאפסיכישער קאנסטיטוציע, און אז ער וועט קומען צום אויסדרוק אין לעבן, פאר יעדעס מאל ווען עס וועלן זיין די געהעריקע אומשטענדן דערפאר.

די ערשטע אסטראָנאָמען וואָס האָבן באָאָבאַכטעט דעם פּלאַ־נעט סאַטורן דורכן טעלעסקאָפּ און האָבן געזען זיך ענדערן די פּאָ־זיציע פון זיינע רינגען, האָבן יעדע נייע פּאָזיציע אָנגענומען פאַר אַ דעפיניטיווער פאָרעם פונעם סאַטורן, ביז נאָך אַ לענגערן באָאָבאַכ־טן, איז מער געוואָר געוואָרן זיין אמתן אויסזען. בנוגע דעם מענטשנס נאַטור, מאַכט מען, קענטיק, אויך דעם זעלבן טעות. דעם מענטשנס נאַטור בייט איר אויסזען אין צייט און אָרט; דעם מענטשנס נאַ־טור מאַכט דורך פּאַזן אינעם פירמעמענט פון דער געשיכטע. אַמאָל, אונטער גינסטיקע אומשטענדן, דרייט זיך דער מענטש אויס מיט דער ליכטיקער זייט פון זיין טבע צום לעבן, און די פינצטערע זייט בלייבט אין שאָטן און אומזעעבאַר, און אַמאָל, פאַרקערט, אונטער־אומגינסטיקע אומשטענדן, דרייט זי זיך אויס מיט דער פינצטערער זייט צום לעבן און די ליכטיקע בלייבט אין שאָטן און אומזעעבאַר. איז אָנשטאָט צו פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען נישט מער ווי פּאַזן פון דעם מענטשנס טבע, נעמט מען אָן יעדע נייע פּאַזע פאַר אַ נייער ווירקלעכקייט, און די פריערדיקע פּאַזע באַטראַכט מען פאַר אַ זאַך, וואָס עקזיסטירט נישט מער.

אונטער עטישער רעליגיע האָט דעם מענטשנס נאַטור דורכ־געמאַכט אַ זייער ליכטיקע פּאַזע. אונטער דער אידייע־קראַפט פון אַ אידעאַלן און סובלימען גאָט, האָט דער ביאָעטישער אוואַנגאַרד פון אונדזער מין, קולטיווירט אין זיך ביזן העכסטן גראַד זיין גרויסע ליבע. גאָט איז טאַקע געווען נישט מער ווי אַן אידעאַלער טרוים, אָבער דאָס אַלץ וואָס מענטשן האָבן איבערגעלעבט און דורכגע־פילט אונטערן דאָזיקן אידעאַלן טרוים, איז געווען פּסיכישע רעאַ־ליטעט. אַ געדאַנק, אַן אידייע, קען זיי אַ טעותדיקע, אַ פאַלשע; קיין פאַלשע און טעותדיקע עמאָציעס קענען דאָך אָבער נישט זיין. ווען דער מענטש וואָלט נישט געהאַט ביכולת צו פילן און איבער־צולעבן דאָס אַלץ וואָס ער האָט געפילט און איבערגעלעבט אונטערן צויבער און היפּנאָז פון דער סובלימער גאָט־אידייע, וואָלט ער עס נישט געפילט און נישט איבערגעלעבט. אַלדאָס שיינע און גוטע וואָס דער מענטש האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט אין עטישער רעלי־גיע, האָט ער עס געהאַט — און ער האָט עס! — אין זיך. די

עטישע גאָט־אידייע איז געווען נישט מער ווי אַ מיטל צו סטימו־לירן און אַקטיוויזירן די עטישע פּאָטענץ, וואָס האָבן געדרעמלט אין מענטשנס גייסט; דאָס אידעאַלע גאָט־בילד איז געווען אַ גוואַל־דיקער טרייב־כוח צו קולטיווירן די בעסטע מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן, אָבער ווען עס וואָלטן נישט געווען אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָלט נישט געווען וואָס צו קולטיווירן, און קיין שום גאָט וואָלט דאָ גאָרנישט געקענט אויפטון. — איז עס נישט קיין גענוגנדיקער באַווייז פאַר דעם עטישן אָדער „געטלעכן" טייל פון דעם מענטשנס נאַטור?! ווען עס וואָלט אפילו נישט געווען קיין אַנדער געביט, נאָר בלויז עטישע רעליגיע, וואָלט זי אַליין שוין געווען גענוגנדיק צו באַגרינדן און דערווייזן דעם עטישן טייל פון מענטשן. עס איז באמת דער גרעסטער חידוש פאַרוואָס עס איז ביז איצט נאָך ניט געשאַפן געוואָרן קיין ספּעציעלע ביאָטישע וויסנ־שאַפט. די מאַטעריאַלן פאַר אַזאַ וויסנשאַפט זיינען צעוואָרפן איבער די פאַרשידנסטע געביטן פון מענטשלעכע קולטור־ און סאָ־ציאַלע באַוועגונגען. עס פאָדערט זיך נישט מער ווי זיי צונויפנע־מען, אַרומרייניקן, אָרדענען און אַרויסברענגען די געהעריקע שלוסן און געזעצן. אפשר וואָלט אַזאַ וויסנשאַפט געהאָלפן דער בלאָנ־דזשנדיקער און זיך ראַנגלענדיקער מענטשהייט זיך צו אָריענטירן צו אַ בעסער לעבן אין דער צוקונפט...

דער הויפּט־געביט פאַר אַזאַ וויסנשאַפט בלייבט עטישע רע־ליגיע. דער דאָזיקער גוואַלדיקער געביט איז נאָך לחלוטין נישט באַ־גריפן געוואָרן פונעם שטאַנדפּונקט פון ריינער פּסיכאָלאָגישער פאָר־שונג. עס דאַרף געפאָרשט ווערן סיי דער פּסיכישער הינטערגרונט פון די רעליגיעז־עטישע וויזיעס, אידייען און קאָנצעפּטן, און סיי די עמאָציעס און געפילן וואָס זיינען אוממיטלבאַר געקומען צום אויסדרוק אין עטישער רעליגיע. עס אַנטפּלעקט זיך דאָ פאַר אונדז אַ ים פון שיינקייט. מיר זעען דאָ די בעסערע מענטשן זיך באַוועגן אינערהאַלב אַזאַ ליכט־ספערע, אַז עס בלענדט ממש די אויגן; מענ־טשן זיינען פאַרוואַנדלט אין אמתע געטלעכע וועזנס. אמת אַז אַלץ איז דאָ אַרומגעהילט מיט אַ מעטאַפיזישן שלייער, אַלץ איז דאָ דערקלערט און פאַרטייטשט אין מיסטישע טערמינען און קאָנצעפּטן.

אָבער פאַרן פּסיכאָלאָג איז עס נישט קיין שטערונג, דער פּסיכאָלאָג וויים אַרויסצושיילן דעם פּסיכישן קערן פון דעם מיסטישן שאַלעכץ. די שאָלעכץ וואַרפט מען אַוועק, און די רעאַלע גייסט־ווערטן נעמט מען צו.

III

עס קען זיך אויסווייזן, אַז אַ דורך און דורך רעליגיעזער שטייגער ווי פּרישות, האָט אַ זינען נאָר דעמאָלט ווען מ'גלויבט אין גאָט און מ'קוקט אויף דער וועלט און אויפן ערדישן לעבן ווי אויף מינדערוויכטיקייטן; נאָר דעמאָלט האָט עס אַ זינען צו פאַרלאָזן די הבלי עולם הזה און זיך ווידמענען דעם דינסט פון אויבערשטן. אינדעראמתן איז עס נישט אַזוי. מענטשן מיט פילאָזאָפיש־פּאָעטישע נשמות פילן זיך גענייגט צו אַן אָפּגעזונדערט לעבן.

עס זיינען געווען אַסאַך נישט־גלויביקע איידעלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער וועלט און זיינען אַוועק לעבן נאָענט פון דער נאַטור, פּשוט דערפאַר וואָס אַזוי האָבן זיי זיך מער גייסטיק אויסגעלעבט, אַזוי האָבן זיי גענאָסן מער נשמה־רו און מער זעלישן פאַרגעניגן. פאַרשטענדלעך, אַז די געדאַנקען־וועלט פון רעליגיע איז באַזונדערס מסוגל צו רעגן אָט די דאָזיקע נייגונג אין מענטשן. דער גלויבן אין גאָט אין וועלכן עס זיינען קאָנצענטרירט אַלע שיינקייטן פון דער וועלט און פון מענטשן און וועלכער איז די העכסטע פאַרקערפּערונג פון חכמה און וויסן, איז געווען אַ שטאַרקער אַנשטויס פאַר די „רעליגיעזע נאַטורן”, אַז זיי זאָלן זיך איינגאַנצן ווידמענען דאָס דינען גאָט. דינען גאָט האָט געמיינט: נעמען זיך אַליין, דורכן גאַנצן לעבנס־דויער און זיך אָפּגעבן, זיך צוטורליען, זיך פאַראייניקן, זיך אַריינגיסן אין גאָט, דאָס הייסט, זיך פולשטענדיק אויפלייזן און זיך צונויפגיסן מיט דעם סאַמע גייסט פון שיינקייט, גוטסקייט און חכמה וואָס דרינגט דורך די וועלט. אין אָנבליק פון אַזאַ צויבער־אידייע האָבן געמוזט פאַרבלאַסט ווערן אַפילו די שטאַרקסטע רייצן פון קערפּער און די גרעסטע פאַרגע־

ניגנס פון וועלטלעכן לעבן. אָן דער דאָזיקער אידייע וואָלט ווירק־לעך אוממעגלעך געווען אפילו פאַר די בעסטע מענטשן צו דער־גרייכן אַזאַ הויכן גראַד פון השלמה ווי מיט איר. דאָך מיינט עס נישט, אַז די הייליקע, גאָט־געווידמעטע זיינען אַזוי הויך געשטיגן, ווייל די גאָט־אידייע האָט זיי אַזוי הויך אויפגעהויבן, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַזוי הויך צו שטייגן — אין זיך. נישט גאָט האָט אָוועקגערופן די צדיקים און די הייליקע פון וועלטלעכן לעבן און זיי געהייסן זיך אים אינגאַנצן ווידמענען, נאָר, פאַרקערט, די צדיקים און די הייליקע האָבן גאָט אָוועקגערופן פון דער וועלט און זיינען געגאַנגען מיט אים פאַרווען התבודדות און יחוד. דאָס וועלטלעכע לעבן מיט זיינע איבלען און נאַרישקייטן, מיט זיינע ליגנס און פאַלשקייטן, מיט זיינע עוולות און פאַרדאָרבנ־קייטן, מיט זיינע געמיינהייטן און פריוואָליטעטן — האָט די צדי־קים און הייליקע אָפגעשטויסן פון זיך. האָבן זיי גענומען גאָט און אַוועק מיט אים ווייט פון דעם אַלעמען, אַוועק אויפן שוים פון דער נאַטור און דאָרט אויסגעלעבט און אויסגעווירקט יענע אַלע אייגנ־שאַפטן פון זייער נשמה, פון וועלכע גאָט איז געווען די העכסטע פאַרקערפּערונג.

אפילו דאָס באַגרעניצן און אונטערדריקן דעם קערפּער, וואָס איז געווען אַ הויפּט־תנאי אין דער פרישות, און וועלכעס זעט, אין פלוג, אויס צו זיין אַ אַנטי־נאַטירלעכע, ריין־מיסטישע דערשיי־נונג, האָט אויך ריין־פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונג אין מענטשן. דער בעסערער מענטש איז בטבע גייסטיק איבערגעוואַקסן זיין קערפּער. דער זאָג פון פּלאַטינוס אַז ער שעמט זיך צו האָבן אַ קערפּער, איז נישט אינגאַנצן קיין אויסדרוק פון זיין עקזאַלטירטן מיסטישן ענ־טוזיאַזם, נאָר ער האָט אויך אַ געזונטן גרונט אין אונדזערן נאַ־טירלעכן פילן די זאַכן. עס איז פאַראַן אַ געוויסע נייגונג ביי יעדער איידעלן מענטשן צו געבן פאַרצוג די גייסטיקע באַדערפעניש אי־בער די קערפּערלעכע. באַזונדערס איז דאָס זיין־אָפּגעגעבן די פאַר־געניגנס פון גוף דערוווידער יעדן גייסט־מענטשן. די וואָס מ׳רופט „גייסט־מענטשן" האָבן בטבע מער הנאה פון גייסט־זאַכן איידער פון גוף־זאַכן און זוכן שטענדיק מער צו געניסן פון די ערשטע

איידער פון די צווייטע. יעדנפאַלס איז דאָס פאַרגיינען דעם קערפּער אין דער אַסקעזיע און נזירות נישט געווען קיין רעזולטאַט פון דער מיסטישער אָנשויאונג, נאָר פאַרקערט, דערפאַר וואָס ביי איידעלע נאַטורן האָט פּרעדאָמינירט די ניי גונג צו גייסט־ענינים, האָט זי גע־קריגן אויסדרוק אין דער עכטער, אין דער ערלעכער פּרישות. (וואָ־רום ס'איז אויך געווען אַ פאַלשע, אַן אויטאָ־סאַדיסטישע, פּעו־ווערזע פּרישות). ווען דעם מענטשנס גייסט וואָלט זיך געפונען אין פולער־פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט זיין קערפּער און עס וואָלט נישט געווען דער מינדסטער דיסאַנאַנס צווישן זיי, וואָלט זעלבסט־פאַרשטענדלעך נישט געקענט אַנטשטיין קיין אידייע וואָס זאָל מאַ־כן אַ טוגנט פון דערוווידערן דעם קערפּער און אונטערדריקן זיינע פאַרלאַנגען. פונוואַנען וואָלט דען אַזאַ אידייע געקענט אויפקומען, וואָס וואָלט איר אַרויסגערופן און אויף וואָס וואָלט זי זיך באַזירט?

אויב מענטשן האָבן געגלויבט אַז עס געפעלט גאָט זיי זאָלן פאַרלאָזן די וועלט און זיך אים איינגאַנצן ווידמענען; זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן צו פירן אַ מאַטעריעל לעבן, נאָר בלויז פירן אַ לעבן פון גייסט; זיי זאָלן אונטערדריקן און באַקעמפן די פאַרלאַנגען פון גוף און בלויז נאָכגעבן די פאַרלאַנגען פון דער נשמה — איז עס אַ באַווייז, אַז זייי גופא איז עס געפעלן, אַז די דאָזיקע נטיה איז געווען אין זיי.

אין דער אַסקעזיע דאַרף מען איינזען דעם העכסטן אויסדרוק פון דעם מענטשנס שטרעבן צו טאָטאַלער גייסטיקייט; אַסקעזיע איז פאַרלאַנג פון מענטשלעכן גייסט צו אַליינהערשאַפט; עס איז אַ שטרעבונג זיך צו פאַרוואַנדלען אין הוילע רוחניות...

IV

אונטער עטישער רעליגיע האָבן די מענטשן געהאַט יום־טוב אין לעבן. צי ווייסט מען דען גאָר איצט וואָס עס הייסט יום־טוב? דער רעליגיעזער מענטש האָט זיך אין זיין יום־טוב־טאָג געפילט העכער, שענער און בעסער, ווי אין די וואָכעדיקע טעג. אַ ריינ־קייט, אַ זויבערקייט האָט זיך צעלייגט אין זיין נשמה. אַ זיסע

מנוחה און אַ שטילע פרייד האָט אָנגעפילט זיין האַרץ. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ טאָג גייסט־לעבן. דאָס פילן אונדזער גייסט אין אונדז, ברענגט אונדז תענוג און גליק. זיין אין אַ יום־טובדיקער שטימונג מיינט אי זיין בעסער און אי פריילעכער אין מונטערער ווי אינדערוואָכן. די צוויי מאָמענטן זיינען צווישן זיך ענג פאַרבונדן, זיי זיינען איין מאָמענט, אונטער צוויי אַספּעקטן. גייסט־לעבן מיינט צו גלייכער צייט אי טוגנהאַפט לעבן אי פרייד־פול לעבן. אין דעם באַגריף יום־טובדיקייט ווערן די דאָזיקע צוויי מאָמענטן אויסגעדריקט מיט אַ באַזונדערער קלאָרקייט. אָפּטמאָל ווייסט מען אַליין נישט וואָס עס כאַראַקטעריזירט מער דעם יום־טוב: צי די פריידיקע שטימונג, אָדער דאָס פילן זיך שענער און בעסער. דער אמת איז, אַז דער יום־טוב איז צונויפגעשטעלט פון די ביידע געפילן אינאיינעם, זיי זיינען איין זאַך.

פונוואַנען האָט זיך צום רעליגיעזן מענטשן גענומען יום־טוב־דיקייט, און וואָס אַזעלכעס איז יום־טוב? יום־טוב איז דערפילן דעם מענטשן אין זיך; יום־טוב איז אונדזער אינערלעכע פּאָעזיע, אונדזער אינערלעכע קונסט. יום־טוב און וואָך זיינען פאַראַן אין מענטשן. פאַראַן מענטשן וואָס זיינען כולו יום־טוב און פאַראַן מענטשן וואָס זיינען כולו וואָך. דער געוויינלעכער מענטש דער־הויבט זיך אין זיין יום־טוב־טאָג צו דער מדרגה פון גייסט־מענטשן, פון יום־טוב־מענטשן. און דער לעצטער איז אין די יום־טוב־טעג נאָך מער ער אַליין ווי אין די וואָכנטעג.

וואָלט קיין יום־טוב נישט געווען אין מענטשן, וואָלט עס קיינער נישט געקענט אַריינטון אין אים, וואָלט ער קיין יום־טוב נישט געהאַט, ער וואָלט אפילו נישט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס. זיין לעבן וואָלט געווען בלויז וואָך, בלויז גרויע, מרה־שחורהדיקע וואָך. און אויך זיין גאָט און זיין גלויבן וואָלטן געווען בלויז וואָכעדיקע. אויב דער מענטש האָט אויסגעטרוימט אַ גאָט און אַ גלויבן וואָס זיינען געווען יום־טוב, וואָס זיינען געווען דער העכסטער אויסדרוק און דער תמצית פון יום־טובדיקייט, איז אַ סימן, אַז יום־טובדיקייט איז געווען אין מענטשן, און פון זיך אַרויס האָט דער מענטש זיך אויסגעטרוימט זיין יום־טובדיקן גאָט און זיין

יום־טובדיקן גלויבן. נישט גאָט איז געווען די סיבה פון מענטשנס יום־טוב, נאָר דער רעזולטאַט זיינער. פאַרשטענדלעך, אַז נאָכדעם האָט גאָט צוריקגעווירקט אויפן מענטשן צו סטימולירן די יום־טוב־דיקייט וואָס איז געווען אין אים. דאָך, אורשפּרינגלעך, איז די אידייע פון אַ יום־טובדיקן גאָט געווען דער פּראָדוקט פון מענטשנס גייסט און נישט פאַרקערט.

וואָלט יום־טוב געווען אַ דערשיינונג, וואָס איז פאַראורזאַכט פון רעליגיע, וואָלט עס דער נית־רעליגיעזער מענטש נישט פאַרשטאַנען. ער פאַרשטייט עס אָבער יאָ, ער פילט וואָס אַזעלכעס עס הייסט יום־טוב און ער בענקט נאָך דעם. ווען ער פּרואווט איבערלעבן אין דער פאַרשטעלונג די יום־טוב־שטימונג פון רעליגיעזן מענטשן, פילט ער אויך, ביז אַ געוויסן גראַד, אָט יענעם עונג רוחני, יענעם זיסן תענוג, יענעם פרידן און פרייד פון דער נשמה, וואָס עס האָט געפילט דער גלויביקער אין זיינע יום־טוב־טעג. דאָס באַווייזט, אַז עס קען זיין יום־טוב אָן מיסטישע פּרעטעקסטן. די מענטשן וואָלטן נאָר באַדאַרפט וועלן אַרויסברענגען זייער יום־טוב פון זיך, און עס וואָלט געווען יום־טוב אין לעבן. זיי ווילן עס נישט. אונטערן דרוק פון דער גאָט־אידייע האָבן זיי עס יאָ געוואָלט און — געהאַט.

און נאָך אַ סך גוואַלדיקע גייסט־ווערטן האָבן די מענטשן געהאַט אונטער עטישער רעליגיע, וואָס זיי וואָלטן זיי געקענט האָבן אויך אָן איר און דאָך האָבן זיי זיי נישט. אָט למשל תורה־לערנען. — צי קען מען דען זיך איצט פאָרשטעלן, וואָס תורה־לערנען האָט געמיינט אין לעבן פון מענטשן! וואָס פאַר אַ גוואַלדיק־הויכן אינהאַלט דאָס האָט געגעבן זייער לעבן; ווי הויך, ווי אידעאַל, ווי פאַרפיינערט מענטשן זיינען דורכדעם געוואָרן! עס איז דאָ איצט נישט וויכטיק דער ווערט פון דער דאָזיקער תורה אַ נ פ אַ ר ז י ך, נאָר דאָס וואָס אירע ל ע ר נ ע ר ה אָ ב ן אָ י ן א י ר אַ ר יי נ ג ע ל יי ג ט , וואָס זי האָבן ג ע פ י ל ט אין תורה־לערנען. איין זאַך איז שאַצן רעליגיעזע ווערטן אַנפאַרזיך (אויב עס זיינען ביכלל פאַראַן ווערטן אַנפאַרזיך), און אַ צווייטע זאַך איז שאַצן רעליגיעזע ווערטן, ווי זיי זיינען געווען פאַר די וואָס האָבן געגלויבט אין זייער הייליקייט, אין זייער געטלעכן און הימלשן

אפשטאם. דער ווערט פון דער תורה ווי זי איז געווען פאר אירע לערנער איז געווען גוואלדיק הויך. דאס בעסטע וואס מענטשן האבן געפילט האבן זיי אריינגעלייגט אין דעם. תורה־לערנען איז געווען דער אומאיבערשטייגלעך־העכסטער אידעאל אין לעבן פון מענטשן. אויב דאס לעבן האט געהאט א וועלכן עס איז זינען און צוועק, איז עס געווען נאר צוליב תורה־לערנען. די גרעסטע מאס יראת־הכבוד, רעספעקט און אכטונג, וואס מענטשן זיינען נאר בכוח צו פילן צו א הויכער זאך, האט מען געפילט צו תורה־לערנען. קיין שום אנ־דערע גייסטיקע טעטיקייט אין דער וועלט, האט קיינמאל נישט ארויסגערופן צו זיך אזא טיפע אינערלעכע אדמיראציע־ און פיע־טעט־באציאונג ווי לערנען תורה. די פארערונג צו תורה־לערנען איז ארויסגעקומען פון די טיפסטע־טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה. און די תורה האט מען באדארפט לערנען טאג ווי נאכט, ווארום זי איז געווען „דעם מענטשנס לעבן און דער דויער פון זיי־נע טעג". דערפאר איז דער דרך־ארץ און דער אפשיי פאר א בן תורה און תלמיד חכם געווען אזוי גרויס. דער תלמיד חכם איז גע־ווען א העכער באשעפעניש, א הייליק וועזן.

ווי געזאגט איז דער ווערט פון דער תורה אנפארזיך איצט נישט וויכטיק, וויכטיק זיינען די פסיכישע כוחות, וואס האבן גע־שטויסן די תורה צו סובלימירן ביז צו אזא גראד, און וויכטיק איז אז פאקטיש האט מען געפילט דאס העכסטע וועגן דער תורה און וועגן תורה־לערנען. אויב מענטשן האבן געמאכט פון אזעלכע וואָ־כעדיקע ענינים ווי שור שנגח את הפרה, אדער האשה נקנית — טראַסצענדענטע הימלישע לערנונג, איז עס א באַווייז, אז דער ווילן צו הויכער לערנונג, די תשוקה צו געטלעכער וויסנשאפט איז גע־ווען אזוי גרויס, אז יעדער פריוואַלער ענין, האט אזעלכעס געקענט ווערן. וואס ווייניקער סובלימע אייגנשאפטן עס פארמאגט א סו־בלימירטער אביעקט, אלץ גרעסער מוז זיין דער ווילן אים צו סובלימירן. כדי א אינערלעכער אנשטויס זאל קענען באוועגן הע־כערצושאַצן א קעגנשטאנד טויזנטפאכיק איבער זיין רעאלן ווערט, מוז דער אינערלעכער אנשטויס זיין טויזנטפאכיק גרעסער ווי גע־וויינלעך. אין אזא פראפארץ ווי עס פעלט רעאלער ווערט אן אי־

דיעאַליזירטן אָביעקט, אין אַזאַ פּראָפּאָרץ מוז באַזיצן אידעאַליזיר־אימפּולס דער אידעאַליזירנדיקער סוביעקט. באמת ווערטפולע זאַכן און דערשיינונגען, פאָדערן נישט קיין איבערנאָרמאַלע מאָס אי־דעאַליזיר־ענטוזיאַזם, כדי זיי הויכצושעצן. פאַרקערט, זאַכן און דערשיינונגען, וואָס זיינען נישט ווערטפול, פאָדערן יאָ אַן איבער־נאָרמאַלע מאָס אידעאַליזיר־ענטוזיאַזם כדי זיי הויכצושאַצן. וואָס ווייניקער ווערטיקייט סובלימירטע גלויבנס־דערשיינונגען האָבן אין זיך, אַלץ אַ גרעסערער חלק ס ו ב ל י מ י ר ־ אָ נ ש ט ו י ס פאַלט און אויפן מ ע נ ט ש ן.

אויב מענטשן האָבן סובלימירט די תורה פון ביצה שנולדה ביז צום העכסטן גראַד, איז עס אַ באַווייז, אַז דער ווילן צו האָבן אַ סובלימע תורה איז ביי זיי געווען אַזוי גרויס. און דאָס אינטע־רעסירט אונדז איצט; עס אינטערעסירט אונדז איצט דער פאַקט, אַז מענטשן האָבן ביי דער תורה פון ארבע אבות נזיקין און אלו מציאות אויסגעלעבט די שענסטע געפילן, איבערגעלעבט די העכ־סטע דערהויבונג און זיינען באמת הויך אויפגעשטיגן. און גליק און פרייד האָבן זיי דערפון געגאָסן. לערנען תורה האָט געבראַכט אי דערהויבנקייט און אי גייסטיקן פאַרגעניגן. נישט געווען קיין העכערע פּאָעזיע ווי די פּאָעזיע פון תורה־לערנען. קיין שום הויכער קונסט־גענוס, איז קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן דעם גענוס פון לערנען. קיין שום דיכטער און דענקער, קיין שום פילאָזאָף און וויסנשאַפטסמאַן, אין די העכסטע מאָמענטן פון זייער שאַפונגס־ענטוזיאַזם, האָבן קיינמאָל נישט פאַרזוכט קיין גרעסערע מאָס גייס־טיק גליק, ווי דאָס האָט פאַרזוכט דער למדן בעת תורה־לערנען. די יענע אַלע געטלעכע געפילן וואָס עס דערוועקט אין אונדז באמת הויכע לערנונג, יענע אַלע קוואַלן פון באַגייסטערונג, וואָס עס צע־עפנט אין אונדז הויכע דערקענטעניש און וויסן, יענע אַלע שענסטע איבערלעבונגען וואָס עס האָבן פון אייביק אָן געפילט געלערנטע און פאָרשער ביים שטודירן און פאָרשן — אָט דאָס אַלץ און נאָך מער האָט געפילט דער אידישער תלמיד חכם בעתן לערנען שור שנגח און ביצה שנולדה...

דער מענטש טראָגט אַלע גייסט־ווערטן אין זיך און פון זיך

אַרויס באַוואַרטיקט ער די זאַכן. גענוג איז אַז מענטשן זאָלן קאָנצענטרירן זייער באַוואַרטיקונגס־ווילן אויף אַ וועלכן עס איז אָביעקט אָדער אידייע, און שוין הויבן זיי אָן ווערן ווערטפול. וואָס אינטענסיווער עס איז די קאָנצענטרירונג פון באַוואַרטונגס־ווילן אויף זאַכן אָדער אידייען, אַלץ העכער שטייגט זייער ווערט. וועגן קיין אייגענעם ווערט פון זאַכן אָדער אידייען, איז, אפשר, אינגאַנצן נישט שייך צו ריידן. רעליגיע אינגאַנצן גענומען, איז איין גרויסע אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן. *רעליגיע באַשטייט אויסשליסלעך פון קאָנצענטרירן באַוואַרטונגס־ווילן אויף ווערטלאָזע זאַכן און אידייען.*

אויך דאָס מאַכן פון תפילה־טון אַ טעגלעכן חוב פאַרן מענטשן, קען הייסן, אַז פּאָעזיע, געזאַנג, דיכטונג איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פונעם אַלטעגלעכן גייסטיקן אויסלעבן זיך פון מענטשן. אינמיטן דעם רעש און טומל און געיעג פון לעבן; אינמיטן דער האַרטער, ביטערער, פּראָזאַאישער ווירקלעכקייט, האָט מען אַריינגעפלאָכטן אַ מאָמענט פּאָעזיע. אויף אַ ווײַלע בלייב שטיין, מענטש — האָט עס געהייסן — און דערפיל דעם „געטלעכן" פונק וואָס טליעט אין דיר, דערפיל דעם פונק פּאָעזיע און שיינקייט פון דיין נשמה און זינג עס אויס אין אַ תפילה צו גאָט. די געבעט־הייזער זיינען ביז אַ געוויסן גראַד געווען קונסט־טעמפּלען. דאָ האָבן די מענטשלעכע דורות איבערגעלעבט דאָס שענסטע און בעסטע פון גאָר זייער לעבן; דאָ האָבן זיי איבערגעלעבט שעהן פון דערהויבונג, שעהן פון קדושה, פון ליבשאַפט, פון לויטערקייט. דאָ זיינען אַרויפגעקומען אויפן אויבערפלאַך פון מענטשלעכן פילן די ריינסטע עמאָציעס וואָס זיינען פאַראַן אין אים. דאָ זיינען די מענטשן געווען צום מייסטן מענטשלעך. דערפאַר האָט מען געזוכט די געבעט־הייזער אויך אויסערלעך צו מאַכן אימפּאָנענט, גרויס און מעכטיק. די הייזער פון מענטשנס גייסט האָבן באַדאַרפט איבערשטייגן אין פאַרנעם און שיינקייט אַלע אַנדערע הייזער.

צי קען מען זיך דען פאָרשטעלן וואָס תפילה האָט באַדייט אין לעבן פון די מענטשן? האָט איינעמס האַרץ געבלוטיקט פון וויי־

טיק און זיך געקראַמפּט פון צער, האָט ער זיין ווייטיק און זיין צער אויסגעגאָסן אין אַ תפילה; האָט איינער געליטן שווערע קלעפּ אין לעבן און זיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן פון ליידן און פיין, האָט ער זיין ליידן און פּיין אַרויסגעזאָגט אין אַ תפילה; האָט איינער זיך געראַנגלט מיט יאוש און פאַרצווייפלונג און זיך געפונען ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, האָט ער זיין יאוש אויסגעזונגען אין אַ תפלה; און איז, פאַרקערט, איינעמס האַרץ פול געוואָרן מיט באַגייסטערונג און חדווה, מיט דער גרויסקייט, ברייטקייט און וואונדערלעכקייט פונעם וועלט־לעבן, האָט ער עס אויך אויסגעזונגען אין אַ שיר און אַ שבח צו גאָט. נישט געווען די איבערלעבונג וואָס זאָל נישט גע־ווען קומען צום אויסדרוק אין תפלה. די מינדסטע רעגונג פון גע־מיט, דער קלענסטער ציטער פון האַרץ, איז אויסגעזונגען געוואָרן אין תפילות. אַזוי גלייך ווי ס'האָט נאָר אַ וויבריר־געטון אַ סטרונע אין אַ מענטשנס האַרץ, איז דערפון באַלד געוואָרן אַ תפילה.

צי קען מען דען איצט גאָר האָבן אַ אנונג וואָס, למשל, דער איינער ספר תהילים האָט באַדייט פאַר מיליאָנען און מיליאָנען מענטשלעכע הערצער אין משך פון אַזוי פיל דורות?! וויפל צער און ווייטיק האָט דאָס דאָזיקע ספרל געלינדערט; וויפל צעוואונ־דיקטע הערצער האָט דאָס געהיילט; וויפל בלוטנדיקע, קראַנקע, צע־בראָכענע נשמות האָבן דערביי געזוכט גענעזונג, וויפל ליידן האָט עס געשטילט, וויפל טרערן האָט עס אָפּגעווישט, וויפל אַנטוישונג און דורכפאַל האָט עס פאַרענטפערט, וויפל האָפענונג, מוט און לעבנס־ווילן האָט עס געגעבן, וויפל טרייסט האָט מען דערין גע־שעפּט. אין די ערגסטע אומגליקס־פאַלן און אין די שווערסטע נויטן זיינען מיליאָנען מענטשן דערצו געלאָפן, און עס האָט זיי געהאָלפן, געהיילט, באַרואיקט און געטרייסט. ווער קען אויסרעכענען די מאָס גליק וואָס דאָס דאָזיקע ספרל — דאָס ג ע ב ע ט ־ ב ו ך, דאָס ת פ י ל ה ־ ב ו ך פ ו ן ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט — האָט איר געגעבן!

און וואָס ווייס דען ביכלל דער איצטיקער מענטש וואָס עס הייסט גייסטיקע פרייד, וואָס עס הייסט גליקזעליקייט, וואָס עס הייסט יום־טוב? אַ פרעמדע וועלט איז עס פאַר אים! יענץ צוויבער־

לעבן וואָס איז פול געווען מיט כלערליי גייסטיקע תענוגים און זיסע נשמה־געגוסן, איז אומבאַקאַנט פאַרן איצטיקן מענטשן. פונקט ווי דער פאַרצייטיקער מענטש האָט נישט געוואוסט וועגן די אוצ־רות און רייכטימער וואָס די ערד אַנטהאַלט אין זיך, און טויזנטער מאָל האָט ער געקענט פאַרבייגיין איבער די רייכסטע גאָלד־גרובן און נישט איינגעבויגן זיך צו נעמען פון זיי, אַזוי איז עס מיטן איצטיקן מענטשן — ווייסט ער נישט וועגן די אוצרות וואָס ליגן באַגראָבן אין זיין נשמה און באַמיט זיך נישט צו עקספּלואַטירן דאָס גאָלד פון זיין האַרץ. ער יאָגט זיך נאָך קערפּערלעכער באַקוועמלעכ־קייט און נאָך אויפרייצן און זעטיקן די זאָאָלאָגישע געפילן אין אים. די אמתע אוצרות פון זיין גייסט לאָזט ער באַגראָבן און אומבאַריִרט אין זיך. טויזנט מאָל גליקלעכער איז געווען די מענטשהייט פון די פריערדיקע צייטן, אָן אַלע אויפטוען פון דער מעכאַנישער ציוויליזאַציע, ווי דער איצטיקער מיט איר. דעם מענטשנס גליק וואוינט נישט אין זיין קערפּער, נאָר אין זיין גייסט. האַלטן דעם קערפּער אויף בעסערע קעסט און אויף מער קאָמפאָרט, גיט נישט קיין בראָק גליק און פרייד. איינפאַך ברויט, אַ לייוונטענער בגד און אַ באַ־שיידן הויז צו וואוינען, ווען דאָס קומט צוזאַמען מיט אַ גייסט־רייך, אינהאַלטפול נשמה־לעבן, אַ לעבן מיט וויסן און שיינקייט, מיט חכמה און קונסט, — אָט דאָס גיט פרייד און צופרידנקייט, האָפערדיקייט און גליק. די פרומע לייט האָבן אונטער עטישער רע־ליגיע געהאַט אַזאַ לעבן. גאָט האָט זיי דאָס געגעבן. זייער לעבן איז פול געווען מיט לוסט און גליקזעליקייט, מיט שיינקייט און דער־הויבנקייט. און האָבן זיי אפילו געמעגט לעבן אין מאַטעריעלן צימ־צום, האָט עס זיי נישט קיין סך געאַרט. מאַטעריעלע באַשיידנ־קייט, האָט קיינמאָל נישט קיין שלעכטע ווירקונג אויפן גייסט. גי־בער איז עס מאַטעריעלער איבערפלוס, וואָס שאַדט דעם גייסט. אַז מען געוואוינט נישט צו דעם קערפּער צו קיין איבערגעטריבענעם לוקסוס, פאָדערט ער עס נישט, נאָר ער באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט און ער איז צופרידנגעשטעלט. אין אונדז זיינען נישט פאַ־ראַן קיין מיטגעבוירענע פאָדערונגען צו לוקסוס. אונדזערע מיט־געבוירענע פאָדערונגען פון קערפּער זיינען זייער באַשיידענע. צי

מיר שטילן אונדזער הונגער מיט איינפאך ברויט, צי מיט דעלי־קאט־ראפינירטע שפייזן; צי מיר שיצן אונדזער קערפער פון קעלט מיט איינפאכע בגדים און אין איינפאכע הייזער, אדער מיט קאסט־בארע שטאפן און אין רייכע פאלאצן — דאס איז א פראגע פון געוואוינהייט. ווען מיר באפרידיקן קערפערלעכע באדערפענישן אויף אן איינפאכן אופן, קען מען נישט זאגן, אז מיר באפרידיקן זיי שלעכט, מחמת עס איז גארנישט פאראן קיין באדערפעניש פאר בעסער. די באדערפעניש אין דעם פאל וואקסט צוזאמען מיט דער באפרידיקונג. דעריבער האט נישט קיין באשיידן מאטעריאל לעבן קיין שלעכטע ווירקונג אויפן גייסט, ווייל מיט דעם דערווידערט מען אין זיך גארנישט. אנדערש איז עס מיטן נישט אויסלעבן זיך גייסטיק. דעמאלט דריקט מען אונטער די בעסטע נויגונגען אין אונדז וואס דארפן אויסגעלעבט ווערן. מען לאזט וועגיטירן די שענסטע פלאנצן פון אונדזער גייסט און מען קולטיווירט זיי נישט. דאס מאכט קראנקהאפטיק און טרויעריק. און דאס געשעט אין אונדזער צייט, אזעלכע איז אונדזער היינטיקע קולטור: דעם קער־פער האט מען פארוואוינט צו איבערגעטריבענע פארגעניגנס, וואס ער האט גאר אויף אזויפיל נישט געפאדערט, און דעם גייסט לאזט מען דארן, וועלקן, אטראפירן...

קאפיטל 4

נביא און פאָלק

I

רעליגיע איז אין תוך אַן אומלאָגישע און אומפּאַרנונפטיקע דערשיינונג. מ׳נעמט דעם אייגענעם איך, מיט אַלע שטראָמען און אונטערשטראָמען, וואָס שלאָגן אין זיינע טיפעניש און מ׳גיסט אים איבער אין אַ סובלימירטן שאָטן. דער שאָטן איז אַזוי לעצט־גוט אָדער לעצט־שלעכט ווי מיר אַליין זיינען עס. נאָכדעם דינען מיר צו אים, צום סובלימירטן שאָטן, מיר האָבן פאַר אים מורא, מיר בעטן צו אים אאַ״וו. אינדערעמתן דינען מיר צו זיך אַליין, צו אונדזערם אַן אייגן אָפּבילד, וואָס מיר האָבן אויפגעהאַנגען איבערן הימל אָדער איבערן תהום. ווער האָט דען געזאָגט דעם ווילדן און פרימיטיוון מענטש, אַז זיינע ווילדקייטן און משונהדיקע גענג געפעלן גאָט? ווי אַזוי איז עס אים געקומען אויפן רעיון? וואו, פון וואָס פאַר אַ מקור האָט ער געשעפּט די דאָזיקע אויסטערלישע אָנשוואונגען זיינע? — ער האָט זיי געשעפּט אין זיך, אין זיינע אייגענע אימפּולסן און ליידנשאַפטן. דאָס וואָס אים איז געווען נאָענט און אייגן, דאָס איז געווען נאָענט און אייגן גאָט; דאָס וואָס האָט אים באַרואיקט און פרידלעך געמאַכט, דאָס האָט באַרואיקט און פרידלעך געמאַכט גאָט. אַזוי איז עס געווען פון אָנפאַנג פון די צייטן, און אַזוי איז עס געווען נאָכדעם און עס וועט זיין אַזוי

לאנג ווי גאָט וועט לעבן. ווען דער מענטש איז געווען ווילד און חיהש, איז גאָט געווען ווילד און חיהש און די פרומקייט און דאָס גאָטעסדינסט זיינען באַשטאַנען פון ווילדע און חיהשע טאַטן. און אַז דער מענטש איז געוואָרן געצוימטער און רואיקער, איז אויך גאָט געוואָרן געצוימטער און רואיקער. און ווען עס האָבן זיך אָנגע־הויבן געפינען מענטשלעכע הערצער, וואָס האָבן דערפילט, אַז ליבע איז דער העכסטער זינען פון לעבן און פון צווישנמענטשלעכע באַציאונגען, איז רייף געוואָרן דער באָדן פאַרן געבורט פונעם גאָט פון העכסטער ליבע. דאָס ווינעלע פונעם דאָזיקן גאָט, וואָס איז אומענדלעך גוט, איז געווען אין די הערצער פון יענע געטרייע קינ־דער זיינע, וואָס זיינען געווען אַזוי גוט ווי ער. אין זיי איז ער גע־בוירן געוואָרן, אין זיי האָט ער זיך אויסגעהאָדעוועט, און אין זיי לעבט ער נאָך ביז היינטיקן טאָג. די גרויסע מערהייט קען אים נישט. דאָס וואָס זיי טוען איז: זיי מיסברויכן מיט זיין מילדקייט און נוצן זיך אויס מיט זיין גוטסקייט פאַר זייערע געמיינע צוועקן און זינדיקע מעשים.

דער אויפשטייג פון גאָט, איז דער אויפשטייג פון מענטש; די פאַרפיינערונג פון די רעליגיעזע מעשים, איז די פאַרפיינערונג פון מענטשנס מעשים ביכלל; די פאַרטיפונג פון די רעליגיעזע גע־דאַנקען, איז די פאַרטיפונג פון מענטשנס געדאַנקען ביכלל; די פאַר־איידעלונג פון די רעליגיעזע געפילן, איז די פאַראיידעלונג פון מענטשנס געפילן ביכלל; — די געשיכטע פון גלויבן, איז די גע־שיכטע פון מענטשנס גייסטיקן אויפשטייג אין אַלגעמיין. זיכער האָט נישט נאָר דער מענטש געפירט גאָט פאַראויס, נאָר גאָט, די גאָט־אידייע, האָט אויך געפירט זיין בורא, דעם מענטשן, פאַראויס. דאָך איז עס ריכטיק, אַז די עוואָלוציע פון גאָט, שטעלט מיט זיך פאָר די עוואָלוציע פון דער מענטשהייט, מיט איר ביאָטישן אוואַנ־גאַרד, מיט אירע גרויסע נשמות, בראש. וואָרום דער ברייטער דורכ־שניט, שטייט ווייט־דערונטער אונטער דער מיליע פון עטישן גאָט. און כאָטש פאָרמעל האָבן אים אַלע אנערקענט און געדינט צו אים, איז עס געווען נישט מער ווי אַ פיקציע, נישט מער ווי געזאַגט. דער ריכטיקער גאָט פון דער ברייטער מענטשהייט, איז פון אַ גי־

דעריקערן טיף ווי דער פון די אַלע סאָרטן הייליקע. גאָט איז שטענ־דיק אַזוי גוט, אַזוי שיין און אַזוי קלוג, ווי די וואָס דינען צו אים. און מעגן אים אַלע רופן מיטן זעלבן נאָמען, באַדייט דער נאָמען ביי יעדן עפּעס אַנדערש; ער באַדייט דאָס, וואָס די רופער לייגן אין אים אַריין. לויט דער פאָרמול, איז רעליגיע איינהייטלעך פאַר אַלע גלויביקע, לויטן גייסט איז זי אָבער אַזוי פאַרשידן ווי פאַר־שידן עס זיינען די מענטשלעכע אינדיווידן; גאָט האָט אַזויפיל טייטשן וויפל מענטשלעכע הערצער עס זיינען דאָ.

רעליגיע, פּונקט ווי קונסט, איז אַ סוביעקטיווע זאַך. גאָט, פּונקט ווי אַ קונסט־ווערק, האָט פאַר יעדן מענטשן אַ באַזונדער ווערט. יעדער מענטש האָט אַ באַזונדערע ספּאָנטאַנע און געהיימע וואַריאַציע פון גלויבן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש און אייגנשאַפט־לעך נאָר אים אַליין און וואָס וואַקסט אַרויס פון די אינטימסטע מקורים פון זיין אינדיווידואַליטעט און פון זיין יחידישער נשמה. אין יעדן מענטשנס גלויבן, זיינען פאַראַן ספּעציעלע שטריכן, וואָס טיילן אויס זיין גלויבן פונעם גלויבן פון אַלע אַנדערע. יעדער מענטש שטייט אין באַזונדערע אינטימע באַציאונ־גען מיט גאָט, ווי עס שטייט יעדער אַנדער מענטש. די אני מאמינס, דאָגמען און שאַבלאָנע פראַזן אויסגעלערנטע פון „סי־דערל", וואָס דער עולם גלויביקע זופּט אויף אויסנווייניק, דאָס האָט נישט קיין ווערט. אַ ווערט האָט יאָ דאָס, וואָס יעדער פילט טיף און אינטים אין זיך וועגן גאָט. דערין איז דער אמתער ווערט פון גלויבן. גאָט איז שטענדיק אַזוי ווי דער אינדיוויד איז. יעדנס גאָט איז אַ געטרייע קאָפּיע פון אים אַליין. ווען אַ סך מענטשן די־נען צו איין גאָט, מיינען זיי נאָר אַז זיי דינען צו איינעם; איינ־דעראמתן דינען זיי צו אַ סך געטער; יעדער דינט צו זיין אייי־גענעם גאָט; קיין סטאַנדאַרט־גאָט, איז גאָר אינגאַנצן נישטאָ; די געטער זיינען אַזוי פאַרשידן ווי פאַרשידן די מענטשן זיינען צווישן זיך. מעגן אַלע שיקן צו גאָט די זעלבע תפילה און דעם זעלבן לויב, זיינען בלויז די ווערטער די זעלבע. דער אינהאַלט, דאָס וואָס שטייט הינטער די ווערטער, דאָס איז טיף פאַרשידן. פּונקט ווי אַ סך מענטשן קענען אָנשויען דאָס זעלבע קונסט־בילד,

קענען הערן די זעלבע מוזיק־שטיק, קענען לייענען דאָס זעלבע ליד, און דאָך זאָל עס מאַכן אויף יעדן אַ פאַרשידענעם איינדרוק: איי־נער זאָל בלייבן אינגאַנצן קאַלט און גלייכגילטיק, דער צווייטער אַביסל באַווירקט און דער דריטער באַגייסטערט ביזן העכסטן גראַד. אַזוי איז דאָס אויך מיט רעליגיע. יעדער פילט אָן מיט זיין איי־גענעם אינהאַלט די אויסגעלערנטע גלויבנס־פאָרמולן. אויסלערנען מיט אַן אמת גלויבן, קען מען אַזוי נישט, ווי מ'קען נישט אויס־לערנען צו פילן קיין קונסט, ווי מ'קען נישט אויסלערנען צו זיין פּאָעטיש. פּאָעזיע דאַרף מען טראָגן אין האַרץ, און גאָט דאַרף מען אויך טראָגן אין האַרץ. און פּונקט ווי יעדער האָט זיך זיין פּאָע־זיע, אַזוי האָט זיך יעדער זיין גאָט. דאָס וואָרט יאַהווע און דאָס וואָרט קריסטוס, האָבן אַרויסגערעדט מיליאָנען און מיליאָנען מענ־טשן. דאָך, ווי פאַרשידן איז, אָפּטמאָל, געווען דער טייטש פון זעלבן וואָרט. פאָרמעל האָבן דעם זעלבן גלויבן געהאַט מערדער, פאַרברעכער, אויסוואורפן, און די איידלסטע און פיינסטע נשמות, הייליקע און צדיקים; דעם זעלבן גלויבן האָבן געהאַט מרשעתן, אונטערצינדערנס, גיפטיקע שלאַנגען, קינדער־מערדערנס; און ער־לעכע, צאַרטע, פיין־ און טיף־פילנדיקע יונגפרויען און צדקניותן. לויטן וואָרט — אַלצאיינס; לויטן גייסט — הימל־וואַיט. און דאָך האָט עס געהייסן אַז אַלע האָבן דעם זעלבן גלויבן!...

און פּונקט ווי קונסט־ווערק זיינען אַ די סיבות פון אונדזערע עמאָציעס און אַ די רעזולטאַטן זייערע, אַזוי איז דאָס אויך מיט רעליגיע. פאַרן קינסטלער וואָס באַשאַפט דאָס קונסטווערק, איז עס אַ רעזולטאַט און אַן אויסדרוק פון זיין גייסט. פאַר די יעניקע וואָס באַגייסטערן זיך מיטן קונסטווערק און עס רעגט זייערע גע־פילן, פאַר זיי איז דאָס קונסטווערק די סיבה פון זייערע דער־וואַכטע געפילן. דער עטישער גאָט איז דאָס גרעסטע קונסטווערק, וואָס דער מענטש האָט באַשאַפן, כדי זיך אַליין צו אינספּירירן. פון איין זייט איז גאָט אַ פּראָדוקט און אַן אויסדרוק פון מענטשנס גייסט; פון דער צווייטער זייט אָבער איז ער דער מעכטיקסטער אָנ־רעגער און קולטיווירער פון מענטשנס גייסט. דאָס וואָס שייך דער גאָט־אידייע. וואָס שייך דעם גאָט־געפיל, לאָזט זיך דאָ די סיבה

און רעזולטאַט גאָרנישט פונאַנדערטיילן. וואָרום אַזויפיל מאָל וויפל אַ רעליגיעזער מענטש באַגייסטערט זיך מיט גאָט און לעבט איבער אַ הויך געפיל, באַשאַפט ער אַזויפיל מאָל גאָט פון זיך אַרויס; פיל ער אַזויפיל מאָל אָן גאָט מיט זיין אייגענעם תוך. ווען ער וואָלט נישט געהאַט דעם געגעבענעם הויכן געפיל אין זיך, ווען ער וואָלט נישט בכוח געווען דעם דאָזיקן געפיל איבערצולעבן, וואָלט אים די אידייע פון גאָט גאָרנישט געקענט מאַכן פילן, וואָלט גאָט געווען אַ פוסטער קלאַנג. גאָט קריגט אַ ווערט אין מענטשנס געפיל. דאָרט וואו מ׳פילט גאָרנישט, דאָרט גלויבט מען גאָרניט. אָן געפיל, איז גאָט בלויז אַ וואָרט. און אין גאָט גלויבט מען אויף אַזאַ אופן און אויף אַזויפיל, אויף וואָס פאַר אַ אופן און אויף וויפל מ׳פילט אים. דער וואָס פילט גאָרנישט אין גאָט, דער האָט, מיט אַן אמת, קיין גאָט נישט, דער איז גאָטלאָז. מיטן געפיל באַשאַפט מען גאָט; דער וואָס פילט אים, דער באַשאַפט אים. געגעבן איז בלויז אַ טעכנישע גאָט־פאָרמול. פאַראַן אַזעלכע וואָס גיסן אָן די אויסגעלערנטע גאָט־פאָרמול מיט זייער בלוט, קליידן זי אָן אין זייער פלייש, און בלאָזן אין איר אַריין זייער גייסט. דעמאָלט לעבט גאָט מיט אַ פולבלוטיק, שפרודלדיק לעבן; פאַראַן אַנדערע, וואָס באַלעבן די גאָט־פאָרמול מיט אַ בלאַס, ראַכיטיש לעבן; און פאַראַן נאָך אַנדערע, פאַר וועלכע די גאָט־פאָרמול בלייבט אַ טויטער אות. אַזוי איז דאָס אויך מיטן קונסטווערק. דער יעניקער וואָס פילט גאָרנישט דורכן קונסטווערק, פאַר אים איז עס נישט קיין קונסטווערק, נאָר אַ טויטע זאַך: אַ שטיק ליים, צי אַ מענגע ווערטער אין קלאַנגען. אַ קונסטווערק איז עס פאַר דעם, וועמען עס מאַכט פילן.

— מיטן געפיל מאַכט דער אויפנעמער דאָס געגעבענע ווערק פאַר קונסט. דער מחבר פון אַ קונסטווערק גיט נישט מער ווי אַ סכעמע; אָנפילן מיט גייסט, פילט עס אָן דער אויפנעמער, וואָס באַגייסטערט זיך דערמיט. דער גוטער אויפנעמער פון אַ קונסטווערק, איז דער מיטבאַשאַפער דערפון; דער שלעכטער אויפנעמער טויט דאָס קונסטווערק.

יעדער איינער איז דער באַשאַפער פון זיין אייגענעם גלויבן; יעדער איינער איז דער נביא פון זיין אייגענער רעליגיע. האָבן אַ

רעליגיע וואָס זאָל איבערשטייגן זיך אַליין, דאָס קען מען נישט. פּונקט ווי מ׳קען נישט האָבן קיין העכערן גאָט פאַר דעם וואָס מ׳האָט. גאָט איז די העכסטע סומע געדאַנק און געפיל, וואָס יעדער איינער באַזיצט. פּונקט ווי מ׳קען זיך נישט אַריינזעצן קיין בע־סער האַרץ און פּונקט ווי מ׳קען זיך נישט אַריינזעצן קיין בעסערן מוח, אַזוי קען מען זיך אויך נישט אַריינזעצן קיין בעסערן גאָט. די הויכע אַטריבוטן פון גאָט האָבן אויף אַזויפיל אַ ווערט, אויף וויפל מ׳האָט זיי אין זיך. דאָס הייסט, אויף וויפל זיי זיינען פריער זיין און נאָכדעם גלויבן.

II

ווען מען רעדט וועגן „קולטור פון דער מענטשהייט״, אָדער וועגן „קולטור פון די פעלקער״, רעדט מען אינדעראמתן וועגן דער קולטור פון ווייניק גייסט־מענטשן, נאָר זאָגן זאָגט מען „מענטשהייט״ און זאָגן זאָגט מען „פעלקער״. מען טראָגט אַריבער די אייגנשאַפטן פון מער אָדער ווייניקער יחידים אויפן כלל מענטש־הייט און אויפן כלל פאָלק. אַזוי רעדט מען וועגן די דערגרייכונגען פון דער „מענטשהייט״ אויפן געביט פון די וויסנשאַפטן, וועגן פּראָגרעס פון דער „מענטשהייט״ אויפן געביט פון פילאָזאָפישן גע־דאַנק, וועגן דעם פאַרשריט פון דער „מענטשהייט״ אויפן געביט פון די שיינע קונסטן אאַ״וו. אינדעראמתן אָבער, וואָס קער זיך אָן די מענטשהייט אָן גענדזנפיסלעך, די ברייטע מאַסן, מיט דער אַזוי גערופענער „קולטור פון דער מענטשהייט״? וואָס פאַר אַ חלק האָבן די מענטשן־מאַסן געהאַט — און האָבן — אין די אַלערליי הויכע קולטור־ און גייסט־ווערטן? וואָס האָבן זיך דען די מענטשן־מאַסן אָנגעקערט — און קערן זיך אָן — מיט די וויסנשאַפטן, מיט דער פילאָזאָפיע, מיט די קונסטן? (זיי דאַרפן זיך בלויז אָנקערן, אָבער צום גרויסן־גרויסן באַדויערן האָבן זיי זיך נישט אָנגעקערט און קערן זיך נישט אָן מיט די דאָזיקע אַלע טייערע און דערהויבענע זאַכן!).

סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן, טראָגט מען אַריבער די אייגנ־

שאפטן פון אויסגעטיילטע אינדיווידן אויף דעם גאנצן קאָלעקטיוו מיט וועלכן זיי האָבן אַ וועלכע עס איז שייכות. אויב אַ געוויסער קאָלעקטיוו האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק אַז עס זאָלן זיך מיט אים אָנגעהערן אַ צאָל גרויסע מענטשן, הויבט מען אָן אַריבער־טראָגן זייערע אייגנשאַפטן אויפן גאַנצן קאָלעקטיוו און מען הויבט אָן ריידן וועגן גרויסקייט־אייגנשאַפטן פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו. אַזוי אויך פאַרקערט, אויב אַ קאָלעקטיוו האָט געהאַט דאָס אומ־גליק, אַז עס זאָלן זיך מיט אים אָנגעהערן עטלעכע שלעכטע איני־דיווידן, הויבט מען אָן אַריבערטראָגן די דאָזיקע אייגנשאַפטן אויפן גאַנצן כּלל און מען הויבט אָן ריידן וועגן פאַרברעכערישע אייגנ־שאַפטן פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו. אינדעראמתן האָבן מיר דאָ צו טון מיט ריין אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון יחידים און די אי־בערטראָגונג פון זייערע מעלות אָדער חסרונות אויפן כּלל מיט וועלכן זיי זיינען פאַרבונדן — אָפטמאָל מיט גאַנץ לויזע באַנדן — איז אַ פּראָדוקט פון אונדזער אייגענער שוואַכקייט צו פּאַראַלגעמיי־נערן, אַריבערצוטראָגן אייגנשאַפטן פון איינעם אויף אַלע.

אויב דאָס איז ריכטיק בנוגע קולטור אין אַלגעמיין, איז עס טאָפּלט ריכטיק בנוגע רעליגיע. אין פּלוג ווייזט זיך אויס, אַז ערשט רעליגיע איז געווען די אמתע מאַסן־קולטור, אַז ערשט אין רעלי־גיע איז געקומען צום אויסדרוק דער גייסט פון די מאַסן. אָבער דאָס איז געוועגדט וואָס מען פאַרשטייט אונטער רעליגיע. פאַרשטייט מען אונטער רעליגיע אַבערגלויבערישע שרעק און עפעקטפולע צע־רעמאָניעס און ספּעקטאַקלען, איז עס ריכטיק אַז רעליגיע איז גע־ווען די קולטור פון די מאַסן. אויב אָבער מ׳פאַרשטייט אונטער רעליגיע יענע העכער געפיל־לעבן, יענע ריינקייט און לויטערקייט פון דער נשמה, יענע גייסטיקע דערהויבנקייט, יענע טויבן־גוטס־קייט און תמימות, וואָס רעליגיע איז געווען פאַר די גוטע און פרומע לייט, פאַר די הארץ־מענטשן, דעמאָלט האָבן די מאַסן גע־האַט מיט רעליגיע אַזאַ שייכות ווי מיט די הויכע קונסטן, מיט די הויכע וויסנשאַפטן און מיט דער הויכער פילאָזאָפיע...

און דאָך איז אָנגענומען צו ריידן וועגן רעליגיעס אַלס גאַנצע: אידישע רעליגיע, קריסטלעכע רעליגיע, מאַכמעדאַנישע, בודיסטישע

אא״וו. מען רעדט וועגן ר׳עליגיעס אקוראט אזוי ווי זיי וואלטן מיט אן אמת געווען איין און די זעלבע זאך פאר אלע מענטשן. אבער עס איז נישט אזוי, עס איז ווייט נישט אזוי. ערשטנס, ווי געזאגט, איז רעליגיע א ריין־אינדיווידועלע זאך, א זאך פון יעדן מענטשן באזונדער. יעדן ערשטן מענטשנס רעליגיע איז אף אזויפיל פאר־שידן פון יעדן צווייטן מענטשנס רעליגיע, ווי פארשידן זייערע נשמות זיינען צווישן זיך. עס איז דאך, סוף־כל־סוף, ניט וויכטיק נישט דאס טויטע ווארט און נישט די טויטע דאגמע. וויכטיק איז דאך דער גייסט־אינהאלט מיט וועלכן ווארט און דאגמע ווערן אנ־געגאסן; דער עיקר אין רעליגיע איז דאך הארץ און געפיל, — רחמנא ליבא בעיה — ווי אין תלמוד שטייט, און דאס דאזיקע איז דאך ביי יעדן מענטשן פארשידן ווי ביים צווייטן, דאס הייסט, אז אין תוך גענומען איז רעליגיע אזוי אומגעהויער דיפערענצירט ווי דיפערענצירט די מענטשלעכע יחידים זיינען צווישן זיך. און ווי־באלד מען איז מסכים מיטן געדאנק, אז „יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך״, מוז מען שוין אויך מסכים זיין, אז יעדן מענטשנס גאט איז אן אנדערער ווי דער גאט פון זיין שכן. אבער אפילו ווען מ׳זאל שוין דיסקאנטירן דעם מאמענט פון דער אינדיווידועלער פסיכאלאגיע, נאר מ׳זאל זען די זאך אין ליכט פון דער כלל־פסי־כאלאגיע, איז נאך אלץ רעליגיע זייער ווייט פון צו זיין אן איינ־הייטלעכע זאך פאר גאנצע קאלעקטיוון. ווידעראמאל שווימט דא, אויף כוח, ארויף די קלאסישע אידישע איינטיילונג פון די מענ־טשן אין ד ר יי ג ר ו י ס ע ב י א ט י ש ע ג ר ו פ ן: אין צדיקים, בינונים און רשעים. די דאזיקע איינטיילונג איז אזא בולטע, אויגנרייסנדיקע און נויטווענדיקע, אז אויב מ׳וויל נישט מאכן קיין בכיוונדיקע, באוואוסטזיניקע טעותן, טאר מער נישט פארמאכן די אויגן אויף איר און מ׳טאר זי נישט איגנארירן. ווי שטארק עס זאל נישט זיין דער ווילן צו זען די גאנצע מענטשהייט אלס א ביאטישע איינהייט — אלע צדיקים גמורים — און ווי באקוועם עס זאל נישט זיין זיך צו באנוצן מיט אזעלכע אויסער־לעבע קלאסיפיקאציעס ווי: פעלקער, קולטורן, גלויבנס אא״וו טאר מען דאך צוליב דעם דעם אמת נישט פארלייקענען. און דער אמת

איז, אַז די מענטשהייט איז ביאָעטיש נישט איינהייטלעך, נאָר זי איז ביאָעטיש דיפערענצירט. מיר האָבן שוין וועגן דעם ענין גענוג גערעדט אין אַנדערע ערטער און מיר ווילן זיך דאָ מער נישט איבערחזרן. דאָס וואָס מיר ווילן דאָ יאָ טון, איז אָנווייזן, אַז ווען מ׳רעדט וועגן רעליגיע טאָר מען אויף קיין מאָמענט נישט אַרויסלאָזן פון אויג די איינטיילונג פון דער מענטשהייט אין די דערמאָנטע דריי ביאָעטישע גרופּן. פאַר יעדער איינער פון די דאָזיקע דריי גרופּן, איז רעליגיע געווען אַן אַנדער זאַך. איין און די זעלבע רעליגיע, האָט פאַר יעדער גרופּע געהאַט אַן אַנדער באַדייטונג. יעדע גרופּע האָט אָנגעפילט די זעלבע רעליגיעזע פאָרמול מיט אַ פאַרשידענעם — איר אייגענעם — פּסיכישן אינהאַלט. עטישע רעליגיע מיט אַן אמת, אין פולן זינען פון דאָזיקן וואָרט, האָט געהאַט בלויז די ערשטע גרופּע. די ברייטע מאַסן האָבן אין דער ווירקלעכקייט נישט געהאַט קיין עטישע רעליגיע. לויטן גייסט, זיינען די מאַסן שטענדיק געווען מער געצנדינער, איידער דינער פון עטישן גאָט. אַ סך מער ענלעכקייט איז געווען צווישן די באמת פרומע לייט פון פאַרשידענע גלויבנס, ווי צווישן זיי און דעם המון פון זייער אייגענעם גלויבן... די ענלעכקייט צווישן די ערשטע, איז געווען אַ וועזנטלעכע, אַן אינערלעכע, אַ גייסט־ענלעכקייט, האָבן אַפילו די ווערטער און די פאָרמולן געמעגט זיין פאַרשידן; די ענלעכקייט מיט די צווייטע, אין קעגנטייל, איז געווען אַן אויסערלעכע, אַן אויסגעלערנטע, אַ מעכאַנישע, אַן ענלעכקייט פון ווערטער און צערעמאָניעס; וועזנטלעך, לויט זייער גייסט זיינען זיי צווישן זיך געווען פאַרשידן. און דאָך איז אָנגענומען צו קלאַסיפיצירן די מענטשהייט לויט דער פאַלשער ענלעכקייט און נישט לויט דער אמתער. עס זעט אויס ווי די קולטור־ און רעליגיע־פילאָזאָפן וואָלטן געמישפּט די זאַכן אויפן שטייגער ווי דאָס טוט דאָס פאָלק. דאָס פאָלק האָט אַ טבע צו מישפּטן די זאַכן לויט אויסערלעכע אַנאַלאָגיעס. אומעטום וואו עס זעט אַ געוויסע אויסערלעכע ענלעכקייט, נעמט ער עס אָן אויך פאַר אַן אינערלעכער ענלעכקייט. דאָס פאָלק האָט נישט ליב זיך צו פאַרטיפן אין קיין ענינים און אַריינבליקן אין תוך פון דערשיינונגען, נאָר עס לאָזט זיך פירן פון אויבערפלעכ־

לעכע איינדרוקן. גענוג פאַרן פאָלקס אויג צו זען אַ מענגע מענטשן אין איין און דעם זעלבן אוניפאָרעם; גענוג פאַרן פאָלקס אויער צו הערן אַ מענגע מענטשן זאָגן די זעלבע ווערטער, און שוין שטעלט מיט זיך פאַר אים פאַר די דאָזיקע מענגע מענטשן די שטרענגסטע ענלעכקייט וואָס קען נאָר געמאָלט זיין. אזוי זעט און אורטיילט דאָס פאָלק. די אויפקלערער און אינטערפרעטירער אָבער פון די מענטשלעכע קולטור־ און גייסט־ווערטן, האָבן יאָ געמעגט זען און אַריינדרינגען אין די זאַכן טיפער ווי זיי ווייזן זיך פאַרן בליק. — אַ סך מער אידענטיטעט איז פאַראַן צווישן די מאָראַל־מענטשן פון הייזנטום מיט די מאָראַל־מענטשן פון מאָנאָטעאיזם, ווי צווישן די לעצטע מיט די מאָנאָטעאיסטישע מאַסן. פאַרקערט, איז פאַראַן אַ מערקווירדיקע ענלעכקייט צווישן די מאָנאָטעאיסטישע מאַסן מיט די געצנדינערישע מאַסן. די מאָנאָטעאיסטישע מאַסן זיינען אזוי אבערגלויבעריש און געצנדינעריש ווי די געצנדינער גופא.

ווען מען וואָלט געמישפט די מענטשן לויט דער שפּראַך פון זייערע הערצער, אַנשטאָט לויט דער שפּראַך פון זייערע מיילער; ווען מען וואָלט זיי געמישפעט לויט דעם וואָס זיי פילן, אַנשטאָט לויט דעם וואָס זיי זאָגן; גענומען אין אכט זייערע כוונות, אַנשטאָט זייערע רייד, וואָלט מען די גאַנצע קולטור־געשיכטע פון דער מענטשהייט באַדאַרפט איבערשאַצן און זי אויפבויען אויף נייע יסודות, —אויף יסודות פון ג ײ ס ט און ז ײ ן , אַנשטאָט אויף יסודות פון ווערטער און אָנגעקלעפּטע עטיקעטן. אויסער דעם וואָס אַזאַ איבערשאַצונג וואָלט מער אַנטשפּראָכן די קולטור־ווירקלעכקייט פון די העטעראָגענישע טיילן פון דער מענטשהייט, ד"ה זי וואָלט געווען טעאָרעטיש מער אמת, וואָלט זי אויך אין דער פּראַקטיק געבראַכט מער נוצן, ביי דער איינאָרדענונג פון דער מענטשלעכער קולטור און געזעלשאַפטס־פאָרמען אין דער צוקונפט.

III

רעליגיע, פּונקט ווי וויסנשאַפט, פּונקט ווי פילאָזאָפיע, פּונקט ווי קונסט, פּונקט ווי אַלץ וואָס איז שאַפונג און קולטור, האָט געהאַט אירע שאַפער. קיין איין איינציקער שריט פאָרויס אויף קיין

שום קולטור־געביט איז קיינמאָל נישט געמאַכט געוואָרן פון זיך אַליין. שטענדיק איז געווען, און עס האָט געמוזט זיין, אַן ערשטער קאָפּ און אַ ערשטע האַנט, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם עלע־מענטאַרסטן געדאַנק און געמאַכט די עלעמענטאַרסטע דערפינדונג. וואָס מער אַ געדאַנק האָט צוגעטראָפן דעם גייסט־צושטאַנד פון די אַרומיקע מאַסן מיטמענטשן און וואָס מער אַ טעכנישע דערפינ־דונג האָט צוגעטראָפן די מאַטעריעלע נויטן זייערע, אַלץ שנעלער איז די אידייאישע אָדער טעכנישע דערפינדונג אריינגעדרונגען אין לעבן און איז געוואָרן דאָס קולטור־אייגנטום פון אַלע. וואָס ברייטער עס איז געווען דער באַנוץ פון אידייאישע און טעכנישע דער־פינדונגען, אַלץ מער האָט מען אויף זיי אָנגעהויבן קוקן, ווי אויף אַלגעמיינע אויפטוען און אַלץ ווייניקער האָט מען אינזינען געהאַט צו זוכן זייערע דערפינדער, אויף אַזוי פיל, אַז מיט דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז די דאָזיקע זאַכן האָבן זיך אַליין דער־פונדן. וועגן די סאַמע אוניווערסאַלסטע און גרונטיקסטע אויפטוען פון אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע האָבן מיר דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן זיך פון זיך אַליין געשאַפן. דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַן איינדרוק, אינדעראמתן איז עס נישט אַזוי.

אין רעליגיע, פונקט ווי אין קולטור ביכלל, האָט גאָרנישט פּראָגרעסירט פון זיך אַליין. אַלץ האָט געהאַט אַן ערשטן פאַרפאַ־סער און פאָרמולירער; יעדע מינדסטע ווענדונג, יעדער קלענסטער ניואַנס אינעם דאָזיקן אוניווערסאַלסטן קולטור־געביט, האָט געהאַט אַן ערשטן אויסדריקער. די אוניווערסאַלקייט פון די רעליגיעזע גרונט־קאָנצעפּטן, ווייזט אונדז בלויז, אַז עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע גייסטיקע קרובהשאַפט, אַ כמעט פולשטענדיקע פּסיכישע אידענטיטעט צווישן די איינצלנע פאָרמולירער פון די דאָזיקע גרונט־קאָנצעפּטן און די ברייטע מאַסן אויפנעמער זייערע. די שאַפער האָבן צוגעטראָפן און ריכטיק אויסגעדריקט דאָס וואָס די מאַסן האָבן שטום געפילט. איינצלנע אויסדריקער און פאָרמולירער האָבן אָבער געמוזט זיין און זיינען געווען.

דאָס איז אָבער ריכטיק נאָר בנוגע די אַלגעמיינע קאָנצעפּטן פון גלויבן, ווי גלויבן אין געטער, גלויבן אין גייסטער, גלויבן אין

נשמה, גלויבן אין יענער וועלט, גלויבן אין גיהנום, גלויבן אין גן עדן ,אא"וו. דאָ איז געווען צוזאַמענפאַל צווישן דעם גייסט פון די איינצלנע דערפינדער און דעם גייסט פון די מאַסן אויפנעמער. ווען רעליגיע האָט אָבער דערגרייכט די עטישע פאַזע פון איר אַנטוויקלונג, איז מער דער דאָזיקער צוזאַמענפאַל נישט געווען, נאָר פאַרקערט, פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפּשטאַנד צווישן גייסט פון די שאַפער פון עטישער רעליגיע און דעם גייסט פון די מאַסן אויפנעמער. דער גאָט פון די עטישע נביאים, איז נישט געוואָרן דער גאָט פון די מאַסן; דער גלויבן פון די עטישע נביאים, איז נישט געוואָרן דער גלויבן פון די פעלקער. די פעלקער האָבן ביי די נביאים בלויז איבערגענומען ווערטער, נעמען און דאָגמען. דער זינען וואָס דאָס פאָלק האָט אין די ווערטער און דאָגמען אַריינגעלייגט, איז געווען אין תוך פאַרשידן פון דעם זינען וואָס די נביאים האָבן אין זיי אַריינגעלייגט.

וואָס שייך די ערשטע נביאים גופא, האָט דער עטישער דראַנג געמוזט זיין ביי זיי אומגעהויער שטאַרק. וואָרום וויבאַלד זיי האָבן געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן די רעליגיעזע קאָנצעפּטן פון זייער פאָלק; וויבאַלד זיי האָבן געהאַט גענוג מוט צו ברעכן די דורות-לאַנגע טראַדיציע און רוטין פון זייער שטאַם, האָבן זיי דערצו געמוזט באַוועגט ווערן פון אַ גוואַלדיקן אינערלעכן כוח. עס האָט אין זיי געמוזט לעבן אַזאַ שטאַרקע עטישע ליידנשאַפט, וואָס האָט זיי ניט געלאָזט רוען, נאָר האָט זיי גערופן אַרויסצוטרעטן קעגן דער שלעכטער אינטערפּרעטאַציע פון גאָט און פריידיקן אַ גוטן גאָט. נעמט מען אין אַכט ווי שטאַרק, ווי אומגעווייטלעך שטאַרק די מאַכט פון טראַדיציע און סאָציאַלער רוטין איז געווען אין יענע ווייטע צייטן; אַז אָפּטרעטן אַ קוצו של יוד פון די אָנגענומענע מינהגים, מיינונגען און גלויבונגען פון דער געמיינשאַפט, איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרעסטער געפאַר; אַז אַרויסטרעטן קעגן דער מינדסט-מינדסטער פירונג אָדער גלויבונג פון דער געמיינשאַפט האָט געמיינט אַרויפציען אויף זיך אַלעמענס האַס און צאָרן — דאַן קען מען זיך פאָרשטעלן ווי שטאַרק עס האָט געמוזט זיין די עטישע ליידנשאַפט ביי יענע ערשטע נביאים פון גוטן גאָט.

דאָס אַריינדרינגען אינעם אינערלעכן לעבן פון די ערשטע נביאים; דאָס תופס זיין און אַרויסברענגען זייער טראַגישן קאַמף מיט זיך אַליין, דעם פאַרצווייפלטן געראַנגל וואָס איז פאָרגעקומען אין זייער נשמה — וואָלט געווען זייער אַ דאַנקבאַרע טעמע פאַר אַ דיכטער. פון איין זייט האָט אויף זיי געמוזט ווענן די לאַסט פונעם עבר; זיי האָבן באַדאַרפט צעשטערן דעם איינגעשטעלטן גלויבן פון די אָבות זינט דור־דורות; זיי האָבן זיך באַדאַרפט באַפרייען פון די קייטן, וואָס דערציאונג און געוואוינהייט האָבן אָנגעטון אויף זייער גייסט. די דאָזיקע צוימענדיקע און צוריקהאַלטנדיקע קראַפט, האָט געווירקט פון איין זייט; פון דער צווייטער זייט האָט געווירקט דאָס געשריי פון בלוט און פון גייסט: די שטימע פון געוויסן, דאָס קול פון נייעם געפיל און נייעם געדאַנק און נייער זיבערצייגונג, וואָס האָט זיי גערופן פאָרויס. די דאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע כוחות האָבן געמוזט צערייסן דאָס האַרץ ביי יענע ערשטע באַשאַפער פון גוטן גאָט...

גרויס איז געווען דער אויפטו פון די ערשטע עטישע נביאים און נאָך גרעסער איז געווען די דערשיינונג פון זייער פערזאָן גופא. וואָרום אויב זייער שאַפונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער קולטור, האָט זייער פערזאָן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון לעבן. ביי זיי האָט די נאַטור זיך אַליין איבערגעבראָכן. מיט זיי האָט די נאַטור אָנגעהויבן גיין אין אַ קעגנזעצלעכער ריכטונג ווי זי איז געגאַנגען ביז זיי. ביז זיי האָט געהערשט אין דער נאַטור דאָס געזעץ פון שטאַרקערן, און פון זיי האָט אָנגעהויבן הערשן דאָס געזעץ פון גערעכטן. זינט דער דערשיינונג פון די ערשטע עטישע מענטשן, זינט דער מענטש איז אַריין אין דער ביאָעטישער פאַזע פון אַנטוויקלונג, האָט ער מיט דער נאַטור איבערגעריסן, דאָס הייסט ער האָט אָנגעהויבן באַקומען אַן אייגענע נאַטור. עס האָבן פאַר אים אויפגעהערט גילטן די אַלגעמיינע ביאָלאָגישע געזעצן. די געזעצן פון דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור און די געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור, זיינען געוואָרן פונאַנדערגעטיילט. דער מענטש האָט אָנגעהויבן פילן אַז די אַזוי־גערופענע נאַטור־געזעצן, דאָס אויפפרעסן און פאַרשלינגען שוואַכע,

שוצלאָזע, פרידלעכע באַשעפענישן מצד זייערע מיטברידער מיט שאַרפערע ציין און שפּיציקערע נעגל — איז אומגערעכט; ער האָט אַזוי אָנגעהויבן פילן ספּאַנטאַן, אָרגאַניש, ביאָלאָגיש; מיט זיין בלוט און מיט זיין לייב האָט ער אַזוי אָנגעהויבן פילן; ער האָט אָנגעהויבן פילן אַז די נאַטור איז שלעכט, די נאַטור איז בלוטדורשטיק, די נאַטור איז אוממאָראַליש, די נאַטור איז אַ גזלן, אַ פאַרברעכער, אַ רוצח, אַ ברודער-מערדער; אַז די נאַטור איז קעגן זיין נאַטור, די נאַטור איז אוממענטשלעך, און אַז ווען ער, דער מענטש וואָלט געווען באַלעבאָס איבער דער נאַטור, וואָלט ער זי איבערגעמאַכט, וואָלט ער געמאַכט אַז זי זאָל זיך פירן מיט יושר און גערעכטיקייט, זי זאָל זיך פירן מענטשלעך. פון דעמאָלט אָן איז מער ניט געווען שייך צו גיין זוכן די געזעצן פון דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור אין דער מענטשלעכער נאַטור, פונקט ווי עס איז נישט געווען שייך צו גיין זוכן די געזעצן פון דער מענטשלעכער נאַטור אין דער אַלגעמיינער לעבעדיקער נאַטור. עס זיינען געווען צוויי נאַטורן. די ערשטע עטישע מענטשן און נביאים פון אַ נייעם גוטן גאָט, זיינען געווען דער העכסטער לעבעדיקער אויסדרוק פון אָט דער ביאָעטישער נאַטור-פאַזע. און מיט זייער ווערק האָבן זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין וואָרט, געדאַנק און טאַט דאָס, וואָס די נאַטור האָט אין זיי פאַרוואַנדלט אין בלוט און אין גייסט.

אָבער נישט אַזוי שנעל איז עס זיי געלונגען; נישט אַזוי שנעל איז עס געלונגען די עטישע נביאים צו מאַכן גלויבן דער מענטשהייט אין אַ גוטן גאָט. מיט אַן אמת איז עס זיי קיינמאָל נישט געלונגען. דאָס פאָלק האָט קיינמאָל נישט ווי געהעריק געגלויבט אין גוטן גאָט. אין בעסטן פאַל איז עס געווען אַ גלויבן מיט דער פאַנטאַזיע, אָבער נישט מיט דער נשמה. אויסער די הייפלעך נביאים-ענלעכע מענטשן, האָבן די מאַסן שטענדיק מער גערינט צו אַן אָפּגאָט, איידער צו גאָט. דער מיכלומרשטער דערפאָלג פון די נביאים איז געווען בלויז אַן אויסערלעכער און אַ פאָרמעלער. זיי האָבן מיטן נאָמען פאַרביטן די סך געטער אויף איין גאָט; זיי האָבן דעם איינציקן גאָט דערקלערט אלם אַן אל רחום, זיי האָבן אים באַזעצט

אין הימל און אים געמאכט פאַרן אַלמעכטיקן בורא עולם אא"וו, אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען אויסערלעכע שינוים. לויטן גייסט, איז אַלץ געבליבן ווי פריער. אונטער דער פאַלע פון „איינציקן גוטן גאָט, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די בייזע געטער פון פאַרצייטן. זייערע אָפּבילדער האָט מען צעשטערט, זייערע געצן פאַרניכטעט, זייערע טעמפּלען דעמאָלירט; זייער ג ײ ס ט אָבער, איז געבליבן לעבן און ווירקן — זייער גייסט איז אַריינגעדרונגען אין איינציקן גוטן גאָט, און די מאַסן האָבן צו אים, צום גייסט פון די אָפּגעטער, ווייטער געדינט.

זינט דעם דערשינען פון די ערשטע עטישע נביאים, האָט זיך אָנגעהויבן דער אייביקער טראַגישער קאַמף צווישן די נביאים מיט די מאַסן, וואָס האַלט נאָך אָן ביז היינטיקן טאָג און וואָס וועט נאָך אָנהאַלטן ווער ווייס ווי לאַנג. די נביאים האָבן גערופן די מאַסן צו אַ לעבן פון גוטס און גערעכטיקייט, און די מאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ לעבן פון שלעכטס און אומגערעכטיקייט; די נביאים האָבן געפּריידיקט אַ לעבן פון ליבע און שלום, און די מאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ לעבן פון שינאה און קריג; די נביאים האָבן גערופן צו אַ לעבן פון אמת און שיינקייט, און די מאַסן האָבן געענטפערט מיט אַ לעבן פון ליגן און מיאוסקייט. דער גאָט פון נביא איז געווען כולו אמת, כולו יושר און כולו שיינקייט, און דער גאָט פון די מאַסן איז געווען אַ גאָט וואָס שרעקט, וואָס שטראָפט, וואָס שיקט אומגליקן, וואָס פּייניקט און וואַרפט אין גיהנום.

פון דעם מאָמענט אָן ווען ס'זיינען אויפגעשטאַנען נביאים און לערער פון גוטס אין מענטשלעכן לעבן, פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער אומענדלעכער דערנער־וועג פון אונדזער קולטור־אַנטוויקלונג; פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון קולטור־ליגן. עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ תהום צווישן לעבן און ווירקן פון די אויטענטישע גייסט־מענטשן, און דעם לעבן און ווירקן פון די מאַסן. דער ערשטער נביא איז געווען דער ערשטער מיספּאַרשטאַנענער מענטש; דער ערשטער נביא איז געווען דער ערשטער צעשטערער פונעם גייסטיקן גלייכגעוויכט אין לעבן פון די מענטשן. ער האָט די מענטשהייט אַריינ־

געשטויסן אין אן אייביקן כף הקלע. זינט דעמאָלט האָט די מענטש־
הייט נישט מער קיין גייסטיקע מנוחה און רו.

דער ערשטער נביא איז געווען נישט נאָר דער ערשטער רו־
פער צו גוטס, נאָר אויך דער ערשטער אַנטדעקער פון שלעכטס.
אַזוי אַלט ווי עס איז די מאָראַל, אַזוי אַלט איז אויך די אוממאָ־
ראַל; פריידיקן גוטס מצד יחידים, מיינט אַנטדעקן אַז דער כלל
פּראַקטיצירט שלעכט; רופן צו אַ דערהויבן לעבן מצד איינצלנע,
מיינט דערוויזן דאָס שפּלע לעבן פון רבים. ווען עס איז נישט גע־
ווען קיין מאָראַל, איז נישט געווען קיין אוממאָראַל; ווען עס איז
נישט געווען קיין גוטס, איז ניט געווען קיין שלעכטס; ווען עס
איז נישט געווען קיין טוגנט, איז נישט געווען קיין זינד; ווען עס
איז נישט געווען קיין דערהויבנקייט, איז נישט געווען קיין גע־
פאַלנקייט; ווען עס זיינען נישט געווען קיין צדיקים, זיינען נישט
געווען קיין רשעים. ביזן ערשטן נביא האָט נישט עקזיסטירט קיין
פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, ווייל אַלע האָבן געלעבט דאָס
זעלבע לעבן און עס זיינען נישט געווען קיין קאָנטראַסטירנדיקע
יחידים. דאָס לעבן פונעם האָמאָ איז געווען גלייכאַרטיק אין אַלע
זיינע מיליאָנען איינצלטיילן. דער ערשטער מאָראַל־מענטש, איז
געווען דער ערשטער קאָנטראַסט. זינט ער איז דערשינען, האָט מען
אָנגעהויבן זען, אַז עס קען זיין אַנדערש, אַז עס איז דאָ אַנדערש.

און מען האָט דעם דאָזיקן „אַנדערש" דערפילט אין זיך אַליין.
מען האָט דערפילט, אַז אַ רמז, אַ ניצוץ דערפון, וואָס דער מאָ־
ראַל־מענטש א י ז , איז פאַראַן אין יעדן, וואָרום ווען עס
וואָלט אַזוי נישט געווען, ווען עס וואָלט נישט עקזיסטירט קיין
שום אינערלעכע געמיינזאַמקייט, קיין שום אפיניטעט, צווישן נביא
און פאָלק, ווען דער נביא וואָלט נישט געלעבט אין דער נשמה
פונעם פאָלק, ווען דאָס פאָלק וואָלט דעם נביא נישט מיטגעפילט
— וואָלט דער נביא קיין נביא נישט געווען, נאָר אַן אומנאָרמאַלער
אינדיווידן, אַ איינער וואָס איז אַנדערש ווי אַלע, אַנדערש ווי די
גאַנצע וועלט, און ער וואָלט באַדאַרפט גיין אין אַ הויז פון אומ־
נאָרמאַלע און נישט צעטרייסלען די מענטשלעכע געשיכטע און די
מענטשלעכע קולטור. אויב עס האָט פּאַסירט דאָס לעצטע, איז עס אַ

באוויז, אז דער נביא לעבט אין הארץ פונעם פאָלק; דאָס פאָלק פאַרערט דעם נביא און פאַרגעטערט אים, דאָס פאָלק בליקט אַרויף צו אים — בליקט אַרויף, אָבער אויפשטייגן צו זיין הויך קען עס נישט. דערין איז באַשטאַנען די וויכטיקייט פון דעם דערשיינען פון די ערשטע נביאים. זיי האָבן געמאַכט דערפילן דעם ניצוץ־מענטש וואָס איז ביז דעמאָלט נאָך נישט געהאַט דערפילט גע־וואָרן. דער עטישער פונק האָט שוין געהאַט געטליעט אין די מענטש־לעכע הערצער, אָבער קיינער האָט אים נאָך נישט געהאַט אַנט־דעקט, קיינער האָט אים נאָך נישט געהאַט אויסגעפונען אין זיך. ערשט ווען די מענטשן האָבן דערזען פאַר זיך דעם ערשטן נביא, ערשט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט אין זיך זייער עטישן פונק, ערשט דעמאָלט האָבן זיי דערפילט, אַז עס לעבט און צאַפּלט זיך אין זיי אַ מענטשלעך געווויסן, ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך גע־געבן חשבון אַז עס שלאָגט אין זיי אַ מענטשלעכער אָדער. עס איז אָבער געווען נישט מער ווי איין אָדער. די נשמה אַלס גאַנצע, די דאָמינירנדיקע כוחות אין איר, זיינען געווען פון חיהשן שניט. עס איז געווען אַ נשמה פון אַ חיה מיט אַ מענטשלעכן ניצוץ. פון דעם האָט זיך געגומען און עס נעמט זיך דער אייביקער קאַמף פון דער מענטשהייט מיט זיך אַליין. דער מענטש איז שוין צופיל מענטש, אַז ער זאָל קענען פירן אַ חיהש לעבן און זיין געווויסן זאָל אים דער־ביי נישט פּלאָגן און מאַטערן, און ער איז נאָך צופיל חיה, אַז ער זאָל קענען פירן אַ מענטשלעך לעבן און זיינע חיהשע אימפּולסן זאָלן אים דערצו דערלאָזן. דער מענטש איז — ביאָלאָגיש איז ער עס — אַ פּותח על שתי סעיפים; ער איז דאָמינירט פון אַ חיהשער נאַטור מיט אַ ביאָ־הומאַנער טענדענץ אין איר. אָט צווישן די דאָ־זיקע צוויי קעגנזעצלעכע נאַטורן קומט עס פאָר דער אייביקער גע־ראַנגל פון דער מענטשהייט מיט זיך אַליין.

אָנגעהויבן קומען צום אויסדרוק אין לעבן און קולטור האָט דער דאָזיקער גייסטיקער דואַליזם זינט עס האָבן אָנגעהויבן אויפטרעטן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט מאָראַל־לערער. זיי זיינען עס געווען די יעניקע וואָס האָבן צעטרייסלט די מענטשלעכע נשמה און האָבן אַרויפגעבראַכט אויף איר אויבערפלאַך די קליינע סכומען

עטישע פילבארקייט, וואָס זיינען געלעגן אָפּגעזעצט אויף איר גרונט. ביז יענער צייט — און אַזאַ צייט האָט זיך דאָך אַמאָל געמוזט אָנהויבן, צי מיר ווייסן יאָ ווען דאָס איז געווען, צי נישט — האָבן די מענטשן געלעבט אין אינערלעכן שלום מיט זיך אַליין. די נביאים האָבן צעשטערט דעם אינערלעכן שלום. די נביאים פון זייער זייט, האָבן נישט מער ווי אויסגעפירט אַ נאַטור־מיסיע; זיי האָבן געטון בלויז דאָס וואָס די נאַטור — אין זיי — האָט זיי באַפוילן צו טון. זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין וואָרט און געדאַנק דאָס וואָס די נאַטור האָט אין זיי פאַרוואַנדלט אין געפיל און גייסט. זיי האָבן בלויז פאַרטייטשט זיך אַליין, זיי האָבן בלויז איבערגעגאָסן זיך אַליין אין אידייע און וואָרט; זיי האָבן בלויז פאָרמולירט זיך אַליין, זיי האָבן נישט מער ווי אַרויסגעשטעלט דעם אמת וואָס זיי האָבן געפונען אין זיך, און האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אויך דער אמת פון אַלע, און מחמת דעם פאַרלאַנגט אַז אַלע זאָלן דעם דאָזיקן אמת אָנערקענען. עס איז אָבער נישט אַזוי געווען. דעם אמת וואָס זיי האָבן געפונען אין זיך, איז געווען בלויז זייער אמת. אין אַלע, האָט דער דאָזיקער אמת נאָך נישט געהאַט דערגרייכט צו דער דאָזיקער מדרגה פון רייפקייט וואָס אין זיי. זיי זיינען געווען די ערשטע רייף־געוואָרענע פרוכט אויפן בוים פון אונדזער ביאָעטישער אַנטוויקלונג און זיי האָבן געמיינט, אַזאַ אַלע פרוכטן פונעם בוים זיינען שוין אַזוי רייף ווי זיי. דאָס איז געווען אַ טעות, אָבער אַ נויטווענדיקער טעות, וואָרום דער מענטש איז שוין אַזוי געמאַכט צו זען אַלעמען ענלעך צו זיך. נאָך ביז איצט האָט זיך דער נביאישער טיפּ מענטש נישט באַפרייט פון דעם דאָזיקן טעות פון יענע פאַרצייטיקע נביאים, און זיי זעען די גאַנצע מענטשהייט ענלעך צו זיך אַליין, און דאָס, נאָך אַזויפיל, אַזויפיל ביטערער דערפאַרונג...

IV

עס איז געווען לאָגיש, אַז אויף קיין שום געביט זאָל זיך נישט אַזוי בולט אָפּשפּיגלען אונדזער ביפּסיכיזם ווי אויפן געביט פון רעליגיע. ס'יי דער קאַמף פון די מענטשן מיט זיך אַליין, דאָס הייסט

דער קאַמף פון די צוויי נשמות אין זיי, סיי דער קאַמף צווישן די נביאים מיט די מאַסן, איז אין רעליגיע געקומען אויף אַ מערקווירדיק־בולטן אופן צום אויסדרוק. און אַט פאַרוואָס: אין רעליגיע איז סיי דער נביא און סיי דער עטישער טייל אין מענטשן, פאַרסירט געוואָרן דורך דער אידייע־קראַפט פון אַ גוטן גאָט. ביים גלויביקן מענטשן, האָט דאָס שוואַכע עטישע נשמהלע אין אים, צוגעקריגן אויף איר זייט די הילף פון דעם מעכטיקן כוח, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר אמונה. דער גאַנצער מיסטישער אַפּאַראַט, מיט זיין גוואַלדיקער סוגעסטיווער קראַפט, האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם פּיצעלע מענטש אין מענטשן, קעגן דער גרויסער שטיק חיה אין אים. דאָס האָט גורם געווען, אַז דער אינערלעכער קאַמף פון די מענטשן, זאָל אויפן באָדן פון רעליגיע אַרויסקומען טיפער, טראַגישער, ווי אויפן באָדן פון וועלטלעכן לעבן. דער גלויביקער־מענטש האָט זיינע עטישע געפילן און נאָרמען געמוזט נעמען ערנסט, וואָרום הינטער זיי איז געשטאַנען די דראָענדיקע האַנט פון גאָט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא און אַ פּחד. קעגן דער פאַרפונדעוועטער, דאָמינירנדיקער חיהשער נשמה, האָבן, אין גלויביקן מענטשן געווירקט צוזאַמענגענומען, אי זיין קליין ביסעלע געווייסן און אי די מיסטישע מורא. ביים אומגלויביקן, האָט דער לעצטער כוח געפעלט. ביי אים איז עס געווען פּשוט אַ קאַמף צווישן צוויי קעגנזעצלעכע געפילן, וואָס איינער איז געווען שטאַרק און מעכטיק, און דער צווייטער ראַכיטיש און שוואַך.

און דאָך איז, אַפילו מיט דער הילף פון גאָט און מיט דער מורא פאַרן גיהנום, דאָס גוטס אין מענטשן באַזיגט געוואָרן פונעם שלעכטס. און נישט בלויז איז עס באַזיגט געוואָרן אין טאַט, נאָר אויך אין דער אידייע. נישט בלויז האָבן גלויביקע מענטשן שטענדיק געזינדיקט און אָנערקענט, אַז זיי זינדיקן און געקומען בעטן ביי גאָט מחילה, נאָר וואָס ערגער איז, זיי האָבן געמאַכט פון זינדטוגנטן, פון עבירות מיצוות, פון פאַרברעכנס — געטלעכע געבאָטן. דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט טיף און אָרגאַניש, דאָס אַלץ האָבן זיי געזען וועלן גאָט און זיך עס געלאָזט פון אים דיקטירן.

דער מאָמענט אין רעליגיע, ווען אָרגאַנישער ווילן ווערט ספּאָנ־

טאַן פאַרוואַנדלט אין מיסטישן קאָנצעפּט, איז אַ סך פונדאַמענטאַלער און באַלערנדיקער ווי דער מאָמענט פון באַוואוסטזיניקן זינדיקן. דער פאַקט, וואָס אַפילו אין די העכסטע רעליגיעס האָבן מענטשן געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון טייוול אָדער סטן, וואָס ריוואַליזירן מיט גאָט און זוכט קעגנצואַווירקן זיין גוטן ווילן, ווייזט אונדז אַ סך בולטער די טיף־פאַרוואָרצלטע אַנימאַלע נטיות אין דעם מענטשנס נשמה, איידער אַלע באַוואוסטזיניקע חטאים צוזאַמענגענומען. די אימפּולסן וואָס פאָרמירן אונדזער דענקען און אונדזער גלויבן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך אין אונדזערע אידייען און אָנשויאונגען, זיינען אַ סך טיפערע ווי די וואָס ברענגען אונדז צו פעלערהאַפטע טאַטן. די אימפּולסן וואָס באַשטימען אונדזערע אידייען און אונדזער גלויבן, זיי זיינען מיר גופא, זיי שטעלן צונויף אונדזער גייסטיקע תכונה, זיי זיינען אונדזער פסיכישער עצם, זיי זיינען דעם וועזנטלעכער שטאָף פון אונדזער נשמה. אינקעגנטייל זיינען די אימפּולסן, וואָס ברענגען אונדז צו באַוואוסטזיניקע זינדיקע טאַטן, אויבערפלעכלעכע. — האַנדלען קענען זיך, קען מען; דענקען קענען זיך, קען מען נישט. דער איך און דער דענקען זיינען אַזוי פולשטענדיק אידענטיש און צוזאַמענגעגאָסן, אַז זיי זיינען איין זאַך. אין יעדן איך איז נויטווענדיקערווייז איינגעשלאָסן זיין אופן פון דענקען, און יעדן איינעמס אופן פון דענקען, דריקט פולשטענדיק אויס זיין איך. (נאַטירלעך איז דאָ נישט קיין רייד פון קיין פאַלשן נאָכגעאַמטן דענקען). נישט אַזוי איז מיט האַנדלען. האַנדלען האַנדלט מען אָפטמאָל קעגן זיך, דאָס הייסט, מען לאָזט זיך אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט, איינרייסן פון אַ שלעכטן געפיל. עס איז דאָך אַזאַ אָפטע דערשיינונג, אַז מענטשן זאָלן ליידן פאַרוואָס זיי האָבן געטון די אָדער יענע טאַט. דאָס באַווייזט, אַז דעם געגעבענעם מענטש אַלס גאַנצן, איז קעגנזעצלעך זיין באַגאַנגענער פעלערהאַפטער טאַט, נישט מער אַזוי ווי קיין מענטש איז נישט פולקאָם איינהייטלעך, מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ „זייטיקער" אימפּולס, אין אַ שטאַרק אינטענסיוון צושטאַנד, איז גובר די וועזנטלעכע און דאָמינירנדיקע אימפּולסן פון דעם דאָזיקן מענטשנס נשמה, און ער באַגייט אַ פעלער. מיט אידייען אָבער קען עס נישט פּאַסירן.

קיינער קען נישט ליידן דערפון וואָס ער האָט שלעכטע אידייען; קיינער קען נישט האָבן קיין געוויסנביסן דערפאַר וואָס ער האָט אַן אומגערעכטע וועלט־אַנשויאונג. יעדן איינעמס אַנשויאונג איז אין פולער האַרמאָניע מיט אים אַליין און אין יעדן איינעמס וועלט־און לעבנס־קאָנצעפּט איז שטענדיק איבערגעגאָסן די גרונטיקסטע און אינטימסטע יסודות פון זיין גייסט. האָבן אידייען קעגנזעצלעכע צו זיך, מיינט אַרויסקריכן פון דער אייגענער הויט. יעדער א י ז דאָס וואָס ער ד ע נ ק ט , און יעדער ד ע נ ק ט דאָס וואָס ער א י ז . עס זיינען פאַראַן אויסערלעכע סיבות, וואָס קומען פון לעבן און סביבה, וועלכע צעטומלען אָפּטמאָל די מענטשן און לאָזן זיי נישט געבוי זיך דערוויסן זייערע אייגענע געדאַנקען. ווען אַ געניטע האַנט פון אַ נשמה־קענער וואָלט די דאָזיקע צעטומלענ־דיקע מניעות באַזייטיקט און וואָלט געהאָלפן יעדן איינעם צונויפ־נעמען און קאָאָרדינירן זיין דענקען וועגן אַלע פראַגן פון וועלט און מענטש, וואָלט מען אין יעדן איינעמס דענקען אַזוי קלאָר גע־קענט פעסטשטעלן זיין איך, ווי מען קען דאָס טון ווען מען לאָזט זיין געזיכט רעפלעקטירן אין אַ גוטן קרישטאָל־שפּיגל.

דאָס וואָס זייט ביי זייט מיט גאָט האָבן מענטשן געגלויבט אין סטן און אין טייוול, ווייזט אַ סך מער אויף זייער שלעכטס, איידער די גרויסע צאָל באַוואוסטזיניקע זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן גאָט. עס איז פאַראַן אַ סך מער שלעכטס אין ג ל ו י ב ן א י ן ט יי ו ו ל , איידער נכשל ווערן אין אַן עבירה.

ווער האָט געלערנט דעם פאָלק גלויבן אין טייוול? — קיינער נישט. פאַרקערט, אָפּיציעל איז עס געווען פאַרבאָטן. און דאָך האָבן די מאָנאָטעאיסטישע מאַסן פאַקטיש מער געגלויבט אין טייוול און מער מורא געהאַט פאַר אים, ווי זיי האָבן געגלויבט און מורא געהאַט פאַר גאָט. פאַרוואָס? — ווייל גלויבן אין גאָט האָבן דעם פאָלק געלערנט נביאים, און גלויבן אין טייוול האָט דאָס פאָלק זיך אַליין געלערנט. דאָס פאָלק אַליין איז געווען דער פאַרפאַסער פון טייוולס אמונה, דאָס פאָלק אַליין איז געווען דער נביא פון סטנס רעליגיע. אַלץ וואָס האָט געשראָקן, פאַרפאָלגט און פאַר־פירט, פאַר דעם אַלעמען האָט דאָס פאָלק מורא געהאַט און אין דעם געגלויבט און צו דעם געדינט.

אומזיסט איז געווען דעם פאָלק צו לערנען גלויבן אין דעם אין וואָס עס איז נישט געווען גענויגט צו גלויבן, און אומזיסט איז געווען צו לערנען דעם פאָלק נישט גלויבן אין דעם אין וואָס עס איז געווען גענויגט יאָ צו גלויבן. דאָס פאָלק — וויפל מ׳האָט מיט אים נישט געלערנט און געקנעלט און וויפל מ׳האָט אים נישט אריינגעפריידיקט — איז שטענדיק, סוף־כל־סוף, געבליבן ביי ז יי ן גלויבן. עס האָט געטון אַ טובה און געלאָזט בייטן די פאָרמען און די נעמען; דער אינהאַלט אָבער, אפילו פון די שענסטע און בעסטע גלויבנס־פאָרמען, איז שטענדיק געבליבן דער זעלבער.

און אַנדערש האָט עס אויך נישט געקענט זיין. וואָרום צי קען דען עמיצער זיין גרעסער פון זיך אַליין, צי קען דען עמיצער זיין בעסער און שענער ווי ער איז? און וואָס איז דען אַז מ׳זאָגט: „איך גלויב אין אַ גאָט פון העכסטער ליבע״, — ווערט מען דען דורך דעם בעסער ווי מ׳איז? ניין, מ׳ווערט נישט בעסער; מ׳בלייבט אזוי ווי מ׳איז. נישט דער גלויבן הויבט אויף אָדער נידערט אראָפּ דעם מענטשן, נאָר דער מענטש הויבט אויף און נידערט אראָפּ דעם גלויבן; נישט צום ערשטן גלויבט מען און נאָכדעם איז מען, נאָר צום ערשטן איז מען און נאָכדעם גלויבט מען.

די געשיכטע פון עטישן גלויבן פון איין זייט, איז די געשיכטע פון אַנימאַלן אבערגלויבן פון דער אַנדערער זייט; די געשיכטע פון דערהויבענע נביאים פון איין זייט, איז די געשיכטע פון שפּלעמאַסן פון דער אַנדערער זייט; די געשיכטע פון הויכע רעליגיעזע דאָקטרינעס, פּרינציפּן און אידעאַלן פון איין זייט, איז די געשיכטע פון נידעריקער רעליגיעזער לעבנס־פּראַקטיק, זינד און פאַרברעכנס פון דער צווייטער זייט. פון איין זייט גייט: גאָט, נביאים, הייליקע, צדיקים, אמתע רעליגיאָזיטעט און פרומקייט, און פון דער צווייטער זייט גייט: טייוול, סטן, שדים, יצר־הרע, סטרא אחרא, זינד, אויסגעלאַסנקייט, קאָרופּציע, רשעות, פאַרדאָרבנקייט אא״וו. און צווישן די דאָזיקע צוויי דאָמיניומס קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכער קאַמף און געראַנגל. עס קעמפט און עס ראַנגלט זיך: גאָט מיטן טייוול, נביא מיט פאָלק, צדיק מיט רשע, געוויסן מיט געוויסנלאָזיקייט, פרומקייט מיט זינד, מצווה מיט עבירה, טוגנט מיט פאַרברעכן; סיי

די בעסערע מענטשן מיט די ערגערע און סיי דאָס בעסערע אין מענטשן מיטן ערגערן אין אים. איבערן גאַנצן פראַנט און אונטער די פאַרשידנסטע פאָרמען — קאַמף און געראַנגל. און נישט בלויז אויפן געביט פון רעליגיע, נאָר אויך אויפן געביט פון וועלטלעכן לעבן און קולטור. נישט מער, אויף דער קאַנווע פון דער מיסטיק, איז דער ביפּסיכיזם אַרויסגעקומען בולטער ווי אויף דער קאַנווע פון וועלטלעכן לעבן. די מיסטיק האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט פּערזאָניפיצירט די גוטע און די שלעכטע אייגנשאַפטן פון אונדזער נשמה אין ספּיריטועלע געשטאַלטן; גלויבן האָט טראַנספּעַרירט אונדזערע געפילן אין גייסטהאַפטע וועזנס; גלויבן האָט פאַר־פיקסירט אין וויזיאָנערע פאָרמען די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פון אונדזער גייסטיקן זיין. די הויפּט־פּערסאָנאַזשן פונעם אוני־ווערסאַלן גלויבן שטעלן מיט זיך פאָר די פונדאַמענטאַלע און דאָ־מינירנדיקע כוחות פון אונדזער גייסט. גאָט און דער טייוול, דאָס זיינען די צוויי העכסטע פאַרקערפּערונגען פון מענטשנס צוויי נשמות. דאָס פונאַנדערטיילן די ספּיריטועלע וועלט אין צוויי מלכותן, אין אַ מלכות פון גוטס און שיינקייט מיט גאָט אין דער שפּיץ, און אין אַ מלכות פון שלעכטס און בייזקייט מיטן טייוול אין דער שפּיץ, דריקט פולשטענדיק אויס אונדזער ביפּסיכיזם.

וואָס אוניווערסאַלער און פּאָפּולערער אַ מיסטישער פּערסאָ־נאַזש, אַלץ מער פאַרקערפּערט ער אַלגעמיין מענטשלעכע אייגנ־שאַפטן. וואָס שטאַרקער, טיפער און אינטענסיווער ס'איז דער גלויבן אין אַזאַ מיסטישן פּערסאָנאַזש, אַלץ טיפער זיינען די גע־פילן פון וועלכע ער איז דער אויסדרוק. פאַנטאַסטישע געשטאַלטן האָבן אויף אַזוי פיל אַ האַפטע און אַ ממש, אויף וויפל מיר דערנערן זיי מיט אונדזער אייגן בלוט. ווען מיר וואָלטן נישט אָנגעגאָסן די גלויבנס־פאַנטאָמען מיט אונדזער גייסט, וואָלטן זיי זיך צעשוואָר־מען ווי שטיקלעך רויך.

און פונקט ווי עס איז וויכטיק פעסטצושטעלן דעם פּסיכאָלאָ־גישן ווערט פון די מיסטישע וועזנס, פון גאָט אָדער טייוול, אַזוי איז אויך וויכטיק פעסטצושטעלן אויף וויפל האָבן מענטשן גע־גלויבט אין גאָט און אויף וויפל אין טייוול, און צי איז דער גאָט,

וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי גלויבן אין אים, טאָקע מיט אַן אמת געווען גאָט.

קוקט מען זיך צו פון דער נאָענט צו דער רעליגיעזער ווירק־לעבקייט פון די מאַסן, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די מאַסן האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט אין עטישן גאָט; אַז די מאַסן האָבן קיינ־מאָל קיין עטישע רעליגיע נישט געהאַט. עס איז נישט אויסצוגע־פינען קיין שום געביט פון גלויבן, וואָס די מאַסן האָבן פּראַקטיצירט, וואָס זאָל איבערצייגן אַז דאָס איז טאָקע מיט אַן אמת געווען עטי־שער גלויבן און נישט אַבערגלויבן. סיי די צערעמאָניעס, סיי די תפילות, סיי די גלויבונגען, האָבן, לויט זייער תוך, זייער גוט גע־קענט זיין געצנדינסט צו איין גאָט.

די ווירקלעכע רעליגיאָזיטעט פון די מאַסן איז באַשטאַנען אין אָפּהיטן קאָמפּלעקסן מעכאַנישע פירונגען און טאַטן. איין רעליגיע האָט אַזעלכע געהאַט מער און אַ צווייטע ווייניקער. די אידישע רעליגיע, למשל, האָט איינגעקראַמפּט אין ענגע שטאָלענע ראַמען דעם גאַנצן פּערזענלעכן און קאָלעקטיוון לעבנס־פיר פון דעם אי־דישן מענטשן. דער גלויביקער איד האָט קיינמאָל נישט געקענט מאַכן קיין איין איינציקן פרייען טריט, אָן דעם, אַז ער זאָל נישט הערן הינטער זיך די באַפעלנדיקע שטימע פון שולחן ערוך: אַזוי גיי, אַזוי שטיי, אַזוי עס, אַזוי שלאָף, אַזוי וואַש־זיך, אַזוי קלייד־זיך, אַזוי שער־זיך, אַזוי האָב־חתונה, אַזוי האָב־קינדער, אַזוי לעב און אַזוי שטאַרב — אָן אַ שיר און אָן אַן עק. אין די אַנדערע צוויי כּאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס איז אין דעם פּרט געווען אַביסל פרייער און דער גלויביקער איז נישט געווען אַזוי געצווימט אין זיין יעדן קער און ווענד. אָבער אויך דאָרט איז געווען גענוג מיצוות מקיים צו זיין. די מאַסן גלויביקע האָבן די דאָזיקע מיצוות מקיים געווען ווי אויטאָמאַטן: טרוקן, מעכאַניש, אָן גייסט; קיין סימן נישט פון געדאַנק, קיין שפּור נישט פון געפיל, וועלכער זאָל אינערלעך באַ־ווערטיקן די טאַטן. עס זיינען געווען איינדרעסירטע האַנדלונגען. לאַנגע געוואוינהייט האָט אויסגעלאָשן און אָפּגעטעמפּט יעדער שפּור פון געפיל און כוונה אין די דאָזיקע טאַטן. פון געבוירנטאָג אָן טוט מען אַזוי, אַלע טוען אַזוי — טאָ זאָל זיין אַזוי. וואָלט זיך עס

געהאנדלט פון סאָציאַל־נוצלעכע טאַטן, וואָלטן די טאַטן גופא כדאַי געווען. איז עס אָבער אַזוי נישט געווען. מיט די מיצוות פון בין אָדם לחברו, איז עס אין די אַזויגערופענע עטישע רעליגיעס, גע־גאַנגען גאָר נישט גוט. דאָס אַלטעגלעכע לעבן פון די גלויביקע איז פול געווען מיט ליגן, שווינדל, נאַרעריי, עקספּלואַטאַציע, קינאה־שינאה און נאָך אַזעלכע אומרעליגיעזע זאַכן. אָפּגעהיט, כלומרשט, האָט מען די מיצוות פון בין אָדם למקום, די ריין־מיסטישע טו־אונגען. איז די דאָזיקע דאַרף מען אויך איינטיילן אין צוויי טיילן. איין טייל נעמט אַרום די פּסיכיש־אינדעפערענטע מיצוות, דאָס הייסט, אַזעלכע פאַר וועלכע עס איז נישט געווען נישט קיין באַ־שטעטיקונג און נישט קיין דערווידערונג פון געפיל; און דער צוויי־טער טייל נעמט אַרום די מיצוות וואָס זיינען צוזאַמענגעפאַלן מיט די גלוסטונגען פון גוף. די אינדיפערענטע מיצוות האָבן די מאַסן, ווי געזאָגט, מקיים געווען מעכאַניש, נישט אַזוי מיטן כוח פון גלויבן, ווי מיטן כוח פון אינערציע, פון געוואוינהייט און רוטין. מיט „כוונה" און „געפיל" האָבן די מאַסן גלויביקע מקיים געווען בלויז דעם צווייטן סאָרט מיצוות — די געשמאַקע מיצוות. דאָ האָבן די גלויביקע „געדינט גאָט מיטן גאַנצן הארצן" און איינ־געזען ווי גוט ס'איז צו זיין אַ פרומער מאַן...

און אויף אַזאַ אופן ווי מ'האָט אָפּגעהיט די מיצוות, אויף אַזאַ אופן האָט מען געזאָגט די תפילות. מען האָט געזאָגט די טעג־לעכע תפילות צו גאָט, נישט אָנהויבנדיק וויסן וואָס מ'רעדט. דאָס דאַווענען און מיתפלל זיין האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאַנישן אַקט. די תפילות זיינען געווען אַ באַשטימטע צאָל איינגעחזרטע מויל־באַוועגונגען, וואָס פלעגן אַלע טאָג געזאָגט ווערן מיט אַ גרע־סערער אָדער קלענערער שנעלקייט. דאָס וואָס מ'האָט גערופן תפילה־טון, איז אינדערעמתן געווען אַ רייע וואָקאַלע איבונגען. אויב מיר האָבן אויבן גערעדט מכוח דער וויכטיקייט פון תפילה און אָנגע־וויזן אויף דעם פּאָעטישן ווערט, אויף דעם האַרציקן, געפילפולן אינהאַלט, איז דאָס נאָר געווען פאַר די באמת פרומע לייט. מיט דער תפילה־פּראַקטיק פון די מאַסן האָט עס נישט די מינדסטע שייי־כות. פאַר די מאַסן איז דאָס זאָגן די תפילות — די רעליגיעזע

דיכטונגען — געווען נישט מער ווי מאכן מעכאַנישע מויל־באַוועגונגען, אַ זאַך וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אין לויף פון זייער לעבן טויזנטער מאָל. דער אמתער זינען פון תפילה־טון: די געדאַנקען און געפילן וואָס ווערן דערוועקט בעת מ'זאָגט די תפילה, דאָס האָט אינגאַנצן געפעלט אין דעם תפילה־אַקט פון די מאַסן. דאַוונען איז פאַר זיי געווען נ י ש ט ק י י ן ג ײ ס ט י ק ע ר אַ ק ט, נאָר אַ פ י ז י ש ע ר.

די אַפּאָלאָגעטן פון רעליגיע, אַנשטאָט דעם זיי זאָלן נעמען אין אכט אָט דעם דאָזיקן אופן ווי אַזוי די מאַסן האָבן געדאַוונט און תפילה־געטון, נעמען זיי גאָר אין אכט דעם ווערט פון די תפילות אַנפאַרזיך און טראָגן איבער דעם ווערט פון די תפילות אויף זייערע מעכאַנישע זאָגער. אָבער דאָס איז דאָך אַ ליגן. די תפילות אַנפאַרזיך, שפּיגלען בלויז אָפּ דעם שאַפונגס־גייסט פון די דיכטער און פון די דיכטער־ענלעכע אמתע פרומע מענטשן, וועלכע האָבן די תפילות געזאָגט מיט אַזוי פיל כוונה ווי די דיכטער האָבן זיי געשאַפן — אָבער בשום אופן נישט דעם גייסט פון די גלויביקע מאַסן, פאַר וועלכע די תפילה־דיכטונגען זיינען געווען פוסטע רייד. דער ליגן פון וואָרט האָט שטענדיק און אויף אַלע געביטן פאַרשטעלט דעם אמת פון טאַט. די פאַרפאַסונגען פון רעליגיעזע דיכטער, האָט מען אָנגענומען אַלס די תפילות פון די מאַסן; מען האָט געזען די וואָכעדיקע, טאָגטעגלעכע נשמה פון דער מאַסע, אין ליכט פון דער יום־טובדיקער אידעאַלער נשמה פון רעליגיעזן קינסטלער. אַנשטאָט צו זען ווי אַזוי דער המון האָט געזאָגט, האָט מען געזען ווי אַזוי דיכטער האָבן געשאַפן. די פאַרבלענדונג פון דער שיין־שאַפונג, וועלכע לאָזט אונדז קיינמאָל נישט זען דאָס לעבן ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט, האָט געבראַכט אויך אין דעם פּרט צו אַ פאַרבלענדעניש. מען האָט געהערט ווי די מאַסן האָבן אין לויף פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן געזאָגט תפילות, וואָס זיינען אַנפאַרזיך הויכע פּאָעזיע און געפילפולע דיכטונג, האָט מען געמיינט אַז די זאָגער ווייסן וואָס זיי זאָגן און מען האָט דערפון געדרונגען דעם גרויסן ווערט פון תפילה. איז עס אָבער געווען נישט אַזוי. די זאָגער האָבן נישט געוואוסט וואָס זיי

זאָגן. פאַר די מאַסן זאָגער, זיינען די הויכע תפילות געווען אויס־געליידיקט פון יעדן גייסט־אינהאַלט און זיינען געווען נישט מער ווי געדרייט מיט דער צונג און געמאַכט מיטן מויל. דער גאַנצער עניו דאַוונען און תפילה־טון איז אין לעבן פון די גלויביקע מאַסן געווען נישט מער ווי אַ פיזישע געוואוינהייט. מיט זייער גייסט האָט עס קיין שום שייכות נישט געהאַט.

דערביי איז כדאי אָנצואווייזן אויף דער נטיה פון פאָלק צו זאָגן די תפילות אין אַ ספּעציעלער הייליקער שפּראַך, וואָס מ׳פאַר־שטייט זי נישט. פאַרן פאָלק איז תפילה געווען מער אַ מיסטישער שפּרוך, איידער אַ ווענדונג צו גאָט. אין אַלע אַלטע פאַרפונדעווע־טע רעליגיעס איז געווען אָנגענומען, אַז די תפילה־שפּראַך איז נישט געווען די גערעדטע שפּראַך. וואָרום וואָס פאַר אַ טעם האָט עס דען זיך צו ווענדן צו גאָט אין אַ קלאָרער, אָפענער און פאַר־שטענדלעכער שפּראַך. דעמאָלט פאַרלירט זיך די גרונט־שטימונג פון דער המון־פּרומקייט — די מיסטישע מורא. אין קעגנטייל, ווען מ׳ברענגט אַרויס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, האָט מען דעם איינ־דרוק, אַז די ווערטער באַדייטן מי יודע וואָס, און אַז זיי מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין הימל. אָבער מערקווירדיקער פון אַלץ איז דער פאַקט, וואָס אַפילו אין דעם פאַל ווען מ׳האָט יאָ פאַר־שטאַנען דעם ווערטלעכן באַדייט פון תפילות, האָט מען דאָך אין זיי אַריינגעלייגט עפּעס אַ מין טראַסצענדענט־מיסטעריעזן זינען. אַ טיפּישער ביישפּיל דערפון איז די תפלה כל נדרי. דער מחבר האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין — און ער קען עס נאָך עד־היום נישט פאַרשטיין — פאַרוואָס האָט מען פון דער דאָזיקער תפילה געמאַכט אַזאַ ווזן? פאַרוואָס דערעפנט מען מיט איר דעם היי־ליקסטן און פייערלעכסטן פון די אידישע יום־טובים? און — מער פון אַלץ — פאַרוואָס זאָגט מען זי מיט אַזאַ טרויערדיקן ניגון? דער טעקסט פון דער דאָזיקער תפילה איז אין פולן קעגנזאַץ סיי צו איר טיף־מעלאַנכאָלישער מוזיק ווי ביכלל צו דעם אויסערגע־ווינלעך־פייערלעכן כאַראַקטער וואָס מ׳האָט איר געגעבן. עס האַנדלט זיך אין אָפּרופן און בטול־מאַכן די פאַרשידנסטע פאַר־שפּרעכונגען וואָס מ׳האָט געמאַכט אין לויף פון יאָר. איז וואָס איז

דאַ דאָ דערביי צו וויינען און צו מאַכן אַזאַ טרויעריקע מינע? ווען מ'פאַרגלייכט דעם אינהאַלט פון דער מוזיק און די פייערלעכע אומגעבונג אין וועלכער די תפילה ווערט געזאָגט, מיטן אינהאַלט פון אירע ווערטער, באַקומט זיך אַ מאָדנער דיסאָנאַנס; עס האַרמאָנירט לחלוטין נישט. און דאָך האָט עס נישט געשטערט, אַז דער דאָזיקער נוסח זאָל זיך ווייט און ברייט פאַרשפּרייטן און פאַרוואָרצלען אין פאָלק. דאָס באַווייזט, אַז פאַרן פאָלק איז נישט וויכטיק דער אינהאַלט פון דעם וואָס ער זאָגט, נאָר ס'איז וויכטיק דער ספּעקטאַקל, די רירנדיקע עפעקטן, וואָס ווערן פאַרבונדן מיט אַ תפילה. נישט דער אינהאַלט פון אַ תפילה טיילט איר אויס און מאַכט אַז מ'זאָל איר פאַרהערלעכן, נאָר אויסערלעכע עפעקטן מיט וועלכע מ'רינגלט איר אַרום מאַכן עס.

עס איז פאַראַן אַן אַנדער סאָרט תפילות וואָס דאָס פאָלק זאָגט יאָ מיט גרויס כוונה. דאָס זיינען די תפילות וואו עס רעדט זיך וועגן פאַרשטייענדיקע אומגליקן וואָס וואַרטן אויף די מענטשן. אַזוי גלייך ווי דאָס פאָלק קומט־צו צו די דאָזיקע תפילות, אַזוי גלייך ווערט עס פילבאַר ביזן העכסטן גראַד און עס פאַלט ממש אַריין אין היסטעריקע. אָ, יאָ, דאָרט וואו עס גייט וועגן מורא פאַר בייזע טרעפעניש, מורא פאַרן „ונתנה תוקף", דאָרט ווערט דאָס פאָלק זייער פרום און געפילפול...

אויך ווערט דאָס פאָלק פרום און געפילפול אונטער דער ווירקונג פון מיסטישע צערעמאָניעס און ספּעקטאַקלען. אויף דעם געביט האָט זיך איבערהויפּט אויסגעצייכנט די קריסטלעכע רעליגיע. פאַראַן אין קריסטנטום אַ גוואַלדיקע רייכקייט פון דעקאָראַציעס און עפעקטן. פאַראַן איינדרוקספולע מוזיק, פאַראַן רייכע קאָסטיומען, פאַראַן מיסטעריעזע באַנעמונג, פאַראַן ספּיריטועל ברויט און ספּיריטועל וואַסער, פאַראַן דעמפונג פון ווייררוך און סימבאָלישע אַקטן, פאַראַן פּראָצעסיעס מיט הייליקע בילדער און צלמים. דאָס אַלץ צילט צו איין פונקט: אַרויסצורופן מיסטישע שטימונג. דער קריסטלעכער צערעמאָניאַל איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר מ י ס ט י ש ע ש ו י ש פּ י ל. פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע פרומקייט האָט צו דער מאַסע אַפּעלירט און די מאַסע האָט זי אָפּ־

געהיט. אַלץ וואָס האָט אינספּירירט מיסטישע מורא, האָט די מאַסע אָפּגעהיט. אָבער הייסט דען דאָס דינען גאָט? קען מען די דאָזיקע עסטעטיזירטע ספּיריטועלע פּאָקוסן און רייך־דעקאָרירטע מיסטישע ספּעקטאַקלען ניט אָנרופן מיט אַ סך מער רעכט — ראַפינירטער געצנדינסט, איידער אַקטן פון עטישער רעליגיע? אמת, די פאָרעם איז דאָ אַ פיינע: אַלץ איז אַראַנזשירט מיט געשמאַק און גוטן גוסט און מאַכט אַ איינדרוק; אָבער דער אינהאַלט איז דער זעל־בער וואָס איז געצנדינסט: אָנרעגן און וועקן די מיסטישע שטימונ־גען און שרעקן.

אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַט וואָס: די פרומקייט פון די מאַסן איז באַשטאַנען, ערשטנס, אין פּסיכיש־אינדיפערענטע אַקטן און זאָגעכצן, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט מעכאַניש, אַלס רעזול־טאַט פון לאַנגער געוואוינהייט, און צווייטנס — די יעניקע אַקטן און תפילות, וואָס די מאַסן האָבן געזאָגט און מקיים געווען מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט געפיל און באַוואוסטזיין, זיינען געווען אַקטן און תפילות מיט אַ מיסטיש־שרעקנדיקן אינהאַלט, דאָס הייסט פון אַ געצנדינערישן אינהאַלט.

וואו איז אָבער געווען די עכטע רעליגיאָזיטעט און פרומקייט פון די מאַסן, — אין וואָס איז זי באַשטאַנען און אין וואָס האָט זי זיך אויסגעדריקט? שווער דאָס אָנצואווייזן. נישט אין לעבן פון גלויביקן מאַסן־מענטש אינדיווידועל, און נישט אין לעבן פון דער גלויביקער מאַסע אינגאַנצן גענומען, איז צו געפינען דאָס, וואָס מ'רופט עכטע רעליגיאָזיטעט. דער גייסט פון אמתער רעליגיאָזי־טעט האָט זיך, אין דער ברייטער לעבנס־פּראַקטיק פון די מאָנאָטע־איסטישע רעליגיעס, פאַרוואַנדלט אין זיין פולן קעגנזאַץ. דער גייסט פון ליבע, יושר און שלום, דער גייסט פון אויפריכטיקייט און אמת, דער גייסט פון חכמה און שיינקייט, איז אין דער פּראַקטיק פון די אַזוי־גערופענע עטישע רעליגיעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גייסט פון מילחמות און רציחות און בלוטפאַרגיסונגען, אין אַ גייסט פון האַרצלאָזער פאַרקנעכטונג, אונטערדריקונג און אויסזויגונג, אין אַ גייסט פון פאַנאַטיזם און פינצטערקייט, פון שרעקן און אומוויסן,

אין אַ גייסט פון אויסגעלאַסנקייט, קאָרופּציע און אינטריגע, אין אַ גייסט פון שווינדל און גנאַרעריי, פון ליגן און בייזוויליקייט.

גענומען די מאַנאַטעאיסטישע רעליגיעס ווי זיי זיינען געווען אין מאַסן־לעבן — און נישט אין די אידעאַליזירטע ליטעראַרישע ליגנס פון די ביכער און אויך נישט ווי זיי זיינען געווען ביי די אמתע פרומע לייט — איז שווער אָנצואווייזן מיט וואָס זיי שיידן זיך אונטער פון געצנדינסט. דער תוך פון געצנדינסט איז געווען שרעק פאַר ספּיריטועלע וועלט־וועזנס און די המון־פרומקייט איז אויך געווען אַזעלכע. גיט מען דערצו נאָך צו די גרויסע ראָלע וואָס כישוף און אבערגלויבן האָבן געשפּילט אין לעבן פון די מאַנאָטעאיסטישע מאַסן, באַקומט זיך, אַז דער גאַנצער ענין עטיש־מאָנאָטעאיסטישע רעליגיע פאַר די מאַסן דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגעצייכן.

V

און דאָך האָבן די מאַסן געהאַט אַ טיפע באַציאונג צו עטישער רעליגיע. כאָטש זיי האָבן דעם עטישן גאָט נישט געדינט; כאָטש זיי האָבן די אמתע פרומקייט נישט אָפּגעהיט; כאָטש זיי האָבן קיין אמתע תפילות נישט געזאָגט; כאָטש דער מאַסעס רעליגיאָזיטעט איז אין די ברייטסטע שטריכן געווען אבערגלויביש און סענסועל, דאָך האָבן די מאַסן געהאַט אַ טיף־אינערלעכע, באַציאונג צו אַלץ וואָס איז מיט אַן אמת געווען גרויס, שיין און דערהויבן אין רעליגיע. וואָרום וואָלט עטישע רעליגיע אפילו ווי אַן אידעאַל נישט אַפּעלירט צום מאַסע־מענטש, וואָלט זי קיינמאָל נישט געוואָרן קיין היסטאָרישע באַוועגונג, וואָס דויערט שוין אַזויפיל צייט. קיין מאַסן־באַוועגונגען מאַכט מען נישט אויף כוח; מאַסן־באַוועגונגען מוזן זיך האַלטן ספּאָנטאַן, ביפרט אַ מאַסן־באַוועגונג וואָס איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין גייסט פון די מאַסן און פון וועלכער די מאַסן לאָזן זיך נים אָפּשלאָגן און אָפּוועגדן.

עטישע רעליגיע האָט צו פאַרדאַנקען איר גרויסן דערפאָלג

נישט נאָר דעם פאַקט, וואָס אין דער פּראַקטיק איז זי געווען אַני־
מאַליש און מיסטיש, נאָר אויך, און נישט ווייניקער, דער פאַקט
וואָס טעאָרעטיש, אַבסטראַקט, אַלס אידעאַלע אילוזיע, איז זי גע־
ווען די לויטערסטע שיינקייט. די דאָזיקעביידע, אין פלוג געגני־
מען, זיך ווידערשפּרעכנדיקע מאָמענטן, זיינען געווען צוגלייך נווי־
טיק פאַרן דערפאָלג פון עטישער רעליגיע. די דאָזיקע צוויי מאָמענטן
האָבן זיך נישט אָפּגעלייקנט, נאָר, פאַרקערט, זיי האָבן זיך דער־
גאַנצט איינער דעם צווייטן. פּונקט ווי עטישע רעליגיע וואָלט נישט
געקענט האָבן קיין קיום ווען זי וואָלט זיך נישט, אין דער ווירק־
לעבקייט, צוגעפּאַסט צום מאַסן־שטייגער, אַזוי וואָלט זי אויך נישט
געקענט האָבן קיין קיום, ווען זי וואָלט נישט טעאָרעטיש־אַבס־
טראַקט, געווען הויך־עטיש. די דאָזיקע צוויי תנאים: אין דער
אַבסטראַקציע — הויך־עטיש, און אין דער ווירקלעכקייט — אַני־
מאַליש און אַבערגלויבעריש, זיינען נישט קיין סתירה נאָר האַר־
מאָניע. דאָס איז די האַרמאָניע פון דעם מענטשנס סתירהדיקער,
אומהאַרמאָנישער נשמה. דער מענטש איז שוין אַזוי געמאַכט —
צו ווענלן האָבן אידעאַלן לויטערע ווי די זון, און צו ווענלן פירן אַ
נידעריק לעבן. פּונקט ווי עס איז נישט אין אָנקלאַנג מיט זיין
גייסט צו פירן אַן אידעאַל לעבן, אַזוי איז אויך נישט אין אָנקלאַנג
מיט זיין גייסט צו זיין אידעאַללאָז. די דאָזיקע ביידע קעגנזאַצן
מוז ער האָבן פאַראַמאָל כדי צו קענען זיין ווי געהעריק באַפרידיקט.
פּונקט ווי ווען מ׳לאָזט אים נישט באַפרידיקן זיינע גלוסטן און
שלעכטע געפילן, הייסט עס, אַז מ׳שטערט אים זיך פריי אויסצולעבן,
מ׳פאַרגוואַלדיקט אים אין זיינע נאַטירלעכע רעכטן, מ׳צווינגט אים
צו פירן אַ לעבן וואָס איז קעגן אים, אַזוי אויך, ווען מ׳לאָזט אים
נישט האָבן קיין הויכע אידעאַלן, הייסט עס אַז מ׳שטערט אים צו
באַפרידיקן זיינע אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש. די הויכע אידעאַלן
זיינען ביי אים פּונקט אַזאַ נאַטירלעכע באַדערפעניש, ווי די ני־
דעריקע טאַטן. כדי צו זיין פולשטענדיק אַנטשפּראָכן, כדי צו
זיין פולשטענדיק אויסגעדריקט און באַפרידיקט, מוז ער האָבן אי
גוטס, אי שלעכטס. ביידע, גוטס און שלעכטס, זיינען פאַרן מענ־
טשן אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט. ביידע אינייגעם דינען זיי אויף

צו קאָמפּלעטירן זיין גייסטיקן אויסלעבן־זיך, דאָס הייסט, אים צו מאַכן צופרידן און גליקלעך. אַ לעבן אָן הויכע אידעאַלן האָט אַזוי פאַר אים קיין טעם נישט, איז פאַר אים אַזוי נישט צופרידנשטעלנ־דיק, ווי אַן אידעאַל לעבן, דאָס הייסט „אַ לעבן פון אַ הייליקן"... פּונקט ווי עס האָט פאַרן דורכשניטס־מענטש קיין זינען נישט צו „באַרפליען אין הימל אַריין", אַזוי האָט פאַר אים אויך קיין זינען נישט ווען עס איז אינגאַנצן קיין הימל נישטאָ. ער האָט ליב צו לעבן „אויף דרערד" און „אַ הימל" זאָל דאָך זיין. לעבן ווי קיין הייליקער וויל ער טאַקע נישט, אָבער אַז עס זאָלן זיין הייליקע און הייליקייט, דאָס וויל ער יאָ. „אַ מענטש איז נישט קיין מלאך" — זאָגט דאָס פאָלק; „אַ מענטש איז אָבער אויך ניט קיין בהמה" — גיט עס צו.

דאָס אייביקע פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, דאָס הייסט, פון ווינטשן גוטס און טון שלעכטס; פון ריידן שיין און האַנדלען מיאוס; פון פריידיקן גערעכטיקייט און פּראַקטיצירן אומגערעכטי־קייט, דאַרף נישט באַנומען ווערן, ווי מען האָט דאָס געטון ביז איצט, ווי אַ ווידערשפּרוך, נאָר ווי אַ — האַרמאָניע. דאָס וואָס מ'קען אָנרופן „ליגן פון וואָרט" און „ליגן פון אידעאַל", קען מען מיט אַזויפיל רעכט אויך אָנרופן „אמת פון וואָרט" און „אמת פון אידעאַל". וואָרום פּונקט ווי לעבן און טאַט זיינען אויסדרוק פון פסיכישע כוחות וואָס באַשטימען זיי, אַזוי זיינען וואָרט און אי־דעאַל אויך אויסדרוק פון פסיכישע כוחות וואָס באַשטימען זיי. פּונקט ווי פונעם שטאַנדפּונקט פון טאַט, איז וואָרט און אידעאַל — ליגן, אַזוי איז פונעם שטאַנדפּונקט פון וואָרט און אידעאַל — טאַט ליגן. קוקט מען אויף ביידע פון אַ פאַראויסערטן קוקווינקל, זיינען זיי ביידע אמת, נישט מער זיי גייען אין פאַרקערטע ריכטונגען. עס הייסט אַז דער מענטש האָט צוויי אמתן: אַ וואָרט־ אָדער ליטעראַ־טור אמת, און אַ טאַט־אמת; אַן אידעאַלן־אמת, און אַ האַנדלונגס־אמת. לעבט ער אין עולם המעשה, איז ער באַהערשט פון איין אמת; לעבט ער אין עולם המחשבה, איז ער באַהערשט פון אַ צווייטן אמת. ביידע זיינען צוגלייך — אמת, דאָס הייסט, ביידע זיינען צוגלייך באַשטאַנדטיילן פון זיין נשמה. פּונקט ווי עס איז נישט קיין סתירה,

אז די בין זאָל מאַכן האָניק און טראָגן גיפט, אזוי איז אויך נישט קיין סתירה, אז דער מענטש זאָל האָבן די העכסטע אידעאַלן און זאָל גלייכצייטיק פירן א ראַציאָאַנימאַל לעבן. דאָס איז די האַרמאָניע פון גיפט און האָניק אין איין באַשעפעניש. פון נאַטורשטאַנדפּונקט איז דאָ לחלוטין קיין סתירה נישטאָ; די סתירה ווערט דאָ געשאַפן פון אונדזער מענטשלעכן לאָגישן שטאַנדפּונקט. מיר גייען צו צום מענטשנס נשמה ווי צו א איינהייטלעכקייט; מיר פאָדערן פון איר קאָנסעקוווענץ, דאָס הייסט גלייכמעסיקייט אין אַלע אירע טיילן; די טייל וואָס נערט דעם מענטשנס אידעאַלע האָפענונגען, זאָל אויך נערן זיין טאָגטעגלעכן האַנדלען און ווירקן. איז עס אָבער נישט אַזוי. אונדזער נשמה איז נישט איינהייטלעך, נאָר פילהייטלעך. אירע פאַרשידענע טיילן זיינען נישט אַלע פון איין מעטאַל געגאָסן, און אירע פאַרשידענע שטראָמען לויפן נישט אַלע אין איין און דער זעלבער ריכטונג. אונדזער נשמה איז פול מיט קעגנזעצלעכע שטרעמונגען און טענדענצן. איר האַרמאָניע איז א האַרמאָניע פון ווידערשפּרוכן; איר איינהייט איז א איינהייט פון פאַרשידנקייט; איר גאַנצקייט, איז א גאַנצקייט פון דיסהאַרמאָנישע ברוכטיילן. זי איז א מאָזאַיק צונויפגעשטעלט פון קאָנטראַסטירנדיקע פראַגמענטן; זי איז א סימפאָניע פון דיסאָנירנדיקע קאַדענצן. לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע, זיינען צוויי, אין תוך, פאַרשידענע מאָסן. פּסיכאָלאָגיע איז דורך און דורך אומראַציאָנעל און אומלאָגיש; לאָגיק זוכט די גלייכע ליניע, די אויסגעהאַלטענע האַנדלונג. פּסיכאָלאָגיע, אין קעגנטייל, האָט פאַר זיך כסדר געבראָכענע ליניעס, זיגזאַגן, קעגנזאַצן: אָט אַהין, און אָט צוריק, אָט אַרויף און אָט אַראָפּ. אָט רעכטס און אָט לינקס — א געווירבל פון שטימונגען און אימפּולסן. די פּסיכאָלאָגיע כאַפּט נישט ביי קיין סתירות, ווייל זי איז *די וויסנשאַפט פון סתירות*. דער באָדן וועלכן זי גייט אויספאָרשן איז א פלאַנלאָז־געבוינגענער און געדרייטער פלאַך. און דאָך איז פאַראַן פּלאַן אין דער דאָזיקער פלאַנלאָזיקייט. און דעם דאָזיקן פּלאַן פון דער פּלאַנלאָזיקייט דאָס וויל די פּסיכאָלאָגיע אויסגעפינען.

דעם מענטשנס גייסט איז אומגעהויער קאָמפּליצירט, אפשר די קאָמפּליצירטסטע זאַך אין דער וועלט (און מיט רעכט!). דאָך איז

אין אים פאראַן, און עס מוז זיין, אַ באַשטימטער פעסטגעשטעלטער סדר, אַ באַשטימטע אָרדענונג, אַ באַשטימטע פעסטגעשטעלטע איינהייט און גאַנץ־מאַכנדיקער געזעץ, וואָס ווירקט אין אים. אָט דעם דאָזיקן געזעץ וויל די פסיכאָלאָגיע אויספאָרשן און דער־קענען.

די ביז איצטיקע פסיכאָלאָגיע איז אַ צו ראַציאָנעלע פסיכאָ־לאָגיע, זי איז צו אומפסיכאָלאָגיש; זי איז צופיל באַגרינדעט אויף לאָגישע יסודות. מען וואָלט באַדאַרפט אַרויסשטעלן די פאָדערונג פון אַ ווידערשפּרוכס־פסיכאָלאָגיע. די איצטיקע איינהייטס־פסיכאָ־לאָגיע גענוגט נישט צו דערקלערן די סאַמע פונדאַמענטאַלסטע דער־שיינונגען, נישט אינעם לעבן פונעם מענטשלעכן יחיד, נישט אי־נעם לעבן פון מענטשלעכן כלל. אַ ווידערשפּרוכס־פסיכאָלאָגיע וואָלט אַ סך בעסער דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע. ווען מ'וואָלט פון לכתחילה אָן תופס געווען דעם מענטשנס גייסט ווי אַ קאָנגלאָ־מעראַט פון קעגנזעצלעכע פּאָטענצן און קרעפטן, ווי אַ קוואַל וואָס איז ביזן גרונט דערשיטערט פון קעגנזעצלעכע פלוסן און שטרע־מונגען — וואָלט מען דאַן פאַרשטאַנען, אַז אין דער אומאיינהייט פון דער מענטשלעכער קולטור איז פאַראַן איינהייט; אַז אין דעם מענטשנס אומקאָנסעקווענטקייט, איז פאַראַן קאָנסעקווענטקייט; אַז אין דער אומהאַרמאָניע פון דעם מענטשנס געפילן, איז פאַראַן האַרמאָניע; אַז אין דער נישט אויסגעהאַלטנקייט פון מענטשנס מעשים, איז פאַראַן אויסגעהאַלטנקייט אא"וו.

דער גרונטיקסטער טעות וואָס מען מאַכט, ביים צוגיין פאָרשן די גייסט־ענינים פון דער מענטשהייט, באַשטייט אין דעם, וואָס מען משפט נישט די מענטשנס מעשים מיט דער זעלבער מאָס מיט וועלכער זיי טוען זיי. האַנדלען, האַנדלען מענטשן פּ ס י כ אָ ל אָ ־ ג י ש ; לויטן געזעץ פון ווידערשפּרוך, און משפטן, משפט מען זיי ל אָ ג י ש , לויטן געזעץ פון גלייכמעסיקייט. פאַרשטענדלעך, אַז עס קומט אַרויס סתירה. ווען מ'וואָלט אָבער מענטשן געמשפט מיט דער זעלבער מאָס ווי זיי האַנדלען, וואָלט אָנשטאָט סתירה אַרויס־געקומען האַרמאָניע; אָנשטאָט אמת און ליגן, וואָלט אַרויסגעקומען אמת און אמת. זיך אַליין משפט טאָקע יעדער איינער מיט דער מאָס

וואָס ער האַנדלט: מען האַנדלט פּסיכאָלאָגיש און מען משפּט זיך פּסיכאָלאָגיש. דערפאַר פאַרשטייט מען שטענדיק זיך אַליין און דערפאַר איז מען שטענדיק גערעכט פאַר זיך אַליין. יענעם, אָבער, און אַלע מענטשן צוזאַמענגענומען מינוס זיך — משפּט מען מיט לאָגיק און מ'פאַדערט פון אַלע — מינוס פון זיך אַליין — קאָנ־סעקווענץ, אויסגעהאַלטנקייט און גראַדליניקייט.

אויך דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס נעמט זיך דערפון וואָס מ'קוקט אויפן מענטשן לאָגיש און נישט פּסיכאָלאָגיש. ווען מ'וואָלט געקוקט אויפן מענטשן פּסיכאָלאָגיש, וואָלט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם נישט עקזיסטירט. מ'וואָלט דאַן פאַרשטאַנען, אַז אידעאַל אוןווירקלעכקייט זיינען נישט קיין צוויי היפּוכים, וואָס לייקענען זיך אָפּ איינס דאָס צווייטע, נאָר פאַרקערט, זיי באַשטעטיקן זיך און דערגאַנצן זיך איינס דאָס צווייטע, וואָרום עס זיינען פאַראַן צוויי באַזונדערע שטרעמונגען אין דעם מענטשנס נשמה, איינע אַ ביאָטישע, און די צווייטע אַ אַנימאַלע. די ערשטע רעגט אים אָן צו האָבן אַבסטראַקטע הויכע אידעאַלן, און די צווייטע אינספּי־רירט און באַווירקט זיין טאָגטעגלעכן לעבן. פּונקט ווי דער מענטש איז ערלעך און אויפריכטיק און גערעכט צו זיך אַליין, ווען ער האַנדלט עגאָאיסטיש, אַזוי איז ער אויך ערלעך און אויפריכטיק און גערעכט צו זיך אַליין, ווען ער רעדט אַלטרואיסטיש. ער איז ערלעך אין די סתירות, ווייל ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון זיי. פּונקט ווי ער איז אויפריכטיק ווען ער לעבט נישט־פרום, אַזוי איז ער אויך אויפריכטיק ווען ער רעדט יאָ פרום. און פּונקט ווי ס'איז אים גוט און ער האָט הנאה פון „נידעריקע" טאָטן, ווייל ער באַפרידיקט מיט דעם זיינע נאַטירלעכע פאַרלאַנגען, אַזוי איז אים אויך גוט און ער האָט הנאה פון „הויכע רייד", ווייל אויך מיט דעם באַפרידיקט ער אַ נאַטירלעכן פאַרלאַנג. ביידע זאַכן גע־פעלן אים צוגלייך און ביידע שאַפן אים צוגלייך באַפרידיקונג און געניוס, ווייל די ביידע באַדערפעניש זיינען פאַראַן אין אים.

וואָס מער אַ טיף קולטור וועט אַנטשפּרעכן אָט די דאָזיקע צוויי תּנאָים: פון איין זייט וועט זי געבן הויכע אידעאַלן „אין פּרינציפּ",

און פון דער צווייטער זייט וועט זי דערלויבן און גוטהייסן אַ זאַ־
איש־סענסועל לעבן, אַלץ מער שאַנסן וועט זי האָבן צו זיין דער־
פאַלגרייך. דאָס ערשטע, הויכע אידעאַלן אין דער אילוזיע, איז מיט
קיין האָר נישט ווייניקער וויכטיק, ווי דאָס צווייטע. וואָרום דאָס
פאָלק מוז האָבן הויכע אידעאַלן אין דער אילוזיע. אָן קיין הויכע
אידעאַלן וועט דאָס פאָלק מער נישט לעבן. מיט קיין „גראָבן מאַ־
טעריאַליזם" אין דער אידייע, וועט דאָס פאָלק נישט זיין צופרידנ־
געשטעלט. דאָס פאָלק מוז האָבן אַ „הויכע זאַך" אין וואָס צו גלוי־
בן. דאָס פאָלק מוז האָבן אַ גאָט פון העכסטער ליבע; דאָס פאָלק
מוז האָבן צדיקים און הייליקע מאַרטירער; דאָס פאָלק מוז האָבן
שבתים און יום־טובים און פייערלעכקייטן — דאָס פאָלק מוז דאָס
אַלצדינג האָבן, ווי עס מוז האָבן לופט צו אָטעמען און ברויט צו
עסן; — האָבן, נישט מער ווי האָבן, וויסן אַז עס איז דאָ, האָבן דעם
באַוואוסטזיין, אַז עס עקזיסטירט; מאַכן דערפון געברויך — דאָס
נישט. אידעאַלן זיינען נישט צו געברויכן; אידעאַלן זיינען צו האָבן.
וואָס שייך געברויך, איז פאַרקערט, סיי געברויכטער טאַט, סיי גע־
ברויכטע עמאָציע דאַרפן זיין אין קעגנזאַץ צו אידעאַלן טאַט און
אידעאַלער עמאָציע. פונקט ווי דעם קאַרגן מאַכט גליקלעך דער
ב ל ו י ז ע ר ג ע ד א נ ק, אַז ערגעץ וואו ליגט באַהאַלטן זיינס
אַ שטיק גאָלד, כאָטש ער וועט דערפון קיינמאָל קיין געברויך נישט
מאַכן, אַזוי איז דאָס אויך מיטן דורכשניטס־מענטשן און זיינע אי־
דעאַלן — ליבערשט וועט ער „לעבן מיטן אָפּפאַל פון די מיסטן"
איידער מיט זיינע אידעאַלן. און דאָך וויל ער האָבן אידעאַלן; עס
איז אים וואַרים, עס איז אים אָנגענעם און היימלעך פון געדאַנק,
אַז עס זיינען דאָ הויכע אידעאַלן.

דערמיט און נאָר דערמיט דערקלערט זיך דער דערפאָלג פון
עטישער רעליגיע בכלל און פון קריסטנטום ביפרט: זיי האָבן אַנט־
שפּראָכן די דאָזיקע צוויי תנאים — זיי האָבן די מענטשן געגעבן
אי די העכסטע אידעאַלן און אי אַ לעבן ווי עס האָט זיך געוואָלט.
דאָס קריסטנטום האָט פאַרוויגט די מענטשן אין די זיסטע האָפע־
נונגען און חלומות פון אַ אידעאַלער הימלישער וועלט; עס האָט
גערעדט צו זיי רייד פון ליבע, פון באַרמהאַרציקייט, פון ברידער־

לעבקייט, פון הארמאָניע, פון יושר און פון פרידן. פון קרייץ האָט צו די מענטשן אַראָפּגעקוקט דאָס ליבנדיקע און ליידנדיקע געשטאַלט פון דערלייזער, פון גאָט־גאָטס־זון, וואָס האָט זיך מקריב געווען פאַר די מענטשן, וואָס האָט זיי אויסגעקויפט פון זייערע זינד, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון גרעניצלאָזער ליבע. קריסטוס איז אומענדלעך באַרמהאַרציק. ער שיצט די מענטשן און וואַכט איבער זיי. ער ליידט זייערע ליידן און ווייטיקט זייערע ווייטיקן. ער ווערט קיינמאָל נישט בייז אויף זיי, נאָר ער איז זיי שטענדיק גרייט מוחל צו זיין. ער איז אומדערצאָרנבאַר, וואָרום ער איז די פאַרגעבונג גופא. וויפל די מענטשן זאָלן נישט זינדיקן און וויפל זיי זאָלן נישט שלעכטס טון, איז ער זיי בסדר און כסדר מוחל. ער פרייד זיך מיט יעדן גוטן טאַט און לייד פון יעדן שלעכטן טאַט וואָס די מענטשן טוען. בייז ווערט ער קיינמאָל נישט. נישטאָ קיין צו־שפּעט פאַרן זינדיקן און נישטאָ קיין צו־פיל פאַרן רשע. גאָטס חסד איז אומענדלעך און זיין ליבע איז אָן אַ סוף און אָן אַ גרעניץ.

אַזאַ אידעאַלער גאָט האָט געמוזט געפעלן ווערן די מענטשן. מענטשן ווילן האָבן אַ גאָט וואָס זאָל זיין כולו טוב, כולו פאַרגעבונג, כולו ליבע; וואָס זאָל זיין דער סאַמע עלעמענט פון ליבע, און וועמען האָס זאָל זיין דורכאויס און אַבסאָלוט פרעמד און אומבאַקאַנט. מיט אַזאַ גאָט איז גוט צו לעבן. אי מען קען לעבן מיט דער אַנימאַלער נשמה און אין מען האָט דאָך דעם העכסטן אידעאַל; אי מען קען הנאה האָבן פון די „זיסקייטן פון דער ערד" און אי מען קען טרוימען וועגן די שיינקייטן פון הימל; אי מען קען פילן די תענוגים פון גוף און אי מען קען פאַנטאַזירן וועגן די תענוגים פון דער נשמה. ביידע, אי אידעאַלער טרוים, אי אומאידעאַלע וואָר, זיינען גלייך זיס. פּונקט ווי דאָס לעבן פאַרוואַנדלט זיך פאַרן דורכשניטס־מענטשן אין אַ טרויעריקער אָפּקומעניש, ווען ער ווערט געצוואונגען צו לעבן ווי אַ אידעאַליסט, ווי אַ הייליקער, אַזוי באַקומט אים אויך נישט דאָס לעבן ווען ער האָט נישט קיין הויכע אידעאַלן „אויפן לאַגער". דער מענטש מוז האָבן הויכע אידעאַלן, כדי ער זאָל מיט אַ רואיק געוויסן קענען זיין אַ „פּראַקטישער

מענטש"; ער מוז האָבן פּאָעזיע, כדי צו קענען געניסן פון דער פּראָזע; ער מוז האָבן הומאַניסטישע טעאָריעס, כדי צו קענען האָבן עגאָאיסטישע פּראַקטיק; ער מוז האָבן שיינע קונסט אין די מוזייען, ער מוז האָבן שיינע ביכער אין די ביבליאָטעקן, ער מוז האָבן הויכע וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע אין די הויכשולן, — ער מוז האָבן הויכע ווערטן; אָן הויכע ווערטן, וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס לעבן! צי קען דען אַ מענטש אויסקומען זיין גאַנץ לעבן אָן טון אַ גוטן טאַט, אָן געבן אַ גראָשן צדקה, למשל? ניין, דאָס קען נישט זיין. דער ווילן צו געבן אַ „גראָשן צדקה", איז אַזוי אָרגאַניש, אַזוי ביאָלאָגיש באַגרינדעט, ווי דער ווילן צו אָנזאַמלען פאַרמעגנס. דיביידע ווילנס זיינען נישט קיין סתירה, נאָר הארמאָניע; זיי געפינען זיך ביידע, אין אַזאַ פּראָפּאָרץ, אין דער נשמה פון דורכשניטס־מענטשן. סיי דער אַנימאַל־קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, סיי די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, זיינען ב י י ד ע נ א ט י ר ל ע ך, ביידע באַרעכטיקט, ביידע אמת, ביידע ביאָפּסיכישע דערשיינונג. די מערהייט מענטשן וועלן זיך אַזוי אייפעריק און העפטיק ווערן און קעגנשטעלן קעגן אָפּשאַפן פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, קעגן פאַרניכטן קונסט־ווערק פון זייערע מוזייען, קעגן פאַרניכטן די פּאָעטישע און פילאָזאָפישע ווערק פון זייערע ביבליאָטעקן, קעגן אָפּשאַפן די הויכע שולן פון וויסנשאַפט, ווי אייפעריק און העפטיק זיי ווערן זיך און שטעלן זיך קעגן דעם אָפּשאַפן קאַפּיטאַל און עקספּלואַטאַציע.

דאָס קריסטנטום האָט ביז צום העכסטן גראַד אָנטשפּראָכן און באַפרידיקט די דאָזיקע ביידע גייסט־איינשאַפטן פון מענטשן. אי עס האָט געגעבן דעם אַנימאַל־גייסט די פולע פרייהייט זיך אויסצואווירקן, אי עס האָט אין פולער מאָס באַפרידיקט דעם אידעאַלן גייסט. דאָס קריסטנטום איז געווען איינציימיק ביזן מאַקסימום אידעאַל און ביזן מאַקסימום אַנימאַל. עס איז געווען אי דער העכסטער חלום אי די נידעריקסטע וואָר; אי די פיינסטע פּאָעזיע, אי די מגושמדיקסטע פּראָזע; אי דער לויטערסטער אידעאַליזם, אי דער גרעבסטער מאַטעריאַליזם.

אין דער ו י ר ק ל ע כ ק יי ט איז דאָס קריסטנטום

פול געווען מיט אבערגלויבן און כישוף, פול געווען מיט פינצטער־קייט און פאַנאַטיזם, פול געווען מיט אכזריות און בלוט־פאַרגיסונג, פול געווען מיט שקלאַפעריי און אונטערדריקונג, פול געווען מיט קאָרופּציע און אויסגעלאַסנקייט, פול געווען מיט אינטריגע און פאַר־ראַט און אַזוי ווייטער, און דאָך איז דער אידעאַל פאַרבליבן אומפאַרגלייכלעך שיין און דערהויבן. לעצטע אידעאַליטעט איז, אין קריסטנטום, געגאַנגען געאָרעמט מיט לעצטער אַנימאַליטעט; פאַר־ברעכן איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט הייליקייט; טומאה איז געווען אויסגעמישט מיט קדושה, אויסגעלאַסנקייט מיט רעליגיאָ־זיטעט, זינד מיט טוגנט, רישעות מיט צידקות. מען האָט געמאָרדעט און בעת מעשה פרום געקניט פאַרן אַלטאַר; אין איין האַנט האָט מען געהאַלטן אַ פאַרבלוטיקט מעסער און אין דער צווייטער אַ קריסטוס־בילד; מען האָט פאַרפייניקט, און מיט אַ פרומער מי־נע געקושט די קרבנות. מיט איין האַנט האָט מען געשאָכטן און מיט דער צווייטער געצערטלט; מען האָט גערויבט און געפּלינ־דערט און בעת מעשה געטיילט צדקה און געהאָלפן די ליידנדיקע; מען האָט אָוועקגעשיקט שטעט מיט פייער און רויך און בעת מעשה געזונגען קאַפּיטלעך תהילים; מען האָט אומגעבראַכט מענטשלעכע לעבנס און געבעטן חסד פאַר די נשמות פון די אומגעבראַכטע. אויפן האַרצן האָט מען געטראָגן דעם צלם און אין האַרצן די זינד. וואָס מער ס'איז געשטיגן די אינערלעכע אירעליגיאָזיטעט, אַלץ מער האָבן זיך פאַרשפרייט די אויסערלעכע צערעמאָניעס און די מיסטישע פאַר־קוסן. וואָס מער מען איז לויטן גייסט געווען אומקריסטלעך, אַלץ שטאַרקער האָט מען זיך געקלאַמערט אין קריסטלעכן ריטואַל.

ניין! עס איז נישט געווען קיין היפּאָקריטיע און צביעות, ווי מען איז איינגעוואוינט עס צו דערקלערן; עס איז געווען ט אָ פּ ל־ט ע אויפריכטיקייט, טאָפּלטער אמת: נישט אמת און ליגן, נאָר אמת און אמת. היפּאָקריטיע מיינט באַוואוסטזיניקריידן אַנדערש ווי מען מיינט; באַוואוסטזיניק ריידן שיין און האַנדלען מיאוס; באַוואוסטזיניק מאַכן אַ פרום פּנים און אין האַרצן טראָגן גיפט; באַוואוסטזיניק זיך פאַרמאַסקירן. דאָס איז נישט געווען דער פאַל

מיט די קריסטלעכע מאסן. מאסן פארמאסקירן זיך נישט; מאסן זיינען נישט היפאקריטיש; מאסן זיינען שטענדיק אויפריכטיק און געטריי צו זיך אליין, ווייל מאסן האנדלען ספאנטאן, דאס הייסט, זיי האנדלען שטענדיק אזוי ווי זיי פילן. אויב זיי האנדלען ווידער־שפרעכלעך און טאפלט, איז עס דערפאר וואס זיי פילן ווידער־שפרעכלעך און טאפלט. צביעות מיינט פילן רשעות, און וויסן אז מען פילט רשעות, און דאך, צוליב קאנוועניענץ און אויסרעכענונג, האנדלען און זאגן פארקערט ווי מען פילט — האנדלען און זאגן מעשה צדיק; זיין באוואוסטזיניק פאלש צו זיך און צו יענעם; נארן זיך און די וועלט מיט כיוון און אפזיכט. דאס איז נישט דער פאל מיט דער מאסע. די מאסע נארט נישט זיך און נישט יענעם. די מאסע טוט אזוי ווי זי פילט צו טון. ווען די קריסטלעכע מאסע איז באגאנגען רציחה־אקטן, איז זי געווען אויפריכטיק, און ווען זי האט באלד דערויף זיך געשטעלט תפילה־טון צו גאט דעם אל־דערבארעמדיקן, איז זי אויך געווען אויפריכטיק. זי האט דיביידע זאכן געטון, ווייל זי האט געפילט אזוי צו טון און האט הנאה גע־האט פון די ביידע טאטן. אי זי האט הנאה געהאט פון רויבן און אי פון געבן צדקה; אי הנאה געהאט פון פארוואונדן און פייניקן און אי פון היילן די געפייניקטע און פארוואונדעטע; אי זי האט הנאה געהאט פון שעכטן און אי פון בעטן ביים גאט פון העכסטער ליבע ער זאל רחמנות האבן אויף די נשמות פון די געשאכטענע; אי זי האט הנאה געהאט פון פארוויסטן און חרוב מאכן, אי פון מכנים־אורח־זיין די היימלאזע און פארוואגלטע — זי האט די ביידע זאכן געטון גלייך נאטירלעך, גלייך ערלעך און גלייך אויפריכטיק.

קריסטנטום איז געווען שווערד און עוואנגעליע, בארבאריע און הייליקייט, סטן און משיח, טייוול און גאט, כישוף און קרייץ, — א שווערד געבשרט און געטובלט אין הייליקן וואסער. די קריסט־לעכע „ערד" איז פול געווען מיט מארד, מיט רויב, מיט געצנדינסט, און דער קריסטלעכער „הימל" איז פול געווען מיט אלע שיינקייטן, מיט אלע פראכטן און לויטערקייטן פון דער וועלט. און די דאזיקע צוויי מלכותן זיינען נישט געווען אפגעטיילט און אפגעגרעניצט איינס פון אנדערן, נאר זיי זיינען געווען דורכגעוועבט און דורכ

געפלאָכטן. מען קען נישט אָנווייזן וואו עס ענדיקט זיך פאַר־ברעכן און וואו עס הויבט זיך אָן היליקייט; וואו עס ענדיקט זיך בלוטדורשטיקייט און וואו עס הויבט זיך אָן מיטגעפיל. עס איז מערדעריי מיט ליבע אינאיינעם; עס איז אויסגעלאַסנקייט מיט צניעות; פאַרשוועכונג מיט פיעטעט; רציחה און מיטלייד; אכזריות און רחמנות. קריסטנטום איז אַ מעטאַל געשמאָלצן פון גאָלד און גיפט.

טעאָרעטיש האָבן די קריסטלעכע גייסטלעכע געפּריידיקט די וואונגעליע פון אָרימקייט: „ווער עס וויל אַריינקומען אין הימלשן קעניגרייך, זאָל אָפּגעבן זיינע גיטער און נאָכגיין נאָך קריסטוסן", „גיכער וועט אַ קעמל דורכגיין דורכן לעכל פון אַ נאָדל, איידער אַ רייכער אַריינקומען אין מלכות שמים", און פּראַקטיש האָבן די זעל־בע גייסטלעכע אויפגעזאַמלט ריזיקע פאַרמעגנס און רייכטימער; טעאָרעטיש זיינען אַלע מענטשן געווען גלייכע און ברידער אין קריסטוסן; און פּראַקטיש זיינען די קריסטן געווען פאַרטיילט אויף הייפלעך הערשער און מיליאָנען קנעכט, אויף אַדל און רעכטלאָזע מאַסן, אויף פעאָדאַלן און לייבאייגענע. די טעאָרעטיש־גלייכע קריסטן, זיינען אין דער פּראַקטיק געווען צעטיילט אין ווייטגייענדיקסטע קלאַסן און קאַסטעס. איידער עס איז אויפ־געקומען די „קריסטלעכע גלייכהייט", זיינען די פעלקער נישט גע־ווען צעטיילט אויף אַזעלכע טיף־פאַרשידענע שיכטן, — פאַרשידן, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש, רעכטלעך און קולטורעל.

טעאָרעטיש האָבן די קריסטלעכע גייסטלעכע געפּריידיקט אומ־ענדלעכע ליבע און מיטגעפיל צו אַלע באַשעפענישן, און פּראַקטיש האָבן זיי גוטגעהייסן מלחמות און בלוטפאַרגיסונגען, געבענטשט און געהייליקט די שווערד און באַרעכטיקט אַלערליי אויסשלאַכטונגען, רציחות און אכזריותן; טעאָרעטיש זיינען די גייסטלעכע געווען היי־ליקע, נזירים און דעם הימל־געווידמעטע לייט, און אין דער פּראַק־טיק זיינען זיי געווען לעביונגען, אַריינגעטון אין אַלערליי תאוות און פאַרגעניגנס און ערדישע גענוסן.

פאָרמעלע און צערעמאָניעלע פרומקייט איז נישט געווען קיין סתירה צו נישט־פרומקייט פון דער נשמה. די דאָזיקע ביידע דער־

שיינונגען זיינען כמעט שטענדיק געגאַנגען געאָרעמט אין רעליגיע. די ווייט־גרעסטע טייל פון די אַלערליי „פּראָפעסיאָנעלע פרומע לייט", זיינען לויט זייערע נשמות געווען מגושמדיקע עולם־הזה־ניקעס. גאַנץ באַזונדער זיינען די קריסטלעכע קאָנוועגטן און קלויסטערס געווען צענטערן וואו עס זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן אומגעהויערע רייכטימער. די גייסטלעכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א זשעדנעקייט נאָך געלט און ערדישע גענוסן. וואָס העכער אויפן לייטער פון דער גייסטלעכער יעראַרכיע, אַלץ מער לוקסוס און פאַרשווענדערישקייט. דאָס פאַרשווענדערישע הולטייסקע לעבן פון די בישאָפן, קאַרדינאַלן און הויכע גלחים, אין די גלאַנץ־צייטן פון קריסטנטום, איז ווייט אַריבערגעשטיגן דאָס לעבן פון די וועלטלעכע שררות און מאַכטהאָבער. און דאָך האָט עס געהייסן, אַז די ערשטע זיינען הייליקע און פרומע לייט און זייער לעבנס־אויפגאַבע איז געווען זיך צו ווידמענען גאָט.

קריסטנטום איז די אָרגאַנישע טאָפּל־קולטור פון דער טאָפּל־גייסטיקער מענטשהייט. דאָ איז אויפן בעסטן אופן סינטעטיזירט דעם האַמאָאַנימאַלס צוויי נשמות. אין קיין שום אנדער געביט שפּיגלט זיך נישט אָפּ אַזוי טיף און אויסשעפּנדיק דעם מענטשנס ביאָפּסיכישע דואַליטעט, ווי אין קריסטנטום. מען קען נישט פאַרשטיין דעם מענטשן און די מענטשלעכע קולטור, אַזוי לאַנג מען פאַרשטייט נישט דאָס קריסטנטום. דאָס קריסטנטום איז די טיפּישסטע קולטור פון מין מענטש.

VI

צום העכסטן פּונקט פון אָרגאַנישער דואַליטעט האָט דאָס קריסטנטום דערגרייכט אין דער איינריכטונג וואָס זי האָט גערופן „הייליקע אינקוויזיציע".

לאָגיש גענומען איז עס נישט צו באַגרייפן, ווי אַזוי האָט עס געקענט געמאָלט זיין, אַז מען זאָל אין דער רעליגיע פון העכסטער ליבע, אין דער רעליגיע פונעם בעסטן פון אַלע געטער, אין דער רעליגיע פון קריסטוס דעם דערלייזער, דעם קרבן חטאת פון דער

מענטשהייט, אין דער רעליגיע וואָס האָט געהייסן ליבן די פיינט, און אונטערשטעלן די צווייטע באַק — ווי אַזוי האָט מען אין דער דאָזיקער רעליגיע געקענט אַריינפּאַסן די פינצטערסטע גייסט־דעמ־פּאָטיע, וואָס די מענטשלעכע געשיכטע האָט ווען געזען. ווי אַזוי האָט מען געקענט פאַרוואַנדלען קריסטוסן אין דעם אומטאָלע־ראַנטסטן, בלוטדורשטיקסטן פון אַלע געטער? ווי אַזוי האָבן מענ־טשן געקענט פאַרוואַנדלען דאָס מילדע, ליידנדיקע שעפעלע אין אַ בייזער אויפפרעסערישער חיה־רעה; פאַרוואַנדלען די ווייסע טויב אין אַ גיפטיקער שלאַנג? ווי אַזוי האָט מען אין אַזויפיל שיינקייט געקענט אַריינטון אַזויפיל העסלעכקייט? ווי אַזוי האָט מען אין נאָ־מען פון יעזוסן, וועלכער האָט געליבט דאָס מינדסטע ווערימל מיט דער רירנדיקסטער ליבע — ווי אַזוי האָט מען אין זיין נאָמען גע־קענט באַגיין אַזויפיל און אַזעלכע גרויזאַמע מערדערייען?!

אינקוויזיציע איגערהאַלב קריסטנטום, איז, לאָגיש גענומען, דער גרעסטער קולטור־פּאַראַט, דער גרעסטער קולטור־שווינדל אין דער געשיכטע. וואָרום וואָס קען נאָך זיין מער פּאַראַט, ווי מאַכן, אַז די רעליגיע פון בעסטן גאָט, זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ רעלי־גיע פון בייזסטן סטן, וועמען עס געפעלט אָפּצוהאַקן די קעפּ פון אויפריכטיקע און מוטיקע מענטשן? (מחמת די פאַלשע און די שוואַ־כע האָבן שטענדיק „געגלויבט" אין גאָט פון שטאַרקערן). ניין, מיט לאָגיק קען מען דאָ גאָרנישט פאַרשטיין. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ דערשיינונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר דעם קלימאַקס פון אומ־לאָגיק.

און דערצו האָט זיך די אינקוויזיציע אַריינגעריסן אינעם סאַ־מע האַרץ פון קריסטנטום. קיין זאַך איז נישט געווען אַזוי פּאָפּו־לער, אַזוי פאַרשפּרייט און אַזוי באַליבט ווי די הייליקע אינקווי־זיציע. (מערקט: „הייליקע" „אינקוויזיציע"!).

שוין די דערשיינונג גופא פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, שטעלט מיט זיך פאַר אַ ווידערשפּרוך. וואָרום רעליגיעזער פאַנאַטיזם — און בכלל פאַנאַטיזם פאַר אַ אידעאַל — איז דער טייטש: מיין גאָט — אָדער מיין אידייע — איז דער בעסטער פון אַלע מעגלעכע געטער, און אַלע מענטשן דאַרפן אין אים גלויבן און צו אים דינען.

און די וואָס ווילן עס נישט טון, זיי דאַרף מען צווינגען דערצו,
אָדער, אויב קיין צוואַנג העלפט אויך נישט — זיי פאַרניכטן. דאָס
איז אין זיך גופא אַ סתירה, וואָרום אין דער גוטסקייט פון אַ גאָט
— אָדער פון אַ אידייע — גייט פריער פון אַלץ אַריין טאָלעראַנץ,
דאָס הייסט, נישט אָנווענדן קיין גוואַלדמיטלען אויף אויסצולער־
נען עמיצן גלויבן אָדער דענקען; איבערצייגן אין אַ גלויבן אָדער
אין אַ אידייע — יאָ; צווינגען — נישט. גלויבן און דענקען מוזן
קומען אויס פרייער איבערצייגונג; צווינגען צו גלויבן אָדער צו
דענקען, איז טיראַניע, איז דעספּאָטיע, איז דאָס גרעסטע שלעכטס,
סיי אין גאָט און סיי אין אַ אידייע. דאָס הייסט אַז עס קען נישט
געמאָלט זיין אי בעסטער גאָט און אי פאַרפאָלגונג אין זיין נאָמען.
דאָרט וואו עס איז מיט אַן אמת פאַראַן בעסטער גאָט, מוז זיין גע־
וויסן־ און מיינונג־פרייהייט, מחמת דאָס דאָזיקע איז דער גרונ־
טיקסטער תנאי פאַר דער בעסטקייט פון גאָט. דאָרט וואו עס איז
נישט פאַראַן קיין געוויסן־ און מיינונג־פרייהייט, נאָר פאַרפאָלגונג
און צוואַנג, דאָרט איז גאָט, שוין צוליב דעם אַליין, נישט דער
בעסטער, נאָר דער ערגסטער. אַ גאָט וועמען עס געפעלט מ׳זאָל דעם
גלויבן אין זיין ט אָ ט אַ ל ע ר ל י ב ע ארויפצווינגען מיט
פייער און שווערד, איז שוין מער נישט קיין גאָט פון טאָטאַלער
ליבע, נאָר פון טאָטאַלן האַס; אַ גאָט וועמען ס׳געפעלט, אַז מ׳זאָל
די מענטשן אויף כוח איבערצייגן אין זיין גוטסקייט, האָט מער
קיין גוטסקייט נישט אין זיך. אַזאַ גאָט איז אַ טיראַן, אַן אומדער־
באַרימדיקער.

עס קען נישט זיין און עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אמתע,
עכטע רעליגיאָזיטעט און פאַרפאָלגונג פאַר גלויבן און דענקען. רע־
ליגיעזער אָדער אידייאישער פאַנאַטיזם מיינט אָט וואָס: דער ווילן
צו פאַרפאָלגן און שלעכטס צו טון, הילט זיך אַרום אין אַ ווייסן
אומשולדיקן שלייער און ווייזט זיך אַזוי פאַר דער וועלט. דער
אמתער תוך פון יעדער סאָרט פאַנאַטיזם איז — רישעות. דער אי־
דעאַל אין וועמענס נאָמען מ׳באַגייט די רשעות, איז דאָ נישט מע־
ווי אַ פּרעטעקסט, מיט וועלכן מ׳באַנוצט זיך, אויף אָפּצונאַרן סיי
זיך אַליין און סיי דער וועלט. דער רעליגיעזער־ און אידייען־פאַ־

נאטיקער, האָט, מיט אַן אמת, אַ ווילדע הנאה, ווען דער קעגנער פאַלט אַריין צו אים אין פּאַסטקע און באַקומט זיין „פאַרדינטע" שטראָף; אַ רויבפויגל אין געשטאַלט פון אַ טויב, פרייט זיך מיטן רויב וואָס עס איז אים געלונגען צו כאַפּן. דערצו קומט נאָך צו נאָך אַ מאָמענט: דער איך פון דעם רעליגיעזן און אידייען פאַנאַטיקער — אַזעלכע זיינען כמעט שטענדיק פּאַטאָלאָגישע עגאָלאַטריקער — פילט זיך אָנגעגריפן פון דעם וואָס אַ קעגנערישער איך וויל זיך זיי נישט אונטערוואַרפן און זוכן נקמה צו נעמען אין אים; עס ווערט זייערס אַן אַמביציע און אַ ליידנשאַפט זיך אָפּצורעכענען מיט אַ רעבעלירנדיקן איך.

איידער מענטשן האָבן זיך דערטראַכט צום געדאַנק פון אַן אַלליבנדיקן גאָט, איז גאָר אַזאַ זאַך ווי רעליגיעזער פאַנאַטיזם נישט געווען אין לעבן. רעליגיעזער פאַנאַטיזם איז אויפגעקומען צוזאַמען מיטן געדאַנק פון אַ גאָט פון העכסטער ליבע. מענטשן האָבן אַזוי שטאַרק ליב באַקומען דעם בעסטן גאָט, אַז זיי האָבן מער נישט געקענט צוזען ווי אַנדערע ליבן אים נישט, און זיי האָבן די ליבע צו אים, צום בעסטן גאָט, געוואָלט אַריינשניידן און אַריינברענען אין אַלע מענטשן... וואָרום צי האָט דען דאָס „קריסטלעכע האַרץ" געקענט בלייבן גלייכגילטיק און צוזען ווי מענטשן, גאָטס געליבטע קינדער, בלאָנדזשען אין דער פינצטערניש און דערקענען אים נישט, — אים, דעם איינציקן, דעם אמתן און דעם בעסטן גאָט! צי האָבן דען קריסטן, וואָס האָבן געהאַט דעם בעסטן גאָט אין זיך, זיך געקענט פירן ווי די געצנדינער — וואָס האָבן פיינט געהאַט דער מענטשהייט... — און לאָזן יעדן איינעם גלויבן אין דעם גאָט וואָס ער וויל? ניין! קריסטן האָבן נישט געקענט איינגיין אויף אַזאַ „טייוולשער" זאַך, ווי לאָזן יעדן איינעם גלויבן אין דעם גאָט וואָס אים געפעלט... די „קריסטלעכע ליבע" (קריסטלעכע ליבע!...) האָט דיקטירט: אָדער דו גלויבסט אין מיין בעסטן גאָט, אָדער דו גייסט אויפן פייער; אָדער דו באַקערסט זיך צום צלם, צום סימבאָל פון ליידן פאַר דער מענטשהייט, אָדער איך רוק דיר אַריין אַ מעסער אין האַרץ; אָדער דו נעמסט אָן דעם גלויבן אין גאָט וואָס איז כולו טוב, אָדער דו גייסט אין טאָרטור־מאַשין...

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער פּיין־וועג פון דערלייזונג פון די אומגלויביקע. מען האָט אָנגעהויבן פּייניקן אוים רחמנות; מען האָט אָנגעהויבן אָנטון יסורים אוים מיטלייד; מ'האָט אָנגעהויבן מאַטערן אוים מיטגעפיל; מ'האָט אָנגעהויבן טאָרטוריזירן אוים ליבע; מ'האָט אָנגעהויבן בייטשן אוים גוטסקייט; מ'האָט אָנגעהויבן ברענען אוים ברידערלעכקייט. מ'האָט געקושט די קרבנות וואָס מ'האָט פאַרפּייניקט, מ'האָט פאַרערט די אומגעבראַכטע, מ'האָט געבעטן פאַר די דערמאָרדעטע אא"וו. דאָס איז געווען קריסטנטום, דאָס איז געווען קריסטלעכע ליבע, דאָס איז געווען הייליקע אַניקוויזיציע.

די אינקוויזיציע־דאָקטרינע, אַז מ'זאָל די ערעטיקער און אומגלויביקע פאַרברענען אויף אַ לייכטן פייער, כדי זיי זאָלן דורך די לאַנגע יסורים אָפּקומען פאַר זייער גרעסטן זינד פון אומגלויבן, און זייער נשמה זאָל קומען אַ ריינע, אַ געלייטערטע אין הימל אריין — די דאָזיקע „דאָקטרינע", איז דער בולטסטער אויסדרוק, אין דער אַלוועלטלעכער קולטור־געשיכטע, פון דעם מענטשנס צווייִנשמהדיקייט. ניין, דער גרויס־אינקוויזיטאָר איז נישט געווען קיין ליגנער און היפּאָקריט; ער איז געווען אַ „פרומער" „הענקער". ביידע זאַכן זיינען ביי אים געווען אמת: אי די פרומקייט, אי די הענקערישקייט; אי די תשוקה צו מאַטערן און פּייניקן, אי די תשוקה צו בעטן פאַר דער נשמה פון קרבן. ביידע האָבן אים פאַרשאַפט ביאָלאָגישע הנאה. אי דאָס צוזען די שווידער־פּיינען, די טויט־קאָנוואולסיעס פון קרבן, אי דאָס תפילה־טון פאַר אים. די באַרימטע פראַזע פון אינקוויזיציע־טריבונאַל אין אורטייל קעגן דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, אים צו טויטן מיט „קריסטלעכער ליבע", „אָן בלוט־פאַרגיסונג", דאָס הייסט אים פאַרברענען לעבעדיקערהייט — אַ פראַזע וואָס שווידערט אויף און דערשיטערט מיט איר היפּאָקריטישער גרויזאַמקייט; די דאָזיקע פראַזע וואָס ווייזט אונדז אוים ווי דער שרעקלעכסטער, גרויזאַמסטער צבועקישער סאַדיזם, אָט די דאָזיקע פראַזע דריקט דאָך נישט אוים קיין באַוואוסטזיניקע צביעות און היפּאָקריטיע, נאָר ספּאָנטאַנע פּסיכישע דואַליטעט.

— דער מענטש האָט צוויי נשמות. איינע צו ליבן און איינע צו האַסן; איינע צו פּייניקן און איינע מיטצופילן; איינע פאַר

אכזריות און איינע פאר רחמנות; איינע צו מאטערן און איינע צו צערטלען; איינע צו שלאגן און איינע צו גלעטן. איינע פאר גאט און איינע פארן טייוול. באפרידיקט ער בלויז איין נשמה, פראָ־טעסטירט די צווייטע; טוט ער בלויז גוטס, איז נישט צופרידן די נשמה פון שלעכטס; טוט ער בלויז שלעכטס, פראטעסטירט די נשמה פון גוטס. מאכט זיך דעריבער דער מענטש דאָקטרינעס, אי־דייען און רעליגיעס, וואָס זאָלן אנטהאַלטן אי גוטס, אי שלעכטס, און אזוי באפרידיקט ער ביידע נשמות פאראמאָל. ערשט דעמאָלט, ווען ער טוט גוטס און שלעכטס אינאיינעם, איז ער פולשטענדיק בא־פרידיקט. דערביי ווירקט ווילן שטענדיק אויף געדאנק, אז געדאנק זאָל דערווייזן און באשטעטיקן די ריכטיקייט פון דעם וואָס ווילן באפעלט. נישטאָ גאָר אזא מיסווירדיקע האנדלונג, וואָס זאָל נישט קענען אויסגעטייטשט און דערוויזן ווערן ווי די העכסטע טוגנט, דעמאָלט ווען ס'איז פאראן דערפאר דרוק פון ווילן. די געשיכטע פון עטישע רעליגיעס און סאָציאַל־עטישע באוועגונגען ביכלל און די געשיכטע פון קריסטנטום בפרט, איז די בעסטע באשטעטיקונג דערפאר. נישט געווען די מיסווירדיקייטן, נישט געווען די גרויל־מאַטן, וואָס מ'זאָל נישט געווען האָבן באגאנגען אין נאָמען פון גוטן גאָט און אין נאָמען פון הויכע אידעאלן. פארברעכנס האָט מען אנגעקליידט אין מענטעלעך פון „הייליקע אקטן", און אקטן פון רציחה, בלוטדורשט און סאדיזם האָט מען פארמאסקירט אלס געט־לעכע געבאָטן...

גיט מען נאָך צו צו דעם אינקוויזיציע־שטייגער אויך די אומ־אויפהערלעכע רעליגיעזע מילחמות, וואָס האָבן דורכגעשניטן דאָס קריסטנטום פון אָנהויב ביזן סוף, די דוכאנאנדיקע קעגנזייטיקע אויסראָטונגען פון די קריסטלעכע סעקטעס, די אלערליי בארטאָ־לאָמעוס־נעכט, דאַן פארשטייען מיר, אויף וויפל דאָס קריסטנטום האָט צו פארדאנקען זיין דערפאָלג דעם אומשטאנד, וואָס זי האָט אין אזא ברייטן מאסשטאב געגעבן אַ געלעגנהייט די מאסן גלוי־ביקע צו באפרידיקן זייער תשוקה בלוט צו פארגיסן. ווער ווייס וואָס עס וואָלט געוואָרן מיט דער עוואנגעליע פון ליבע ווען זי וואָלט נישט געמאכט שותפות מיטן פארבלוטיקטן מעסער, און ווער ווייס וואָס

עס וואָלט געוואָרן מיט קריסטוס דעם דערלייזער, ווען ער וואָלט זיך נישט משדך געווען מיטן טייוול, מיטן אינקוויזיטאָר, מיטן שייטערהויפן און טאָרטור־מאַשין... קיין שום מצווה האָבן גלויביקע קיינמאָל נישט מקיים געווען מיט אַזויפיל אייפער, מיט אַזויפיל לײדנשאַפט, מיט אַזויפיל רעליגיעזן ברען און התלהבות, ווי די מצווה פון אָננעמען זיך גאָטס קריוודע און פאַרפאָלגן, פייניקן און צרות־אָנטון אַפּיקורסים, רשעים און אַלערליי זינדיקע לייט. פאַרוואָס ! —

דאָ האָבן די „פרומע לייט" געקענט הנאה האָבן אי פון אָנטון יסורים און פייניקן און אי פון זיין „גוט" און „פרום" און „דינען גאָט"...

קאפיטל 5

רעליגיע און עראטיק

I

אנפארזיך שטעלט דער סעקסועלער פארלאנג נישט פאר מיט זיך קיין שום שלעכטס. ער איז אזא נאטירלעכע באדערפעניש, ווי די באדערפעניש צו שפייז, למשל. ווען דער דאזיקער פארלאנג וואלט באפרידיקט געווארן אויף א נארמאלן אופן, וואלט ער קיין שום פראבלעם נישט געווען. א פראבלעם איז ער געווארן דערפאר, וואס מ׳האט אים נישט געלאזט פריי באפרידיקט ווערן, וואס מ׳האט אים אונטערדריקט, וואס מ׳האט אים געצוימט. פון אינע־ווייניק שפארט א קראפט, וואס וויל זיך אויסדריקן אין א אנט־שפרעכנדיקן אקט, און פון דרויסן ווערט נישט דערלאזט אז די אינערלעכע קראפט זאל קומען צום אויסדרוק. בלייבט די קראפט פארשפארט פון אינעווייניק, אין דער לעבעדיקער באשעפעניש, און הויבט אן אנטון שאדנס, סיי פיזישע און סיי פסיכישע.

אין נאטור־צושטאנד, איז די געשלעכטלעכע באדערפעניש נישט קיין שלעכטס, נישט קיין זינד, נישט קיין אומזיטלעכקייט און בכלל קיין ענין נישט. דאס אלץ ווערט עס אין מענטשלעכן לעבן. די מענטשן האבן פארצוימט דעם וועג דעם סעקסועלן אימ־פולס אין זיין פרייער אויסווירקונג און האבן אים געבונדן מיט אלערליי שטריק. מ׳האט אים געמאכט פאר א שענדלעכן, מיס־

ווירדיקן אקט, פאר א סאָציאַלן פאַרברעכן, פאַר א רעליגיעזן חטא; מ'האָט אים געהאַמעוועט און געבונדן מיטן שטאַרקן בושה־געפיל. פון דער פריסטער יוגנט אָן, גלייך ווי דאָס יונגע מענטש־באַשע־פעניש נעמט נאָר דערפילן א מינדסטן שפּור פון אָט דעם אימ־פּולס, נעמט מען אים, דעם אימפּולס, גלייך צוימען און אריינדריקן צוריק אין דער אינערלעכקייט. מען מאַכט א מיסטעריע און א טאַבו פון די קערפּער־טיילן וואָס זיינען באַשטימט פאַר דער סעק־סועלער פונקציע. דאָס פּראָוואָצירט נאָך מער דעם געפיל און רייצט די פאַרשטעלונגס־קראַפט. נאָך איידער דאָס יונגע מענטשלעכע באַ־שעפעניש דערגרייכט צו געשלעכטלעכער רייפקייט, איז שוין טיף איינגעקריצט אין זיין גייסט דער איינדרוק, אַז דער געשלעכטלע־כער חשק איז א זינד, אַן אָפּשיילעכקייט, א העסלעכע דערשיינונג, א זאַך מיט וועלכעס מ'דאַרף זיך שעמען מער ווי מיט אַלץ, וועגן וועלכעס מ'טאָר נישט טראַכטן, מ'טאָר נישט פילן, מ'טאָר נישט זען, מ'טאָר נישט הערן, מ'טאָר נישט אָנרירן.

מיט דער מאַמעס מילך זויגט דאָס קינד אריין אין זיך דעם באַוואוסטזיין, אַז סעקס איז פאַרבאָטן, אַז סעקס איז א בושה. — מ'טאָר נישט האָבן צו טון מיט דעם; ס'איז נישט שיין; ס'איז א חרפּה. „ריר נישט, קוק נישט, הער נישט, טראַכט נישט, וויל נישט וויסן, וויל נישט פאַרשטיין אא"וו". פון איין זייט ווערט דער יונגער אינדיווידו געטריבן פון א נאַטירלעכן פאַרלאַנג יאָ צו וויסן, יאָ צו זען, יאָ צו הערן, יאָ אָנצוטאַפּן, יאָ האָבן צו טון מיט אַלץ וואָס האָט א שייכות צו סעקס, און פון דער צווייטער זייט שטייט די געזעלשאַפט און שרייט: מ'טאָר נישט, ס'איז פאַרבאָטן, ס'איז מיאוס...

אזוי געשעט עס שוין אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זינט א סך טויזנטער יאָרן. זינט טויזנטער און טויזנטער יאָרן באַפעלט די נאַטור דעם מענטשן, ווי אירע אַלע איבעריקע קינדער: גלוסט צו דער פרוי (און די פרוי צו דעם מאַן), נעם זי, קום צו איר! און די געזעלשאַפט שטייט און שמידט דעם מענטש־בעל־חי אין שטאַ־לענע פענטעס, קאָוועט אים אין אייזערנע קייטן, טוט אים אָן א צוואַנגס־העמד, בייטשט אים מיט אייזערנע בייטשן און שרייט:

לא תחמוד, לא תנאף! די נאטור האט אויסגעקריצט אין מענטשנס בלוט דעם באפעל יא צו גלוסטן צו דער פרוי, און די געזעלשאפט האט מאביליזירט אלע באצווינג־מיטלען און באפעלט: גלוסט נישט און וויל נישט! דער רעזולטאט פון אט דעם טראגישן ווידערשפרוך צווישן דער נאטורס „יא!" און דער געזעלשאפטס „ניין!", איז, אז די זעלבע אומשולדיקע, כשרע דערשיינונג וואס אין נאטור־צו־שטאנד רופט מען עס „רעפראדוקטיווער פארלאנג", רופט מען אין מענטשלעכן צושטאנד: תאווה, זנות, אויסגעלאסנקייט, זינד א"וו. עס גייט דא נישט וועגן קיין פארשידענע נעמען פאר איין און דער־זעלבער זאך, נאר די זאכן גופא זיינען טאקע פארשידן. דער סעק־סועלער מאמענט אין דער אלגעמיינער בעלי־חים וועלט און ביים מענטשן, איז טיף־פארשידן. אין דער בעלי־חים וועלט איז עס א נארמאלע, געזונטע פיזיאלאגישע דערשיינונג, און ביים מענטשן איז עס שוין געווארן געוויסערמאסן, אז אומנארמאלע, קראנקהאפטע גייסט־דערשיינונג. ביי דער חיה איז עס א קערפערלעכע באדער־פעניש, וואס ווען זי ווערט פון איר אנגעגריפן, זעטיקט זי איר, און די זאך איז געלייזט; עס שאפט זיך נישט קיין פראגע דערפון. ביים מענטשן, אין קעגנטייל, שאפט זיך דערפון יא א פראגע, און א דרינגנדע פראגע. דער מענטש ווערט אנגעגריפן פון סעקסועלן ווילן אין א פארהעלטניסמעסיק פריען עלטער, און ער באפרידיקט אים נישט. א לאנגע צייט גייט דער יונגער אינדיווויד ארום אונטער דער־לאסט פון עראטישן באגער און דריקט אים נישט אויס. יארן גאנ־צע איז ער איבערגעלאדן מיט דער סעקסועלער משא און קריגט פון איר נישט קיין באפרייאונג. און נישט נאר טאר מען דעם סעק־סועלן פארלאנג נישט באפרידיקן, נאר אפילו פילן טאר מען אים נישט, אפילו טראכטן וועגן אים טאר מען נישט. און אז מען פילט יא און מען טראכט יא, טוט מען א נישט־אנשטענדיקע זאך. צו דער פיין פון טראגן אין זיך א נישט־געזעטיקטן מעכטיקן נאטור־אימ־פולס, קומט נאך צו דער געפיל פון פילן זיך זינדיק. דער סוף איז, אז אזוי ווי די ספאנטאנע נאטירלעכע באגערן זיינען שטארקער פאר די באוואוסטזיניקע אנשטרענגונגען זיי צו האמעווען — העכסטנס קען ווילנס־שטארקייט העלפן דעם אינדיוויד זיך צוימען

אין ה א נ ד ל ו נ ג, אָבער בשום אופן נישט זיך צוימען אין פ י ל ן א ו ן ט ר א כ ט ן — רייסט זיך דער עראָטישער אימפּולס אויף כוח אריין אין גייסט און ווערט דאָרט דער גאַנצער באַלעבאָס און דעה־זאָגער. ער ווערט דער מושל איבער דעם גרעסטן טייל פון מענשנס באַוואוסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע געדאַנקען און געפילן. ער הויבט אָן באַוועלטיקן די מחשבה און דעם דימיון. ער שניידט זיך אַריין אין אַלע פיבערן פון דער נשמה. ער באַהערשט דעם מענטשן וואַכערהייט און אין חלום. ער מאָלט פאַר אים בילדער און סצענעס און פּאָזעס וואָס רייצן, רעגן, מאַטערן און מאַכן קראַנק דעם קערפּער און דעם גייסט. און דאָס דאָזיקע געשעט שוין מיט דער מענטשלעכער באַשעפעניש, ווי געזאָגט, זינט זייער אַ לאַנגן משך צייט. ווער ווייס זינט וויפל טויזנטער יאָרן עס עקזיסטירט שוין פאַרן מענטשן דאָס סעקסועלע פּראָבלעם; זינט וויפל טויזנטער און טויזנטער יאָרן דער מענטש איז שוין „אַ בעל תאווה"; ווער ווייס זינט וויפל טויזנטער יאָרן ער „זינדיקט" שוין, זינט וויפל טויזנטער יאָרן ער איז שוין „מזנה".

תאווה איז נישט סעקסועלער ווילן; תאווה איז פ א ר ב א ט ע נ ע ר סעקסועלער ווילן; תאווה, איז, האָבן אַ געפיל וואָס מ׳ט אָ ר נ י ש ט האָבן. דער סעקסועלער געפיל איז ביים מענטשן, אַזוי דורך און דורך דורכגעדרינגען מיטן באַוואוסטזיין פון פאַרבאָט, אַז מ׳קען זיי גאָרנישט פונאַנדערטיילן. דעם סעקסועלן געפיל פילן מיר אַלס אַ פאַרבאָטענעם געפיל, אַלס אַן אומאָנשטענדיקן געפיל; אַ געפיל מיט וועלכן מ׳דאַרף זיך שעמען און אויסבאַהאַלטן. ווען מיר האָבן דעם דאָזיקן געפיל, טוען מיר אַ נישט־שיינע זאַך. דאָסגלייכן איז זנות נישט קיין דערלויבטער נאַטירלעכער אַקט פון געשלעכטער־פּאָרונג, נאָר אַן אַקט מיט וועלכן ס׳איז פאַרבונדן דער באַוואוסטזיין פון געזעלשאַפטלעכער פאַרדאַמונג קעגן אונדז, אַן אַקט מיט וועלכן ס׳איז פאַרבונדן שולד־ און בושה־געפיל מצד די וואָס פירן אים דורך. ביי גלויביקע מענטשן קומט דערצו נאָך אויך צו דער באַוואוסטזיין פון עבירה, פון חטא.

נישטאָ איצטער קיין מענטש וועלכער זאָל קענען איבערלעבן

דעם סעקסועלן געפיל אין זיין נאַטירלעכער ריינקייט. דער סעקסועלער געפיל איז שוין בשום אופן נישט אַזוי ריין און אומשולדיק ווי דער הונגער־געפיל למשל. דער הונגער־געפיל איז טאַקע נישט מער ווי הונגער־געפיל — אַ פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש, וועלכע מ'זוכט צו באַפרידיקן און מער גאָרנישט. קיינער שעמט זיך נישט מיטן דאָזיקן געפיל, קיינער באַהאַלט זיך נישט אויס מיט אים, קיינער פילט אים נישט אַלס אומאָנשטענדיקן, אומזיטלעכן, דאָס הייסט, אַז דער דאָזיקער געפיל האָט נישט אויף זיך קיין שום באַלאַסטן פון פסיכישע קאָמפּליקאַציעס. ער איז ביים מענטשן געבליבן אין זעלבן ריינעם נאַטור־צושטאַנד וואָס ביי די חיות. נישט אַזוי איז עס מיטן סעקסועלן געפיל. דער סעקסועלער געפיל איז ביים מענטשן ביזן העכסטן גראַד פסיכיש קאָמפּליצירט — ער איז אַ זינדיקער געפיל, אַן „אוממאָראַלישער" געפיל, אַ געפיל מיט וועלכן מ'שעמט זיך, מ'באַהאַלט זיך אויס, מ'זוכט אונטערצודריקן, צו באַקעמפן, זיך ווידערצושטעלן; אַ געפיל, וועלכער שטייט כסדר אויפן טאָגאָרדענונג פונם מענטשנס פסיכיש לעבן, וועלכער איז כסדר אַקטועל און מיט וועלכן מ'האָט כסדר צו טון...

אַלע מענטשן ליידן פון דער עראָטישער מחלה. ווער מער, ווער ווייניקער, אָבער פריי פון איר, איז קיינער נישט. דאָס סעקסועלע פּראָבלעם איז נישט קיין פּראָבלעם פון דעם אָדער יענעם מענטשלעכן יחיד, נאָר איז אַ פּראָבלעם פון גאַנצן מין מענטשן, דאָס הייסט פון מין וואָס לעבט אין אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט און וואָס דענקט. פריע חתונה און רעגולערער געשלעכטלעכער פאַרקער, פאַרלייכטערן די זאַך, אָבער באַפרייען נישט פון איר; זיי זיינען אַ כסדרדיק היילמיטל, אָבער שאַפן נישט אָפּ די קראַנקייט. דאָס סעקסועלע געפיל אַלס אַזעלכעס, איז ביים חתונה־געהאַטן אַזוי אומאָנשטענדיק און אומזיטלעך ווי ביים בחור; די תאווה איז תאווה צי מ'שטייט יאָ אונטער דער חופה צי נישט. נישט מער אין פאַל פון חתונה, גיט די געזעלשאַפט אַרויס אַ דערלויבעניש דער תאווה. פסיכאָלאָגיש איז נישט פאַראַן קיין שום אונטערשייד אין דער עראָטיק פון חתונה־געהאַטן לגבי דעם נישט חתונה־געהאַטן; דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם סאָציאַלן היתר, וואָס דער ערשטער

האָט און דער צווייטער האָט נישט. אויך לאָדט דער ערשטער אוים די תאווה און גיט איר נישט קיין געלעגנהייט זי זאָל פארפלייצן זיין פסיכיש לעבן, און דער צווייטער זאַמלט די תאווה אין זיך און זי פארפלייצט יאָ זיין פסיכיש לעבן. די תאווה אָבער אַנפאַרזיך איז ביי אַלע די זעלבע. קוואַנטיטאַטיוו איז פאַראַן אונטערשיידן אין דער עראָטיק פון איין מענטשן און דעם צווייטן. קוואַליטאַטיוו, אָבער, איז זי ביי אַלעמען גלייך, קוואַליטאַטיוו איז בלויז פאַראַן אַ אונטערשייד צווישן דער עראָטיק פון מענטש און בעל־חי. ביים בעל־חי איז עס אַ ריינער, נאַטירלעכער פאַרלאַנג, און ביים מענטשן איז עס אַ זינדיקע, אומזיטלעכע, אומאָנשטענדיקע זאַך. דורך רע־גולערן געשלעכטלעכן פאַרקער באַפרייט מען זיך בלויז פון עראָ־טישן פאַרלאַנג, אָבער נישט פון עראָטישן פּראָבלעם. דאָס עראָטישע פּראָבלעם איז אַן אַלגעמיין פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן זינט דער מענטש האָט אָנגעהויבן פירן אַ גע־זעלשאַפטלעך לעבן. זינט די מענטש־חיה האָט זיך אָנגעהויבן אָר־גאַניזירן אין דער עלטסטער סאָציאַלער פאָרם, אין דער שפּייז־גרופּע, האָט זי אָנגעהויבן מאַכן פון נישט געוואונטשענעם געזעלשאַפט־לעכן אַקט אַ גרויזאַמען טאַבו, אַ טויטלעכן פאַרבאָט. זינט דעמאָלט האָבן געשלעכטלעכע באַציאונגען אָנגעהויבן צו זיין איסור, חרם, שאַנד. אויף קיין שום אַנדער טאַט, — און אַפילו אויפן בלויזן גע־פיל, — האָט די מענטשהייט נישט קאָנצענטרירט אַזויפיל צוים, אַזויפיל טאַרמאַז, אַזויפיל פאַרבאָט, אַזויפיל נעגאַציע צו דעם וואָס טרעט אַרוים קעגן, ווי אויף אָט דעם טאַט. עס קען זיין, אַז דאָס האָט די מענטשהייט אינסטינקטיוו געטון כדי צו שיצן די נייע דורות וואָס וואָלטן ביי פרייע געשלעכטלעכע באַציאונגען געווען אויסגעשטעלט צו די גרעסטע ליידן און אונטערגאַנג. אָבער דאָס, די סיבה פון צוימען געשלעכט, איז זיך אַן ענין פאַר זיך. אונדז אינטערעסירט דער פאַקט. דער פאַקט איז אַז געשלעכט איז גע־צוימט און געקייטעט מיט אַלע מעגלעכע צוימען און קייטן, וואָס די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט אין איר באַזיץ. דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז אין דער נשמה פון מענטשלעכן אינדיווידו באַקומט זיך אַריין אַ געהיימע און שטילע שנאה צו אַלץ וואָס איז צוים און

פענטע אויף דער פרייער באַפרידיקונג פון די געשלעכטלעכע גלוס־טן. די דאָזיקע שנאה ליגט פאַרבאַהאַלטן בחדרי־חדרים פון דער מענטשלעכער נשמה. מען ווייס צומאָל נישט צי זי איז דאָרט פאַראַן, אָבער זי איז פאַרט פאַראַן. זי ווייזט זיך אַרויס אין גינסטיקע מאָמענטן פאַר איר אויסווירקונג. די דאָזיקע מאָמענטן זיינען עפּאָכן פון סאָציאַלער צעטרייסלונג. אַזוי גלייך ווי דער מענטש דער־שמעקט נאָר, אַז אויף דער וועלט ווערט עפּעס נישט אין אָרדע־נונג, אַזוי גלייך הויבן זיך אָן אין אים אַפרופן יענע אַלע אונטער־נשמהשע כוחות, וואָס די געזעלשאַפט האָט נישט געלאָזט פריי זיך אויסווירקן.

ווען די מענטשן זעען צעריסן ווערן די סאָציאַלע באַנדן; עס ווערן בטול די איינגעשטעלטע נאָרמען, עס ווערט צעשטערט דער סאָציאַלער קאָנטראָל און זיי זעען זיך איבערגעלאָזט אויף זיך אַליין, הויבן אָן אַרויפשטראָמען אויפן אויבערפלאַך פון זייער פּסיכיק אַזעלכע מאָדנע כוחות, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט קוים עמי־צער געגלויבט, אַז זיי זיינען נאָך פאַראַן אין מענטשן. די מענטשן ווערן דאַן מיט איינמאָל פאַרוואַנדלט אין ווילדע. זיי זעען אויס ווי אָפּגעריסענע פון דער קייט. מיט אומגלויבלעכער גיריקייט, ממש מיט פוריע, וואַרפן זיי זיך אויף אַלץ וואָס איז פאַרבאָטן. ווי אַ פאַרשפּאַרטער קוואַל, וואָס ברעכט זיך דורך אַ וועג, שטראָמט מיט אומגעצווימטער ברויזנדיקער קראַפט, אַזוי שטראָמט די ווילדקייט־כוואַליע אין מאָמענטן ווען עס ברעכן איין די סאָציאַלע דאַמבן און עס בלייבט הפקר אַ וועלט. די דאָזיקע דערשיינונג איז זייער באַ־לערנדיק. זי ווייזט אונדז דעם מענטשן אָן דער געזעלשאַפטלעכער צוואַנגס־העמד.

עס איז אָנגענומען צו ריידן וועגן דער דאָזיקער דערשיינונג ווי וועגן אַ מיטאַמאָליקן שפּרונג צוריק צום אורוואַלד; ווי וועגן אַ דערוועקונג פון אַטאַוויסטישע כוחות וואָס דרעמלען אין מענטשנס נשמה; אין אַזאַ מאָמענט, זאָגט מען, ווערט דער מענטש ווידעראַמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ פּרימיטיוון. דאָס דאָזיקע דאַרף מען פאַרשטיין אָט־ווי: די פּרע־סאָציאַלע און פּרע־קולטורישע פּסיכיק איז אַן אַק־טועלע פּסיכיק, נישט מער אַ געבונדענע און אַ פּאַסיווירטע. נישט

אין דער געזעלשאַפט איז דער מענטש ב ע ס ע ר, נאָר אין דער געזעלשאַפט איז ער ג ע צ ו י מ ט . דער מענטש ווייס, אַז פעסט־אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט מוז ער זיך אונטערגעבן; ער מוז זיך אויפפירן ווי די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט; עס איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ; אויב ער וועט נישט פאָלגן, וועט זיין שלעכט מיט אים: וועט מען אים פאַרשפּאַרן אין תפיסה אָדער שיקן אויף דער תליה. קעגן דער געזעלשאַפט איז דער יחיד אוממעכטיק. קעגן יעדער פּרואוו אַריבערצוטרעטן די אַלגעמיין אָנגענומענע נאָרמען, רעאַגירט די געזעלשאַפט גאַנץ שטרענג. דער יחיד פילט זיך דע־ריבער אויף אַזויפיל בטול לגבי דעם כוח פון רבים, אַז ער פּרואוווט אַפילו נישט אַרויסטרעטן קעגן. עס איז ספּאָנטאַנער אונטערגעבן זיך די פירונגען פון כלל, עס איז רעזיגנאַציע פאַרן כוח פון כלל. געוואוינהייט און אַלגעמיינער ביישפּיל, מאַכן, אַז מען זאָל נישט פילן די געצוואונגנקייט און מען האָט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז דער פרייער נאַטירלעכער צושטאַנד פון די מענטשן. צי איז עס אָבער אַזוי? ווען דער מענטש וואָלט טאַקע מיט אַן אמת געווען אַזוי פרידלעך ווי ער ווייזט זיך צו זיין אינערהאַלב אַ סאָלידער געזעלשאַפטלעכקייט — ווי אַזוי וואָלט עס געקענט קומען צו מאַסן־פאַרווילדונג אין צייטן פון געזעלשאַפטלעכער אַנטאַרטונג, אין צייטן פון מלחמות, מהומות, רעוואָלוציעס, בירגערקריגן אא״וו? איז וואָס אַז עס ווערט אויף אַ מאָמענט בטול דער סאָציאַלער צוים, — קען דען דער יחיד זיך אַליין נישט קאָנטראָלירן? פאַרוואָס פאַרווילדונג? אויב די פרידלעכקייט און דער קולטור־שטייגער פון נאָרמאַלע צייטן זיינען נישט קיין אַרויפגעצוואונגענע, נאָר פרייע און נאַטירלעכע, איז פאַרוואָס זאָל דער מענטש נישט זיין אַזוי פריי און נאַטירלעך אויך אין מאָמענטן, ווען ער ווערט איבערגעלאָזט אויף זיך אַליין און ער האָט מער קיין מורא נישט, נישט פאַר דער געזעלשאַפטלע־כער בייטש און נישט פאַר דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג? פאַר־וואָס זאָל ער אין אַזאַ מאָמענט פון ד ע ס אָ צ י אַ ל י ז י ר ו נ ג : בייטן זיין נאַטור פון אַ קולטורעלער אויף אַ ווילדער? דאָס איז דערפאַר וואָס די ווילדקייט איז דאָ אין מענטשן, נישט מער אין נאָרמאַלע צייטן, איז זי געבונדן און פּאַסיוו. אין נאָרמאַלע צייטן

איז זי פאַריאָגט ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער נשמה און וואָגט
נישט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן. דאָס מיינט אָבער נישט אַז זי איז
נישטאָ. זי איז יאָ דאָ. אַ סימן: אַזוי גלייך ווי עס הויבט זיך נאָר
אָן אויף דער וועלט עפּעס צו רודערן, אַזוי גלייך נעמען אַלע בייזע
אַנטיסאָציאַלע און אַנטיקולטורעלע כוחות אין מענטשן אויפטויכן.
און אַז די אומאָרדענונג דערגייט צום פּונקט פון פולשטענדיקער
סאָציאַלער אויפלייזונג, רייסט זיך די אינעווייניקסטע חיה אָפּ פון
דער קייט און נעמט ווילדעוועןֿ. די מאַסע נעמט דאַן רויבן, שענדן,
באַגיין גרוילטאַטן, צעשטערן הייליקטימער, פאַרניכטן קונסט־ווערק
אאַ"וו. עס איז נישט בלויז קיין מאָמענט פון: — „דער מענטש אָן
אַ געזעלשאַפט", נאָר דער מענטש ק ע ג ן דער געזעלשאַפט.
דאָס וואָס איז צום שטאַרקסטן אין אַזאַ פאַרווילדונגס־צושטאַנד איז
די „פּאָביע" קעגן אַלץ וואָס איז קולטור־ און סאָציאַל־זיטלעכער
שטייגער. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין אַזאַ מאָמענט איז נישט דאָס
לאָזן זיך וואוילגיין מצד דער צעברויזטער מאַסע: דאָס עסן, טריג־
קען, פאַרשאַפן זיך סעקסועלע הנאה, צונעמען פאַר זיך ווערטפולע
חפצים, נאָר דאָס כאַראַקטעריסטישע איז: — ר ש ע ו ת : ווילן
צו באַגיין גרוילטאַטן און אכזריותן; דאָס כאַראַקטעריסטישע איז:
די צעשטערונג, פאַרניכטונג און פאַרגוואַלדיקונג־לוסט. מיט אַ באַ־
זונדער גיריקייט וואַרפט זיך דאַן די צעיושעטע מאַסע אויף אַלץ
וואָס איז ה יי ל י ק, אויף אַלץ אין וועלכעם עס איז קאָנצענ־
טרירט ק ו ל ט ו ר ־ א ו ן מ אָ ר אַ ל ־ ו ו ע ר ט ן . פאַר־
וואָס? פאַרוואָס איז די מאַסע אין אַזעלכע מאָמענטן פון אַנטגע־
זעלשאַפטלעכונג, ספּעציעל געניגט צו פאַרניכטן קולטור־ און מאָ־
ראַל־ווערטן — שענדן הייליקטימער, פאַרניכטן קונסט־ווערק, פראַ־
ווען ווילדע אָרגיעס אאַ"וו? — דאָס איז נישט בלויז אויפגעברויזטע
בעסטיאַליטעט, נאָר איז אויך אַ נ ט י ס אָ צ י אַ ל ע ר א ו ן
אַ נ ט י ק ו ל ט ו ר ה אַ ס . עס איז נאַטירלעך אַז יעדער גע־
קייטעטער זאָל האַסן זיינע קייטן און זאָל פילן אַ באַזונדער הנאה
אין מאָמענט ווען ער קען זיי צערייסן און צעשטערן. וואָס מער־
איינער האָט געפילט די פּיין פון געבונדנקייט, אַלץ מיט מער האַס
וועט ער נאָכדעם פאַרניכטן ביזן לעצטן שפּור די קייטן וואָס האָבן

אים געבונדן. אזוי טוט די מאסע אין מאמענטן פון סאציאלער אנטבונדנקייט. מיט א ווילדן נקמה־דורשט ווארפט זי זיך אויף אלץ וואס האט איר געבונדן און געצוימט. זי איז באהערשט פון נקמה־געפילן צו געזעלשאפט, נקמה צו קולטור, נקמה צו מאראל, נקמה צו זיטלעכקייט, נקמה צו אנשטענדיקייט, נקמה צו קונסט, נקמה צו הייליקייט או"וו. דאס איז אייגנטלעך דער טייטש פון וואנדאליזם. וואנדאליזם מיינט די ספעציעלע צעשטערונגס־לוסט פון אלץ וואס טראגט אויף זיך דעם חותם פון מענטשלעכקייט און פון קולטור. אין וואנדאליזם קומט די סאציאלע און קולטור־פאביע צום העכסטן אויסדרוק. עס איז א דירעקטע אפרעכענונג מיט אלץ וואס איז צוים אויף דער חיה אין מענטשן.

פארשטענדלעך, אז דער יעניקער אימפולס וואס פילט זיך צוגעמיסטן געבונדן, געפענטעט און געשטערט פון קולטור און געזעלשאפט און זיטלעכקייט, זאל מיט אים צוממייסטן זיין אסאציאירט די קולטור־פאביע, — און אין מאמענטן פון אנטבונדנקייט, זאל צוזאמען מיטן חשק אים צו באפרידיקן אויך קומען צום שטארקסטן צום אויסדרוק דער אנטיסאציאלער האס וואס האט אויף אים געלאסטעט. פרויען־שענדונג וואס קומט אין אזעלכע מאמענטן פון מאסן־פארווילדונג, איז באגלייט מיט אקטן פון ווילדסטער אויסגעלאסנקייט און פערווערזיע. דער אייגנטלעכער געשלעכטלעכער פארלאנג ווערט אין אזא מאמענט רעדוצירט ביז צו א מינימום. דאס וואס עס ווירקט צום שטארקסטן, איז דער ווילן צו פראפאנאציע, צו פארשוועכונג, צו פארשעמונג, צו שענדן דאס מענטשלעכע, דאס אנשטענדיקע, דאס צניעותדיקע, וואס איז פארבונדן מיטן געשלעכטלעכן אקט. די מאסן פרויען־שענדונגען פון א צעווילדעוועטער סאלדאטעסקע, זיינען נישט קיין געשלעכטלעכע אקטן אין געוויינלעכן זינען פון ווארט, נאר ס'איז סעקסועלער וואנדאליזם; ס'איז קולטור־שענדונג; ס'איז שענדונג פון הייליקטום;ס'איז אפרעכענונג מיט מאראל און אנשטענדיקייט. די אפגעריסענע חיה פון דער קולטור־קייט, שטייט, מיט שארפע ציין און נעגל און מיט א ווילדן נקמה־פייער אין די אויגן, און סארפעט

און רייסט די דאָזיקע קייט וואָס איז געווען אָנגעטון אויף איר סעקס. דער ווילן צו ווילד־אויסגעלאַסענער פרויען־שענדונג, דער ווילן צו פאַרניכטן קונסט־ווערק, צו צעשמעטערן און פאַרשווענן הייליקטימער, דער ווילן צו באַגיין אכזריותן און גרוילטאַטן, דאָס אַלץ איז אויסדרוק פון איין־איינציקן קאָמפּלעקס, — פון אַנטי־קולטור האַס.

מיט קיין שום אַנדער געפיל איז אָבער נישט אַזויפיל אַסאָציאירט דער אַנטי־סאָציאַלער און אַנטי־קולטור האַס ווי מיטן סעקסועלן, ווייל קיין שום געפיל פילט נישט אַזוי אויף זיך די לאַסט פון די סאָציאַלע קייטן ווי דער דאָזיקער. דערפון נעמט זיך די גוואַלדיקע נטיה צו פערווערזער עראָטיק. דערפאַר הייסט עס, וואָס מ'האָט די סעקסועלע באַפרידיקונג אַרומגעלייגט מיט אַזויפיל איסור, מיט אַזויפיל חרם, מיט אַזויפיל טאַבו, דערפאַר איז פאַראַן אַזאַ גרויסער ווילן צו דערווידערן די דאָזיקע אַלע פאַרבאָטן. דערלויבטע עראָטיק באַפרידיקט אָפט נישט; עס באַפרידיקט יאָ — זינדיקע עראָטיק. דערפאַר, ווי געזאָגט, איז אין צייטן פון מהומות און בהלות אַזוי גרויס די זיטלעכע אַנטאַרטונג פון דער עראָטיק. די געשיכטע בכלל און די געשיכטע פון רעליגיע בפרט זיינען פול מיט פאַקטן פון דעם סאָרט. עפּאָכעס פון מיסטישע צעטרייסלונגען צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט אויסגעלאַסנקייט און פערווערטירטער געשלעכטיקייט. אין צייטן ווען די מענטשן ווערן אַרומגעכאַפּט פון אַן אַבערגלויבערישער שרעק און עס באַהערשט זיי אַ מיסטישע פּאַניק, ווערט צעשטערט דער נאָרמאַלער סדר פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס הויבט זיך אָן אַ שטילע מרידה פון די אינדיווידן קעגן דער סטאַבילער סאָציאַלער פונקציע. מ'וויל זיך מער נישט אונטערוואַרפן די איינגעשטעלטע קולטור־נאָרמען, נאָר יעדער וויל ווערן אַ מענטש פאַר זיך און קענען טון וואָס אים געפעלט. עס קומט הפקר־פּסיכיק. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין אַזעלכע אומנאָרמאַלע שרעקנס־צייטן, וואָלטן, על פּי שכל, די מענטשן באַדאַרפט ווערן פרימער ווי אין נאָרמאַלע, גוטע צייטן, איז דער פאַקט פונקט פאַרקערט: אין צייטן פון מיסטישע בהלות און אַבערגלויבערישע פּאַניקעס ווערן די מענטשן מער זינדיק ווי

אין געוויינלעכע, נאָרמאַלע צייטן, און זינדיק פריער פון אַלץ טאַקע אויפן געשלעכטלעכן געביט. זנות ווערט אַ מאַסן־דערשיינונג; די מענטשן ווערן באַהערשט פון אַ עראָטישן פסיכאָז; אויסגעלאַסנקייט איז דער כאַראַקטעריסטישער צייכן פון אַזעלכע מיסטיש־צעטומלטע עפּאָכעס. פאַרוואָס איז עס? דאָס איז דערפאַר, וואָס פאַר יעדעס מאָל ווען, צוליב וועלכער סיבה דאָס זאָל נישט זיין, עס ווערט צעשטערט דער געזעלשאַפטלעכער צוים און קאָנטראָל, הויבן אָן אַרויסזעצן אַפן פסיכישן אויבערפלאַך די אונטערדריקטע פערווערטירט־עראָטישע אַפּעטיטן. מען דאַרף נאָר אויף וואָספאַראַ עס איז אופן אָנהויבן לייזער־מאַכן און אָפּשפּאַנען דעם סאָציאַלן זיטלעכקייט־דרוק, וואָס לאַסטעט און דריקט אויפן געשלעכטלעכן פאַרלאַנג, און באַלד הויבט ער אָן אינעווייניק זיך אויסברייטערן און אויפּוירן ביז ער שפּאַרט אַרויס איבער די ברעגעס און נעמט פליִצן מיט ווילדער קראַפט. די מיסטישע מורא איז דאָ לחלוטין קיין שטערונג נישט, נאָר פאַרקערט, זי סטימולירט און רעגט די עראָטיק, וואָרום זי, די מיסטישע מורא, איז דאָך טאַקע די פאַראורזאַכערן פון דער סאָציאַלער אַנטבינדונג. מיסטישע שרעק מיינט: עס איז גאָרנישט זיכער אויף דער וועלט: נישט דער מענטש, נישט דאָס לעבן, נישט די געזעלשאַפט. אַלץ איז אין שטענדיקער סכנה אײַבערגעקערט צו ווערן מיטן קאָפּ אַראָפּ; היינט איז עס דאָ און מאָרגן קען עס נישט זיין. איז צוליב וואָס אָרנטלעכקייט, צוליב וואָס גוטע אויפפירונג, צוליב וואָס זיטן, צוליב וואָס אָנשטענדיקייט? צוליב וואָס זיך אונטערוואַרפן און פאָלגן דער געזעלשאַפט — לעבן ווילט זיך, געניסן, זינדיקן! טאָ קומט גענוס און זינד; טאָ קומט צעהוליעטקייט, שכרות און וואַקכאַנאַליע. און די שכרות און די וואַקכאַנאַליע קומט דורכגעמישט מיט אַבערגלויבערישע ספּעקטאַקלען, מיט כשוף־צערעמאָניעס, מיט ווילדע, אויסגעלאַסענע טענץ און געזאַנג אאַ"וו. — וואָס איז דאָס? — דאָס איז טייוול־דינערײַ; דאָס איז ספּאָנטאַן־געוואָרענע אַנטיסאָציאַלע און אַנטיקולטור רעליגיע. ווייבאַלד גאָט, וואָס איז די העכסטע פאַרקערפּערונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע טוגנטן, פון דער קולטור, פון דער מאָראַל, קען מען מער נישט

דינען, דינט מען מער נישט, טאָ נעמט מען דינען צום טייוול, צום אַנטיגאָט, וועלכער פאַרקערפּערט די אוממאָראַל, די צעלאַזנקייט, די אומקולטורעלקייט; ווען מען עס געפעלט שכרות, אויסגעלאַסנקייט, זינדיקייט, ווען מען עס געפעלן אָרגיעס, וואַקכאַנאַליעס, הולטיי־סטווע, פּערווערסיע, ווען מען עס געפעלט אַלץ וואָס איז אומזיטלעך, פאַרדאָרבן, קאָרופּט און אַנטי־מענטשלעך.

די שייכות צווישן אַבערגלויבן, כשוף, טייוול־דינעריי און אַלערלי בייזע, קאָרופּטע, אויסגעלאַסענע קולטן, נעמט זיך פון דער אַנטי־סאָציאַלער שנאה. אַבערגלויבן און כשוף זיינען אַ שטענדיקע געפאַר פאַר סאָציאַלער סטאַבילקייט. אַבערגלויבן און כשוף האַלטן וואַקגעוואַנדט די אויפמערקזאַמקייט פון די מענטשן צו בייזע ספּי־ריטועלע פּאָטענצן, וואָס קענען אין יעדן מאָמענט אַלץ צעשטערן און חרוב מאַכן. דער אַבערגלויביקער פילט זיך נישט פאַרפעסטיקט אין לעבן, נאָר ער פילט זיך כסדר פאַרפאָלגט און נאָכגעיאָגט. אַבער־גלויבן און כשוף שאַפן די איינבילדונג, אַז אַלץ געפינט זיך שטענ־דיק ערב וועלט־אויפלייזונג. למשל, אונטער דער ווירקונג פון אַן אַבערגלויבערישן געפאַר־צייכן פון הימל אַראָפּ, הויבט זיך באַלד אָן אַ פּאַנישע מאַסן־דעזערציע פון דער געזעלשאַפט אַרויס; עס הויבט זיך אָן דער רעוואָלט פון די איכן קעגן קאָלעקטיוו; עס הויבט אָן ווירקן די שיפסברוך־פּסיכיק פון „זאָל זיך ראַטעווען יעדער ווער עס קאָן און ווי אַזוי ער קאָן”. ווען די וועלט האַלט ביים אונטער־גיין, זיינען נישטאָ קיין געזעצן, קיין רעגלען, קיין פאָרשריפטן, קיין זיטן; יעדער טוט וואָס ער וויל, וואָס ער קאָן און וואָס עס גלוסט זיך אים. אין אַ וועלט אַ גרייטע צום אונטערגאַנג, — וואָס פאַרא זינען האָט אָנשטענדיקייט, מאָראַל, קולטור! אין אַזאַ וועלט הערשט הפקר־ און וואַקכאַנאַליע־פּסיכיק; אין אַזאַ וועלט זיינען אויפן אויבערפלאַך פון מענטשנס גייסט יענע אַלע פּערווערזע אימ־פּולסן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן ליגן זיי טיף באַגראָבן אין מענ־טשן, ליגן דאָרט אין טויטער שטילקייט, אין לעטאַרגישן שלאָף, אויף אַזוי ווייט, אַז עס ווייזט זיך אויס, אַז דער מענטש איז פון זיי לחלוטין פּעלבאַר; אין אַזאַ וועלט הערשט תאווה־לוסט, סעק־סועלער דורשט, צעהוליעטע עראָטיק און ווילן צו פּראָפּאַנאַציע און שענדונג.

דערמיט דערקלערט זיך אויך פארוואס די פאלשע משיח־באַוועגונגען פלעגן קומען באגלייט מיט א טענדענץ צו סעקסועלער אויסגעלאסנקייט. אין פלוג פרעגט זיך: וואס פארא שייכות האט משיחיזם מיט עראטיק? איז דער ענטפער: סאציאלע אויפלייזונג. ביאת משיח מיינט: עס גייט אונטער די וועלט; אלץ ווערט דערשיטערט, אלץ נעמט קראכן, אלץ האלט אין איינפאלן און אומגעווארפן ווערן. טא קומט אנטארטונג פון קולטור־דיסציפלינירטער און סאציאל־פארזיטלעכטער פסיכיק, און עס ערופטירט אויפן אויבערפלאך די אנטיסאציאלע אונטערפסיכיק. די מאסן משיח־מאמינים פאלן אריין אין א מיסטישער פארווילדונג, אין א צעטומלטן ענטוזיאזם, וואס דריקט זיך אויס אין א חשק צו אויסגעלאסנקייט, צו ווילדע טענץ, צו עקסטאטיש געזאנג, צו עקזאלטירטע באנעמונגען און תנועות. דאס אלץ איז א נ ט ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ו נ ג ; דאס איז א מין ווילדע התפעלות מיטן אראפווארפן פון זיך דעם סאציאלן יאך, מיטן צערייסן די סאציאלע פענטעס.

די נטיה צו אויפגערעגטע טענץ, געזאנג און משונהדיקער אויפפירונג, אין מאמענט פון מיסטישן אויפברויז, ווייזט אז אין מענטשן איז פאראן א ווילן צו ווילדער באנעמונג. ניט מער אין געוויינלעכע צייטן מוז דער דאזיקער ווילן בלייבן געצוימט. מען מוז זיך אים קעגנשטעלן; מ'מוז זיך אויפפירן לייטיש; עס פאסט נישט צו מאכן קיין „ווילדע שטיק". דער ווילן אבער צו „ווילדע שטיק" איז פאראן אין מענטשן. דערפאר אז עס קומט א פאסיקע געלעגנהייט, רופט זיך אפ דער דאזיקער ווילן, און „עס ווילט זיך א הוליע טון"... ווער רעדט נאך אין די ספעציעלע פעסטלעכקייטן, וואס זיינען געמאכט געווארן אויף צו הוליען, דעמאלט ווערט דער חשק צו ווילדעווען טעטיק מיט זיין גאנצער קראפט. מ'קען אפט ביי אזעלכע געלעגנהייטן זען גאנץ מיושבדיקע מענטשן אפטון אזעלכע זאכן, אז עס ווילט זיך גארנישט גלויבן, אז דאס זיינען די זעלבע מענטשן.

די קארנאוואל־פעסטלעכקייטן, וואס עקזיסטירן שוין אין דער מענטשלעכער געזעלשאפט, אויף די פארשידנסטע אופנים, זייער לאנג, זיינען ספעציעל איינגעשטעלט געווארן, בכדי צו געבן א

מעגלעכקייט דער באַדערפעניש אַ ווילדעווע־צו־טון, קומען צום אויסדרוק. אין די קאַרנאַוואַל־פייערונגען טויכן־אויף און ווירקן זיך אויס אַ מאַסע ווילדע שטימונגען און נטיות, וואָס אַ גאַנץ יאָר זיינען זיי אונטערדריקט און פאַרבאָרגן.

ווילדע טענץ, אויפגעברויזטע ספּעקטאַקלען, צעהוליעטע אָר־גיעס און וואַקכאַנאַליעס און אַלערליי אויסגעלאַסנקייטן, שטעלן מיט זיך פאָר דעם אומאויסנאַמלעכן צערעמאָניאַל אַזוי גוט פון די אַלטערטימלעכע עראָטישע גאָטהייטן, ווי פון די שפּעטערדיקע כשוף־קולטן, ווי פון טייוול־דינעריי, ווי פון די מיסטיש־עראָטישע סעק־טעס. די עקסצענטרישע אויפפירונגען אין רעליגיע פון די ווילדע, האָט זייער אַ נאָענטע שייכות דערמיט. דער חשק זיך אָוועקצו־לאָזן אין ליידנשאַפטלעכע טענץ ביז דערשעפונג, ביז חלשות, איז געמיינזאַם פאַרן מיסטיקער ווי פאַרן ווילדן פּריסטער־מכשף. דאָ האָבן מיר צו טון מיט איין און דער זעלבער דערשיינונג, — סאָ־ציאַלע אַנטצווימונג.

II

די אַנטיסאָציאַלע און אַנטיקולטור־נויגונגען אין מענטשן, דאָס הייסט, די יעניקע נויגונגען וואָס די געזעלשאַפט דריקט אונטער און לאָזט זיי נישט קומען צום אויסדרוק, רייסן זיך אַזוי אין דער מיסטיק פונקט ווי די קולטורעלע און סאָציאַלע. פּונקט ווי דער מענטש האָט איבערגעגאָסן זיין מאָראַלישע נאַטור אין אַ גוטער גאָטהייט און אין אַ סאָציאַלער רעליגיע, אַזוי האָט ער אויך איבער־געגאָסן זיין אַנטימאָראַלישע נאַטור אין שלעכטע גאָטהייטן און אין אַנטיסאָציאַלער רעליגיע. אויב דער מענטש האָט נישט געקענט מאַכן אַז די געזעלשאַפט זאָל געבן איר סאַנקציע אויף זיינע פאַר־לאַנגען צו הוליעריי, אויסגעלאַסנקייט און פּערווערסיע, האָט ער אָבער יאָ געקענט מאַכן אַז די ספּיריטועלע פּאָטענצן זאָלן געבן זייער סאַנקציע דערויף. ער האָט נאָר באַדאַרפט שטאַרק ווועלן אַז עס זאָלן זיין גאָטהייטן וואָס ליבן זנות און תאווה, און אַזעלכע זיינען באַלד געוואָרן. דער זעלבער כוח וואָס האָט געטריבן די מענטשן זיך אויסצופורעמען געטער פון די פאַרשידנסטע כאַראַקטער־אייגנ־

שאפטן, דער זעלבער כוח האָט זיי אויך געטריבן זיך צו פורעמען געטער פון תאווה און אויסגעלאַסנקייט. פונקט ווי געטער אין אַלגעמיין האָבן מענטשן באַשאַפן לויטן אייגענעם אינערלעכן צלם און דמות, אַזוי האָבן זיי דאָס אויך געטון מיט די תאווה־גאָטהייטן. פונקט ווי שטענדיק איז פאָרגעקומען אַ ספּאָנטאַנע פאַרשמעלצונג צווישן דעם מיסטישן פּערסאָנאַזש מיט דעם מענטשנס אָרגאַנישע עמאָציעס, אַזוי איז דאָס געווען אויך אין דעם פאַל פון די עראָטישע גאָטהייטן. דעם מענטשנס אינטימסטע באַגערן זיינען אַריינגעפלאָסן אין דער גאָט־געשטאַלט. דער מיסטישער פּערסאָנאַזש און דעם מענטשנס וועזנטלעכע באַגערן האָבן זיך דורכגעדרונגען קעגנזייטיק און זיינען געוואָרן איינס. די מענטשן האָבן פאַרוואַנדלט אין ספּיריטועלע וועזנס זייערע פאַרלאַנגען. זיי האָבן מיסטיצירט זיך אַליין, זייער גייסט. זייערע פאַרלאַנגען זיינען געוואָרן טראַנסצענדענט, וועלט־גרויס און וועלט־וויכטיק. די דאָזיקע אידענטיפיצירונג מיט גאָט, אָדער זעלבסט־צונויפגיסונג מיט גאָט, איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון אַלע סאָרטן רעליגיאָזיטעט אין אַלע צייטן.

עס איז געווען אומפאַרמיידלעך אַז אַזאַ אָרגאַנישער, וועזנטלעכער, סובסטאַנציעלער פאַרלאַנג, ווי דער עראָטישער זאָל זיך געווען ד ע א י פ י צ י ר ן, זאָל געווען אַריינשטראָמען און זיך אַריינרייסן אין אַ מיסטישן פּערסאָנאַזש, און עס איז געווען אומפאַרמיידלעך אַז די קולטיווירונג פון אָט דעם פאַרלאַנג זאָל זיך געווען פאַרוואַנדלען אין אַ רעליגיע, אין אַ רעליגיאָזיטעט; עס זאָל אַנטשטיין ע ר אָ ט י ש ע ר ע ל י ג י אָ ז י ט ע ט. נאָך אין די גאָר פריע צייטן זיינען אַנטשטאַנען גאָטהייטן וואָס זיינען געווען די פאַרקערפּערונג און דער אויסדרוק פון געשלעכטלעכער תאווה. דורך די דאָזיקע גאָטהייטן איז אַרויפגעצויגן געוואָרן אַ רעליגיעזער שלייער אויפן סעקסועלן אימפּולס. די סעקסועלע גלוסטונג איז אַרומגענומען געוואָרן מיט אַ מיסטישער הילע. סעקס האָט זיך מיסטיציזירט. און עס זיינען אויפגעקומען קולטן פון פרומער אויסגעלאַסנקייט, פון גאָט־דינערישן זנות, פון הייליקע אָרגיעס און וואַקכאַנאַליעס. דער צערעמאָניאַל און ריטואַל פון די

נעשלעכטס־נאַטהייטן, זיינען באַשטאַנען פון עראָטישע ספּעקטאַק־לען און אַקטן. מ׳האָט געטון פּערווערזע סעקסועלע מעשים אינעם נאָמען פון די תאווה־געטער. זיין פרום פאַר אַזאַ גאָט האָט גע־מיינט וואָס מער קולטיווירן די תאווה און וואָס מער זנות פּראַק־טיצירן. אַזאַ פרומקייט און אַזאַ רעליגיאָזיטעט האָט געמוזט שטאַרק געפעלן און האָט זיך געמוזט שטאַרק פאַרוואָרצלען.

די געשיכטע פון רעליגיע — און נישט נאָר פון געצנדינערי־שער נאָר אויך פון מאָנאָטעאיסטישער — איז פול מיט פּרואוון צו באַשאַפן קולטן פון אויסגעלאַסנקייט. עס ליגט אַן אומגעווייגלע־כער רייץ אין דעם צונויפפּאָרן מיסטיק מיט זינד, פרומקייט מיט אויסגעלאַסנקייט. פאַרהייליקן זינד, מיינט אַרויפציען אויף זינד אַ מיסטישע סאַנקציע. אין עראָטיק איז פאַראַן אַ טענדענץ וואָס שטויסט איר צו ווערן רעליגיע. געשלעכט ציט צו גאָט. יעדעס אינ־טימע מענטשלעכע געפיל ציט זיך אַריינצוגיסן אין גאָט. און וואָס איז נאָך אינטימער אין אונדז ווי דאָס עראָטישע געפיל! וואָס מער דאָס עראָטישע געפיל איז פאַריאָגט אין איינעמס אינערלעכקייט; וואָס מער דער סעקסועלער פּיין שרייט אַרויס פון זיין בלוט; וואָס מער דער אומגעשטילטער עראָטישער צער האַלט דורכגעדרונגען זיין גייסט, אַלץ נענטער איז אַזאַ צעפּייניקטע עראָטיק צו רעליגיע.

די סעקטעס פון רעליגיעז־עראָטישן כאַראַקטער וואָס פלעגן אויפקומען אין שוים פון די גרויסע רעליגיעס, בפרט פון קריסטנ־טום, זיינען די בעסטע אילוסטראַציע דערפאַר. די דאָזיקע סעק־טעס פלעגן באַשטיין הויפּטזעכלעך פון עקזאַלטירטע עראָטיקער, ביי וועלכע די מיסטיציזירונג פון זייער עראָטיק פלעגט פאָרקומען אויף אַ גאַנץ ספּאָנטאַנעם אופן.

ביי גלויביקע מענטשן מיט אַ שטאַרקער עראָטיק, וועמענס גייסט איז אינגאַנצן פאַרצערט פון דאָזיקן געפיל, ביי זיי מוז זייער גייסט־קראַנקהייט און זייער וועלט־וויזיע ווערן איינס. אַזאַ איי־נעמס גאָט מוז אומפאַרמיידלעך צוקריגן אַן עראָטישע באַפאַרבונג. אויף וויפל ער זאָל זיך נישט באַמיען ווייט־צו־האַלטן זיין עראָטישן פּיין פון גאָט, ציט זיך דער פּיין פאָרט צו גאָט. וואָרום וואָס מער אַ מענטש באַמיט זיך לויז צו ווערן פון אַ מחשבה־זרה, אַלץ

מיט מער איינגעשפּאַרטקייט קומט זי אים אין קאָפּ אַריין. דער מענטש ווערט דאַן געגליכן צו אַ געפענג אין אַ געדיכטער נעץ: וואָס מער מען באַמיט זיך אויסצופּלאָנטערן פון דער נעץ, אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט מען זיך אין איר. פון די נעצן פון דער אייגענער נאַטור קען מען *זיך אַליין* נישט אַרויספּלאָנטערן און *אויך גאָט* קען מען פון זיי נישט אַרויספּלאָנטערן. די נאַטור הילט אונדז אַרום פון אַלע זייטן און מען קען איר נישט אַריבערקריכן. אין קאַמף צווישן גאָט און עראָטיק, האָט די עראָטיק שטענדיק און אויף אַלע אופנים באַזיגט גאָט. סיי ווען מען האָט גאָט עראָטיזירט און געפּראַוועט פרומען זנות; סיי ווען מען האָט נישט געקענט ביישטיין דעם ניסיון און מען האָט זיך „אויסגעגליטשט" און געזינדיקט, און סיי, אַפילו, ווען מען איז קערפּערלעך יאָ ביישטאַנען דעם ניסיון און נישט געזינדיקט, איז מען גייסטיק באַזיגט געוואָרן פון דער עראָטיק. די נאַטור איז אומבאַזיגבאַר. מען מיינט אַז מען באַהערשט איר, און צום סוף ווערט מען גאָר פון איר באַהערשט; מען מיינט, אַז מען האָט זי ליקווידירט, און צום סוף ווערט מען גאָר פון איר ליקווידירט. וואָרום צי איז דען דער יעניקער, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג אָפּגעקעמפט מיט זיין עראָטיק און איז איר קערפּערלעך ביינגעקומען, נישט באַזיגט געוואָרן פון איר גייסטיק? איז דען דער דורכאַנאַנדיקער קאַמף מיט זינד נישט קיין אונטערגעבן זיך זינד? מיינט דען דאָס כּסדרדיקע באַהערשן תּאווה, נישט כּסדר אָנגעגריפן ווערן פון דער תּאווה? און אַז רייצנדיקע פרויען־געשטאַלטן וואַקסן אַריין אינעם דמיון און ווילן פון דאָרטן נישט אָפּטרעטן, נאָר פאַרפּאָלגן און רופן און לאָקן און רייצן און גיבן קיין רו ניט און מאַכן קראַנק און צערן אויס — מיינט דען דאָס נישט באַהערשט ווערן פון תּאווה? מען קען זיך באַהערשן אין טאַט, אָבער נישט אין גייסט. און אַז דער גייסט איז נישט באַהערשט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דען דאָס יאָ אָדער נישט דורכפירן אַ טאַט!

וואָס מער רעליגיע האָט געזאָלט זיין אומעראָטיש, אַנטי־עראָטיש, אַלץ מער עראָטיש איז זי געוואָרן. דאָס פּלאַטאָנישע קריסטנטום, איז אינדערעמתן געווען אַן עכט־עראָטישע רעליגיע. קיין שום

גאָטהייט איז קיינמאָל נישט געשטאַנען אין אַזעלכע פאַרשאַרפטע עראָטישע באַציאונגען מיט זיינע גלויביקע ווי קריסטוס און קיין שום רעליגיע איז נישט געווען איבערגעלאָדן מיט אַזויפיל עראָטישע קאָמפּליקאַציעס און פּראָבלעמען ווי די קריסטלעכע.

וואָס מער דאָס קריסטנטום האָט געזאָלט עלימינירן סעקס, אַלץ מער איז עס פון אים באַהערשט געוואָרן. דאָס מאָנאַכנטום און דער צעליבאַט, וואָס האָט כלומרשט געזאָלט זיין אַ אַנטיעראָטישע אינסטיטוציע אין קריסטנטום, איז אין דער ווירקלעכקייט געווען פּונקט דער היפוך דערפון. אין קיין שום אַנדער פּלאַץ איז נישט געווען אַזאַ גינסטיקער באָדן פאַר דער פונאַנדערבליאונג פון דער עראָטיק ווי דאָ. דאָ האָט סעקס געפייערט זיין טריאומף איבערן גאַנצן פראָנט. דאָס מאָנאַכנטום און דאָס גלחימטום האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער מעכטיקסטער עראָטישער אינסטיטוציע, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט. דאָס עראָטישע פּראָבלעם איז דאָ קיינמאָל נישט אַראָפּ פון טאָגאָרדענונג. די הייליקע בחורים און בתולות האָבן, אין בעסטן פאַל, זייער גאַנץ לעבן זיך געהאַלטן אין איין ראַנגלען מיט סעקס. זייער גייסט איז געווען עראָטיזירט ביזן העכסטן גראַד. אַלע גאָט־בענקשאַפטן, אַלע גאָט־זוכענישן, אַלע רעליגיעזע מחשבות און מעדיטאַציעס זיינען געווען אָנגערעגט און האָבן אַנטהאַלטן אין זיך עראָטישן באַגער. יעדע תפילה און יעדעס וואָרט וואָס מ׳האָט געווענדט צו גאָט, איז געווען עראָטיזירט. ווייל זייער נשמה איז געווען עראָטיזירט ביזן גרונט, האָט אַלץ וואָס איז פון איר אַרויסגעקומען געמוזט אַנטהאַלטן אין זיך עראָטיק. די מילחמה מיטן יצר־הרע האָט קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט. קיין שום גאָט אָדער געטן, האָט קיינמאָל נישט אויפגענומען אַזויפיל וועגדונגען וועגן געשלעכט־ענינים, ווי דער קריסטלעכער. ווילנדיק נישט ווילנדיק איז יעזוס, די הייליקע מאַריע און אַלע קריסטלעכע הייליקע פוןביידע געשלעכטער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשלעכט־גאָטהייטן. אמת אַז די ענינים מיט וועלכע מען האָט זיך צו זיי געווענדט זיינען געווען פון פאַרשידענעם כאַראַקטער, אָבער אין תוך האָבן אַלע געהאַט צו טון מיט סעקס. אַזוי למשל זיינען געווען אמתע הייליקע און גאָטספאָרכטיקע מענער און פרויען, וואָס

פלעגן טעג און נעכט אפשטיין ביי די אַלטאַרן און מיט הייסע אָטעמס און קלאָפּנדיקע הערצער זיך בעטן ביי גאָט ער זאָל זיי באַפרייען פון דער בראַנדיקער תאווה וואָס מאַטערט זיי און פּייניקט זיי און גיט זיי קיין רו נישט; ער זאָל לעשן אין זיי די פייערן פון גלוס־טונג וואָס פאַרצערן זייערע גופים און נשמות און זאָל לייטערן זייער האַרץ און געמיט; געוועזן אַזעלכע וואָס האָבן געהאַלטן אין איין זינדיקן און אין איין תשובה־טון און בעטן מחילה; און געוועזן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזינדיקט אין גאָטס נאָמען, געפּראַוועט „הייליקן זנות״ און זיך אָפּגעגעבן מיט פרומער אויסגעלאַסנקייט.

עס איז באַלערנדיק: דווקא די מענטשן וואָס האָבן געמאַכט פאַר זייער איינציקער לעבנס־אויפגאַבע פרומקייט און יראת שמים, האָבן, צוליבן אָפּזאָגן זיך פון דער נאַטירלעכער באַדערפעניש — געשלעכטלעכן פאַרקער, געמאַכט אַז זייער גאַנצע פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער און לאַנג־דויערנדיקער עראָטישער איבערלעבונג. אין זייער הייסן גלויבן איז געווען עראָטישער פיבער; אין זייערע הייסע תפילות האָט געטליט סעקסועלע לײדנשאַפט; אין זייער אויסצערנדיקער גאָט־בענקשאַפט, איז געווען אויסצערנדיקע בענקשאַפט צו דער פרוי. זיי האָבן גע־מיינט, אַז דאָס לעבעדיק אַזוי זייער דורשטיקע נשמה צו גאָט, צום סוף האָט גאָר זייער עראָטיש־אויסגעהונגערטער גוף אַזוי שטאַרק געלעכצט נאָך געשלעכטלעכער זעטיקונג. אויף וויפל די בעסערע פון זיי האָבן דורך פּייניקן דעם קערפּער פאַרשריגן אין זיך די עראָטישע יסורים, אויף אַזוי פיל מער האָבן זיי די יסורים געפילט אין דער נשמה. יעדן נאַטירלעכן ווילן וואָס די מענטשן דריקן־אונ־טער אין זייערע קערפּערס, געפינען זיי נאָכדעם מיט פילפאַכיקער קראַפט ווירקן אין זייער גייסט. מ׳קען אַ גלוסט, דאָס הייסט, אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש, בלויז איבעריאָגן פון איין ווירקונגס־ספערע אין דער צווייטער, פון דער ווירקונגס־ספערע פון קערפּער אין דער ווירקונגס־ספערע פון גייסט, אָבער פאַרניכטן איר דאָס קען מען נישט; מ׳פאַרניכטעט זיך, אָבער נישט דער נאַטירלעכער באַדערפעניש. וואָס מער די נזירים און הייליקע האָבן זיך אַליין געפּייניקט און טאָרטוריזירט, וואָס מער זיי פלעגן אָפּשוואַכן און

אונטערדריקן דעם גוף דורך פאַרשידענע זעלבסטפּייניקונגען, אַלץ מער האָט געפּיבערט דער סעקסועלער גלוסט אין זייער נשמה. עס פלעגט דערגיין צו אמתע שיגעונות: ס׳האָבן געפּייניקט עראָטישע חלומות און דימיונות; עס האָבן געמוטשעט געשלעכטלעכע בילדער, האַלוציאינאַציעס און זעאונגען, און עס האָט זיך אָפּגעטון די רו פון קערפּער און פון גייסט און דאָס לעבן פון די הייליקע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּקומעניש און לאַסט. וואָס מער ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מ׳האָט מנצח געווען דאָס „לייב", אַלץ מער איז מען דערפון באַזיגט געווען. די יעניקע בעסטע, ערלעכסטע און כאַראַקטער־שטאַרקע, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון ביזן סוף, וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם „זינדיקן" ט א ט, איז דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן זייערס, דאָס אמתע פרומע, ריינע און גאָטספאָרכטיקע לעבן, געווען איין גרויסער און פאַרביטערטער ערא־טישער קאַמף מיט זיך. אין טאַט האָבן זיי ז י ך טאַקע ב אַ־ז י ג ט; אין גייסט, אָבער, זיינען זיי ב אַ ז י ג ט ג ע וו אָ ר ן פ ו ן ז י ך. אין געדאַנק און געפיל זיינען די דאָזיקע נאַבעלע העלדן באַזיגט געוואָרן פון דער נאַטור קעגן וועלכער זיי האָבן גע־קעמפט. אין זייערע פרומע געדאַנקען, אין זייערע פרומע תפילות, אין זייער פרומער בענקשאַפט, אין זייער דביקות, התלהבות, און העכסטער רעליגיעזער באַגייסטערונג איז שטענדיק געווען אַ חלק ערא־טישע גלוסטונג און גארונג.

III

עס עקזיסטירט אַ ריין פיזיאָלאָגישע שייכות צווישן שטאַרקער פילבאַרקייט און עראָטישן טעמפּעראַמענט. אומעטום וואו מ׳באַ־מערקט דאָס ערשטע, באַמערקט מען אויך דאָס צווייטע. טיף־פילנ־דיקע כאַראַקטערן, צייכענען זיך שטענדיק אויס מיט שטאַרקן גע־שלעכטלעכן טעמפּעראַמענט. ליידנשאַפטלעכע רעליגיעזע נאַטורן, וואָס זיינען גענייגט אַריינצופאַלן אין רעליגיעזע עקסטאַזן, זיינען אויך עראָטישע נאַטורן. אויב דאָס דאָזיקע באַווייזט נישט דעם בשותפותדיקן מקור פון אונדזער נשמה־לעבן און אונדזער סעקס, באַווייזט עס, לכל־הדעות, די זייער נאָענטע שייכות צווישן זיי.

פונדעסטוועגן איז אונדזער נשמה־לעבן, דאָס הייסט, אונדזע־

רע הויכע געפילן, צווישן זיי אויך די גייסטיקע פרויען־ליבע, גאָר עפּעס אַנדערש וואָס אונדזער סעקסועלער באַגער. די גייסטיקע פרויען־ליבע ווי מיר פילן זי אוממיטלבאַר, איז אַזוי הערלעך און דערהויבן, איז אַזוי סובלים און הייליק, ווי עס האָבן זי געפילט און באַזונגען אַלע דיכטער פון אַלע פאַרגאַנגענע דורות; ווי עס האָבן זי געפילט אַלע איידעלע, פיין־ און טיף־פילנדיקע נשמות פון אַלע צייטן. אַלע שווערסטע ליידן, וואָס מ׳האָט צוליב דער ליבע געליטן, זיינען געווען אמת; אַלע שענסטע און העלסטע פריידן, וואָס מ׳האָט דורך דער ליבע גענאָסן, זיינען געווען אמת; אַלע דערהויבנסטע מאָמענטן, וואָס מ׳האָט אונטערן צויבער און היפּנאָז פון דער ליבע איבערגעלעבט, זיינען געווען אמת. די ליבע איז געווען אַן אומדער־שעפּלעכער קוואַל פון אינספּיראַציע און באַגייסטערונג פאַר אַלדאָס שענסטע און בעסטע וואָס דער מענטשלעכער געניוס האָט געשאַפן. די ליבע איז געוואָרן צו פילאָזאָפיע און צו קונסט; די ליבע איז געוואָרן צו רעליגיע און צו פרומקייט און צו גוטסקייט און צו היי־ליקייט. דאָס איז געווען איר *ווירקלעכקייט*, ווייל אַזוי האָט דער גייסט־מענטש איר *געפילט*.

נו, און פאַרוואָס האָט מען אַזוי געפילט? וואָס איז דען אייגנט־לעך ליבע? וואָס איז איר ענדציל? — די דאָזיקע פראַגן האָבן זייער ענטפער. אָבער וועלכער דער ענטפער זאָל נישט זיין, לייקנט ער נישט אָפּ און קען נישט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז דער פיין־פילנדיקער מענטש האָט געפילט *אידעאַלע* פרויענליבע, בכן, איז דאָס איר רעאַליטעט. פּונקט ווי אונדזער האַרץ ווערט פול מיט באַגייסטערונג ווען מיר זעען אַ שיין נאַטור־בילד; פּונקט ווי אונדזער האַרץ גיסט זיך אָן מיט עמאָציע, ווען מיר הערן שיינע דערהויבנדיקע מוזיק; פּונקט ווי עס שאַפן אונדז גייסטיקן פאַרגעני־גן שיינע, צאַרטע בלומען און פלאַנצן — אַזוי שאַפט אונדז אויך גייסטיקן, ריינעם, הייליקן גענוס די ליבע. פאַרוואָס שאַפן אונדז גייסטיקן פאַרגעניגן די אַלע דערמאָנטע שיינקייטן? זיכער זיינען פאַראַן סיבות. אָבער די סיבות און דער פאַקט זיינען צוויי באַזונ־דערע זאַכן; דער „פאַרוואָס ס׳איז אַזוי“ און דער „אַזוי איז עס“, קערן זיך נישט אָן איינס מיטן אַנדערן. מעג שיינקייט האָבן צען טויזנט טעאָריעס, ענדערט עס אויף קיין האָר נישט דעם פאַקט

פון פ י ל ן די שיינקייט. אז מירן פרעגן ביים בעמיקער מכוח דעם צוזאמענשטעל פון דער שיינער בלום; אז מירן פרעגן ביים פיזיקער מכוח דעם ווי אזוי עס באווירקט אונדז די מוזיק; אז מירן פרעגן ביים אסטראפיזיקער מכוח דעם צוזאמענשטעל פון דער זון און פון דער לבנה, דאס הייסט, אז מירן זיך נעמען באקענען מיט די שיינע זאכן ווי זיי זיינען אנפארזיך, וועט פון דער שיינקייט גאר־נישט בלייבן. ווארום נאכן אנאליז עקזיסטירן שוין מער נישט קיין זאכן, נאר טיילן פון זאכן, און די טיילן אלס אזעלכע זיינען גאנץ פראזאישע. שיינע זאכן זיינען שיין אין זייער גאנצקייט. גאנץ ווי זיי זיינען און שיין ווי זיי זיינען, רעגן זיי אוממיטלבאר אונדזער געפיל און מאכן אויף אונדז אן איינדרוק. דער פארשער וואס פאר־נעמט זיך מיטן ז יי ן פון דער זאך, און דער דיכטער און דער פסיכאלאג וואס פארנעמען זיך מיטן א יי נ ד ר ו ק וו א ס די ז א ך מ א כ ט א ו י ף א ו נ ד ז, פילן אוים צוויי גאנץ באזונדערע פונקציעס. אויב דער דיכטער און דער פסיכאלאג וועלן אנהויבן קוקן אויף דעם געפיל־רעגנדיקן אביעקט מיט די אויגן פון פארשער, און דער פארשער מיט די אויגן פון דיכטער, וועלן זיי ביידע מאכן טעותן.

ווען עס נעמט זיך צו דער ליבע דער אנאליזירנדיקער פסי־כאלאג, וואס נעמט ארונטער דעם מענטשנס עמאציעס אונטערן שמעלצפייער פון אנאליז און ער נעמט איר פונאנדערגלידערן און פונאנדערלייגן אויף אירע עלעמענטארע באשטאנדטיילן, קען ער אויסגעפינען אז זי איז צוזאמענגעשטעלט פון גאנץ פראזאאישע עלעמענטן. אבער פונקט ווי די בלום איז פארט שיין טראץ דעם באריכט פון דער בעמיע; פונקט ווי די מוזיק באגייסטערט אונדז פארט עד כלות הנפש, טראץ די טרוקענע מעכאנישע געזעצן וועגן וויבראציעס, לופט־כוואליעס און געהער־נערוון; פונקט ווי די זון און די לבנה זיינען פארט שיין טראץ די גרויע רייד פון דעם אס־טראפיזיקער, אזוי איז די ליבע אויך שיין טראץ דעם באריכט פון אנאליזירנדיקן פסיכאלאג. און פונקט ווי דער בעמישער אנאליז וואס לייגט פונאנדער די צוזאמענגעזעצטע שטאפן אויף זייערע עלע־מענטן, לייקנט פונדעסטוועגן נישט אפ דעם פאקט פון צוזאמענגע־זעצטע שטאפן, אזוי דארף דאס אויך זיין מיטן פסיכאלאגישן אנא־

ליז. מעג דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פונאַנדערלייגן אונדזערע עמאָציעס אויף אַזויפיל עלעמענטאַר־טיילן וויפל ער וויל נאָר אַליין, איז עס דאָך נישט קיין אָפּלייקענונג פון אונדזערע עמאָציעס ווי זיי זיינען אין זייער סינטעטישן צושטאַנד, ד"ה פון אונדזערע עמאָציעס ווי מיר פילן זיי אוממיטלבאַר, אָן קיינע צעלייגונגען, אָן קיינע אַנאַליזן און אָן קיינע אריינטראַכטענישן פאַרוואָס מיר פילן אַזוי ווי מיר פילן. פונקט ווי אין דער כעמיע איז די אונטער־עמפּירישע ווירקלעכקייט פון קערפּערס און שטאָפן איין זאַך און די עמפּירישע ווירקלעכקייט אַ צווייטע זאַך, אַזוי דאַרף דאָס אויך זיין אין דער פּסיכאָלאָגיע: די אונטערבאַוואוסטזיניקע ווירקלעכקייט פון אונדזערע געפילן און איבערלעבונגען איז איין זאַך, און די באַוואוסטזיניקע ווירקלעכקייט איז אַ צווייטע זאַך. אויב עס איז באַרעכטיקט אַ אַנאַליטישע פּסיכאָלאָגיע, איז נישט ווייניקער באַרעכטיקט אַ סינטעטישע פּסיכאָלאָגיע. די ערשטע גלידערט־פונאַנדער אונדזער געפיל־לעבן און פאָרשט די עלעמענטאַר־טיילן; די צווייטע, אין קעגנטייל, נעמט אונדזער געפיל־לעבן ווי עס איז אין זיין גאַנץ־זייענדיקן צושטאַנד.

מעג שאָפּנהויער, למשל, זיך קליגערן וויפל ער וויל און אַריינטייטשן אין דער גייסטיקער ליבע די גאַנצע ביטערקייט פונעם וועלט־שכל אַרויסצונאַרן ביי אַ פּאָר אַ נייעם דור, איז עס פאָרט נישטאָ אין דער ליבע: נישט מ'פילט עס און נישט מ'טראַכט עס אין דער ליבע. די ליבע ווי זי איז, ווי מ'פילט איר אוממיטלבאַר, איז גאָר עפּעס אַנדערש. אַפילו דער סעקסועלער אימפּולס איז אויך נישט קיין רעפּראָדוקטיווער אימפּולס, נאָר אַן אימפּולס וואָס שטויסט אַ זכר צו אַ נקבה און פאַרקערט. ווען מיר זאָגן רעפּראָדוקטיווער אימפּולס, מאַכן מיר שוין פילאָזאָפיע, מיר פּ אַ ר־ט יי ט ש ן שוין דעם סעקסועלן אימפּולס און מיר גיבן אים שוין מיט זיין נאַטור־סיבה, נאַטור־צוועק און נאַטור־כוונה. ווען מיר וואָלטן נישט געמאַכט קיין פילאָזאָפיע, נאָר געגעבן דעם אימפּולס ווי ער איז, איז עס אַן אימפּולס וואָס טרייבט איין געשלעכט זיך צו באַהעפטן מיטן צווייטן; דאָס, און מער גאָרנישט — ווילן פון אַ זכר צו אַ נקבה און ווילן פון אַ נקבה צו אַ זכר. קיום פון מין —

יאָ, דאָס איז די סיבה פונעם עראָטישן פאַרלאַנג. אָבער די סיבה פון אַ זאַך און די זאַך גופא, זיינען נישט איינס און דאָס זעלבע. די נאַטור האָט טאַקע אריינגעטון אינעם בעל־חי די סעקסועלע גוי־גונג צוליב פאָרזעצונג און דערהאַלטונג פון מין. אָבער איז די גוי־גונג פאַראַן, איז זי שוין אַ יש פאַר זיך און צוליב זיך. סיי מענטש, סיי חיה מאַכן פון איר געברויך הויפּטזעכלעך טאַקע צוליב איר גופא און נישט צוליב איר נאַטור־ציל.

אויב עס איז אַזוי מיטן עראָטישן געפיל, איז אַ פשיטא שוין מיט דער גייסטיקער ליבע. די גייסטיקע ליבע אַנטהאַלט נישט אין זיך קיין שפּור אַפילו פון עראָטישן באַגער. דער עראָטישער באַגער ליגט „אויף יענער זייט" פון דער אידעאַלער ליבע; די גייסטיקע ליבע דערפירט צום פונקט, וואו עס הויבט זיך אָן עראָטישער באַ־גער. אָבער דעמאָלט הערט שוין אויף ווירקן די ליבע און עס הויבט אָן ווירקן עראָטיק. אַזוי לאַנג ווי עס איז ליבע, איז עס נישט עראָטיק, און ווען עס ווערט עראָטיק, איז עס שוין אוים ליבע. גייסטיקע ליבע און עראָטישער פאַרלאַנג, זיינען צוויי גאַנץ בולטע באַזונדערע געפיל־ווירקלעכקייטן. עס זיינען אַפילו פאַראַן צוויי באַזונדערע טיפּן פרויען וואָס רעגן די ביידע פאַרשידענע געפילן. עס איז פאַראַן אַ טיפּ פרוי וואָס צייכנט זיך אוים מיט טעמפּעּ־ראַמענט און קערפּערלעכן רייץ און וועלכע רעגט גאַנץ דירעקט אונדזער עראָטיק, און פאַראַן אַן איידעלע, אַ צאַרטע פרויען־שיינ־קייט, וואָס קומט באַגלייט מיט נאָבלקייט, מיט אַ צאַרטן כאַראַק־טער און איידעלער פרויען־נשמה, וועמענס ווירקונג איז אַ ריין־גייסטיקע. פאַרשטענדלעך, אַז אַפילו אין לעצטן פאַל, ברענגט קער־פּערלעכע נאָענטקייט און באַרירונג מיט דער איידעלער, צאַרטער געליבטער, צו סעקסועלן גלוסט. אָבער דאָס איז שוין אַ צווייטע פאַזע. אָט די צווייטע פאַזע ליגט נית אין דער ערשטער. מ'קען אַ לעבן־לאַנג געניסן פון ריינער גייסטיקער ליבע, אָן מינדסטן סעק־סועלן געפיל. די ריינע ליבע דריקט זיך אוים נישט מער ווי אין אַ ווילן צו זיין נאָענט צו דער געליבטער פּערזאָן, זיך צו געפינען אין איר אָנוועזנהייט, אָט ווי טאַטע־מאַמע ווילן זיין נאָענט פון זייער געליבט קינד, אָדער ווי אמתע פריינט זוכן קעגנזייטיקע

נאָענטקייט. ביי עלטערן און קינדער אָדער ביי פריינט ענדיקט זיך אָט ביי דעם פונקט דער ווילן צו נאָענטקייט. ביי געליבטע, צוליב דעם באוואוסטזיין אז די נאָענטקייט קען גיין „נאָך ווייטער", הויבט זיך פון דעם פונקט און ווייטער אָן די „צווייטע פאַרזעצונג". ווען צוויי געליבטע, מעג זייער ליבע זיין ווי דערהויבן און ריין, קומען אין נאָענטער באַרירונג, דערפילן זיי זייערע קערפּערס און עס הויבט זיך אָן דער צווייטער עטאַפּ פון דער ליבע: עס קומט סעקסועלער באַגער. אָבער דאָס דאַזיקע געשעט צווישן יעדן מאַן און יעדער פרוי, אַפילו צווישן אַזעלכע וואָס האָבן זיך פיינט. דער סעקסועלער פאַרלאַנג וואַכט־אויף אין יעדן גינסטיקן מאָמענט פאַר זיין אויסווירקונג, אומאָפּהענגיק דערפון ווי אַזוי עס זיינען די אַלגעמיינע געפיל־באַציאונגען צווישן די געשלעכטן. דאָס ווייזט אויף אַן אויטאָנאָמער פונקציע פון קערפער לגבי דעם גייסט. דאָס פרעגט נישט אָפּ דעם שטאַנדפּונקט פון גייסטיקער ליבע, נאָר פאַרקערט, באַשטעטיקט אים. דאָס באַווייזט אַז סעקסועלער אימפּולס און געפיל־באַציאונג זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן.

און אפשר שטייט הינטערן באוואוסטזיניקן פילן די גייסטיקע ליבע — עראָטיק? טאָ זאָל שטיין! סוף כל סוף איז דאָך דאָס וואָס מיר זעען „אויף דער בינע" פון אונדזער נשמה־לעבן נישט ווייניקער וויכטיק ווי דאָס וואָס עס טוט זיך „הינטער די קוליסן". זאָל אַפילו זיין אַז „הינטער די קוליסן" פון דער גייסטיקער ליבע שטייט עראָטיק — אָבער פאַרוואָס זאָל דער הינטערקוליסן־אַספּעקט וועלן צונישט מאַכן דעם גראַנדיעזן שוישפּיל פון דער ליבע ווי מיר זעען זי אויפטרעטן אויפן סצענאַר פון אונדזערע הערצער? נו, איז וואָס אַז הינטער דער באַוואוסטזיניקער גייסטיקער ליבע שטייט דאָס און יענץ? איז וואָס אַז די ליבע איז אַ פאַרמאַסקירונג פון אַ פשוטן ביאָלאָגישן געפיל? איז וואָס אַז אונדזערע הויכע געפילן זיינען נישט מער ווי אַנטוויקלטע חיהשע געפילן? דער פאַקט איז אָבער אַז איצט שטייען זיי אויף אַ „געטלעכער" הויך; דער פאַקט איז אָבער, אַז די ליבע ווי זי דערשיינט אין אונדזער האַרץ, ווייזט זיך אונדז אויס ווי דאָס שענסטע און לויטערסטע — טאָ איז זי אַזעלכע. דאָס וואָס די זאַכן זיינען געווען אויף די אור־שטופן פון עוואָ־

לוציע, זיינען זיי שוין אָ פּ גֶ ע ו ע ן; איצט זיינען זיי עס שוין נישט מער; איצט זיינען זיי שוין עפּעס אַנדערש.

פּונקט ווי דער מענטש וואַרצלט מיט זיין פיזיק און פיזיאָלאָגישע פונקציעס אין דער ספּערע פון אַלגעמיינעם בעל־חי־לעבן און מיט זיין גייסט דרינגט ער דורך דעם אוניווערז, נעמט אים אַרום און גרייכט ביז זיין סוף אָדער ביז זיין אין־סוף, אין צייט און אין רוים, אַזוי איז דאָס אויך מיט דער ליבע: זי הויבט זיך אָן ביים מינדסטן ווערימל און גרייכט ביז צו גאָט. די ליבע איז אי עלעמענטאַרסטע ביאָלאָגישע אור־קראַפט, אי העכסט־העכסטע גייסט־קראַפט. די ליבע ווי מיר פילן זי, איז אַ דערהויבענע און דערהויבנדיקע נשמה־איבערלעבונג. מען פילט אונטער איר ווירקונג דאָס זעלבע וואָס אונטער דער ווירקונג פון דער שענסטער פּאָעזיע. זי איז אַנאַלאָגיש צו עכטער פרומקייט, צו עכטער גוטסקייט. און דעם זיסן נשמה־תענוג וואָס זי פאַרשאַפט, און די העלע פרייד וואָס מ׳פילט מיט איר און דער עונג רוחני וואָס זי גיט, זיינען די זעלבע וואָס עס פילט דער צדיק ווען ער איז נהנה מזיוו השכינה; וואָס עס פילט דער פילאָזאָף ווען ער גיסט זיך צונויף מיט דער וועלט־נשמה; וואָס עס פילט דער דיכטער ווען ער זאַפּט אין זיך אַריין די שיינקייטן פון דער וועלט. דער אונטערשייד צווישן די דאָזיקע אַלע וואַריאַציעס פון דער ליבע, איז נאָר אין די אויסערלעכע אָביעקטן און אידייען, מיט וועלכע זי קומט קאָמבינירט. דער געפיל אַלס אַזעלכער איז דער זעלבער ביים צדיק צו גאָט און ביים דיכטער צו זיין איידעלער געליבטער. רעליגיאָזיטעט און גייסטיקע ליבע, איז, אין תוך, איין און די זעלבע עמאָציע.

אין שטאַרקער רעליגיאָזיטעט מישט זיך אָבער אָפטמאָל אַריין אַ זייטיקער אומשטאַנד וואָס פאַראורזאַכט די דערוואַכונג פון עראָטישן געפיל. און אָט ווי אַזוי:

שטאַרקע רעליגיאָזיטעט מיינט: ווילן זיך צו באַהעפטן, זיך צונויפצוגיסן מיט גאָט. דער דאָזיקער רעליגיעזער דראַנג, כאָטש אין מאָמענט ווען ער דערוואַכט, האָט ער אַלס זיין אָביעקט גאָט, האָט ער אָבער נישט קיין אַנדער וועג ווי זיך צו קאָנקרעטיזירן אין אונדזער פאָרשטעלונג, ווי נאָר זיך אַנצוקליידן אין בילדער פון

ליבע און גלוסטונג צו דער פרוי. ריין־אסאָציאַטיוו, דערוועקט גאָט־גלוסטונג — עראָטישע גלוסטונג. די רעליגיעזע שאַפונגען, וואָס דריקן אויס רעליגיעזן עקסטאַז און טיפע ליבע צו גאָט, זיינען אי־בערפולט מיט עראָטישע טערמינען און בילדער. אין מאָמענט פון רעליגיעזער התלהבות, ווען דעם צדיקס נשמה פאַרבענקט זיך צו גאָט, איז דאָס איינציקע פעלד וואו זיין פאָרשטעלונג קען נעמען בילדער אויף צו אילוסטרירן די תשוקה פון זיין גייסט זיך צו באַ־העפטן, זיך צונויפצוגיסן, אריינצודרינגען אין גאָט — דאָס פעלד פון עראָטישן לעבן. און אָט דאָס, די עראָטישע בילדלעכקייט, אין וועלכער עס מוז אָנגעקליידט ווערן די אַבסטראַקטע גאָט־ליבע, איז עס שולדיק אין דער עראָטיזירונג פון דער העכסט־העכסטער און ריין־ריינסטער געפיל־איבערלעבונג ווי דאָס איז דער ווילן פון צדיק זיך צונויפצוגיסן מיט גאָט. די עראָטישע בילדלעכקייט פון דער רעליגיעזער דביקות, וועקט אויף עראָטישן פאַרלאַנג, און עס גיסט זיך צונויף דער באַגער פון דער נשמה צו גאָט מיטן באַגער פון קערפּער צו דער פרוי. נישט דאָס עראָטישע געפיל איז די סיבה פון שטאַרקער רעליגיאָזיטעט, נאָר פאַרקערט, איז די פאָלגע דער־פון. דער חשק זיך צו באַהעפטן מיט גאָט, די בענקשאַפט זיך צו פאַראייניקן און צוזאַמענגיסן מיט גאָט, ווערט נישט פאַראורזאַכט פון דעם סעקסועלן פאַרלאַנג, נאָר דער סעקסועלער פאַרלאַנג ווערט נאָר שפּעטער, אַסאָציאַטיוו, ארויסגערופן דורך דער פאָרשטעלונג פון פאַראייניקן זיך מיט גאָט. צומערשטן דערוואַכט אין צדיק און אין הייליקן די שטרעבונג און די בענקשאַפט צו דערנענטערן און צוצוטוליען זיין גייסט צו גאָט. נאָכדעם ערשט, ווען ער שטעלט זיך פאָר און ער טראַכט וועגן דעם דאָזיקן אַקט פון גייסטיקער באַהעפטונג און צונויפגיסונג מיט גאָט, רופט עס ארויס די פאָר־שטעלונג פון קערפּערלעכער באַהעפטונג און צונויפגיסונג מיט דער פרוי און עס דערוועקן זיך עראָטישע פאַרלאַנגען. אַז די זאַך איז אַזוי און נישט פאַרקערט, דערווייזט דער פּשוטער פאַקט, וואָס שטענדיק קומט מען פון רעליגיעזער לײַדנשאַפט צו עראָטישער, אָבער נישט פון עראָטישער צו רעליגיעזער. עס איז אמת אַז באַלד גיסן זיך די דאָזיקע צוויי געפילן צונויף און מען קען זיי מער נישט

אָפּטיילן איינס פונעם אַנדערן. די גלוסטונג צו גאָט ווערט דורכ־געדרונגען מיט סענסועלער גלוסטונג, אויף אַזויפיל, אַז עס נעמט זיך אויסווייזן, אַז אין הינטערגרונט פון פרומקייט שטייט גע־שלעכטלעכע תשוקה. דאָך איז עס נישט אַזוי. צומערשטן קומט די גייסטיקע ליבע און בענקשאַפט צו גאָט, און נאָכדעם מישט זיך אַריין די סענסועלע ליבע. די עראָטישע מאָמענטן אין שטאַרקער רעלי־גיאָניזיטעט זיינען פרעמדע, אַריינגעריסענע, אַסאָציאַטיווע. היות ווי מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן די דערנענטערונג צו גאָט אויף קיין אַנדער אופן ווי נאָר דורך פאָרשטעלן זיך די קערפּערלעכע דער־נענטערונג מיט דער פרוי, ליגט אין אָט דער טעכנישער שוועריִ־קייט די שטרויכלונג וואָס פירט אַריין דעם עראָטישן מאָמענט אין דער ליבע צו גאָט. עס איז געגליכן צו אַ לויטערן קוואַל, וואָס דאַרף דורכלויפן אַ בלאָטיקן וועג. ווען דאָס קוואַל־וואַסער דערגרייכט צו אונדז, זעען מיר אַז עס איז מוטנע און עס ווייזט זיך אונדז אויס אַז אַזוי פליסט עס אַרויס פון קוואַל. זוכט מען אָבער אונטער גע־נויער, זעט מען, אַז פון קוואַל שלאָגט דאָס וואַסער אַרויס לויטער און קלאָר. מוטנע ווערט עס ערשט אויפן וועג וואָס דאָס מוז דורכ־מאַכן ביז עס קומט פאַר אונדזער אויג.

אַזוי איז דאָס אויך מיט דער ליבע פון הייליקע, פון צדיקים. די עראָטישע רעגונג קומט אַריין אין זייער רעליגיעזער התלהבות דורך אַ זייטיקן וועג. די רעליגיעזע התלהבות איז נישט קיין עראָ־טיק, אַנטהאַלט נישט אין זיך קיין עראָטיק און איז נישט סטי־מולירט פון קיין עראָטיק. דער עראָטישער עלעמענט רייסט זיך אין איר אַריין דורך אַ הינטערטיר, נישט די עראָטישע רעגונג פירט פון לכתחילה אָן דעם צדיק צו דביקות, נאָר פאַרקערט, דער ווילן זיך מתדבק צו זיין אין גאָט אַנטשטייט אין דעם צדיקס נשמה ווי אַ ריין גייסטיקער ווילן. נישט מער, דער אומשטאַנד פון מוזן אי־בערזעצן די גאָט־גלוסטונג אין בילדער פון קערפּערלעכער גלוס־טונג איז גורם, אַז די גייסטיקע ליבע צו גאָט זאָל דערוועקן סענ־סועלע ליבע, אַז די ביידע ליבעס זאָלן זיך אויסמישן און מ'זאָל זיי פילן ביידע אינאיינעם.

קאפיטל 6

משיחיזם

I

די אידייע וועגן א וועלט־דערלייזער, וועגן א גואל־צדק, וועגן א געזאלבטן פון גאט — משיח ה׳ — וואס וועט באפרייען די מענטשן פון זייערע זינד און וועט איינשטעלן אויף דער וועלט א גוטע און גערעכטע אָרדענונג, האָט אזא גרינטלעכן אָנשפאר אין מענטשנס גייסט, אז זי האָט געמוזט שפילן די ראָלע וואס זי האָט פאקטיש געשפילט.

ביים אידישן פאָלק איז מיטן משיח־גלויבן אויך פארבונדן געוואָרן די האָפענונג אויף נאציאָנאלער דערלייזונג. סאָציאלע גאולה און נאציאָנאלע גאולה זיינען פארשמאָלצן געוואָרן און זיינען געוואָרן איינס. עס האָט געהייסן, אז דער ובא לציון גואל וועט זיין צו גלייכער צייט אי די נאציאָנאל־פּאָליטישע באפרייאונג פון די אידן אין זייער לאַנד און אי די סאָציאלע דערלייזונג פון די אידן צוזאמען מיט אלע מענטשן און אלע פעלקער. דאָך האָט אינעם משיח־טרוים דאָמינירט דער מאָמענט פון סאָציאלער דערלייזונג. אינעם חלום פון גאולה האָט געלאָקט און געלויכטן הויפטזעכלעך דער אידעאַל פון אלמענטשלעכער גערעכטיקייט. ווען אפילו משיח האָט געדארפט אויסלייזן די אידן פון גלות און זיי פירן קיין ארץ ישראל, איז עס דאָ בשום אופן נישט געגאנגען וועגן קיין געוויינלעכער פּאָליטישער באפרייאונג און וועגן ווידעראמאָל גרינדן א

אידישן שטאַט. שיבת־ציון האָט געמיינט אַ סך מער, שיבת־ציון האָט געמיינט די איינשטעלונג פון דער „לעתיד־לבוא־געזעלשאַפט". דאָס וואָרט ציון האָט דאָ נישט זיין געוויינלעכן באַדייט, איז ניט קיין געאָגראַפישער טערמין — אַ טעריטאָריע וואָס געפינט זיך דאָ און דאָ אויף דער מאַפּע, נאָר איז אַן אַבסטראַקט־גייסטיקער באַגריף. שיבת־ציון האָט געמיינט וועלט־דערלייזונג, וועלט־באַפּרייאונג, וועלט־אויפריכטונג.

קוקט מען זיך צו וואָספאַראַ גוואַלדיקע ראָלע די משיח־האָפענונג האָט געשפּילט אינעם לעבן פון אידישן פאָלק, זעט מען ווי גרויס ס'איז דער כוח פון אַ אידעאַלן גלויבן. דער אידישער גלויבן אין משיחן איז אפשר דאָס מענטשלעכסטע קאַפּיטל אין דער גאַנצער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, — מענטשלעך ביז טראַגיזם, ביז רירנדיקייט. און אָט פאַרוואָס: אַ פאָלק ווערט אומאויפהערלעך געפּייניקט און פאַרפאָלגט און געטרעטן מיט די פיס. נישטאָ גאָר אַזעלכע און אַזוי פיל ענוים קשים, וועלכע די אידן זאָלן נישט געוועזן האָבן איבערגעטראָגן אויף זיך. זינט דאָס דאָזיקע פאָלק איז אויף דער וועלט געקומען, האָט עס אָנגעהויבן פילן אויף זיך די אומגערעכטיקייט און די עוולהס פון די אַנדערע פעלקער. שוין באַלד צוואַנציק יאָרהונדערטער ווי די אידן לייטן־אָפּ אויף זיך גאָר די רשעות און די בייזקייט פון די מענטשן. צוואַנציק יאָרהונדערטער איז שוין דאָס דאָזיקע פאָלק דער שעיר לעזאזל פון גאָר דער מענטשלעכער שלעכטסקייט. וואו נאָר די פעלקער מאַכן דורך ערגעץ אַ שווערע צייט און זייערע מאַסן ווערן בייז און פאַרביטערט און צאָרנדיק, לאָדן זיי אויס זייער האַס און צאָרן אויפן קאָפּ פון די אידן. יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט ווערט דאָס אידישע פאָלק אַלעמאָל פון דאָסניי געיאָגט און געטריבן פון איין פייער אַרויס אין אַנדערן אַריין. כסדר און דורכאַנאַנד אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, אויסשלאַכטונגען, אַנטרעכטונג, באַליידיקונג. דור נאָך דור ווערט עס באַרויבט, געשענדט, באַשפּיגן און באַליידיקט. טאָמער געלינגט אים אַמאָל אויף אַ ווײַלע אַוועקצושטעלן זיין פוס אויף אַ פעסטן באָדן און זיך עטוואָס פאַרוואָרצלען, עטוואָס אויסגלייכן דעם רוקן, געניסן אַ מינוט רו און וואוילשטאַנד — און עס

הויבט אָן אין אַזעלכע גלאַנץ־פּעריאָדן זיך פונאַנדערצעבליען און פונאַנדערצעוואַקסן און אַרויסגעבן גרויסע גייסטיקע פּרוכט און מיטשטייערן צום אַלמענטשלעכן פּראָגרעס און אויפשטייג — ווערט עס באַלד מיט צענפאַכן האַס, מיט צענפאַכער אכזריות און גרויזאַמקייט אָנגעגריפן. עס שטייען אויף פינצטערע אידן־פאַרטיליקער און צעשטערן, מאַכן חרוב, רואינירן ביזן גרונט דאָס אידישע לעבן, צעפייניקן די בעסטע אידישע מענטשן און דערנידעריקן ביז דער ערד דעם אידישן כבוד. דאָס וואָס האָט געקאָסט יאָרהונדערטן אידישע מי, קרבנות און מסירת־נפש אָן אַ גרעניץ אויפצובויען און באַפעסטיקן, ווערט אין איין פינצטערן טאָג צעשטערט און אַרויסגעריסן מיטן וואָרצל. אַזוי האַלט זיך די געשיכטע אין איין איבערחזרן אַלע מאָל פונדאַסניי און אַלע מאָל פון אָנהויב. די גאַנצע אידישע געשיכטע זינט די עלטסטע צייטן ביז אויף היינטיקן טאָג, איז איין לאַנגע דערציילונג פון פּיין און ליידן, פון דערנידערונג און באַליידיקונג, פון מאָראַלישער און מאַטעריעלער אונטערדריקונג.

וואָלטן דאָך די אידן באַדאַרפט אַריינפאַלן אין אַנטוישונג און פול ווערן מיט פאַרביטערונג און צאָרן קעגן דער וועלט און קעגן די מענטשן, און וואָלטן באַדאַרפט גלויבן נישט אין קיין וועלט־דערלייזונג, נאָר אין וועלט־צעשטערונג, אין וועלט־פאַרניכטונג, אין חורבן און אומקום פון אַלץ און אַלעמען; גלויבן אין אַ משיח אַ בייזן, אַ צאָרנדיקן וואָס וועט צונויפפירן חשבונות מיט די פעלקער — מיט די אייביקע פאַרפאָלגער און באַדריקער; גלויבן אין אַ משיח וואָס וועט זיך אָפּרעכענען און אָפּצאָלן פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט, פאַר די דורות לאַנגע דערנידערונגען, פאַרן געטראָטענעם כבוד, פאַרן געשענדעטן גייסט. ערשט ניין. דאָס פאָלק וועמענס וואונדן עס הערן נישט אויף צו בלוטיקן שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, גלויבט גאָר אין אַ גואל צדק, אין אַ משיח ה׳, וואָס וועט אויסלייזן די אידן פון זייערע ליידן און די מענטשן פון זייערע זינד; וואָס וועט איינשטעלן אַ וועלט כולה יושר, כולה צדק און כולה רחמים. וואָס מער די אידן זיינען געבייטשט געוואָרן, וואָס טיפער זייערע ליידן זיינען געווען, וואָס מער די פעלקער האָבן זיך איבער

זיי איזדיעקעוועט, אלץ שטארקער האבן זיי געגלויבט און געגארט נאכן גערעכטן דערלייזער!

קען נאך זיין עטוואס מער רירנדיקס? די מאכט פון אידעאלן גלויבן קומט דא צום העכסטן אויסדרוק. נישט געקוקט אויף דעם וואס אין דערווירקלעכקייט האבן די אידן ארויסגעזען צו זיך גרעניצלאזע רשעות און שלעכטסקייט מצד די מענטשן; נישט געקוקט אויף דעם וואס אין דער ווירקלעכקייט האבן זיי די פעלקער באהאנדלט גרויזאם און אכזריותדיק, פונדעסטוועגן האבן די אידן נישט אויפגעהערט צו גלויבן און אויסצוקוקן אויף א גערעכטן דערלייזער וואס וועט אנפילן די וועלט מיט חסד און מיט רחמים!

כאטש די ווירקלעכקייט האט די אידן געוויזן אז די וועלט איז פול מיט אומגערעכטיקייט, דאך האבן זיי געגלויבט אין א אידעאלער צוקונפט-וועלט; כאטש די אידן מער ווי ווער עס איז, האבן געקענט איינזען, אז די מענטשן זיינען פול מיט ווילן שלעכטס צו טון, דאך האבן זיי געחלומט וועגן א וועלט וואו מענטשן וועלן פול זיין מיט ליבע און גוטסקייט. דער אידעאלער טרוים האט גובר געווען די לאנגע ביטערע לעבנס-דערפארונג; מען האט מער געגלויבט די אידעאלע צוקונפט-וויזיע, איידער דער טרויעריקער הונדערטער יאריקער לעבנס-פראקטיק.

פארוואס? פארוואס האבן מענטשן וואס האבן דורות-לאנג געפילט אויף זיך אליין די אומגערעכטיקייט פון אנדערע מענטשן, פארוואס האבן זיי נישט געלערנט פון דער לאנגער דערפארונג; פארוואס האבן זיי נישט איינגעחזרט די ביטערע לעקציע וואס דאס לעבן האט זיי אין משך פון הונדערטער יארן געגעבן, אז די מענטשן זיינען שלעכט, שלעכט און שלעכט — און האבן זיך נישט אויפגעהערט ארומצוטראגן מיט חלומות און האפענונגען אויף משיחים, וואס וועלן איינשטעלן גערעכטע ארדענונגען און וועלן מאכן די מענטשן פאר צדיקים גמורים? פארוואס האבן זיי נישט געזען די זאכן ווי זיי זיינען? וואס האט געשטערט די דאזיקע לאנג און ביטער געפרואווטע מענטשן צו קוקן דער ווירקלעכקייט גלייך אין די אויגן אריין? וואס האט זיי פארבלענדט?

וואלט נישט געווען אין די מענטשן קיין שום ווילן צו יושר

און גערעכטיקייט, וואָלט געווען אוממעגלעך אַז לאַנגע דערפאַרונג זאָל זיי גאָרנישט אויסלערנען. אויב טראָץ דורות־לאַנגער ביטערער דערפאַרונג האָבן זיך מענטשן דאָך ארומגעטראָגן מיט אַן אידעאַלן חלום, איז עס אַ באַוויז, אַז זיי זיינען דערצו געשטויסן געוואָרן פון אַ שטאַרקן ווילן — פון אַ ווילן וואָס איז געווען שטאַרקער פאַר דער ניכטערער דערקענטעניש פון דער טרויעריקערווירקלעכקייט. אָט דער דאָזיקער ווילן האָט עס פאַרבלענדט די אויגן און געוויזן די וועלט אַזאַ ווי מ׳וואָלט געוואָלט זי זאָל זיין און נישט אַזאַ ווי זי איז. אויב מענטשן וואָס ליידן כסדר עוולות, קריגן כסדר געשלאָגן, און אויף וועמענס קעפּ עס גיסט זיך אויס גאָר די אומגערעכטיקייט פון דער וועלט, האַלטן פונדעסטוועגן אין איין ארומטראָגן זיך מיט אַ משיח־חלום, איז עס אַ באַוויז, אַז דער דאָזיקער חלום געפעלט זיי זייער שטאַרק.

וועט מען אפשר זאָגן, אַז דער דאָזיקער חלום איז אַ ספּעציפיש־אידישער, איז אַ פּראָדוקט פון אידישן גייסט און איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענטשן אין אַלגעמיין; די מענטשן אין אַלגעמיין, די נישט־אידן, דאַרף מען בעסער משפּטן לויט זייערע בסדרדיקע אידן־פאַרפאָלגונגען, איידער לויטן אידישן משיח־אידעאַל; וויבאַלד — וועט מען זאָגן — ביי אידן זעט מען משיח־אידעאַל, וואָס ווייזט אויף אַ שטרעבונג צו גערעכטיקייט, און ביי די „גויים" זעט מען אידן־פאַרפאָלגונגען, וואָס ווייזט אויף אָפענער רשעות, איז אפשר דערפון גערדרונגען, אַז אידן זיינען הוילע צדיקים און די גויים הוילע רשעים? קען מען עס נישט זאָגן. וואָרום צי האָבן דען די „גויים" נישט געגלויבט אין גערעכטן משיח, אין משיח וואָס איז שוין געקומען, אין קריסטוסן? אַחוצדעם איז די מיינונג אַז אידן, אַלס פאָלק, שטייען אויף אַ העכערער מאָראַלישער שטופע פאַר אַנדערע פעלקער, מיט גאָרנישט באַגרינדעט. אידן שטייען נישט העכער און נישט נידעריקער פאַר אַנדערע. נישטאָ קיין איין פאָלק וואָס זאָל קענען דערווייזן זיין מאָראַלישע העכער־שטייענדיקייט פאַר אַנדערע פעלקער. עס זיינען מעגלעך פאַראַן קליינע אויבערפלעכלעכע אונטערשיידן אין דער מאָראַלישער שטופע פון די פעלקער. זיי זיינען אָבער אַזוי קליין, אַז זיי פאַרשווינדן ביים

מינדסטן דרוק פון די אומשטענדן און אידייאישע ווירקונגען. דאָס איינציקע וואָס מ׳קען אָנווייזן איז, אז די אידן האָבן אין משך פון די צוויי טויזנט יאָר גלות־לעבן פאַרלוירן זייער אמאָליקע אַגרע־סיווקייט. אידן זיינען נישט אזוי אָנגרייפעריש ווי נישט־אידן. אידן זיינען ווייניקער געניינגט צו געשלעג און בלוט־פאַרגיסונג ווי נישט־אידן. אָבער דאָס דאָזיקע איז נישט קיין שטריך פון מאָראַלישער העכערשטייענדיקייט, נאָר איז אַ פּראָדוקט פון לאַנגער פּאַציפישער געוואוינהייט. האָבן דאָך אידן געלעבט אזויפיל צייט אין אומ־שטענדן וואָס האָבן פאַר זיי אוממעגלעך געמאַכט דאָס פּראַקטי־צירן גוואַלד. זיך קעגנשטעלן מיט גוואַלד קעגן די באַדריקערישע פעלקער צווישן וועלכע די אידן האָבן געלעבט, איז געווען פאַר זיי פאַרבונדן מיט דער גרעסטער סכנה פון אַלגעמיינעם אומקום. דער אידישער מענטש איז פון זיין פריסטער קינדהייט אָן דערצויגן גע־וואָרן אינעם גייסט פון אונטערגעבן זיך דעם גוואַלדזאַמען אָנגריף מצד דעם מאַכטהאָבנדיקן פאָלק צווישן וועלכן די אידן האָבן גע־וואוינט. ווען אידן וואָלטן פון לכתחילה אָן נישט געווען אדאָפּ־טירט די דאָזיקע מידה, וואָלט שוין היינט פון זיי קיין שריד ופּליט נישט געבליבן. דאָס אָנבויגן דעם רוקן און פאַרדריקן די ציין אין מאָמענט ווען דער ברוטאַלער שכן האָט אַראָפּגעלאָזט די פויסט און די שווערד איבער דעם אידנס קאָפּ — דאָס האָט געגעבן דעם אידן אַ מעגלעכקייט איבערצוקומען אַלע קריטישע מאָמענטן און דער־האַלטן זיין קיום ביז אויף היינטיקן טאָג. דאָס איז נישט קיין דרך פון פּחדנות, נאָר דאָס איז אַ טאַקטיק אַזאַ פון נישט לאָזן זיך פּראָוואָצירן פון שונא, וועלכער איז פילפאַכיק שטאַרקער. וואָלטן אידן געווען פּחדנים, וואָלטן זיי זיך געוועזן צעשמדט און וואָלטן געגאַסן פריווילעגיעס אָנשטאָט רדיפות. עס איז גוט באַ־וואוסט די אידישע עקשנות פאַר זייער גלויבן און קולטור. אדאַנק דער דאָזיקער עקשנות האָבן די אידן דערהאַלטן זייער קיום אַלס פאָלק ביז היינט, אין דער צייט וואָס אַלע אַלטע פעלקער האָבן זיך אויפגעלייזט. דאָס אידישע אונטערגעבן זיך דעם „גויישן" גוואַלד־טאַט, איז מער געווען אַן אויסדרוק פון מינדערשאַצן גוואַלד, איי־דער פון מורא האָבן דערפאַר. דער איד האָט זיך געפילט פון „גוי"

בלויז געשאָדנט, אָבער נישט באַליידיקט. דער גוי האָט אָנגעגריפן דעם אידן פיזיש, אָבער נישט גייסטיק; ער האָט אים אָנגעטון בלויז קערפּערלעכן און מאַטעריעלן היזק, אָבער בשום אופן נישט קיין גייסטיקן היזק. דער פּאָגראָמירנדיקער, צעיושעטער מאַסע, וואָס האָט זיך אַ לאָז־געטון אויף דער פרידלעכער אידישער באַפעלקערונג און האָט אָנגעהויבן אַ שחיטה אויף איר, האָט זי, די אידישע באַפעלקערונג, באַטראַכט ווי ווילדע ברואים. דער פּאָגראָמשטשיק איז פון אידן באַטראַכט געוואָרן אַלס אַזאַ, אויף וועלכן ס׳איז נישט כדאי אפילו אין כעס צו זיין און צו טראָגן אַ שנאה אויף אים. די אידן פלעגן זיך פילן געטראָפן בלויז פון די טרויעריקע פּ אַ ק ט ן, וואָס די גויאישע אָנגרייפער האָבן פאַר זיי געשאַפן, אָבער נישט פון די אָ נ ג ר יי פ ע ר גופא. אַ פּאָגראָם פלעגן די אידן אויפנעמען ווי אַ נאַטור־אומגליק, אַ שרפה, אַן עפּידעמיע, אַ קאַטאַסטראָפע וכדומה. דערמיט דערקלערט זיך דאָס שנעלע דערהאָלן זיך און שטעלן זיך אויף די פיס מצד די אידן, נאָך יעדן גרויסן אָדער קליינעם אָנפאַל אויף זיי. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די „גויים" האָבן בלויז אָנגעגריפן דעם אידישן גוף און דעם אידישן באַזיץ. צ ו ד ע ר א י ד י ש ע ר נ ש מ ה ה אָ ב ן ז יי ק יי ן צ ו ט ר י ט נ י ש ט ג ע ה אַ ט ; די אידישע נשמה — אַזוי האָט גערענקט און געפילט דער איד — איז געווען צו הויך, אַז די האַמעטענע, אומקולטורעלע פאַרבלוטיקטע האַנט פונעם הוצל זאָל זי געווען קיינען גרייכן. נאָך יעדער בלוט־באָד, נאָך יעדער אויסרויבונג, פלעגט זיך דער איד פילן בלויז אין מאַטעריעלן דוחק: פאַראָרימט, פיזיש־פאַרוואונדעט און דערשעפּט; צעוויייטיקט נאָך זיינע קרבנות און געפאַלענע. אָבער ג יי ס ט י ק א י ז ד ע ר א י ד ק יי נ מ אָ ל נ י ש ט ג ע וו ע ן ג ע ב ר אָ כ ן ; ז יי ן ש ט אָ ל ץ, ז יי ן ז ע ל ב ס ט ב אַ וו א ו ס ט ז יי ן א ו ן ז יי ן ג ל ו י ב ן א י ן ז י ך ז יי נ ע ן ק יי נ־ מ אָ ל נ י ש ט אָ נ ג ע ר י ר ט ג ע וו אָ ר ן ! דערפאַר אויך האָט דער איד קיינמאָל נישט געטראָגן קיין האַס אויף זיינע אָנגרייפער; דערפאַר איז ער זיי קיין שונא נישט געבליבן און האָט נישט געזוכט נקמה צו נעמען. פשוט: ער האָט קיין אינערלעכע באַ־

ציאונג נישט געהאַט צו זיי. פיזישע קלעפּ ווי גרויס און שטאַרק זיי זאָלן נישט זיין, קענען נישט זיין שעדלעך דעמאָלט ווען דער גייסט און דער גלויבן אין די אייגענע כוחות, דער גלויבן אין דעם אייגענעם ווערט און אין דער אייגענער חשיבות בלייבן גאַנץ, נישט געמינערט און אומבאַרירט. און דאָס איז געווען דער פאַל מיט די אידן אין גלות. קיין איין מאָל איז עס די גויים נישט געלונגען, אין משך פון די לאַנגע יאָרהונדערטער גלות און דורך די הונדערטער און הונדערטער פיזישע פּאָגראָמען, צו מאַכן כאָטש **איינציקן פּאָגראָם אויף דער אידישער נשמה**; צו צעבלוטיקן דעם אידישן זעלבסטבאַוואוסטזיין; צו דערשיטערן דעם אידישן גלויבן אין דער אייגענער ווערדע. איין איינציקער פּאָגראָם אזא, וואָלט פאַר די אידן געווען אַ סך מער שעדלעך ווי אַלע פיזישע פּאָגראָמען צוזאַמענגענומען.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז עס אָבער אַ פאַקט, אַז אין משך פון לאַנגע דורות האָבן אידן זיך נישט געטאָרט פאַרגינען דאָס „פאַרגעניגן" פון באַנוצן זיך מיט גוואַלד און פאַרגיסן בלוט. נישט נאָר האָבן זיי עס נישט געטאָרט כלפּי חוץ, נאָר אַפילו כלפּי פנים, אינערהאַלב זייער אייגענער געמיינדע, האָבן זיי אויך געמוזט זיין פאָרזיכטיק ביז גאָר נישט געשטרויכלט צו ווערן אין גרויסן חטא פון שפיכת דמים, וואָרום דאָס וואָלט געשעדיקט די זיכערקייט און דעם פּרעסטיזש פון דער געמיינדע אינגאַנצן גענומען. די אויסנאַמלעכע רעכטלעכע לאַגע, אָדער בעסער געזאָגט: אומרעכטלעכע לאַגע, אין וועלכער דער אידישער קיבוץ האָט געלעבט צווישן די פעלקער, האָט אַרויפגעלייגט מער אחריות אויפן אידישן יחיד, האָט אים געמאַכט מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן כלל, האָט אים מער צוגעבונדן צום כלל, און דאָס איז געווען טאָרמאָז און צוים, אין מאָמענטן פון כעס און אויפרעגונג, נישט צו דערלאָזן אַז עס זאָל זיך אויסדריקן אין בלוטיקע מעשים.

דער אידישער מענטש איז זינט זייער לאַנג געצוואונגען זיך צוריקהאַלטן פון גוואַלדטאַט און בלוטפאַרגיסונג און דאָס האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט אַף זיין כאַראַקטער. דער איד איז אָפּגעוואוינט פון באַנוצן פיזישע קראַפט און וואַרפן זיך אין געשלעג. דערין דאַרף מען

אָבער נישט איינזען, ווי שוין געזאָגט, קיין צייכן פון מאָראַלישער העכערקייט, נאָר צייכן פון לאַנגער פרידלעכער געוואוינהייט. די מאָראַלישע שטופע פון אידישן פאָלקס־כאַראַקטער איז נישט העכער און ניט נידעריקער ווי די שטופע פון אנדערע פעלקער. די פראַגע פון מאָראַלישער העכערקייט, איז ניט קיין נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר אַ מענטשהייט־פראַגע. מאָראַלישע מענטשן זיינען פאַראַן ביי אַלע פעלקער און ביי אַלע נאַציעס, און דער דורכשניט־מענטש, דער המון־מענטש, שטייט ביי אַלע פעלקער אויף דער זעלבער מאָראַלישער הויך. אויב עס זיינען יאָ פאַראַן כאַראַקטער־אונטערשיידן צווישן די פאַרשידענע פאָלקס־מאַסעס, איז עס יעדנפאַלס נישט פון מאָראַלישן אינהאַלט. וואָס שייך מאָראַל־פראַגן, קען מען אויסשטודירן איין פאָלק און די שלוסן זאָלן זיין גילטיק פאַר אַלע פעלקער.

אַלץ וואָס עס לערנט אונדז די פסיכאָלאָגישע אינטערפּרעטאַציע פונעם אידישן משיחיזם, איז באַלערנדיק פאַר אַלע מענטשן און נישט בלויז פאַר אידן. אידן האָבן געגלויבט אין משיחן, נישט דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען אידן, נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען מענטשן. דער פסיכישער הינטערגרונט פונעם משיח־אידעאַל, איז אַן אַלמענטשלעכער און נישט קיין ספּעציפיש־אידישער. אַלע מענטשן גלויבן מיט אַזויפיל גערנקייט אין אַ אידעאַלער צוקונפטוועלט, ווי דאָס האָבן געטון די אידן מיטן גלויבן אין משיחן. און צי איז דען דער גלויבן אין קריסטוסן, דאָס הייסט אין דעם משיח יעזוס, פון קלענערער פסיכישער באַדייטונג, ווי דער גלויבן אין דעם אידישן לעתיד־לבוא משיח? עס איז דער זעלבער אידעאַל פון אַ גואל צדק וואָס איז זיך מקריב פאַר די מענטשן, לייזט זיי אויס פון זייערע זינד און זוכט איינצושטעלן דאָס מלכות פון ליבשאַפט און גערעכטיקייט אויף דער וועלט. נישט מער, אין איין אָרט איז משיח שוין געקומען און אין צווייטן אָרט וואַרט מען נאָך אויף אים. אָט דער לעצטער אומשטאַנד, וואָס ביי אידן איז ביאת משיח נאָך געווען אַ צוקונפטס־טרוים, האָט אים צוגעגעבן די גרויסע קראַפט, מיט וועלכער ער דעמאָנסטרירט זיך אין דער אידישער געשיכטע. פאַר דער צוקונפט איז בעסער צו האָבן אידעאַלע האָפענונגען ווי פאַר דער פאַרגאַנגענהייט. שטענדיק האָבן מענטשן געגלויבט און

װעלן גלויבן, אַז די צוקונפט װעט זײַן שענער װי די פאַרגאַנגענ־הײט און די קעגנװאַרט. דאָס איז די מענטשלעכע שװאַכקײט צו האָפן אויפן „מאָרגנדיקן״ טאָג, בפרט נאָך מענטשן װאָס זײער „הײַנט״ איז אַזױ טרױעריק און װעלכע לעבן כסדר אין אַ לאַגע פון באַװוּלטע און פאַרפאָלגטע.

II

די טרױעריקע אומשטענדן אין װעלכע אידן האָבן געלעבט, האָבן אויך גורם געװען, אַז דער גלױבן אין משיחן זאָל צײַטנ־װײַז אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ פאָלקס־פּסיכאָז. דאָס פלעגט געשען אין צײַטן פון משיח־באַװעגונגען. משיח־באַװעגונגען פלעגן זיך זײער שנעל אָננעמען צװישן אידן. עס איז גענוג געװען אַז עס זאָל קומען דער ערשטער בעסטער אַװאַנטוריסט און זיך דערקלערן אַלס משיח און באַלד האָבן זיך געפונען מאַסן אידן װאָס זײַנען אים נאָכגעגאַנגען און געגלױבט אין אים באמונה שלמה. װי אַ העל־יש פײַער פלעגט דער משיח־פּסיכאָז אַרומכאַפּן דאָס געליטענע פאָלק. יעדע משיח־באַװעגונג, פלעגט אױפרודערן און אױפטרײַס־לען דאָס פאָלק ביזן גרונט. אידן פלעגן אַרײַנפאַלן אין אױפברױז און עקסטאַז. פלעגן פאַרקױפן זײערע פאַרמעגנס, אױפגעבן זײערע געשעפטן, זיך רואינירן און צעברעכן, נעמען האַק און פּאַק און זיך גרײטן גײן משיחן אַנטקעגן. באַזונדערס איז באַרימט אין דער אי־דישער געשיכטע די שבתי צבי באַװעגונג, װאָס האָט אָנגעמאַכט אַן אומפאַרגלײַכלעכן אױפרודער אין אידישן לעבן. די שבתי צבי באַ־װעגונג איז אַ זײער טראַגיש קאַפּיטל אין דער טרױעריקער אידישער געשיכטע. אַ מטורף, אַ היצקאָפּ האָט צום נאַר געמאַכט אַ פאָלק אַ גאַנצס, אַ געליטן פאָלק. נישט נאַר פּראָסטע מענטשן זײַנען אָנגע־שטעקט געװאָרן ביזן העכסטן גראַד פון שבתי צבי־שיגעון, נאָר אויך גײַסטיקע פירער פון פאָלק, רבנים, לומדים. לײענט מען די שבתי צבי געשיכטע, װילט זיך װאונדערן: װי אַזױ האָבן זיך עס אידן אַזױ געלאָזט פאַרפירן? האָבן זײ דען נישט געזען, אַז זײ האָבן צו טון מיט אַ גענאַרער? איז דער ענטפער: מ א כ ט פ ו ן

װ י ל ן. זינט הונדערטער יאָרן האָט מען דעם אידישן מענטשן דערצויגן אינעם משיח־גלויבן. מיט דער מאַמעס מילך האָט דאָס אידישע קינד דעם דאָזיקן גלויבן אַריינגעזויגן אין זיך אַריין. עס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין גייסט. גאָר זיין לעבן האָט דער איד אין זיין טעגלעכער תפילה איבערגעחזרט זיין גלויבן אין דער באַל־דיקער מעגלעכקייט פון ביאת משיח: „כאָטש ער זוימט זיך, פונ־דעסטוועגן האָף איך אַלע טאָג אַז ער זאָל קומען". דורות־לאַנג איז משיח געווען די איינציקע האָפענונג פון אידן; דורות־לאַנג האָט מען געוואַרט און געגאַרט און אויסגעקוקט אַז ער זאָל קומען. איז גענוג געווען, אַז עס זאָל קומען צו גיין אַ שבתי צבי און זאָגן אַז ער איז משיח און — מען האָט געגלייבט. מיטן גאַנצן כוח האָט דער אונ־טערדריקטער ווילן צו גאולה וואָס האָט געטליעט טיף אין דער אי־דישער נשמה, אַרויסגעזעצט אויפן אויבערפלאַך. דאָס אידישע האַרץ וואָס איז אויסגעגאַנגען פון משיח־בענקשאַפט; וואָס האָט גע־גאַרט און געלעכצט נאָך דערלייזונג האָט אויפגעצאַפּלט פון גאולה־אַנזאָג. די פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און דער דימיון האָט זיך צעאַרבעט, איז דער קאָפּ מער נישט פעאיק געווען צו טראַכטן. אַ שטיק פלאַמיקער משיח־באַגער איז דער איד געוואָרן, אַן אַנגעצונ־דענער פון משיח־ליידנשאַפט. ווי קען מען אין אַזאַ צושטאַנד זען וואָס אַרום טוט זיך; ווי קען מען אין אַזאַ צושטאַנד טראַכטן און זיך איבערלייגן! ניין, דאָס איז נישט מעגלעך; דאָס שטייגט אַרי־בער דעם מענטשנס כוחות!

און אַפילו דעמאָלט ווען דאָס פאָלק האָט שוין קלאָר געקענט איינזען ווער זיין בלומרשטער משיח איז, האָט עס נאָך אַלץ גע־גלויבט אין אים, און געוואַרט און געהאָפט אויף אַ וואונדער. לאַנג האָט עס געדויערט ביז דאָס פאָלק האָט זיך אויסגעניכטערט פון דעם שבתי־צבי־היפּנאָז. וואָרום דאָס פאָלק האָט זיך נישט געוואָלט אויסניכטערן; עס האָט נישט געוואָלט עפענען די אויגן און זען די ווירקלעכקייט; עס האָט געוואָלט האָבן אַ משיח; עס איז פאַרצערט געוואָרן פון גלוסטונג און בענקשאַפט נאָך משיחן. האָט זיך עס געהאַלטן אייזן־פעסט אָנגעקלאַמערט אין דעם סמירנער אוואַנטו־ריסט און באַין אופן נישט געוואָלט אַראָפּנעמען די משיח־קרוין פון

זיין קאָפּ. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: נישט זיינע אָפּטריניקע רייד און נישט זיינע אָפּטריניקע מעשים. זיינע זינד האָט מען געבשרט און זיינע פאַרברעכנס געהייליקט. אין זיין הולטייסטווע און שמד־שטיק האָט מען אַריינגעלייגט הייליקע כוונות. וואָס נידעריקער ער איז געפאַלן, אַלץ העכער האָט אים די עקזאַלטירטע פאַנטאַזיע פון זיינע מאַמינים אויפגעהויבן; וואָס מער ער איז געקראָכן אין בלאָטע, אַלץ מער מאַרטירערטום האָט מען דערין איינגעזען.

שווער איז עס אָנגעקומען ביז אידן האָבן זיך אויסגעניכטערט פונעם שבתי־צבי־טשאַד, ביז זיי האָבן זיך באַרואיקט, ביז זיי האָבן ווייטער געגומען פירן דאָס רעאַלע טרויעריקע גלות־לעבן און אַ ב ס ט ר אַ ק ט האָפן אויף משיחן. אין געוויינלעכע צייטן איז דאָס וו י ר ק ל ע כ ע אידישע לעבן געווען איין זאַך און דער ג ל ו י ב ן אין משיחן אַ צווייטע זאַך. לעבן איז געווען רעאַליטעט, און משיח איז געווען חלום. די טרויעריקע ווירקלעכקייט און דער פרייליקער משיח־חלום זיינען געווען פעסט פונאַנדערגעטיילט און האָבן זיך נישט אויסגעמישט איינס מיטן אַנדערן. די משיח־האָפענונג האָט מיט גאָרנישט באַאיינפלוסט דעם אידנס טאָג־טעגלעכן טון און ווירקן. דער איד האָט געוואוסט אַז ער דאַרף אַרבעטן, האַנדלען, קעמפן און זיך ראַנגלען פאַר זיין עקזיסטענץ און זאָרגן אַז זיין לאַגע זאָל זיין וואָס בעסער. און וואָס בעסער דעם אידן איז געגאַנגען, אַלץ צופרידענער איז ער געווען און אַלץ מער האָט ער זיך געזוכט צו פאַרפונדעווען און פאַרפעסטיקן אין לאַנד וואו ער האָט געלעבט, דאָס הייסט, אין גלות. די מכלומרשטע מעגלעכקייט אַז „נאָך היינט גופא״ זאָל קומען משיח און אידן זאָלן דאַרפן איבערלאָזן זייער גאַנץ האָב און גוטס און גיין קיין ארץ ישראל, איז ניט געווען דער מינדסטער מאָטיוו צו פאַרהינדערן דעם אידישן אונטערנעמונגס־גייסט און שטערן זיין טעטיקייט אויף די פאַרשידנסטע געביטן. אַז מ׳האָט אַ אידן געזאָגט, אַז ער זאָל נישט אַזויפיל איינרייסן אַ וועלט, וואָרום טאָמער קומט מאָרגן משיח, וועט ער דאַרפן אַלץ איבערלאָזן, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. אין זיך האָט יעדער איד געפילט, אַז משיח איז אַ זאַך אויף צו ג ל ו י ב ן, אָבער נישט צו ל ע ב ן מיט דעם. טאָמער וואָלט אַ איד גע־

וואָלט זיין קאָנסעקווענט און פאַרנאַכלעסיקן זיינע געשעפטן צוליבן גלויבן טאָמער קומט איינגיכן משיח, וואָלט מען אים אָנגענומען פאַר א חסרדעה. — „וואָרום וואָס קער זיך אָן איינס מיטן אנדערן: געשעפט איז געשעפט, און משיח איז משיח". משיח איז געווען א ענין פון סידור און פון מחזור, א ענין פון דאַווענען און זאָגן. יעדער איד איז מחויב געווען אויסצושרייען מיטן גאַנצן כוח, ביי יעדער פייערלעכער געלעגנהייט: לשנה הבא בירושלים; יעדער איד איז מחויב געווען דריי מאָל אין טאָג צו זאָגן ותחזנו עינינו בשובך לציון ברחמים; יעדער איד איז מחויב געווען צו זאָגן דעם אני מאמין פון ביאת משיח; יעדער בעל דרשן איז מחויב געווען צו פאַרענדיקן זיין דרשה מיטן ובא לציון גואל אא"וו, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אויף צו ז אָ ג ן , נישט אויף צו ט ו ן .

ירושלים, ציון, משיח, — דאָס אַלץ איז געווען פּאָעזיע, א ענין אויף צוצווינטשן־זיך, אויף צו פאַנטאַזירן וועגן דעם, אויף צו האָפן אויף דעם „אמאָל־אמאָל", אָבער מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט האָט עס קיין שייכות נישט געהאַט. האַלטן זיך אין דעם ווי אין א גלויבן — דאָס יאָ, דאָס מוז מען. וואָרום פּונקט ווי עס וואָלט געווען ווארער שיגעון צו ריכטן דאָס רעאַלע לעבן לויט דער משיח־באַוועגונג, אַזוי וואָלט, פאַרקערט, געווען א שיגעון און טויטלעכע זינד אינגאַנצן אויפצוהערן האָפן אויף משיחן, אויפהערן צו גלויבן אין אים. נישט גלויבן אין ביאת משיח, האָט געשמעקט מיט דער הארבסטער אפּיקורסות, האָט געמיינט אַרויסטרעטן קעגן איינער פון די גרונט־דאָגמען פון דער אמונה. גיין, דאָס האָט מען נישט געטאָרט און דאָס האָט אויך קיינער ניט געטון. פאַרקערט, ווי אַן א י ד ע א ל ע ר ג ל ו י ב ן , איז משיח געווען טיף איינגעוואַקסן און איינגעקריצט אין אידנס נשמה; אַבסטראַקט, איז דער משיח־אידעאַל און משיח־האָפענונג געווען א הילף און א טרייסט אין יעדן שווערן מאָמענט. דאָס האָט געמוטיקט און געשטאַרקט און געגעבן כוח איבערצוטראָגן אַלע געפאַרן און קריזיסן, אַלע יאָגענישן און פּלאָגענישן פון גלות. אין יום־טובדיקע טעג, ווען דער איד האָט זיך אויסגעטון פון זיינע וואָכעדיקע דאגות און עול הפּרנסה, האָט אויף א מינוט פאַרגעסן אין דער ביטערער ווירקלעכ־

קייט און זיך פאַרטראָגן אין אַ העכערער וועלט פון רוחניות, איז דער גלויבן אין משיחן געווען דאָס גרויסע ליכט וואָס האָט אַלץ באַלויכטן, האָט דער גלויבן אין אַ גואל־צדק אויפגעהויבן דעם אידן צו אַ הויכער אידעאַלער הויך. וואָס פינצטערער ס'איז געווען די אידישע ווירקלעכקייט, אַלץ העלער האָט זיך דער איד אויסגעמאָלט די וועלט לאחר ימות המשיח. דאָס אידישע טרוים־לעבן האָט כסדר דערגאַנצט דאָס אידישע וואָר־לעבן. אויף וויפל אין דעם וואָר־לעבן זיינען געשטיגן דעם אידנס ליידן, די פאַר־פאָלגונגען קעגן אים, די דערנידערונגען און באַליידיקונגען און אַלערליי אומגערעכטיקייטן, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, אויף אַזויפיל האָט ער זיך קאָמפּענסירט אין זיין משיחיש טרוים־לעבן מיט פרייד און גערעכטיקייט, מיט גאולה און שטאָלץ און מיט אַלע תענוגים פון גוף און פון דער נשמה. דאָס האָט אומגעהויער פאַרגרינגערט דעם יאָך פון דער ווירקלעכקייט. אָבער, ווי געזאָגט, איז דאָס אַלץ געווען אַבסטראַקטע האָפענונג. איבערטרעטן דעם גרעניץ פון אַבסטראַקטער האָפענונג און אָנהויבן באַאיינפלוסן דאָס רעאַלע לעבן, דאָס האָט נישט געטאָרט געשען. דאָס דאַזיקע פלעגט פּאַסירן נאָר אין אומנאָרמאַלע צייטן, אין צייטן פון משיח־באַוועגונגען. דעמאָלט פלעגן אָנהויבן אָפּגעווישט ווערן די גרעניצן צווישן טרוים און ווירקלעכקייט; דער משיח־חלום פלעגט אָנהויבן אַריינדרינגען אין דער אידישער וואָר און אידן האָבן אָנגעהויבן מאַכן פון דער אַבסטראַקטער משיח־האָפענונג — רעאַלן טאַט. אין אַזעלכע צייטן פלעגט דאָס אידישע לעבן אויפהערן זיין נאָרמאַל, ניכטער, נאָר פלעגט ווערן אַנאָרמאַל, גייסטיק־קראַנק. די צייטן פון משיח־באַוועגונגען דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר צייטן פון אידישן מאַסן־שיגעון, פון פאָלקס־אויפברויז, פון פאָלקס־פּסיכאָז. דאָס פאָלק פלעגט פאַרלירן זיין גייסטיק גלייכגעוויכט און פלעגט אַריינפאַלן אין אַ צושטאַנד פון קאָלעקטיווער משוגעת. אָבער אַזעלכע משוגעת־אָנפאַלן פלעגן נישט לאַנג אָנהאַלטן אין דער אידישער געשיכטע. די טרויעריקע ווירק־לעכקייט, פלעגט די אידן באַלד אויסניכטערן און די זאַכן פלעגן צו־ריקקומען צו זייער נאָרמאַלן גאַנג. דער משיח־גלויבן וואָס פלעגט

אריבערפלייצן זיינע אבסטראקטע חלום־ברעגן און זיך אריינגיסן אין דער אידישער ווירקלעכקייט, פלעגט צוריקטרעטן צו זיינע נאָר־מאַלע גרעניצן. די וועלט פון ניכטערער און זאַכלעכער האנדלונג און די וועלט פון אידעאַלע האָפענונגען, פלעגן ווידער פעסט פאָר־נאַנדערגעטיילט ווערן.

בלויז ביי ווייניק גייסטיקע אידן, וועלכע האָבן מיט באַזונ־דערער שטאַרקייט געפילט סיי די ליידן פון פאָלק און סיי די בענק־שאַפט נאָך משיחן, בלויז ביי די דאָזיקע איז אפילו אין נאָרמאַלע צייטן דער משיח־גלויבן געווען נישט בלויז אן אבסטראַקטע אי־לוזיע, נאָר טאַקע ממשותדיקע ווירקלעכקייט. די דאָזיקע האָבן נישט בלויז ג ע ז א ג ט אַלע טאָג, אז זיי וואַרטן אויף משיחן, נאָר האָבן טאַקע בפועל ממש אַלע טאָג געוואַרט אויף אים. דער זאָג פון אַ געוויסן חסידישן רבין אַז ער לייגט זיך שלאָפן אין די זאָקן, כדי טאָמער קומט משיח און מען וועקט אים אויף זאָל ער נישט דאַרפן פאַרלירן קיין איבעריקע צייט, איז נישט געווען קיין שפּאַס, נאָר איז טאַקע געווען זייער ערנסט געמיינט, און דאָס שילדערט ווי ווייט דער משיח־דראַנג האָט דערגרייכט ביי דעם דאָזיקן סאָרט אידן. איינעם אזא גרויסן אידן (דעם בעל חפץ חיים ז״ל) האָט דער מחבר געהאַט די געלעגנהייט פּערזענלעך צו קענען און אַ שטיקל צייט פון דער נאָענט נאָכפאָלגן זיין משיח־בענקשאַפט, וואָס האָט קיין גרעניץ נישט געהאַט. דער דאָזיקער מערקווירדיקער איד פלעגט אָפט ארומבלאָנדזשען איבער די געסלעך פון זיין שטעטל אַ טיף־פארטראַכטער און אָנכאַפּן דעם ערשטן־בעסטן אידן וואָס איז אים אונטערקומען און ביי אים פרעגן: פאַרוואָס קומט ער נישט?! פאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?! וויפל איז דער שיעור?!... דער דאָזיקער האָט אויך, ווי באַקאַנט, אונטערגענומען „אקציעס" צווישן פאָלק, אז עס זאָל זיך גרייטן פאַר משיחן...

אידן פון דעם שניט האָבן בוכשטעבלעך אַלע טאָג געהאָפט און געוואַרט אויף משיחן. ביי זיי איז ביאת משיח נישט געווען קיין גלויבנס־אילוזיע, נאָר אַ זאַך מיט וועלכער זיי פלעגן זיך לייגן און אויפשטיין. און דאָס איז נישט געווען מחמת באַגרעניצטקייט פון שכל, נאָר מחמת גרויסן דראַנג פון ווילן. אויך האָט דער דאָ־

זיקער סאָרט אידן געקומען צו ערנסט דאָס געזאָגטע רעליגיעזע וואָרט, אַז זיי זאָלן נישט געווען אַריינלייגן אין דעם דעם מאַקסימום אמת. ווײַבאַלד זיי האָבן געזאָגט: אחכה לו בכל יום שיבוא, האָט עס געמוזט זיין ווירקלעך אַזוי: וואַרטן מיט דער גאַנצער ערנסט־קייט און מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט. ווען עס וואָלט אַזוי נישט געווען, נאָר עס וואָלט געווען גלאַט געזאָגט, וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז מ'הייסט די אידן אַלע טאָג זאָגן ליגן: זאָגן אַז זיי וואַרטן, ווען אינדערעמתן וואַרטן זיי גאָרנישט. האָבן די אמת־גלויביקע אידן טאַקע געוואַרט, געוואַרט מיטן גאַנצן האַרצן; אויסגעקוקט משיחן ווי מ'קוקט אויס אַ היים־געליבטן גאַסט, וואָס דאַרף יעדע מינוט אָנקומען און קומט דאָך נישט...

אָבער די דאָזיקע זיינען געווען בלויז איינצלנע אויסנאַמען. ביים פאָלק אַלס גאַנצס איז דער משיח־גלויבן געווען ניט מער ווי אַן אַבסטראַקטער גלויבן. מיט זיין טאָג־טעגלעך לעבן האָט עס קיין שייכות נישט געהאַט.

III

דאָס כסדרדיקע חלומען און טרוימען פון די מענטשן וועגן אידעאַלע מלכותן, וועגן ברידער־געזעלשאַפטן, וועגן יושר־און צדק־אָרדענונגען, איז איינער פון די ריינדיקסטע און טראַגישסטע שטריכן אין גייסטיקן לעבן פון דער מענטשהייט. דער מלכות שמים פון דער עוואַנגעליע און דער מלכות־משיח פון אידישן גלויבן, איז איין און דיזעלבע זאַך. ביידע מיינען זיי אַן אידעאַלע וועלט, אַ וועלט וואָס וועט זיין כולה צדק, כולה יושר און כולה חסד; אַ לעבנס־סדר וואָס וועט זיין באַזירט אויף ליבשאַפט און גוטסקייט פון די מענטשן. דאָס אַלץ וואָס מענטשן האָבן געוואָלט עס זאָל זיין אויף דער „ערד" און עס איז נישט געווען, דאָס אַלץ האָבן זיי איבערגעטראָגן אין אַן אויסגעטרוימטער הימלישער אָרדענונג. דער אידעאַלער טרוים האָט געדינט אַפּצופילן די בלויזן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין ווירקלעכן לעבן. וואָס טרויעריקער ס'איז געווען די ווירקלעכקייט, אַלץ מער האָבן מענטשן געטרוימט וועגן אַ פריידפולער ליכטיקער אָרדע־

נונג. וואָס מער דאָס לעבן איז פול געווען מיט אַלערליי אומגערעכ־טיקייטן און באַדריקונגען, אַלץ מער האָבן מענטשן געחלומט און זיך פאָרגעשטעלט אַ וועלט אָן עוולות. זיסער חלום האָט קאָמפּענ־סירט פאַר ביטערער וואָר; גליקלעכער טרוים האָט משלים געווען דאָס פון וואָס אומגליקלעכעווירקלעכקייט האָט באַרויבט; פריידיקע און זיסע האָפענונג האָט באַלויכט פאַר פּיינפולער און ליידנדיקער רעאַליטעט. דעם אָרימען איז זיס געווען צו טרוימען וועגן אַ לעבן וואו עס איז פאַראַן רייכקייט פאַר אַלע; דעם הונגעריקן — וואו עס איז פאַראַן ברויט און זאַטקייט פאַר אַלע; דעם דערנידעריקטן און באַליידיקטן מענטשן, דעם פאַרשקלאַפּטן און געביישטשטן איז זיס געווען צו טרוימען וועגן אַ לעבן וואו אַלע זיינען הארן, וואו אַלע מענטשן זיינען חשוב, וואו עס זיינען נישטאָ קיין טרעטער און געטראָטענע, קיין באַליידיקער און באַליידיקטע.

אין מענטשן איז אומבאַדינגט פאַראַן אַ ווילן פאַר אידעאַל לעבן. די אידייע פון אַ אידעאַלער ברודער־געזעלשאַפט ציט־צו און לאָקט־אָן. מען פילט זיך דערהויבן אין אָנבליק פון אַזאַ סובלימען חלום. ווען מען טרוימט וועגן אַ הימלשן קעניגרייך, פילט מען זיך בעסער און שענער. ווען מען טרוימט וועגן אַ אידעאַלער וועלט, זעט מען די מענטשן פאַרוואַנדלט אין צדיקים און רעכטפאַרטיקע. אַלע זיינען פול מיט ליבשאַפט צו אַלעמען, אַלע ווילן דעם וואויל פון אַלעמען. דאָס האַרץ פון מענטשן אין טרוים־צושטאַנד, איז אָנגע־פילט מיט גוטסקייט און צערטלעכקייט צו דער אילוזיאָרישער מענטשהייט. מען פילט דאַן נישט דאָס אייגענע שלעכטס, נאָר בלויז דאָס אייגענע גוטס.

אינעם אידישן משיח־טרוים איז סובלימירט געוואָרן נישט בלויז דער מענטש, נאָר די גאַנצע נאַטור. נישט בלויז דער מענטש, האָט עס געהייסן, וועט, לאחר ימות המשיח, ווערן כולו צדק, נאָר אויך די נאַטור. אפילו די חיות אין וואַלד וועלן אָנהויבן לעבן מיט יושר און וועלן אויפהערן פאַרשלינגען זייערע שוואַכע מיטבאַשעפעניש[ן]. פונקט ווי פון מענטשלעכן לעבן, וועלן לעתיד לבוא, פאַרשווינדן אַלע אומרעכטן און ליידן, אַזוי וועלן אויך פון דער נאַטור פאַר־שווינדן אַלע אומרעכטן און ליידן; פונקט ווי אין מענטשלעכן לעבן

וועט זיין בלויז פרייד און גערעכטיקייט, אזוי וועט עס אויך זיין אין דער נאטור. די נאטור וועט זיך פארוואנדלען אין א גן־עדן. עס וועט הערשן אין איר אייביקער פרילינג. אלץ וועט זיין פרידלעך און אנגענעם. נויט, הונגער, קראנקייטן, אומגליקן און קאטאסטראפעס, וואס די נאטור ברענגט דעם מענטשן, וועלן אויפהערן, ווארום די נאטור וועט ווערן גוט און גערעכט צום מענטשן און וועט אים ברענגען נאר שפע און וואוילטאג, פארגעניגן און גליק. די נאטור וועט זיין לויטער פרידן און גערעכטיקייט, און דער מענטש וועט אויך זיין לויטער פרידן און גערעכטיקייט. עס וועלן פארשווינדן עוולות, עס וועט פארשווינדן שנאה, עס וועט פארשווינדן שקר; בלויז ליבע, בלויז שיינקייט, בלויז אמת, וועלן הערשן צווישן די מענטשן. די מענטשן וועלן זיין צדיקים גמורים, און די נאטור וועט אויך זיין בלויז גוטסקייט און מילדקייט.

בכלל וועט פארקומען א מין מיסטיש־סובלימירנדיקע אומוואנדלונג פון וועלט און מענטש. די מענטשן וועלן ווערן ענלעך צו מלאכים, און די ערד — ענלעך צום הימל. די מאטעריע וועט ווערן ספיריטואליזירט און דער קערפער גייסטהאפטיק. די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן, און די לעבעדיקע וועלן ווערן אומשטערבלעך. וועלט און מענטש וועלן אננעמען אזא קאמבינירטע פארעם פון גייסט און מאטעריע, אז דאס זאל זיי דערמעגלעכן צו קענען געניסן פון דיביידע צושטאנדן: זיין קערפער אויף אזויפיל אויף וויפל דאס איז נויטיק כדי צו קענען פילן די קערפערלעכע פארגעניגנס, און זיין גייסט אויף אזויפיל אויף וויפל דאס איז נויטיק נישט צו שטארבן און נישט צו פילן די קערפערלעכע ליידן.

אלץ וואס די מענטשלעכע פאנטאזיע האט זיך געקענט אויסמאלן אלס העכסטע שטופע פון מאראלישער שיינקייט, גוטסקייט און גערעכטיקייט, פון איין זייט, און אלס העכסטע שטופע פון גענוס, פארגעניגן, פרייד, גליק און אנגענעמלעכקייט, פון דער צווייטער זייט, דאס אלץ איז אויסגעמאלט געווארן פאר דער לעתיד־לבוא־געזעלשאפט. די לעתיד־לבוא־געזעלשאפט, איז דער העכסטער חלום פון מענטשן, פון ראציאנעלן בעל־חי, ווען

דעם ווי אזוי ער וואָלט געוואָלט אז פּערפעקט לעבן זאָל אויסזען.

IV

דער גלויבן אין משיחים און וועלט־דערלייזער איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַרן מענטשן. כאָטש די מענטשן, זיי גופא, אַלע צוזאַמען און יעדער באַזונדער, ווילן פירן — און פירן — אַן אומגערעכט לעבן, דאָך ווילן זיי נישט אויפהערן וואַרטן אויף אַ איינעם, וואָס וועט אַלעמען אויסלייזן, וואָס וועט אַלעמען אויסקויפן פון זייערע זינד, וואָס וועט זיין אַלעמענס קרבן חטאת, וואָס וועט אָפּקומען און אָפּליידן פאַר אַלע. זיינען ליידן, די ליידן פון דעם איינציקן, דעם גערעכטן, דעם לויטערן, דעם סופּער־עטישן, וועלן זיין די כפּרת־עון פאַר אַלע. מיט זיין גוטסקייט און מילדקייט וועט ער אָפּווישן און אָפּוואַשן אַלעמענס שלעכטס און רשעות. אַליין זיך באַמיען צו ווערן בעסער און גערעכטער, אַליין זיך אָנשטרענגען צו לעבן לויטן משיח־אידעאַל, אַליין זיך רייניקן, אַליין זיך אַרויסהויבן, אַליין אָפּוואַשן די אייגענע זינד — דאָס נישט; דאָס ווילן נישט די מענטשן, נאָר אַ גואל, אַ גאולה־נס, אַן איבערנאַטירלעכער, פּלוצלונגער, איינמאָליקער דערלייזונגס־אַקט — דאָס יאָ. פון היינט אויף מאָרגן, זאָל אַ גאולה־נס, פאַרוואַנדלען די מענטשן פון כולם חייב און כולם זכאי. די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן נעכטן, אַ טאָג פאַר דער גאולה, אָנגעפילט די ערד מיט זינד, זאָלן מאָרגן, אַ טאָג נאָך דער גאולה, ווערן בלאַנק און ריין, ווי אומשולדיקע טויבן און זאָלן נאָר וועלן טון מיצוות און מעשים טובים. אַ שעה פאַר דער גאולה זאָלן די מענטשן זיין פאַרוואַנדלט אין חיות רעות, און אַ שעה נאָך דער גאולה, זאָל קיין סימן פון דעם נישט בלייבן; אַלץ זאָל מאָמענטאַל, ווי דורך אַ כישוף, זיך פאַרוואַנדלען אין זיין קעגנזאַץ. די מענטשן זאָלן מיטאיינמאָל פול ווערן מיט ליבע און גוטסקייט, זיך מיט איינמאָל ווערן ברידער; עס זאָל פאַרשווינדן האַס, עס זאָל פאַרשווינדן רשעות, עס זאָל פאַרשווינדן עגאָאיזם, נאָר אחדות און האַרמאָניע און פרידן זאָלן הערשן צווישן די מענטשן פון דאַן ביז אייביק. דאָס אַלץ זאָל זיין די מאָמענטאַלע ווירקונג

פון גואל, וואָס צו זיין מידת הרחמים זאָל גאָר קיין גרעניץ נישט זיין. — ער זאָל ריינ̇יקן, ער זאָל פאַרגעבן, ער זאָל אויפליכטן, ער זאָל גוט־מאַכן.

אַזוי האָבן מענטשן זיך געמאָלט משיחן און משיחס צייטן. פון איין זייט האָט מען זיך אויסגעמאָלט די משיחס צייטן אין די שוואַרצסטע פאַרבן, וואָס קען נאָר זיין. וואו נאָר אַ גרויל, אַ שוידערלעכקייט, אַ פאַרברעכן, האָט מען עס אויסגעטרוימט פאַר די משיחס צייטן: מלחמות, אויסשלאַכטונגען, הונגער, עפּידעמיעס, קראַנקייטן, מאַסן־אומקום, פאַרניכטונג און פאַרוויסטונג. פון דער צווייטער זייט, ווען עס וועט שוין זיין כלו כל הקיצין, און ערגער וועט שוין נישט קענען זיין, וועט בלאָזן שופר של משיח און עס וועט קומען די גאולה. אַלץ וועט אויפלעבן, אַלץ וועט אויפבליען, אַלץ וועט זיך באַנייען, אַלץ וועט אויפלייכטן און אויפשיינען.

אָט די דאָזיקע צוויי שטריכן אינעם משיח־גלויבן: דער שטריך פון אַ איינציקן דערלייזער, און דער שטריך פון אַ פּלוצלונגען איבערברוך פון עקסטרעם שלעכטס צו עקסטרעם גוטס, אַנטשפּרעכן אומגעהויער דעם דואַליזם פון אונדזער מענטשלעכער נאַטור. — דאָס שלעכטע, ווילן מיר אַליין טון; דאָס גוטע, זאָל עמיצער אַנדערש טון פאַר אונדז. זינדיקן, וויל יעדער איינער אַליין; יעדער איינער וויל געניסן די הנאה און דעם געשמאַקן טעם פון זיין־זינדיק. פאַר אַ צדיק אים מאַכן, דאָס זאָל אַ דערלייזער און אַ דערלייזונגס־אַקט. אין אַבסטראַקטן ווילן צו זיין גוט, האָט דער מענטש, נאָר וואָס דען — די גוטסקייט זאָל אַראָפּפאַלן פון הימל, זאָל דורך אַ נס אַריינדרינגען אין אים אַריין, אַן איבערנאַטירלעכער וואונדער זאָל אים מיט איינמאָל פאַרוואַנדלען אין אַ צדיק גמור. באַשליסן אַז דאָס לעבן מוז שוין שטענדיק זיין אומגערעכט, ווייל דער מענטש איז שלעכט, דאָס קען מען בײַ זיך נישט פועלן. עפּעס איז פאַראַן אַ כוח וואָס לאָזט נישט דן־זיין ענדגילטיק און דעפיניטיוו די מענטשן לכף חוב, וואָס לאָזט נישט פאַרמשפּטן דאָס לעבן צו אייביקער אומגערעכטיקייט. ניין! אַמאָל־אַמאָל, ווען די וועלט וועט שוין האָבן דורכגעמאַכט אַלע פּיינען און אַלע ליידן ביזן סוף, ווען די וועלט וועט שוין האָבן דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי

גהינום, ווען די מענטשן וועלן שוין האָבן אויסגעטרונקען דעם בע־כער פון ליידן ביזן דנאָ, דעמאָלט וועט קומען דער איבערברוך און עס וועט זיך אָנהויבן אַ נייע עראַ, אַ עראַ פון מלכות משיח, פון מלכות שמים, — פון מלכות מענטש, עס וועט זיך אָנהויבן די „נייע, גרויסע צייט" פון אוניווערסאַלער גערעכטיקייט...

וואָלט דער מענטש געווען כולו חייב, וואָלט ער אפילו נישט געטרוימט — און נישט אויסגעטרוימט — וועגן קיין משיחים, גאולות און מלכות שמימס. וואָלט ער געווען כולו זכאי, וואָלט ער נישט געוואַרט אויף קיין משיחים און גאולות, ווייל ער וואָלט אַליין געווען משיח; יעדער איינער וואָלט געווען זיין אייגענער משיח און זיין אייגענער גואל, און שטענדיק און אַלע טאָג און אַ גאַנץ יאָר וואָלט געווען גאולה־לעבן פול מיט אהבה און אחדות און שלום. איז עס אָבער נישט אַזוי. דער מענטש איז אי חייב און אי זכאי; חייב אַ סך און זכאי אַ ביסעלע. איז דאָרט וואו עס גייט למעשה, איז מכריע דער חייב און דאָרט וואו עס גייט למחשבה איז מכריע דער זכאי.

V

די זעלבע פסיכישע כוחות וואָס האָבן באַוואוינגן די מענטשן צו גלויבן אין אַ דערלייזער און אין אַ הימלישער אָרדענונג, האָבן זיי אויך באַוואויגן צו גלויבן אין סאָציאַליסטישן אידעאַל, אין אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אָן עקספּלואַטאַציע, אָן אומרעכטן, אָן אומגלייכקייט, וואו עס וועט הערשן האַרמאָניע און פרידן און ברי־דערלעכקייט; וואו יעדער וועט אַרבעטן לויט זיינע מעגלעכקייטן און קריגן לויט זיינע באַדערפענישן.

די אומגעהויערע צאָל וועגן און אומוועגן, הויפּט־ריכטונגען און נעבן־ריכטונגען וואָס זיינען אויפגעקומען, זינט די מענטשהייט האָט, אין די מאָדערנע צייטן, אָנגעהויבן שטרעבן צו אַ לעבן פון פריי־הייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, זיינען דאָ איצט נישט וויכ־טיק. וויכטיק איז די שטרעבונג אַלס אַזעלכע — די שטרעבונג צו אַ אידעאַל לעבן. און די שטרעבונג איז די זעלבע סיי ווען זי איז

געקומען אויסגעדריקט אין א רעליגיעזער פֿאָרעם, אויפֿן גרונט פֿון מיסטישע אידייען און סיי ווען זי איז געקומען אויסגעדריקט אין א וועלטלעכער פֿאָרעם, ווי א סאָציאַלע אידייע. דער זעלבער גייסט וואָס האָט אַמאָל באַוואויגן א נביא אויסצוטרוימען א משיח־גע־שטאַלט און א משיח־געזעלשאַפֿט, און וואָס האָט באַוואויגן מיליאָ־נען מענטשן אין לויף פֿון הונדערטער יאָרן צו גלויבן און וואַרטן און חלומען וועגן דעם, דער זעלבער גייסט האָט אויך שפּעטער באַ־וואויגן דענקער אויסצוטרוימען אידייען פֿון סאָציאַלער גערעכטי־קייט און באַוואויגן מיליאָנען מענטשן צו גלויבן, וואַרטן און קעמ־פֿן פֿאַר זיי. ס׳איז איין און דער זעלבער טרוים וועגן אַן אידעאַלער אָרדענונג, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף דער מענטשישער נאַטור פֿון מענטשן, אַנשטאָט דער איצטיקער אָרדענונג, וואָס איז באַזירט אויף דער אַנימאַלער נאַטור פֿון מענטשן. פֿאַרשטענדלעך, אַז די געדאַנק־לעכע זייט פֿון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער אידייע, שטייט אויף א סך א העכערער שטופֿע ווי די פֿון מלכות שמים אָדער מלכות משיח. די זיינען נישט מער ווי גלויבונגען און יענע איז א דורכגעאַרבעטע אידייע מיט א מעגלעכקייט רעאַליזירט צו ווערן. אָבער, ווי געזאָגט, אינטערעסירט אונדז איצט נישט די דענקערישע זייט זייערע, נאָר די עמאָטיווע, די פּסיכאָלאָגישע זייט, און די איז בייביידע די זעלבע. סיי די מאָדערנע סאָציאַליסטישע אידייע, וואָס האָט אַלס איר ענדציל די אידעאַלע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדענונג, סיי די רעליגיעזע גלויבונגען אין א אידעאַלער אָרדענונג, האָבן א גע־מיינזאַמען גייסט־מקור. די געדאַנקען זיינען מיט דער צייט געוואָרן פֿולקאָמער. אַמאָל זיינען זיי געווען מיסטיש־נאַאיוו, און שפּעטער זיינען זיי געוואָרן ניכטער, קאָנקרעט. די שטרעבונג אָבער איז שטענ־דיק די זעלבע. זי, די שטרעבונג, קומט־אויף אומאויפֿהערלעך, און זי קומט צום אויסדרוק אונטער די פֿאַרשידנסטע פֿאָרמען פֿון דענ־קען און אויפֿפֿאַסן. אין צייטן ווען די מענטשהייט איז באַהערשט פֿון רעליגיעזן דענקען, איז די דאָזיקע שטרעבונג פֿונדאַמענטירט אויף א רעליגיעזער באַזע; אין צייטן פֿון וועלטלעכן דענקען, נעמט די דאָזיקע שטרעבונג אָן א וועלטלעכע דענק־פֿאָרעם. איר פּסיכאָ־שער תוך, איז אָבער אונטער אַלע פֿאָרמען פֿון געדאַנק איין און

דער זעלבער. דאָס ווייזט, אַז די דאָזיקע שטרעבונג איז נישט קיין פּראָדוקט פון איין באַשטימטער עפּאָכע און אַז זי איז נישט אָפּ־הענגיק און ווערט נישט פאַראורזאַכט פון באַשטימטע צייט־אומ־שטענדן, נאָר אַז זי איז איבער צייט־אומשטענדן און איבער עפּאָ־כע־ווירקונגען. דאָס יאָ, די דאָזיקע שטרעבונג שטייט אין באַשטימ־טע פאַרהעלטענישן מיט עפּאָכע־ווירקונגען, זי ווערט פון די עפּאָ־כע־ווירקונגען רעגולירט. אין גינסטיקע עפּאָכן ווערט די דאָזיקע שטרעבונג סטימולירט און אַקטיוויזירט ביזן מאַקסימום, און אין אומגינסטיקע בלייבט זי פּאַסיוו ביז שיינבאַרער אַטראָפּיע. דאָס זיינען אָבער נישט מער ווי רעגולאַציעס פון אַ ביאָלאָגישער קראַפט אינערהאַלב באַשטימטע סאָציאַלע תנאים. די עצם דערשיינונג איז פון סאָציאַלע ווירקונגען נישט אָפּהענגיק און זי ווערט פון זיי נישט באַשאַפן און נישט ליקווידירט.

אָבער פּונקט ווי אין גלויבן אין מלכות משיח און מלכות שמים, אַזוי איז אויך אין גלויבן אין סאָציאַליסטישן מלכות פאַר־געקומען אַ זייער מערקווירדיקע שפּיל צווישן דעם מענטשנס אי־דעאַלער טרוים־פּסיכיק און זיין רעאַלער לעבנס־פּסיכיק. ווען די סאָציאַליסטישע אידייע איז אויפגעקומען, זיינען אַלע פול געווען מיט ענטוזיאַזם און גלויבן אַז זי וועט באַלד פאַרווירקלעכט ווערן. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען דאַרף נאָר נעמען די נייע אידייע און זי אָנווענדן אין דער פּראַקטיק און זי וועט באַלד ווערן לעבן. שפּעטער, ווען מען האָט געפּרואווט אָנווענדן די דאָזיקע אידייע, האָט מען אָנגעהויבן איינזען ווי שווער עס איז צו מאַכן אַפילו דעם מינדסטן שריט פאָראויס.

אויב אין דער „קינדהייט־צייט" פון סאָציאַל־עטישע אידייען האַלט מען, אַז אויסדענקען און פאָרמולירן אַ אידייע איז כמעט דאָס זעלבע וואָס איר איינפירן אין לעבן; דאָס וואָס ס'איז איצט אין פּראָגראַם, וועט שפּעטער אַ ווײַלע זיין אין דער ווירקלעכקייט, — ווייסט מען אין דער רייפקייט־צייט פון סאָציאַל־עטישע אידייען, אַז צווי־שן פּראָגראַם און פאַרווירקלעכונג ליגט אַ גוואַלדיקער מהלך.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס גלויבט מען פון אָנהויב אַזוי שטאַרק

אין דער לייכטער דורכפירבארקייט פון סאָציאַל־עטישע אידייען? וואָס פאַראורזאַכט די אורשפּרינגלעכע נאַאיווקייט אין סאָציאַל־עטישע־באַוועגונגען? פאַרוואָס זעט מען נישט איין גלייך, דאָס וואָס מען וועט אַזוי קלאָר איינזען אין אַ דור אָדער אין צוויי אַרום? זיינען דען די מענטשן אין עפּאָכן ווען נייע סאָציאַל־עטישע אידייען קומען־אויף, נאַרישער פאַר די מענטשן אין די נאָכפאָלגנדיקע ניכטערקייט־עפּאָכן?

דאָ, ווי געזאָגט, קומט פאָר זייער אַ מערקווירדיקע שפּיל פון נעם ביפּסיכיזם און זיין באַאיינפלוסן דעם מענטשלעכן געראַנג. אין דער קינדהייט־פאַזע פון סאָציאַל־עטישע אידייען, לאָזן זיך די מענטשן פולשטענדיק באַהערשן פון עטישע שטימונגען, וואָס דערוואַכן אין זיי אונטערן דרוק פון די נייע אידייען. דאָס אידעאַלע לעבן וועגן וועלכן די מאַסן הויבן אָן ט ר ו י מ ע ן, פאַרשטעלט פאַר זיי דאָס רעאַלע לעבן וואָס זיי פ י ר ן. די מענטשן מיינען דאַן, אַז זיי זיינען אַזוי גוט ווי זיי פילן זיך, טראַכטנדיק פון אַבסטראַקטן אידעאַל־לעבן, און אינדעראמתן זיינען זיי גאָר אַנדערע. די עטישע פילבאַרקייט פון זייער זעלבסט אין צושטאַנד פון אידייאישער אילוזיע, פאַרשטעלט דעם רעאַלן זעלבסט פון דער ווירקלעכקייט. היות ווי לעבנדיק מיט דער פאַנטאַזיע אין דער אידעאַלער וועלט, פילט מען זיך דערהויבן, מיינט מען, אַז מען איז טאַקע אַזוי אין דער ווירקלעכקייט. די עטישע עמפּינדונג פונעם איך אין אידעאַל־אילוזיאָרישן צושטאַנד, פאַרשטעלט דעם רעאַלן איך. מען ווערט געשטרויכלט איבער זיך אַליין; דאָס אַבסטראַקטע סובלימע לעבן פון דער טעאָריע, פאַרדעקט דאָס קאָנקרעט־עגאָאיסטישע לעבן פון דער פּראַקטיק. וואָרום אין דער זעלבער צייט וואָס מען איז אַ אָנהענגער פון אַ „נייער אידייע”, לעבט מען דאָך דאָס „אַלטע” לעבן. דאָס הייסט, אַז אין דער אידייע איז מען איינס, און אין דער ווירקלעכקייט עפּעס אַנדערש. ווען די אָנהענגער פון דער נייער אידייע וואָלטן געלעבט באַוואוסטזיניק זייער ווירקלעך לעבן, — וואָלטן עס אויסגעפּאָרשט, באַטראַכט און דערקענט, וואָלטן זיי גלייך געקענט איינזען דעם גרויסן קאָנטראַסט, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר צום אידעאַלן לעבן פון דער אידייע. אָבער זיי האָבן

עס נישט געטון. אויפן אידייען־לעבן האָבן זיי געהאַלטן קאָנצענטרירט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און האָבן עס „געלעבט" (ד"ה: געטרוימט) אין דער פולער מאָס באַוואוסטזיניק; דאָס ווירקלעכע לעבן, אין קעגנטייל, האָבן זיי געלעבט ספּאָנטאַן און אומבאַוואוסטזיניק, — זיי האָבן עס נישט גענומען אין אַכט און האָבן זיך ניט אומגעקוקט דערויף. און ווען אַפילו זיי זיינען אויף אַ מאָמענט דערויף יאָ אויפמערקזאַם געוואָרן און האָבן דערפילט די סתירה צווישן „הויכן" לעבן פון דער אידייע און דעם „נידעריקן" לעבן פון דער ווירקלעכקייט, האָט עס אויך נישט אויסגעמאַכט, וואָרום „נאָכדעם" — נאָכדעם ווי „עס וועט איינגעשטעלט ווערן" דאָס נייע לעבן, האָט עס געהייסן, וועלן אַלע אָנהויבן לעבן גוט. דאָס *ווירקלעכע* שלעכטע לעבן פון *איצט*, איז אַ מינדערווערטיקס, אַ פאַרבייגייענדיקס, האָט נישט קיין שום באַדייטונג און וועט „נאָכדעם" זיך צעגיין ווי רויך...

דער *אידעאַל־טעאָרעטישער מענטש* האָט גענומען די אויבערהאַנט איבערן *ווירקלעכן מענטש*. דער *סובלימער לעבנס־סדר פון דער פאַנטאַזיע*, האָט פאַרדרענגט דעם *ספּאָנטאַנעם* לעבנס־סדר פון דער *ווירקלעכקייט*. מען האָט זיך געזען איינגעהילט אין העלן שלייער פון טרוים און מען האָט נישט געזען דאָס אייגענע גרויע וואָכעדיקע געשטאַלט פון דער וואָר. מען האָט זיך געלאָזט פאַרטראָגן אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע אין פריילעכע הימלען און מען האָט נישט געזען, אַז מען געפינט זיך *פאַקטיש* אויף דער טרויערדיקער ערד. דער אַקטיוויזירטער אַבסטראַקטער אַלטרואיזם, האָט בלינד־געמאַכט אויף דעם פאַקטישן עגאָאיזם און מען האָט געמיינט אַז שוין, אַז אויס מיטן עגאָאיזם. פונקט ווי אַ יונגערמאַן מיט אַ צעהיצטער פאַנטאַזיע וואָס בויט זיך גאָלדענע שלעסער אין דער לופטן און מאָלט זיך דאָס לעבן אַזוי העל ווי ער וואָלט געוואָלט דאָס זאָל זיין, זעט נישט דעם אייגענעם עגאָאיזם, די אייגענע פאַרריסנקייט, נאָר וואָלט געוואָלט אַז אַלץ זאָל אים שמייכלען, אַלע זאָלן אים גיין אַנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, — כאָטש ער איז עס זעלטן גרייט צו טון

עמיצן, אַזוי איז עס אויך מיט דער מענטשהייט ווען זי געפינט זיך,
לגבי סאָציאַל־עטישע אידייען, אין דער פאַזע פון „יוגנטלעכער, צע־
היצטער פאַנטאַזיע”. דער זעלבער פסיכישער פּראָצעס איז גילטיק
פאַרן כלל ווי פאַרן יחיד. אין ערשטן ווי אין צווייטן פאַל, פאַר־
שטעלט דער אַבסטראַקטער ווילן אַז „אַזוי זאָל עס זיין” דעם קאַנ
קרעטן „אַזוי א י ז עס”; דער אַבסטראַקטער ווילן צום אידעאַל,
פאַרשטעלט די וועזנטלעכע עגאָאיסטישע כוחות, וועלכע מאַכן אַז
דאָס לעבן זאָל זיין אומאידעאַל.

און פונקט ווי אין אינדיווידועלן פאַל קען מען דעם יונגן
פאַנטאַזיאָר נישט אויסלערנען צו זיין אַ פּראַקטישער מענטש, מחמת
דער ווילן וואָס צווינגט אים צו זיין אַ פאַנטאַזיאָר ווירקט אומ־
אויפהערלעך און איז שטאַרקער פאַר אַלע לעקציעס פון קלוגע
דערפאַרענע טאַטעס און לערערס, און אויסלערנען זיך „שכל” און
פּראַקטישקייט קען דער מענטש נאָר אַליין, דורך אוממיטלבאַרער
דערפאַרונג — אַזוי איז דאָס אויך אין קאָלעקטיוון פאַל: קען מען
דער ענטוזיאַסטיש־גלויבנדיקער מענטשהייט נישט אויסלערנען צו
דענקען ניכטער און פּראַקטיש, איידער זי האָט אַליין באַקומען די
געהעריקע דערפאַרונג. וואָרום אין דער ספערע פון אַבסטראַקטן
דענקען זעט מען נישט און מ׳פילט נישט די אייגענע עגאָאיסטישע
נשמה, נאָר מ׳זעט בלויז און מ׳פילט בלויז די אייגענע אידעאַלע
נשמה. דערפאַר שאַפט זיך דער פאַלשער פאַרפירערישער איינ־
דרוק, אַז מ׳איז אַזוי גוט — און אַלע זיינען אַזוי גוט — ווי מ׳פילט
זיך אין טרוים. ערשט ווען מ׳הויבט אָן אַריבערברענגען אידעאַלן
פון דער ספערע פון דענקען אין דער ספערע פון טאָטן און מ׳הויבט
זיך אָן אָנצושטויסן אין די שטערונגען וואָס עס פאַראורזאַכט די
אייגענע עגאָאיסטישע נשמה, הויב מען זיך אָן אָפּגעבן ח ש ב ו ן,
מ׳הויבט אָן ווערן א ו י פ מ ע ר ק ז אַ ם, אַז מען איז גאָר־
נישט אַזאַ צדיק ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן אין דער „טעאָריע”,
ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן אין צושטאַנד פון אַבסטראַקטן דענ־
קען. אין צושטאַנד פון טעאָרעטישן אידעאַליזם האָט מען גאָר דעם
אייגענעם עגאָאיסט לחלוטין נישט געפילט און נישט באַמערקט.
ווען עס קומט צו פּ ר אַ ק ט י ש ן אידעאַליזם, הויבט מען אים

יאָ אָן פילן און באַמערקן, און מען הויבט אָן איינזען, אַז מען האָט זיך געטעטעוועט אין זיך אַליין; מען האָט זיך שלעכט געקענט און שלעכט פאַרשטאַנען. דורך די ברילן פון דער אידייע האָט מען זיך אַליין — און אַלע מענטשן צוזאַמען גענומען — געזען העל און ראָזעווע, און אָן די ברילן פון דער אידייע, נאָר מיט די הוילע אויגן פון דער ווירקלעכקייט, זעט מען זיך גאָר — און אַלעמען — גרוי און וואָכעדיק און קליינלעך. עס הויבט אָן קומען *אויסניכטערונג*, דאָס הייסט: בעסערע *זעלבסטדערקענונג*; מ׳הויבט אָן בעסער צו פאַרשטיין זיך אַליין און מ׳הויבט אָן בעסער צו פאַרשטיין אַלעמען, — מ׳הויבט אָן באַקומען דערפאַרונג, דערפאַרונג פון זיך און פון אַנדערע. באַקומען דערפאַרונג מיינט גישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר באַקומען ריכטיקע דערקענטעניש פון זיך אַליין און פון אַנדערע, — דערקענען *די צווייטע זייט פון דער אייגענער נשמה*; באַוואוסט־ווערן אויף די אייגענע עגאָאיסטישע כוחות, אויף וועלכע די טעאָרעטישער אידעאַליזם האָט פאַרבלענדט די אויגן. און דאָס קען מען צום בעסטן טון, ווען מען הויבט אָן אויספּרוּוון אידעאַלן אין לעבן. פּונקט ווי דער יחיד קען זיך צומבעסטן דערקענען דעמאָלט ווען ער פּרוּווט זיך אַליין אויס, אַזוי איז דאָס אויך מיט דער מענטשהייט. ווען מען הויבט אָן מאַכן פון אידעאַלער טעאָריע אידעאַלע פּראַקטיק און מען האַלט זיך כּסדר אין איין אָנשטויסן אין שטערונגען און שוועריקייטן, ערשט דעמאָלט הויבט מען אָן *דערפילן* דעם כּוח פון דעם מענטשלעכן עגאָאיזם, וואָס מען האָט פריער, אין צושטאַנד פון אידעאַל־טעאָרעטישן ענטוזיאַזם, פאַרזען, מינדערגעשאַצט און איגנאָרירט. אַזוי לאַנג ווי אידעאַלן געפינען זיך אין דער טעאָריע און מען פּרוּווט זיי נישט אויס אין לעבן, אַזוי לאַנג קען מען וועגן זיי מאַכן די ווייטגייענדיקסטע אילוזיעס, וואָרום אויפן באָדן פון דער טעאָריע זעט מען בלויז די העלע זייט פון אונדזער נשמה; די טונקעלע זייט אירע, איז ניט זעבאַר; די טונקעלע זייט פון אונדזער נשמה ווערט זעבאַר ערשט ווען עס קומט צו טאַט און פאַרווירקלעכונג פון אידעאַלן. ווען עס קומט צו דער פאַרווירקלעכונג פון אידעאַלן נעמען די די פאַרזעענע

עגאָאיסטישע כוחות קעגנווירקן דעם בלויז־באַמערקטן אידעאַליזם פון דער טעאָריע און לאָזן נישט די אידעאַלן זיך רעאַליזירן אין לעבן.

אין מאָמענט פון זייער טעאָרעטישער אַנטשטייאונג האָבן די אידייען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אומגעהויער באַגייסטערט די מענטשן. אַלע מענטשן זיינען געווען ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון די דאָזיקע הויכע דערהויבענע אידעאַלן; אומבאַדינגטע אָנהענגער. אָבער דאָס אַלץ איז געווען בלויז טעאָרעטיש, אַבסטראַקט, אין דער אידייע. ווען עס איז געקומען צו דער פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע אידעאַלן, האָט זיך כסדר, און אַלעמאָל מער, געהאַלטן אין איין אַרויסווייזן, אַז די מענטשן ווילן נישט זיין פריי, ווילן נישט זיין גלייך און ווילן נישט זיין קיין ברידער. די פרייהייט, די גלייכהייט און די ברידערלעכקייט האָבן זיי געהאַט בלויז אין דער פאַנטאַזיע, אָבער נישט אין „בלוט״; ס'איז געווען ביי זיי אַן אידעאַלע וויזיע, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז זי איז ווירקלעכקייט. האָבן זיי זיך אַרומגעזען אַז נישט. וואָרום ווען די מענטשן וואָלטן טאַקע אין דער ווירקלעכקייט געוואָלט זיין פרייע, גלייכע און ברידער, וואָלטן אויף מאָרגן נאָכן פּראָקלאַמירן די דאָזיקע אידעאַלן דאָס לעבן געוואָרן אַזעלכעס, וואָרום ווען די מענטשן וואָלטן מיט אַן אמת געוואָלט פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, דאָס הייסט, זיי וואָלטן אָרגאַניש, ספּאָנטאַן, וועזנטלעך געווען פרייע, גלייכע און ברידער — ווער און וואָס וואָלט זיי דען געקענט שטערן צו זיין דאָס וואָס זיי זיינען און צו לעבן אין אַנקלאַנג מיט זיך אַליין !... נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען עס נישט, נאָר דערפאַר האָבן זיי עס נישט, און דאָס וואָס זיי זיינען יאָ, דאָס האָבן זיי יאָ: זיי האָבן אַזאַ לעבן, סאַראַ מענטשן זיי זיינען! דערקענען ווער די מענטשן זיינען, קען מען נאָר דורך דעם לעבן וואָס זיי פירן. דאָס וואָס עס ו ו י י ז ט ז י ך א ו י ס אַז מ'וויל, דאָס וואָס מ'וויל אַבסטראַקט, אין דער פאָרשטעלונג, דאָס הייסט נאָך נישט געוואָלט. ווען מען מיינט, אַז דאָס וואָס מען וויל אין דער אידייע, וויל מען אויך אין דער פּראַקטיק; ווען מען מיינט, אַז מען איז אַזוי ווי מען פילט זיך אין אידעאַלן טרוים, מאַכט

מען א טעות! פריער אָדער שפּעטער מוז קומען די אויסניכטערונג און מ'הויבט אָן דערקענען זיך אַליין!

די לעצטע אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטן געשיכטע, זיינען איין לאַנגע לעקציע פון זעלבסטדערקענטעניש פאַר דער מענטשהייט. וועט זי עפּעס לערנען פון דער דאָזיקער לעקציע? מסתמא נישט. דער טעות פון זעלבסט־אידעאַליזירונג איז נישט קיין צופעליקייט, נאָר ער האָט פעסטע וואָרצלען אין מענטשנס גייסט. אַזוי איז דעם מענטשנס גייסט קאָנסטרואירט: די טרוימען און די האָפענונגען דאַרפן זיין אידעאַל און דאָס לעבן — „רעאַל". די דערפאַרונגען פון איין עפּאָכע קענען נישט דינען פאַר דער צווייטער. ווען די מענטשהייט וואָלט פעאיק געווען צו לערנען פון אייגענע היסטאָרישע דערפאַרונגען, וואָלט זי א סך פעלערן פאַרמיטן. די זאַך איז אָבער וואָס נישט אינדיווידועל און נישט קאָלעקטיוו קען מען אירערגעבן דערפאַרונגען וואָס מען האָט אַליין נישט באַקומען. מיט יענעמס דערפאַרונג קען זיך קיינער אַליין נישט נוצן. דערפאַר איז עס אַזאַ אָפטע דערשיינונג, אַז די געשיכטע זאָל זיך איבערחזרן און די מענטשהייט זאָל אָבער און ווידעראַמאָל באַגיין פעלערן וואָס זי איז שוין אַמאָל באַגאַנגען און זאָל האָבן פונדאַסניי אילוזיעס פון וועלכע זי האָט זיך שוין אין אַנדערע צייטן אויסגעניכטערט. קעגן דער נאַטור קען מען קיין חכם נישט זיין. וויבאַלד עס איז אַן איינגעשאַפט פון מענטשנס גייסט זיך צו מאַכן אילוזיעס און האָבן הויכע אידעאַלע שטרעבונגען, וועלן דערצו קיין שום אַמאָליקע דערפאַרונגען נישט העלפן. פּונקט ווי אין אינדיווידועלן פאַל קענען די דערפאַרונגען פון קלוגן פּראַקטישן טאַטן נישט נוצן דעם יונגן זון — דעם ענטוזיאַסט, דעם אידעאַליסט, דעם טרוימער, אַזוי איז דאָס אויך דער פאַל מיט דער מענטשהייט אַלס גאַנצע. אַזוי א י ז די מענטשהייט: אַלס אידעאַל האָט זי מלכות שמים, מלכות משיח, אוטאָפּיע, פרייהייט־גלייכהייט־ברידערלעכקייט־געזעלשאַפט און סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. די דערפאַרונגען פון איין עפּאָכע קענען דאָ גאַנץ ווייניק אויפטון פאַר דער צווייטע עפּאָכע.

און נישט נאָר אין זייער ענדציל זיינען די אידעאַלן שטענדיק די זעלבע, נאָר אַפילו אין זייערע מעטאָדן זיינען זיי די זעלבע. ווי

פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, איז דאָך פאַראַן אַ מערק־ווירדיקע ענלעכקייט צווישן דעם אופן גלויבן אין ביאת משיח און דעם אופן גלויבן אין ביאת סאָציאַליזם דורך סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָ ווי דאָרט איז פאַראַן דער גלויבן, אַז דער איבערגאַנג פון עקס־טרעם צו עקסטרעם — פון עקסטרעם שלעכטס צו עקסטרעם גוטס — וועט פאָרקומען אַדאַנק אַ איינמאָליקן איבערברוך. אַ איינמאָלי־קער גרויסער דערלייזונגס־אַקט — ביאת משיח אָדער די סאָציאַלע רעוואָלוציע — וועט דורכפירן אַזאַ גרינטלעכע, וועזנטלעכע, ביאָ־לאָגישע טראַנספאָרמאַציע איבער די מענטשן, אַז זי וועט זיי פאַר־וואַנדלען בפועל ממש אין נייע באַשעפענישן. זיי, די מענטשן, די יחידים, פאַרשפּאָרן זיך אָנצושטרענגען צו לעבן שענער און בע־סער, זיי פאַרשפּאָרן זיך די מי אַליין צו דערציען אין זיך דעם ברו־דער, דעם גלייכן, דעם סאָלידאַרישן, דעם משיחדיקן, דעם סאָציאַ־ליסטישן מענטשן. וואָרום וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דער יחיד — קיין שום ווערט נישט! דער יחיד קען פאַר זיך אַליין גאָרנישט טון און ער דאַרף גאָרנישט טון. ער מעג זיך לעבן ווי ער וויל און מעג זיך זיין וואָס ער וויל; ער מעג שטיין אויף אַ הויכער צי אַ נידעריקער מאָראַלישער שטופע; ער מעג זיין דער גרעסטער רשע צי דער גרעסטער צדיק — אַלצאיינס וועט אים דער „דערלייזונגס־אַקט" פאַרוואַנדלען אין „נייעם, דערלייזטן מענטשן". אַזוי האָבן געגלויבט פרומע אידן אין משיחן און אַזוי האָבן געגלויבט פרומע סאָציאַליסטן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

און געגלויבט האָבן זיי אַזוי, ווייל עס איז געווען באַקוועם אַזוי צו גלויבן. וואָרום דער דאָזיקער גלויבן האָט געגעבן פרייע הענט אי היינט צו זיין אַ „פּראַקטישער" מענטש, און אי אויף „מאָרגן" צו האָבן דעם גרויסן אידעאַל.

פאַר גאָר אַ סך האָט דער גלויבן אין סאָציאַלער רעוואָלוציע זיך פאַרוואַנדלט אין אַזאַ אַבסטראַקטן גלויבן ווי דער משיח־גלוי־בן פאַר פרומע אידן. פונקט ווי גלויביקע אידן האָבן אַבסטראַקט אויף משיחן, אַזוי האָבן אַ סך גלויביקע סאָציאַליסטן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז געוואָרן זייע־רע אַן אידעאַלע צוקונפט־וויזיע. זי באַפרידיקט אין זיי די באַדער־

פעניש צו האָבן אַן אידעאַלן חלום פאַר לעתיד לבוא. מיט זייער רעאַלן טאָג־טעגלעכן לעבן האָט עס נישט די מינדסטע שייכות; מיטן רעאַלן, טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיי זיך פולשטענדיק אַריינגעפּאַסט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

אָבער פּונקט ווי קיינמאָל האָבן קיין משיחים נישט דערלייזט, אַזוי וועלן זיי היינט און מאָרגן אויך נישט דערלייזן. די מענטשן מוזן זיך אַליין דערלייזן. וואָלטן די מענטשלעכע מאַסן געוואָלט דעם מלכות משיח און דעם מלכות סאָציאַליזם, וואָלטן זיי אים געקענט איינשטעלן יעדן טאָג און יעדע מינוט, וואָרום ווען זיי, די מענטשלעכע מאַסן, וואָלטן געוואָלט, ווער וואָלט זיי דען געקענט שטערן! די זאַך איז נאָר וואָס זיי ווילן עס נישט. זיי טוען ניט מער ווי טרוימען וועגן גאולה. ווען זיי טרוימען וועגן גאולה, זעט עס זיי אויס הויך, שיין און דערהויבן. ווערט אָבער גאולה ווירקלעכקייט, הערט עס אויף צו זיין גאולה.

בלויז די עטישע מענטשן, די ביאָלאָגישע מענטשן, זיי זיינען פעאיק צו לעבן דאָס גאולה־לעבן און נישט בלויז צו טרוימען וועגן דעם. ווען די דאָזיקע וואָלטן משפיע געווען אויפן אַלגעמיינעם לעבן אין דער פולער מעגלעכער מאָס; ווען זיי וואָלטן לאַנג און אָנהאַלטנדיק באאיינפלוסט דאָס מאַסן־לעבן, דעמאָלט וואָלט געקענט זיין אַ רייד פון לאַנגזאַם דערנענטערן דעם „קץ", פון גרינטלעך צוגרייטן די באַזע פאַר דער „משיח"־געזעלשאַפט.

קאפיטל 7

די שאַפער פון עטישן מאָנאָטעאיזם

I

דאָס אידישע פאָלק האָט זיך נישט אַנטוויקלט אין קיין געאָ־גראַפיש־אָפּגעזונדערטער לאַגע פון אַלע סעמיטישע פעלקער, נאָר איז אויפגעקומען אינערהאַלב און אין סאַמע האַרץ פון אַלגעמיין סעמיטישן צענטער. אין קיין שום הינזיכט נישט האָט דאָס אידישע פאָלק געלעבט אַנדערש ווי עס האָבן געלעבט די אַנדערע סעמיטישע פעלקער, זיינע שטאַם־ברידער, זינט די עלטסטע פּרעהיסטאָרישע צייטן. סיי אין דער עלטסטער פּאַזע ווען זיי זיינען געווען נאָמאַ־דישע פּאַסטוכער, סיי נאָכדעם ווען זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו אַ באַזעסן לעבן פון ערדאַרבעט, זיינען שטענדיק די אויסערלעכע לעבנס־תנאים געווען גלייך פאַר די אידן ווי פאַר אַלע זייערע שכנים און ראַסן־ברידער. טאָ פאַרוואָס האָבן זיך די אידן אָנגעהויבן אויסטיילן פון די פילע אַנדערע סעמיטן?

נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר זוכן די סיבה פון דער אידישער אויסטיילונג אין אַ אידייע, — אין דער אידייע פון איין גאָט. די דאָזיקע אידייע איז געווען די דירעקטע סיבה פון דער אי־דישער אָפּזונדערונג און אָן איר וואָלט דאָס אידישע פאָלק פאַר־שלונגען געוואָרן צווישן אַלע פעלקער פון אָריענט. די מאָנאָטעאיס־

פישע אידייע האָט אויף כוח אָנגעהויבן ארויסרייסן דאָס אַלטע עברים־פאָלק פון צווישן אַלע סעמיטישע פעלקער, מיט וועלכע דאָס איז געווען באַהעפט געאָגראַפיש, ראַסיש און קולטורעל און פון וועלכע דאָס איז געווען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל. אויב נישט אָפּגרעניצן די סיבה פון ישראלס געבורט אַלס היסטאָריש פאָלק אין דער מאָנאָטעאיסטישער אידייע, בלייבט די דאָזיקע דערשיינונג אומ־דערקלערלעך. — פאַרוואָס האָט דאָס אידישע פאָלק זיך אָנגעהויבן אויסטיילן פון אַרום? מיר זעען פאַר זיך אַ מאַסע סעמיטישע שטאַמען און פעלקער, וועלכע לעבן יאָרטויזנטער אַלע פונקט אונטער די זעלבע אומשטענדן, און פּלוצלינג זעען מיר ווי פון דער דאָזיקער אבסאָלוט גלייכאַרטיקער און אוניפאָרמער מאַסע נעמט זיך אויס־טיילן איין שטאַם, וואָס פאַרנעמט זיך גאָר אינגאַנצן אויף אַן אַנ־דער וועג ווי אַלע איבעריקע. זיכער אַז די סיבה פון דער דאָזיקער אויסטיילונג קען דאָ נישט זיין קיין אויסערלעכע, קיין עקזאָטערי־שע, אַזאַ וואָס שטאַמט פון דער סביבה, נאָר די סיבה מוז דאָ זיין אַ ענדאָטערישע, אַזאַ וואָס איז געקומען פון אינערהאַלב דעם גע־געבענעם שטאַם.

עס איז דאָ אַ גרונט צו מיינען, אַז פון זינט די מאָנאָטעאיסטי־שע אידייע איז געוואָרפן געוואָרן ביז זי האָט זיך אָנגענומען, האָט געדויערט טויזנט יאָר און אפשר נאָך מער. ערשט נאָכן צוריקקער פון גלות־בבל קען מען זאָגן, אַז דער גלויבן אין איין גאָט איז שוין פעסט געשטאַנען. ביז גלות־בבל איז פאָרגעקומען אַ ראַנגלעניש צווי־שן דער מאָנאָטעאיסטישער אידייע מיט דער פילגעטעריי. די ראַנג־לעניש איז פאָרגעקומען אין צוויי הינזיכטן. ערשטנס איז די פּאָ־זיציע פון דעם נייעם איינציקן גאָט נאָך געווען זייער אַ שוואַכע, און צווייטנס האָבן די אַלטע געטער־פאָרמען געהאַלטן אין איין אָריינדרינגען אינערהאַלב דעם נייעם גאָט, אַזוי אַז יאהווע איז שיר נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאָך איינעם פון די פיל עקזיסטירנ־דיקע אָפּגעטער. געענדיקט האָט זיך עס מיטן נצחון פון איינציקן גאָט, און דאָס איז געווען דאָס ווייכטיקסטע. דער זוימען פון מאָ־נאָטעאיזם האָט זיך אָנגענומען און האָט, מיט דער צייט, געבראַכט צו דער גרעסטער רעוואָלוציע אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

פונוואַנען אָבער האָט זיך צום עברים־פאָלק גענומען די יאַהוועי־אידייע ווער האָט אים די דאָזיקע אידייע איינגעגעבן?*

די אַלטע אידישע מסורה הויבט אָן די געשיכטע פון יאַהוועז מיטן פאַטריאַך אברהם. ער זאָל געווען זיין דער ערשטער וואָס האָט איבערגעריסן מיט דער פילגעטעריי פון זיינע אָבות און זאָל האָבן אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק אַז עס עקזיסטירט אַ איינציקער גאָט. דער דאָזיקער געדאַנק אין אַ וועלט פול מיט געטער און געצנדינסט, האָט, נאַטירלעך, געמוזט אָנטרעפן אויפן גרעסטן ווידערשטאַנד פון אַרום, וואָרום ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקלעכע רעוואָלוציע. דאָך איז אין איין צווייג פון אברהמס שטאַם, אין דעם צווייג פון ישראל, געפאַלן דער זאָמען פון דעם מאָנאָטעאיסטישן געדאַנק. און די אַנדערע עברימשע שטאַמען, ווי עמון, מואב, אדום, האָבן דעם דאָזיקן געדאַנק פון לכתחילה לחלוטין צוריקגעוויזן און ער איז זיי געבליבן אינגאַנצן פרעמד. אין שטאַם פון ישראל האָט דער מאָנאָטעאיסטישער געדאַנק געלאָזט שפּורן און געשלאָגן וואָרצלען. עס איז געוואָרן אַ טראַדיציע לדורות אין שבט, אַז ער האָט אַן איינציקן שוץ־גאָט, וואָס איז אַנדערש ווי אַלע געטער פון אַלע שבטים.

דערביי האָט דער פּאַטריאַרכאַלער לעבנס־אופן פון די סעמיטן דאָ געמוזט שפּילן אַ גרויסע ראָלע. וואָרום ווען אַ פילאָזאָפיש־געשטימטער ראש פון אַ סעמיטישן שבט מיט אַ נטיה צו וועלט־באַטראַכטונג, האָט דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דעם רעליגיעזן געדאַנק פון זיין צייט און איז געקומען צום שלוס אַז די היפּאָטעזע פון פילגעטעריי איז נישט אָננעמבאַר, נאָר אַז מער ווארשיינלעכער איז

---

* כדאַי דאָ צו דערמאָנען, אַז פרעה אַמענאָפיס 4, צו וועמען עס איז געווען געווענדט די באַרימטע — אין דער פאָרשונג פון דער אור־אַלטער אידישער געשיכטע — תל־אל־עמרנאַ קאָרעספּאָנדענץ, איז געווען אַ רעליגיעזער רעפאָרמאַטאָר; ער האָט געוואָלט איינשטעלן דעם קולט פון איין גאָט, פון דער זון, — אַטאָן, און האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער צו שליסן אַלע פּילגעטערישע טעמפּלען פון עגיפּטן און סיריע. ער האָט זיך איבערגעמאַכט זיין נאָמען פון אַמענאָפיס, וואָס מיינט געהייליקטער צו אַטאָן, אויף עכנאַטאָן — דער זונס שיין.

די עקזיסטענץ פון איין גאָט, האָט די דאָזיקע איבערראשאצונג פֿון זיין וועלט־באַנעם געמוזט האָבן אַ ווירקונג אויפֿן געדאַנקענגאַנג פון זיין שבט, וועלכער האָט זיך געפֿונען אונטער זיין מאַכט און השפּעה. דאָ האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן פּריידיקן אַ אידייע, צו אַ פרייער אוידיטאָריע, וואו דער איינציקער רעקורס פאַר דער אידייע זי זאָל זיך אָננעמען, איז די אינערלעכע איבערצייגונג פון די צוהערער, נאָר דאָ, אין די אומשטענדן פון אַלטן סעמיטישן שבט, איז אַ אידייע וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון אַ שבט־עלטכטן, אימפּאָנירט געוואָרן מיטן כוח פון דער פּאַטריאַרכאַלישער אויטאָריטעט. דאָ איז נישט געגאַנגען וועגן קיין איבערצייגונג, נאָר דאָ איז געגאַנגען וועגן דעם וואָס דער פּאַטריאַרך, דער טאַטע פון שבט, גלויבט אַזוי, און וויבאַלד דער שבט־טאַטע גלויבט אַזוי, איז דער גאַנצער שבט מער אָדער ווייניקער מחויב אַזוי צו גלויבן. אפילו דעמאָלט ווען למעשה האָט דער שבט אַלס גאַנצער ווייטער פּראַקטיצירט דעם אַלטן גלויבן און די אַלטע רעליגיעזע צערעמאָניעס, איז דאָך געבליבן אַ איינדרוק פון אַ נייער רעליגיעזער אידייע צווישן די שבט־מיטגלידער. מיט דער צייט, — נאָכן טויט פון פּאַטריאַרך דעם דענקער און רעפאָרמאַטאָר — האָט זיין אידייע אָנגעהויבן ווערן טראַדיציע אין שבט; עס איז געוואָרן טראַדיציע, אַז דער שבט האָט עפּעס צו טון מיט אַ גלויבן אין איין גאָט. עס האָבן נאָכדעם געקענט אויפשטיין מענער צו וועלכע דער גלויבן אין איין גאָט האָט באַזונדערס אַפּעלירט און זיי זיינען געוואָרן זיינע אייפעריקע פּאַרטיידיקער, פּראָפּאַגאַנדירער און פאַרפלאַנצער. עס זיינען מסתמא געווען אויך אַזעלכע וועלכע דער גלויבן אין איין גאָט איז נישט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן פון אים נישט געהאַלטן.

ווער דער גאָט איז, ווי אַזוי ער הייסט, וואָס ער וויל — דאָס האָט מען נישט געוואוסט. מען האָט אים גערופן דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב; מען האָט אים גערופן דער גאָט פון ישראל און מער גאָרנישט. קיין שום דעפיניציע נישט; קיין שום אייגנשאַפט נישט, קיין שום אַטריבוט נישט. און ווען דער זעלבער גאָט האָט זיך אין צייטן אַרום באַוויזן צו זיין גרעסטן נביא, צו משהן, האָט ער זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אַלס גאָט פון ישראל, אַלס גאָט

וואָס „איז וועד ער איז" — היה אשר היה. מער האָט גאָט נישט געהאַט וועגן זיך וואָס צו זאָגן און וואָס צו דערקלערן. עס איז געווען אַן אַנאָנימער שטאַם־גאָט וועגן וועלכן מ׳ווייסט מער גאָרנישט נאָר אַז אין שטאַם איז פאַראַן אַ טראַדיציע אַז ער האָט אַזאַ גאָט.

אַרויסגעבראַכט איינמאָל דורך אַ פּרימיטיוון דענקער פון סעמיטישן עברים־שטאַם, איז דער מאָנאָטעאיסטישער געדאַנק שוין מער נישט פאַרלוירן געגאַנגען, ביז ער האָט אין די עטישע נביאים געקריגן זיין העכסטן און ענדגילטיקן תיקון. דער עטישער מאָנאָטעאיזם ווי ער איז אויסגעדריקט אין די בעסטע ערטער פון תנך איז דער לעצטער גילגול פון אַ אידייע וואָס איז אַמאָל פאָרקלאַמירט געוואָרן פון אַ איינזאַמען סעמיטישן פילאָזאָף. מער ווי טויזנט יאָר האָט עס געדויערט, ביז די דאָזיקע אידייע האָט זיך ווי געהעריק פונאַנדערגעוואַקסן און פונאַנדערגעבליט. די אידישע לעגענדע רופט דעם דאָזיקן איינזאַמען פילאָזאָף אַן אברהם. זאָל זיין אַזוי. פאַר אונדז איז עס אַלצאיינס, ווי אַזוי ער האָט געהייסן. ווען עס וואָלט אַפילו אינגאַנצן קיין לעגענדאַרער אברהם נישט געווען, וואָלטן מיר אַזעלכן געמוזט אויסטראַכטן, דאָס הייסט, מיר וואָלטן געמוזט אויסטראַכטן אַן ערשטן דערקענער און אויסטרוימער פון אַן איינציקן גאָט, אינמיטן פון אַ וועלט וואָס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט פּילגעטעריי. די מאָנאָטעאיסטישע אידייע האָט אין אָנהויב געמוזט זיין נאָר אַן אינדיווידועלע שאַפונג. ריידן וועגן דעם אַז דאָס אידישע פאָלק, דאָס הייסט דער סעמיטישער נאָמאַדן־שבט בני ישראל, איז געווען דער שאַפער פון דער מאָנאָטעאיסטישער אידייע, אין אַ סביבה וואָס איז געווען פאַרפלייצט פון אַגרעסיווער פּילגעטעריי, האָט קיין ברעקל זינען נישט. אינדעראמתן האָט זיך דער שבט בני ישראל מיט קיין זאַך נישט אונטערגעשיידט — און זיך נישט געקענט אונטערשיידן — פון די אַנדערע צענדליקער און הונדערטער אַזעלכע שבטים, מיט וועלכע דער אַלטער אָריענט איז געווען פול. צוזאַמענעסטן זעען מיר עס אַרויס פון די כמעט היסטאָרישע באַשרייבונגען וועלכע שילדערן דאָס לעבן פון די בני ישראל אין כנען. מיר זעען פאַר זיך אַ סעמיטיש פאָלק גלייך צו אַלע אַזעלכע פעלקער. די מילדע אויסדרוקן אין די תנך־ספרים וואָס שילדערן

דעם דאָזיקן פעריאָד, האָט די ביבל־קריטיק דערוויזן אַז זיי זיינען אינטערפּאָלאַציעס פון שפּעטערע רעדאַקטאָרן און איבערשרייבער. די אידן אין כנען, נישט אין דער ערשטער עפּאָכע פון די שופטים און נישט אין דער עפּאָכע פון די צוויי מלוכות, זיינען אינדער־אמתן נישט געווען נישט קיין מאָנאָטעאיסטן און אוודאי נישט קיין עטישע מאָנאָטעאיסטן. און אויב זיי זיינען אַזעלכע נישט געווען אַלס באַזעסן פאָלק אין שפּעטערדיקן פּעריאָד, זיינען זיי עס אוודאי נישט געווען אַלס נאָמאַדן אין אַן עלטערן פּעריאָד.

אַלץ וועגן וואָס מיר זיינען באַרעכטיקט צו ריידן איז וועגן אַ שוואַכן מאָנאָטעאיסטישן אָנדייט, וועגן אַ שוואַכן מאָנאָטעאיסטישן אָנונג, וואָס האָט אַרומגעבלאָנזשעט אין משך פון יאָרהונדערטער און יאָרהונדערטער אין פאָלק. אָבער דער דאָזיקער אָנדייט און דער דאָזיקער אָנונג האָט סוף כל סוף אַרויסגעהויבן דאָס פאָלק. די לאַ־טענטע מאָנאָטעאיסטישע אידייע, זי איז עס געווען דער כוח וואָס האָט ענדלעך אויסגעטיילט דאָס פאָלק. נישט דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן די מאָנאָטעאיסטישע אידייע, נאָר די מאָנאָטעאיסטי־שע אידייע האָט געשאַפן דאָס אידישע פאָלק. דאָס אידישע פאָלק האָט זינט אומגעדענקבאַרע צייטן געלעבט גלייך צו אַלע סעמיטישע פעלקער, איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער דאָזיקער ראַסע און האָט זיך נישט אויסגעטיילט און האָט זיך נישט איבערגעהויבן — און האָט זיך נישט געקענט אויסטיילן און זיך נישט געקענט איבערהויבן — איבער אַנדערע פעלקער פון זיין סביבה. די מאָנאָ־טעאיסטישע אידייע האָט אים אויסגעטיילט און די מאָנאָטעאיס־טישע אידייע האָט אים אַרויסגעהויבן.

II

פאַראַן געלערנטע וואָס האַלטן אַז אברהם אבינו האָט ווירק־לעך עקזיסטירט, און פאַראַן אַנדערע, און די זיינען די מערהייט, וואָס האַלטן, אַז די פּאַטריאַרכן האָבן אינדעראמתן נישט עקזיס־טירט, נאָר זיי זיינען סימבאָלישע פיגורן וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די שבט־עלטסטע פון די וואַנדערנדיקע עברים־שבטים. די חלוקי־דעות נעמען זיך דערפון, וואָס אויסערדעם וואָס די אבות זעען בכלל

אוים צו זיין לעגענדארישע געשטאַלטן, איז אויך שווער צונויפצו־שטימען די ביבלישע דאַטעם וועגן זייער צייט, מיט די דאַטעם פון די אויסגראַבונגען. אויב מ׳זאָל למשל אָננעמען אז אמרפל מלך שנער, פון חומש, מיט וועלכן אברהם האָט מלחמה געהאַלטן, לויט ווי עס ווערט דערציילט אין דער סדרה לך לך, איז דער זעלבער וואָס דער באַרימטער האמוראבי, וואָלט דעמאָלט אויסגעקומען, אז אברהם האָט געלעבט אָנהויב צווייטן יאָרטויזנט פאַר קר. דאָס וואָלט געווען אַ צו גרויסער צייט־אָפּשטאַנד פון די ערשטע היסטאָ־רישע ידיעות וואָס מיר האָבן וועגן די עברים. דאָס דאָזיקע האָט געצוואונגען אַזאַ אָנערקענטע אויטאָריטעט אין דער ביבל־וויסנ־שאַפט ווי פּראָפ. רודאָלף קיטעל, וועלכער איז גרייט צו אָנערקענען די ווירקלעכע עקזיסטענץ פון אברהם אבינו, אָפּצורוקן די תקופה פון די פּאַטריאַרכן אויפן 16טן י״ה פאַר קר. ער טוט דאָס דער־פאַר וואָס ער וויל דערנענטערן די דריי טראַדיציאָנעלע פּאַטריאַרכן־דורות צום מאָמענט פון זייער אויסוואַנדערן פון כנען קיין עגיפּטן און דעריבער איז ער גענייגט אָפּצורוקן די דערשיינונג פון שטאַם־פּאָטער פון די עברים צו דער תקופה פון זייער אינוואַזיע אין לאַנד כנען. דובנאָוו האַלט אַז די דאָזיקע מיינונג איז דורכאויס פאַלש. נאָר די ערשטע איבערוואַנדערונג פון די עברים־שבטים פון בבל קיין כנען איז פאָרגעקומען לערך אַרום 2 טויזנט יאָר פאַר קר., אין דער תקופה פון האמוראבי. מיט דעם ווערט לגמרי געענדערט דער סדר פון די דורות וועלכער איז אָנגענומען אין דער ביבלישער טראַדיציע. אָבער דאָס אַרט אים נישט. ער האַלט אַז די אבות זיי־נען לעגענדאַרישע געשטאַלטן און נישט קיין ווירקלעכע פּערזאָנען. לויט דובנאָווס מיינונג, האָט דער איבערוואַנדערונגס־פּראָצעס פון די עברים פון דרום־בבל, ד״ה פון אור־כשדים, קיין כנען, געדויערט אַזעלכע 400 יאָר, פון 20טן ביזן 16טן יאָרהונדערט פאַר קר. אין 16טן און 15טן יאָרהונדערט, האָבן די עברים שוין דאָרט געבילדעט אַ באַדייטנדע קראַפט. אין יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן אויס־בילדן די העברעאישע גרעניץ־מלוכות מואב, עמון און אדום, בעת דער שבט ישראל, וועלכער האָט זיך אויסגעטיילט פון דער אַלגע־מיינער עברים־גרופּע, איז אַוועק אין מצרים אָפּריכטן גלות און איז פון דאָרט אַרויס אין 13טן יאָרהונדערט.

מכוח דער צייט פון גלות מצרים און צי ס'איז בכלל געווען אזא גלות, ווייס די היסטארישע וויסנשאפט גארנישט צו זאגן אויף זיכער. צווישן דער גרויסער צאל פארשידענע אויפשריפטן און געמעלן מכל המינים וואס מ'האט ביז היינט אפגעגראבן אין מצרים, האט מען קיין איין זיכערן באווייז וועגן דער אנוועזנהייט פון די אידן אין מצרים נישט געפונען. אפגערעדט אז ס'איז נישט פאראן קיין שפור וועגן דער מעשה יוסף, וועגן משה רבנו, וועגן די צען מכות, וועגן געשפאלטענעם ים און וועגן די אנדערע מעשיות וואס ווערן דערציילט אין חומש. פארקערט, ווייסט מען יא, אז זינט דעם 16טן יארהונדערט, האבן זיך סעמיטישע לענדער וואס ביים מיטללענדישן ים, געפונען אונטער דער הערשאפט פון די עגיפטישע פרעהס. נאכדעם ווי די סעמיטישע נאמאדן־הארדעס פון דעם נאענטן מדבר, וועלכע הייסן אויף די עגיפטישע אויפשריפטן אמו און אין גריכישע מקורים היקסאס — האבן זיך ארום 1700 פאר קר. אריינגעריסן קיין עגיפטן און געהאלטן דאס לאנד אונטער זייער הערשאפט א יארהונדערט צייט, איז נאכדעם פארגעקומען די רעסטאווראציע פון די היימישע פרעהס און זינט דעמאלט האט זיך אנגעהויבן דער דראנג פון די עגיפטער צו צפון, אין די שכנישע סעמיטישע לענדער. אין 1530, האט דער פרעהס טוטמאס 1 אונטערגענומען א קריגסצוג קיין סיריע און צפון־מעסאפאטאמיע און האט איבערגעלאזט זיינע גארניזאנען אין אייניקע דעראבערטע שטעט. מיט א האלבן יארהונדערט שפעטער האט פרעה טוטמאס 3 אונטערגענומען א גאנצע ריי קריגס־עקספעדיציעס אונטערצודריקן דעם אויפשטאנד פון די פאלעסטינער קעניגן וואס האבן געשאפן א קאאליציע אונטער דער פירערשאפט פון אמורישן קעניג, און האט צעשלאגן די ארמיי פון די פארבינדעטע ביי מגידו און תענך, לעבן בארג כרמל. די איבערגעשראקענע פעלקער, צווישן זיי אויך די אפגעשוואכטע בבל, ווארפן זיך אונטער די אויבערהערשאפט פון עגיפטן און צאלן איר צינז. אין אלע איינגענומענע לענדער ווערן אוועקגעשטעלט עגיפטישע גארניזאנען און עס פארוואלטן מיט זיי עגיפטישע גובערנאטארן אונטערן נאמען ראביסו. עס שאפט זיך א לעבהאפטער האנדלס־פארקער צווישן עגיפטן און די אונטערטעניקע

לענדער. אָט אין דער דאָזיקער צייט, דאָס הייסט אין דער צייט ווען די סעמיטישע לענדער זיינען געווען אונטער דער הערשאַפט פון עגיפּטן, דערהערן מיר צום ערשטן מאָל דעם נאָמען עברים אין דער געשיכטע אין נישט־אידישע היסטאָריש־זיכערע מקורים, נעמלעך אויף אויסגעגראָבענע ליימענע טאָוועלעך אין מצרים. אין די יאָרן 1887-1888, ביי די אויסגראָבונגען פון די חורבות תל־אל־אמרנא, האָט מען אויפן אָרט פון אַמענאָפיס דעם פערטנס געוועזענער קרוין־שטאָט, אין מיטלסטן עגיפּטן, געפונען עטלעכע הונדערט ליימענע טאָוועלעך פון פרעהס אַלטן ארכיו באַשריבענע מיט באַבילאָניש־אַסירישן פלעקל־שריפט. די טאָוולען האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר בריוו צו די פרעהס פון די סירישע און פּאַלעסטינישע וואַסאַלע פירשטן, ווי אויך פון עגיפּטנס פאַרבינדעטע קעניגן פון בבל און צפון־מעסאָפּאָטאַמיע. די דאָזיקע טאָוועלעך האָבן ארויסגערופן אַן איבערקערעניש אין דער געשיכטע־פאָרשונג פון מזרח און באַזונדערס פון פּאַלעסטינע. אויף די דאָזיקע טאָוועלעך זיינען די פּאַלעסטינער מלכימלעך, עגיפּטנס וואַסאַלן, מודיע זייערע הערשער, די פרעהס, אַז אין לאַנד דרינגען אריין קריגערישע מענער פון שבט כאבירו אָדער האבירו און פאַרוויסטן די שטעט (צווישן די יאָרן 1415 און 1360). דערביי באַשולדיקן זיך די וואַסאַלן קעגנזייטיק אין פאַראַט־באַציאונגען מיט די נייע דעראָבערער.

אין דער צייט פון אַמענאָפיס פיר, איז סיריע דעראָבערט געוואָרן דורך די חיתים. דאָס לאַנד אמורו מיט די פעניצישע שטעט איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה און בלויז דרום־פּאַלעסטינע איז נאָך געבליבן אונטער דער אויבערהערשאַפט פון עגיפּטן. אונטער די פרעהס פון דער 19טער דינאַסטיע און באַזונדערס אין דער צייט פון רעמסעס 2, האָט עגיפּטן ווידער באַנייט איר אַגרעסיווע פּאָליטיק אין פּאַלעסטינע און ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ ריי נצחונות איבער די חיתים און איבער די רעבעלישע פּאַלעסטינער פירשטן.

אָט דער ראַמסעס 2, זאָל עס געווען זיין דער פרעה וואָס האָט פאַרשקלאַפט די אידן אין מצרים. ערשטנס שטימט עס מיטן פּיתום און רעמסס פון חומש, און צווייטנס האָט מען צווישן די פּאַפּירוסן

פון דעם דאזיקן באריםטן פרעה געפונען צוויי באריכטן פון די אויפזעער ביי די קעניגלעכע בוי־ארבעטן, אין וועלכע זיי מעלדן, אז זיי האבן אויסגעפירט דעם באפעל פון זייער העכערער מאכט און האבן באזארגט מיט שפייז די זעלנער און די לייט א פ ו ר ו וועלכע שלעפן שטיינער פאר דער גרויסער טעמפל־פעסטונג ראמזעס־מערי־אמאן. געפינט מען אן ענלעכקייט צווישן דעם נאמען אפורו מיטן נאמען אבורו — עברים, און א ענלעכקייט איז אויך פאראן צווישן דער דערציילונג פון חומש וועגן די שווערע בוי־ארבעטן פון די אידן מיט דער דערציילונג פון די פאפירוסן. דרינגט מען דערפון אז דער גלות מצרים איז געווען אין דער צייט פון ראמסעס 2, און יציאת מצרים אין דער צייט פון זיין נאכפאלגער מערנעפטא, דאס הייסט לערך אין די יארן 1220-1230. וואלט שוין גוט געווען, האט מען אבער געפונען אן אויפשריפט, א לויבגעזאנג צו דעם זעלבן פרעה מערנעפטא, אין וועלכער עס זאגט זיך צווישן אנדערס: „ליביע איז פארוויסט, אין דעם לאנד פון די חיתים הערשט פרידן, אין כנען איז גענומען געווארן רויב, אין געפאנגענשאפט איז אוועקגעפירט אשקלון, גזר איז פארכאפט, אינויאם איז פארניכטעט, ישראל, זיינע מענטשן זיינען ווייניק און זיין זאמען איז שוין מער נישטא". ווייס מען נישט וואס צו טון מיט דער דאזיקער אויפשריפט. ס'קומט אויס, אז ישראל האט שוין געהאט איינגענומען כנען און צווישן די אנדערע כנענישע פעלקער איבער וועלכע דער דאזיקער פרעה האט אפגעהאלטן א נצחון, האט זיך אויך געפונען ישראל. ווי געשיקט זיך עס? מען מוז דעריבער אננעמען — זאגט דובנאוו — אז אין דער אויפשריפט איז אריינגעפאלן א טעות, אדער דא איז די רייד וועגן א נצחון איבער די בני ישראל אין מדבר, אין יענעם מאמענט ווען אין עגיפטן איז מער נישט געבליבן „קיין זאמען פון ישראל"... אנדערע געלערנטע מיינען אז יציאת מצרים איז פארגעקומען אין דער צייט פון ראמסעס 2, און זיי ברענגען דערפאר זייערע ראיות. איי, דער חומש און איי דער אויפשריפט פון די פאפירוסן מיט די אפורו, בלייבט א קשיה.

אט אזוי זעען אויס די השערות פון די געלערנטע וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער אורצייט פון דער אידישער גע־

שיכטע. מען מאכט טעאָריעס, מען דרינגט, מען פאַרטייטשט. אויב די אויפשריפטן שטימען נישט מיטן חומש, איז אָדער מען לייקנט די אויפשריפטן אָדער מען לייקנט דעם חומש. שטימען מוז שטענ־דיק. עס ווענדט זיך ווי אַזוי אַ געלערנטער איז אַליין גענויגט, צו פאַרן חומש צי פאַר די אויפשריפטן.

און דאָס זעלבע וואָס עס איז וועגן די אבות און וועגן מצרים, איז אויך וועגן משהן און אַלץ וואָס איז מיט זיין פּערזאָן פאַר־בונדן. אַנדערע האַלטן אַז משה האָט נישט עקזיסטירט און אַנדערע האַלטן אַז ער האָט יאָ עקזיסטירט. וועגן יענעם עלטסטן פּעריאָד אין דער געשיכטע, אויף וועלכן עס באַציט זיך דער חומש, קען מען אויף זיכער גאָרנישט וויסן. ערשט ווען די בני ישראל זיצן שוין אין כנען, ערשט דעמאָלט הויבט זיך אָן די צייט, ווען מ׳קען וועגן זיי, מיט מער אָדער ווייניקער היסטאָרישער וואָרשיינלעכקייט, עפּעס וויסן. און וועגן חומש אַליין האַלט די ביבל־וויסנשאַפט, אַז ער איז גע־שאַפן געוואָרן אַ סך יאָרהונדערטער שפּעטער נאָך דער צייט אויף וועלכער ער באַציט זיך. אויך וועגן דאָזיקן פּרט הערשט אַ גרויסע מיינונגס פאַרשידנקייט צווישן די געלערנטע. אייניקע האַלטן אַז דער חומש איז געשאַפן געוואָרן נאָכן גלות בבל, וואו די אידן האָבן זיך דערוואוסט די באַבילאָנישע לעגענדעס וועגן דער וועלט־שאַ־פונג, וועגן ערשטן מענטשן, וועגן מבול, האָבן זיך באַקאַנט מיט האמוראבים געזעצן, זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די הימנען צו סין און מארדוק, וועלכע זיי האָבן נאָכדעם נאָכגעמאַכט אין תהילים אא״וו. אַנדערע געלערנטע, אָבער, האַלטן אַז די אַלט־בבלשע לע־גענדעס ווי אויך די האמוראבי געזעצן זיינען געווען באַוואוסט די כנענישע סעמיטן נאָך פון יענע אַלטע צייטן ווען כנען איז געווען אַ טייל פון דער אַלט־בבלשער אימפּעריע און אַז די אידן האָבן עס גע־לערנט ביי די כנענים. מחמת דעם האַלטן זיי, אַז אָנגעהויבן צו־נויפשטעלן דעם חומש האָט מען צום סוף פון דעם צווייטן מלוכות פּעריאָד. דערביי איז די אַרבעט געמאַכט געוואָרן אין מלכות ישראל באַזונדער און אין מלכות יהודה באַזונדער. דער ישראלשער רע־דאַקטאָר האָט אַרויסגעשטעלט די ראָל פון אפרים, און דער יהודה־שער רעדאַקטאָר פון יהודה. געווען איז אַ רעדאַקטאָר אַ יהוהסט

און אַ רעדאַקטאָר אַ אלהיסט; אַ רעדאַקטאָר אַ כהנשער און אַ רע־דאַקטאָר אַ נביאימשער. עס הייסט, אַז דער חומש איז אַ סך מאָל רעדאַקטירט געוואָרן. און יעדער רעדאַקטאָר האָט אים באַאַרבעט אויף זיין שטייגער. לויט זיינע אָנזיכטן, לויט זיין געשמאַק און לויט די אינטערעסן פון זיין קאַסטע. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אין משך פון 400 יאָר, פון 9טן ביזן 5טן י"ה פ"ק, ווען דער חומש איז אויף דעפיניטיוו צונויפגעשטעלט געוואָרן פון עזרא הסופר אין דער פאָרעם ווי מיר קאָנען אים איצט. דערמיט, מיט די פאַרשידענע רעדאַקציעס פון חומש דורך פאַרשידענע פערזאָנען, אין פאַרשידענע לענדער און אין פאַרשידענע ציַיטן, דאַרף מען דערקלערן זיינע ווידערהאָלונגען, זיין פראַגמענטאַרישקייט, זיינע ווידערשפּרוכן אא"וו. איבערהויפּט איז דער גייסט פון הומש אָפט ווידערשפּרעכלעך. אָט הערן מיר אַזאַ שרעקלעך וואָרט ווי „לא תחיה כל נשמה" און אָט באַלד ואהבת לרעך כמוך; אָט איז גאָט אַן אל קנא ונוקם און אָט אַן אל רחום וחנון. שווער צו גלויבן אַז איין און דער זעלבער מענטש זאָל געוועזן האָבן אַרויסגעבראַכט אַזעלכע קעגנזעצלעכע מאָראַלע אידייען. פאַרקערט, לייגט זיך עס זייער גוט אויפן שכל אַז דאָס האָבן געשריבן צוויי פאַרשידענע מענטשן אין צוויי פאַרשידענע צייטן. עס איז די מיינונג פון די ביבל־פאָרשער, אַז אַלדאָס עטישע וואָס איז פאַראַן אין חומש, איז אַ פּראָדוקט פון נביאימשן גייסט און איז געשריבן געוואָרן פון אַ מענטשן וואָס איז מיט דעם דאָזיקן גייסט געוועזן דורכגעדרונגען. און אַנדערש קען מען זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן. וואָרום ווען מיר לייענען די הויך־עטישע שטעלן פון דער תורה און מיר גייען נאָכדעם איבער לייענען די באַשרייבונגען פון די אַזויגערופענע נביאים ראשונים, האָבן מיר דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטן געמאַכט אַ צוריק־שריט אויף יאָרטויזנטער. מיר נידערן אַראָפּ פון אַ הויך־עטישער מדרגה אין אַן אַטמאָספער פון געצנדינסט, כסדרדיקע מלחמות, בלוט־פאַרגיסונגען און אכזריותן. דאָס נעמט זיך דערפון וואָס דער חומש שטייט נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ. צום ערשטן האָבן באַדאַרפט גיין די נביאים און נאָכדעם דער חומש. ווען מיר וואָלטן געלייענט צום ערשטן די היסטאָרישע ספרים, נאָכדעם די נביאים און נאָכדעם די תורה, וואָל־

טן מיר געהאט א געטרייערע אפשפיגלונג פון דעם אנטשטייאונגס פראצעס פון דעם מאנאטעאיזם און פון זיין עטיזירונגס־פראצעס.

III

און וואס האט געטון משה אויב אזעלכער האט פארט עקזיס־טירט? ער האט אויפגענומען די אידייע וועגן איינציקן גאט וואס האט געלעבט אין שטאם און איז געווארן אן אקטיווער קעמפער פאר איר. אין דער פאלקס־מסורה איז משהס נאמען פארבונדן מיט די צוויי גרעסטע געשעענישן אין לעבן פון די בני ישראל — מיט דער באפרייאונג פון עגיפטישער שקלאפעריי און מיט געבן די בני ישראל די תורה.

פון די אמארנא־דאקומענטן ווייסן מיר אז די עברים־כאבירו זיינען אנגעפאלן אויף כנען אין דער צייט ווען דאס זעלבע לאנד האט זיך געפונען אונטער עגיפטישער הערשאפט. אורשפרינגלעך האבן די בני ישראל נישט געוואוינט אין כנען, קיין כנען זיינען זיי געקומען אלס נאמאדישע מאסע, וואס איז באפאלן די איינגע־זעסענע באפעלקערונג און האט ביי איר צוגענומען דאס לאנד. ערב דער דאזיקער געשעעניש האבן די בני ישראל אומבאדינגט געמוזט דורכמאכן א פעריאד פון ארגאניזאציע. ארגאניזירן א נאמאדן מאסע און זי פעאיק מאכן צו אן איבערפאל אויף אן איינגעזעסענער באפעלקערונג, דערצו מוז מען האבן א גרויסן און שטארקן פירער. די מסורה רופט דעם דאזיקן פירער משה. עס לייגט זיך אויפן שכל אז אין אט דעם דאזיקן פעריאד, ערב דער אינוואזיע קיין כנען, האבן די בני ישראל געמוזט אינערלעך צעמענטירט ווערן און באַ־קומען א געוויסע דיסציפלינארע דערציאונג אין דער פארעם פון געוויסע לעבנס־נארמען און רעגלען פון אויפפירונג. נעמען מיר צו־נויף די דאזיקע מאמענטן וואס זיי זיינען סיי לאגיש, סיי היסטאַ־ריש זיכער, האבן מיר די באזע פאר דער שפעטערדיקער משה־לע־גענדע. דער לאגישער זינען פון דער מסורה וועגן משה רבנו, דארף, בכן, זיין אזעלכער: משה האט אויפגענומען די מטושטשע אידייע וועגן אן איינציקן גאט, וואל האט געלעבט אין געדעכעניש פון שבט און האט זי באלעבט. אונטער דער פאן פון דער דאזיקער אידייע

האָט ער געפירט זיינע באַפרייאונגס־און דעראָבערונגס־קאַמפן און אָרגאַניזירט די בני ישראל פּאָליטיש און מאָראַליש. דער גאָט פון אידישן שבט וואָס ביז משהן איז ער געווען פּאַסיוו, האָט דורך משהן אָנגעהויבן אויפטון גרויסע זאַכן פאַרן שבט. משה האָט גע־מאַכט פון יאַהוועןאַן אַקטואירנדיקן און ווירקנדיקן גאָט און האָט די פּאַרמלאָזע, יאַהווע־טראַדיציע באַלעבט און געגעבן איר בלוט און פלייש.

משהס אויפטו, אָבער, האָט נאָכן איינגעמען כנען אינגאַנצן פאַרלוירן זיין ווירקונג. משהס איינפלוס אויף די אידן — אויב מ'זאָל טאַקע אָננעמען אַז די משה־לעגענדע האָט אונטער זיך אַ וועלכע עס איז היסטאָרישע רעאַליטעט — איז געווען זייער אַן אויבער־פלעכלעכער און אַזוי באַלד ווי דער ציל פון דעראָבערן זיך אַ לאַנד איז געווען דערגרייכט, האָט די אינסטרוקטיווע און אָרגאַניזאַטאָרי־שע השפּעה פון דעם עברים־פירער אויפגעהערט צו ווירקן. די בני ישראל אין כנען זיינע אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קולטורעלער און רעליגיעזער השפּעה פון די פעלקער וועלכע זיי האָבן באַזיגט. די יאַהווע־אידייע איז ווידעראַמאָל שטאַרק געפאַלן. געוויסע קנאים יאַהוועס פלעגן זיך פאַר אים איינשטעלן און קעמפן מיט די לאַנד־געטער, אָבער זיי זיינען געווען פאַראיינצלטע פאַלן און זייער קאַמף האָט געהאַט אַ שוואַכן דערפאָלג. און אויך זיי גופא, די קנאים פון יאַהווע צבאות, זיינען געווען אונטערן אומבאַוואוסטזיניקן איינ־פלוס פון די לאַנד־געטער, און דער איינציקער גאָט, דער גאָט פון ישראל, איז ביי זיי, לויט זייער אויפאַסונג, אַרויסגעקומען צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו די בעלים וועלכע זיי האָבן באַקעמפט.

IV

על פי שכל וואָלטן מיר זיך דאָ באַדאַרפט אָפּשטעלן און זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם איינפלוס פון דער עגיפּטישער קולטור אויף די אַלטע אידן, אָבער מיר קענען עס נישט טאָן, פּשוט דער־פאַר, ווייל אַזאַ איינפלוס איז נישט געווען אָדער איז געווען זייער קליין. נישט אַריינרעכענענדיק אייניקע פאָרמעלע קלייניקייטן, איז קיין עיקרדיקער איינפלוס פון דעם עגיפּטישן געדאַנק אויפן אידישן

לגמרי נישט געווען. קוקט מען זיך צו צו דער צאַלרייכער און קאָמ־פּליצירטער געטערשאַפט פון עגיפּטן און מען זעט ווי אַזוי זיי האָבן החלוטין נישט באַאיינפלוסט דעם פריען גלויבן פון די בני ישראל, מוז מען זיך וואונדערן. אַפילו דער ווייטפאַרשפרייטער און פאַר־וואָרצלטער עגיפּטישער טויטן־קולט האָט געלאָזט גלייכגילטיק די אַלטע עברים. נעמט מען אין אַכט פון איין זייט די גוואַלדיקע ראָל וואָס דער דאָזיקער קולט האָט געשפּילט אין לעבן פון עגיפּטישן פאָלק, און פון דער צווייטער זייט די גרויסע ראָל וואָס דער גלויבן אין לעבן נאָכן טויט האָט אין שפּעטערדיקע תקופות געשפּילט אין גייסטיקן לעבן פון די אידן, איז עס זייער מערקווירדיק וואָס דער עגיפּטישער גלויבן אין לעבן נאָכן טויט האָט, צו יענער צייט, נישט באַווירקט די אידן. וועלס זאָגט אַז דער גלויבן אין אַ לעבן נאָכן טויט וואָס האָט אין דער עגיפּטישער רעליגיע פאַרנומען אַזאַ וויכ־טיק אָרט, האָט נישט געמאַכט קיין איינדרוק נישט אויף די אַלטע סעמיטן און ניט אויף די אַלטע אַריער. ווי אַ פעסטשטעלונג מוזן מיר עס אָננעמען. אָבער פאַרשטענדלעך איז עס נישט. דער גלויבן אין לעבן נאָכן טויט און די דערמיט פאַרבונדענע קולטן און צערע־מאָניעס זיינען אַ אוניווערסאַלע דערשיינונג און מען געפינט זיי כמעט ביי אַלע פעלקער פון דער גאָרער וועלט. און גופא די אַרישע און סעמיטישע פעלקער האָבן נאָכדעם דעם גלויבן אין אומשטערב־לעכקייט געמאַכט פאַר איינער פון די הויפּט־דאָגמען פון זייערע רעליגיעס. איז ווי קומט עס וואָס דער עגיפּטישער גלויבן אין אומ־שטערבלעכקייט האָט נישט באַאיינפלוסט נישט די סעמיטן בכלל און נישט די בני ישראל בפרט?

ווי אַזוי מען זאָל די זאַך נישט דערקלערן, ווייזט עס אויף אַ שטאַרקער אידיאָסינקראַציע פון דער סעמיטישער קולטור און סע־מיטישן גייסט. דער סעמיטישער גייסט און דער סעמיטישער רע־ליגיעזער בליק האָבן זיך זינט די עלטסטע צייטן־אָן אַנטוויקלט אין אַן אַנדער ריכטונג ווי דער עגיפּטישער גייסט און עגיפּטישער רע־ליגיעזער בליק, און קיין פּאָליטישע אויבערהערשאַפט אָדער קאָ־מערציעלע שייכות‏ן האָבן דאָ גאָרנישט געקענט אויפטון, אַז די קולטורן זאָלן זיך קעגנזייטיק באַאיינפלוסן. אחוץ דעם זיינען, ווייזט

אוים, די עגיפטער געווען א טאלעראנט פאלק און זיי האבן נישט געהאט די טבע ארויפצוצווינגען אויף אנדערע זייער גלויבן, זייער קולטור און זייער ארט לעבן, נישט אויף אונטערייאכטע פעלקער, וועלכע זיינען זיי געווען פאליטיש אונטערטעניק, און אוודאי נישט אויף פרייע פעלקער מיט וועלכע זיי זיינען געקומען אין האנדלס־באַרירונגען. אבער ווען דא זאל זיך געווען האנדלען וועגן פעלקער וואס האבן נישט געהאט קיין אייגענע פארוואַרצלטע קולטור און טראדיציע — א קולטור און טראדיציע פון איינגאנצן אן אנדער טיפ ווי די עגיפטישע — וואלט א פרייער אומגעצוואונגענער איינפלוס פון דער מעכטיקער עגיפטישער קולטור געווען אומפארמיידלעך. אויב דאס האט נישט פאסירט, איז עס נאר דערפאר, וואס די אלע סעמיטישע שבטים און פעלקער וועלכע זיינען געווען אונטערטעניק עגיפטן, אדער וועלכע זיינען געקומען אין באַרירונג מיט איר, האבן געהאט אן אייגענע און אייגנארטיקע איינגעוואָרצלטע קולטור און טראדיציעס, וועלכע זיינען געווען בכוח קעגנצואווירקן דעם עגיפטישן איינפלוס.

אט דאס אין קורצן וואס שייך עגיפטן און איר קולטור. וואס שייך ווייטער דעם איינפלוס פון דער גרויסער קולטור פון בבל און אשור, זיינען אלע געלערנטע מסכים אז דער תנ"ך איז באאיינפלוסט פון בבלשע מקורים. עס גייט נאר דערין ווען, אין וואס פאר אן עפאכע, דער איינפלוס איז פארגעקומען. אייניקע געלערנטע, ווי שוין דערמאנט, האלטן, אז דאס האט פאסירט אין דער צייט פון גלות־בבל, דאס הייסט אז ווען די אידן האבן זיך געפונען פארטריבן אין בבל, האבן זיי זיך דארט באקאנט מיט די לעגענדעס, מיטאסן און רעליגיעזער ליטעראטור פון די בבלים און האבן עס נאכדעם איבערגעארבעט אין חומש. אנדערע ווידער האלטן אז דער איינפלוס פון די בבלשע שאפונגען אויף די ביבלישע איז פארגעקומען א סך פריער, נאך אין דער צייט ווען כנען האט זיך געפונען איינגעגלידערט אין דער אלט־בבלשער אימפעריע פון האמוראבי. מיט דער מיינונג פון די לעצטע איז אויך מסכים דובנאוו. ער שרייבט: „מ'דארף איינמאל פאר אלע מאל מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אז דער אורשפרינגלעכער קוואל פון די אלגעמיין־אריענ־

טאַלישע יהודות־עלעמענטן איז דער אַלטער בבל פון האמוראבים צייטן און זיינע נאָכפאָלגער און נישט דער נייער בבל פון נבוכדנצר און זיינע פערסישע נאָכפאָלגער, די הערשער פון דער שפעטערדיקער יהודה". מען דאַרף אָבער צוגעבן, נאָכדעם ווי מ'אַנערקענט שוין דעם איינפלוס פון בבל אויף דער ביבל, אַז די חריפות איז דאָ נישט אין דעם איינפלוס, נאָר אין דעם *נישט־איינפלוס*. די גרויסע באַדייטונג פון תנ"ך איז אין דעם, וואָס ער האָט *נישט* גענומען פון די אַלט־סעמיטישע מקורים דאָס וואָס האָט נישט געטויגט פאַר אים, דאָס וואָס האָט נישט האַרמאָנירט מיט זיין געדאַנק און גייסט, און דאָס וואָס ער האָט יאָ גענומען, סיי געוויסע לעגענדעס, און סיי געוויסע ליטעראַרישע פאָרמען, האָט ער צוגעפאַסט צו זיך, האָט ער אָנגעפילט מיט זיין אייגענעם אינהאַלט. און אָט דאָס איז דער וואונדער — דער וואונדער איז דער אייגענער אידישער אינהאַלט, — פון וואַנען איז ער געקומען, ווי אַזוי איז ער אַנטשטאַנען? ווי אַזוי האָט ער זיך אַנטוויקלט?

V

די ערשטע רעאַלע ידיעות מכוח דעם גלויבן פון די אַלטע אידן, הויבן מיר אָן באַקומען ערשט אין די ספרים וואָס באַשרייבן דאָס לעבן פון די בני ישראל, ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אויפן באָדן פון כנען. וואָס זעען מיר פון די דאָזיקע באַשרייבונגען? צוויי זאַכן. ערשטנס, אַז יאַהווע, דער גאָט פון ישראל, איז אַ קליינער לאָקאַלער גאָט פון אַ קליין סעמיטיש פאָלק, ענלעך צו איינעם פון די בעלים, פון וועמען מען מאַכט סטאַטועץ און וועלכן מען נעמט מיט אין קריגס־צוגן, אָט ווי מען טוט דאָס מיט אַלע לאָקאַלע געטער. צווייטנס זעען מיר ווי אַזוי יאַהווע פירט אַ כסדרדיקן קאַמף זיך צו אימפאָנירן איבער די אַנדערע לאַנד־געטער. מען קען בשום אופן נישט אָפווענדן די בני ישראל פון דינען צום בעל און צו דער אשרה. וויפל עס באַמיען זיך נישט די ווייניקע יאַהווע־דינער צו באַווירקן דאָס ברייטע פאָלק אַז זיי זאָלן זיך באַקערן צו יאַהווען, געלינגט עס זיי נישט. דאָס פאָלק רייסט זיך ווידער און אָבער צו געצנדינסט און מען קען עס דערפון נישט אָפווענדן. דער לייטמאָטיוו

פון ספר שופטים, למשל, איז: „ויעשו בני ישראל את הרע בעיני יהוה ויעבדו לבעל ולעשתרות". פאר יעדעס מאל ווען עס קומט אן איבערפאל פון א פיינטלעך שכניש פעלקל, איז דאס א שטראף פון יאהווען דערפאר וואס די אידן „טוען שלעכטס אין זיינע אויגן". און אז איינער וויל יוצא זיין לכל הדעות, דינט ער סיי צום בעל און סיי צו יאהווען, אט ווי דאס האט געטון דער שופט גדעון: א גאנץ יאר האט ער געדינט צום בעל, נאר אז ער האט באדארפט ארויס אויף מלחמה מיט די מדינים, האט ער געמאכט א מזבח פאר יאהווען. און אז ער האט אין דער מלחמה מנצח געווען, האט ער געמאכט פאר יאהוועס-וועגן אן אראקול-סטאטוע פונעם פארנומע־נעם גאלד ביים שונא. דער שופט יפתח זאגט צום קעניג פון עמון בעת א גרעניץ-קאנפליקט: „ווילסטו נישט דאס ירשנען, וואס כמוש דיין גאט וועט דיך מאכן ירשנען און אלץ וואס יאהווע אונדזער גאט וועט פאר אונדז פארטרייבן, דאס וועלן מיר ירשנען"? דאס ווייזט, אז יאהווע און כמוש זיינען באנומען געווארן ווי געטער פון דער זעלבער מדרגה. באזונדערס איז דעמאלט פראקטיצירט גע־ווארן דער מנהג פון אראקול-פרעגעריי, ד"ה דאס פרעגן ביי יאה־ווען דורך דער פארמיטלונג פון א כהן, וועגן דעם דערפאלג פון דער אדער יענער אונטערנעמונג. דאס איז צו זען פון דער דערציי־לונג אין שופטים קאפיטלען 17-18 וועגן אויסגעגאסענעם בילד פון מיכהן. אויפן בארג אפרים האט איינער א יונגער כהן, מיטן נאמען מיכה, געהאט א פריוואטן טעמפל. אין דעם דאזיקן טעמפל האבן זיך געפונען: א זילבערנע סטאטוע פון יאהווען, א פסל, הייסט עס; אן אפוד, דאס הייסט אן אראקול; תרפים, דאס הייסט היימישע געטשן, און נאך אנדערע טעמפל-כלים. דער דאזיקער יונגער כהן האט ווייזט אויס געהאט פרנסה פון דעם דאזיקן טעמפל, און זיין ארבעט איז דער עיקר באשטאנען אין ענטפערן אויף פראגן וואס באזוכער האבן געשטעלט יאהווען דורכן אפוד. האט זיך איינמאל געמאכט, דערציילט דער פסוק, אז דער שבט דן האט באדארפט זוכן א נייע טעריטאריע, מחמת זיין טעריטאריע וואס ער האט פון אנהויב געהאט צוגענומען ביי די כנענים, האבן איצט ביי אים צו־גענומען די פלישתים, האט ער זיך איצט ארויסגעלאזט זוכן א

פּאַסיקע טעריטאָריע ביי עמיצן צוצונעמען. צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט מרגלים אויסצוקוקן אַ גוט לאַנד וואָס זאָל זיין באַצווינגבאַר. זיינען די מרגלים פאַרבייגעגאַנגען דעם דערמאָנטן טעמפּל און זיי האָבן אָנגעפּרעגט ביים יונגן אָראַקול־מאַן מיכה צי זיי וועלן מצליח זיין אין זייער אונטערנעמונג. האָט זיי דער אָראַקול־מאַן געענטפערט אַז יאָ. ווען די בני דן זיינען אַוועק דעראָבערן די נייע טעריטאָריע — וועלכע זיי זיינען איבערגעפאַלן ביינאַכט און וועלכע האָט געהערט צו די פעניציער און האָט זיך געפונען אין עקסטרעמען צפון פון פּאַלעסטינע — זיינען זיי באַפאַלן מיכהן און האָבן פאַרשלעפּט אים אַליין מיט זיין טעמפּל אין זייער נייעם וואוינפּלאַץ און האָבן די סטאַטוע פון יאַהווען, מיטן אָראַקול, מיט די היימישע געטשקעס אַריינגעשטעלט אין זייער ניי־אויסגעבויטן טעמפּל אין דער שטאָט ליש, וועלכע זיי האָבן איבערגעמאַכט אויף דן. דער דאָזיקער טעמפּל האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט און איז געוואָרן אַ רעליגיעזער צענטער פאַר די אידן פון צפון־כנען.

אַזוי האָט אויסגעזען דער גאָט און דער גלויבן פון ישראל אין די צייטן פון די שופטים, און אַזוי אויך אין די צייטן פון די מלכים, העט ביז דעם חורבן פון מלכות ישראל און נאָכדעם אויך ביז דעם חורבן פון מלכות יהודה. עס איז אין משך פון דער דאָזיקער פאַרהעלטניסמעסיק לאַנגער צייט פאָרגעקומען אַ גאַנץ קנאַפּער פּראָגרעס סיי אין דעם יאַהווע־געדאַנק און סיי אין דעם יאַהווע־קולט. ווען ירבעם בן נבט האָט מורד געווען אין דודס שטאַם און האָט באַשלאָסן זיך אָפּטיילן פון יהודה און בנימין, האָט דאָס רעליגיעזע פּראָבלעם נישט פאָרגעשטעלט פאַר אים קיין שום שוועריקייט. ער האָט אויפגעבויט צוויי טעמפּלען אין צפונדיקן און דרומדיקן ברעג פון דער נייער מלוכה — אין דן און אין בית אל, האָט אַריינגעשטעלט אין זיי צוויי סטאַטוען פון יאַהווען אין דער פאָרעם פון קעלבער — ירבעם איז נאָרוואָס געווען צוריקגעקומען פון אזיל אין מצרים — און דאָס פּראָבלעם איז געווען געלייזט. און ווען ירבעם האָט געזאָגט צום פאָלק: „גענוג אייך אַרויפגיין קיין ירושלים! אָט זיינען דיינע געטער ישראל וואָס האָבן דיך אַרויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים", האָט דאָס פאָלק עס אָנגענומען פאַר ליב, נישט פּראָטעסטירט און נישט געהאַט קיין פּרעטענזיעס.

ביז צום סוף פון צוויי מלוכות פעריאָד, ווען עס שטייען פּלוצים אויף די אמתע נביאים, מיט זייער נייער פילאָזאָפישער און עטישער אינטערפּרעטאַציע פון גאָט, זעען מיר נישט קיין שום שטייגערונג אין דעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם פון די אידן. דער קאַמף, למשל, פון אליהו הנביא מיט דעם געצנדינערישן אחאב און מיט די נביאים פון בעל, שטעלט מיט זיך אליין פאָר אַ געצנדינערישן ספּעקטאַקל. אליהו, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט נאָכדעם פון אים געמאַכט דעם שוץ־מלאך פון אידישן פאָלק — דערשיינט פאַר אונדז לויט ווי די ביבל מאָלט אים, מיט זיין וואונדער־טועריי, מיט זיין מאַגישער יאַהווע־דעמאָנסטראַציע און מיט זיין באַפעל אויסצוקוילען די נביאים פון בעל, מער ווי אַ נביא פון בעל איידער ווי אַ נביא פון גאָט אין סטיל פון די שפּעטערדיקע נביאים.

ווייזט אויס אַז דער אַרגומענט פון שעכטן די פאַלשע נביאים און מיט דעם באַווייזן די אמתדיקייט פון יאַהווען, איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע. וואָרום אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דער אליהו־שחיטה, האָט זיך ווידעראַמאָל איבערגעחזרט אַ שחיטה פון די בעל־נביאים מצד יאַהוועס אָנהענגער. דאָס איז געווען די שחיטה וואָס דער טראָן־פאַרכאַפּער יהוא האָט דורכגעפירט. דער דאָזיקער יהוא איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדאַנט פון ישראלשן חיל און אַ מענטש מיט גרויסע אַמביציעס. האָבן יאַהוועס נביאים אים אויסגענוצט קעגן דער בעל־דינערישער עמרי־דינאַסטיע און אומדערוואַרט אים געקרוינט פאַר קעניג איבער ישראל. האָט דער דאָזיקער פאַוואָריט יאַהוועס קודם אויסגעשאָכטן אַלע מיטגלידער פון דער אַראָפּגעזעצטער דינאַסטיע און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען אויף כוח איינשטעלן דעם קולט פון יאַהווע און האָט באַשלאָסן אויסראָטן אַלע בעל־דינער. צו דעם צוועק האָט ער זיך באַנוצט מיט פאָלגנדיקן אַכזריותדיקן טריק, וועלכער ווערט באַשריבן אין מלכים ב' קאַפּיטל 10: „און יהוא האָט איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק און האָט צו זיי געזאָגט: אחאב האָט געדינט בעל אביסל, יהוא וועט אים דינען אַ סך; און אַצינד רופט צו מיר אַלע נביאים פון בעל, אַלע זיינע דינער און אַלע זיינע כהנים, קיינער

זאל נישט פעלן, ווארום א גרויסע אפפערשלאכטונג צו בעל איז ביי מיר. קיינער וואס וועט פעלן, וועט ניט בלייבן לעבן. און יהוא האט דאס געטאן מיט באטרוג, כדי אונטערצוברעכן די דינער פון בעל. און יהוא האט געזאגט: הייליקט אן איינזאמלונג צו בעל. האבן זיי עס אויסגערופן. און יהוא האט געשיקט אין גאנץ ישראל און אלע דינער פון בעל זיינען געקומען און עס איז נישט געבליבן א מענטש וואס איז נישט געקומען. און זיי זיינען אריינגעגאנגען אין הויז פון בעל, און דאס הויז פון בעל איז געווארן אנגעפילט פון עק צו עק. האט ער געזאגט צו דעם מאן וואס איבער דער קליידער־קאמער: גיב ארויס מלבושים צו אלע דינער פון בעל. און ער האט זיי ארויסגעגעבן די מלבושים. און יהוא איז אריינגעגאנגען מיט יהונדב דעם זון פון רכבן אין הויז פון בעל און ער האט געזאגט צו די דינער פון בעל: זוכט נאך און זעט אז דא זאל נישט זיין מיט אייך פון די קנעכט פון יאהווע, נאר בלויז בעל־דינער אליין. און זיי זיינען אריינגעגאנגען צו מאכן שלאכט־אפפער און בראנד־אפפער. און יהוא האט זיך געשטעלט דרויסן אכציק מאן און אנגעזאגט: אויב עמיצער וועט אנטרונען ווערן פון די מענטשן וואס איך גיב איבער אויף אייערע הענט, איז זיין נפש פאר יענעמס נפש. און עס איז געווען, ווי ער האט געענדיקט מאכן דאס בראנד־אפפער, אזוי האט יהוא געזאגט צו די לויפערס און צו די הויפט־לייט: גייט אריין דערשלאגט זיי, קיינער זאל נישט ארויס. האבן זיי דערשלאגן מיטן שארף פון שווערד, און די לויפערס און די הויפטלייט האבן זיי ארויסגעווארפן און זיינען אוועקגעגאנגען צו דער שטאט פון בעלס הויז און זיי האבן ארויסגענומען די זייל־שטיינער פון בעלס הויז, און זיי פארברענט, און זיי האבן צעבראכן דעם זיילשטיין פון בעל און האבן צעבראכן דאס הויז פון בעל און האבן עס געמאכט פאר אפטרעטן ביז אויף היינטיקן טאג". אזוי האט מען פארשפרייט דעם גלויבן אין יאהווע אין יענער צייט... און דער זעלביקער יהוא איז אויך נישט געווען קיין גרויסער צדיק, ווא־רום ער איז געגאנגען אין די וועגן פון ירבעם בן נבט און ער האט נישט אפגעקערט פון די גילדערנע קעלבער וואס אין בית אל און אין דן.

די גאַנצע געשיכטע פון צוויי מלוכות פעריאָד איז פול מיטן דאָזיקן קאַמף צווישן יאַהוועץ מיט די אַנדערע געטער, צו וועלכע ער איז זייער ענלעך. אין מלכות יהודה איז נישט קיין סך בעסער ווי אין מלכות ישראל. אויך אין יהודה, נישט קוקנדיק אויפן רע־ליגיעזן צענטער אין ירושלים, איז דאָס לאַנד פול געווען מיט במות און בעל־און עשתרות־דינסט. געווען קעניגן וואָס האָבן זיך פאַר־גענומען צו באַקעמפן דאָס געצנדינסט צווישן פאָלק און איינפלאַנצן דאָס דינען יאַהוועץ, זיינען נאָך זיי געקומען אַנדערע וואָס האָבן צוריק איינגעפירט די פרעמדע געטער און די פרעמדע קולטן. אין אַלגעמיין קען מען זאָגן האָט זיך אין דעם פרט די לאַגע ווייניק גע־ענדערט זינט די אַלטע צייטן פון די שופטים. דער איינציקער קענ־טיקער אונטערשייד איז דער, וואָס אַנשטאָט די אַלטע אָראַקול־כהנים, באַגעגנט מען איצט די אַזויגערופענע נביאים אַרום די גע־טער און אַרום די טעמפּלען. די דאָזיקע פרימיטיווע נביאים פון יאַהוועץ האָבן זיך גאַנץ קנאַפּ אונטערגעשיידט פון די נביאים פון בעל.

אָבער פּלוצים און מיט איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ גרויסער איבערברוך אין דעם יאַהווע־געדאַנק און אין דער יאַהווע־אויפפאַ־סונג. מיט איינמאָל האָבן אָנגעהויבן אויפשטיין נביאים פון גאָר איינגאַנצן אַ נייעם סאָרט און אַ נייעם שניט ווי ביז דעמאָלט. די פאָרעם און דער אופן פון דער נביאות זיינען געבליבן די זעלבע וואָס פריער; דער אינהאַלט האָט אָבער אָנגעהויבן צו זיין אַ נייער. די דאָזיקע נייע נביאים, אָנהויבנדיק פון עמוס, הושע, ישעיה און ווייטער און ווייטער האָבן אָנגעהויבן אויפפאַסן יאַהוועץ אין אַזאַ ליכט און האָבן אָנגעהויבןריידן אין יאַהוועס נאָמען אַזעלכע רייד, וואָס זיינען נאָך ביז דעמאָלט נישט געהערט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אויסקריסטאַליזירונגס־פּראָצעס פון אמתן עטישן מאָ־נאָטעאיזם אין זיין גאַנצער גרויס. יאַהווע האָט אויפגעהערט זיין דער לאָקאַלער גאָט פון אַ קליין אַזיאַטיש פעלקל, נאָר האָט אָנ־געהויבן צו זיין דער אוניווערסאַלער גאָט מיט די העכסטע עטישע אַטריבוטן, ווי מיר זעען זיי אויסגעדריקט אין די בעסטע שטעלן פון דער תורה און פון די נביאים.

VI

די נביאים זיינען נישט געווען קיין פּראָדוקט נישט פון פאָלקס גייסט און נישט פון דער סביבה אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, נאָר זיי זיינען געווען אַ ביאָ־עטישע דערשיינונג. די נביאים זעען מיר דערשיינען אין דער ערגסטער צייט פון דעם צוויי־מלוכות פּעריאָד. ווי זיי אַליין, די נביאים, שטעלן עס פעסט, האָט דאָס לעבן פון פאָלק אין זייער צייט, סיי אין מלכות יהודה און נאָך מער אין מלכות ישראל, דערגרייכט צום קולמינאַציע־פּונקט פון געצנדינסט, קאָ־רופּציע און אויסגעלאַסנקייט. אויך האָט דאָס לעבן פון פאָלק, אין די פריערדיקע דורות, ביז זיין וווּיטסטן עבר, זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין עטישן שטייגער. טאָ ווי אַזוי האָבן די נביאים דאָ געקענט זיין אַ פּראָדוקט פון פאָלק, פון פאָלקס־לעבן, פון פאָלקס־גייסט און פאָלקס־כאַראַקטער? ניין, אַזעלכעס האָט נישט געקענט זיין! די נביאים זיינען געווען אינדיווידועל־עטישע דערשיי־נונגען, פּונקט ווי אַזעלכע עטישע אינדיווידן זעען מיר אין יענער צייט דערשיינען אין די פאַרשידנסטע טיילן פון דער וועלט, ביי די פאַרשידנסטע פעלקער. מיר קאָנען דאָך בשום אופן ניט זאָגן, אַז בלויז איין קליין סעמיטיש פאָלק האָט געהאַט די פעאיקייט אַרויס־צוגעבן עטישע פּערזענלעכקייטן און די אַנדערע פעלקער נישט. אויב עס זיינען געבוירן געוואָרן עטישע מענטשן אין דער דעמאָלטיקער יהודה און ישראל, זיינען אַזעלכע, מיט זיכערקייט, געבוירן גע־וואָרן אויך ערגעץ אַנדערש. נישט מער דאָ האָט געווירקט דער אומ־שטאַנד פון דער לאַטענטער מאָנאָטעאיסטישער אידייע. עס איז פאָרגעקומען אַ קאָנגזייטיקע באַפרוכפּערונג און באַווירקונג פון דער טראַדיציאָנעל־אידישער יאַהווע־אידייע מיט דעם גייסט פון די עטי־שע אינדיווידן. אַלע נייע פילאָזאָפישע באַגריפן און אַלע נייע עטי־שע געפילן וואָס די נביאים האָבן געפילט אין זיך, האָבן זיי איבער־געגאָסן אין יאַהווע דעם גאָט פון ישראל. יאַהווע האָט אָנגעהויבן ווערן אַ אוניווערסאַלער און עטישער גאָט, דער באַשאַפער און דער טרעגער פון דער וועלט. דערצו האָט דאָ מיטגעווירקט די פון פריער איינגעשטעלטע נביאים־אינסטיטוציע. נביאים זיינען אין יענער צייט

געוועזן שטאַרק אין דער מאָדע. עס זיינען געוועזן נביאים פון בעל און אשתרות און עס זיינען געוועזן נביאים פון יאהווע. די אויפגאַבע פון די נביאים איז געוועזן צו זאָגן אין נאָמען פון די געטער, אַלץ וואָס זיי אַליין האָבן געדענקט און געפילט. אויך די נייע נביאים האָבן געזאָגט אין יאהוועס נאָמען דאָס וואָס זיי האָבן געדענקט און געפילט. זיי האָבן אָבער געהאַט נייע געדאַנקען און נייע געפילן. די פאָרעם פון דער נביאות איז געוועזן די זעלבע וואָס פריער, איבערגענומען ביי דער סביבה; דער אינהאַלט אָבער פון דער נביאות איז געוועזן אַ נייער. די נייע נביאים זיינען געוועזן עטישע דענקער פון ברייטסטן פאַרנעם. זיי האָבן זייערע נייע אידייען און זייער נייעם עטישן באַנעם אויסגעדריקט אין דעם פאָרעם פון נביאות־זעאונגען, וואָס יאהווע האָט זיי געוויזן. די שוואַכע מאָנאָטעאיסטישע אידייע וואָס האָט זינט דורות און דורות וועגעטירט צווישן פאָלק, האָט אָנגעהויבן באַלעבט און באַפרוכפּערט ווערן דורך דעם נייעם גייסט און געדאַנק פון עטישע אינדיווידן און דורכדעם אויפגעשטיגן צו יענער הויך וואָס מיר קענען זי פון דער געשיכטע און דורכדעם אויך אויפגעהויבן אַ קליין סעמיטיש פאָלק צו דער ראָל פון אַ וועלט־פאָלק. דער יאהווע־געראַנק וואָס האָט געלעבט אין געדעכעניש פון דעם העברעער־שטאַם זינט אומדענקבאַרע צייטן, האָט דורך די נייע נביאים באַקומען אַ נייעם תיקון און אַ נייע ברייטע אויפפאַסונג. דער אַלטער איינציקער גאָט פון אברהמען, איז אויפגעשטאַנען צו אַ ניי לעבן; אַן אַלטער, גרויסער, אומפאַרוואַרטעטער געדאַנק, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין פאָלק ווי אַ טראַדיציע און אַ געדעכעניש פון פאַרצייטן, האָט אויפגעלעבט מיט נייעם שוואונג. די אידייע וועגן איינציקן גאָט פון ישראל האָט סטימולירט זיינע נייע נביאים, און די נייע נביאים האָבן גרוים געמאַכט און דערהויבן יאהווען. וואָלטן אויפגעשטאַנען עטישע נביאים ביי די אַנדערע סעמיטישע פעלקער און געזאָגט אין נאָמען פון זייערע געטער: מאַרדוק, צי שמש, צי סין, צי פון אַ וועלכן עס איז בעל — עטישע נבואות, וואָלט מען זיי מסתמא צעשאָכטן ווי עס איז געוועזן דער מנהג צו טון מיט נביאים וואָס זייער נביאות האָט נישט אַנטשפּראָכן דעם כאַראַקטער פון די

געטער. די דאָזיקע אַלע געטער און בעלים זיינען שוין געווען צופיל דעפינירט, צופיל אויסקריסטאַליזירט, די דאָגמען און דער ריטואַל זייערער איז שוין געווען צופיל אויפגעקלערט און אויסגעטייטשט, אַז מען זאָל זיך דערלויבן נייע אינטערפּרעטאַציעס, נייע אויסטייטשונגען פון זיי און נייע נביאות אין זייער נאָמען. אַנדערש איז עס געווען מיט יאַהוועז. יאַהווע האָט נאָך נישט געהאַט הינטער זיך קיין פעסט־באַשטימטע, אויסקריסטאַליזירטע גערדאַנקלעכע אויפפאַסונג. כאָטש די עצם אידייע וועגן דעם איינציקן גאָט איז געווען אַן אַלטע, איז זי אָבער נישט געווען באַאַרבעט. יאַהווע איז געווען אַנדערש ווי די אַנדערע געטער, אָבער מ'האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אַנדערש. ערשט די עטישע נביאים און די געלערנטע פון דער נביאים־שול וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט די תורה, זיי האָבן געגעבן יאַהוועז די געהעריקע אויפפאַסונג און אינטערפּרעטאַציע.

עס באַקומט זיך אַז דאָ האָבן געווירקט צוויי צוזאַמענפאַלנדיקע פאַקטאָרן וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט און באַקרעפטיקט. פון איין זייט האָט די יאַהווע־אידייע אויפגעוועקט די עטישע נביאים און זיי גערופן צו סאָציאַלער טעטיקייט און פון דער צווייטער זייט האָבן די עטישע נביאים אָנגעגאָסן יאַהוועז מיט הויכן פילאָזאָפישן און מאָראַלישן אינהאַלט. אַלץ אָבער הייסט עס אַז די סיבה פון דער אַנטשטייאונג פון עטישן מאָנאָטעאיזם דאַרף מען זוכן צו דערקלערן דורך דער ווירקונג פון גרויסע אינדיווידן און נישט דורך דער ווירקונג פון סביבה, ראַסן־גייסט אָדער פאָלקס־גייסט. אַזוי גוט די עצם אידייע וועגן אַן איינציקן גאָט וואָס לויט דער מסורה איז איר ערשטער אַרויסברענגער געווען דער אור־אַלטער פּאַטריאַרך אברהם, ווי די נייע פילאָזאָפישע און עטישע באַאַרבעטונג אירע דורך די נביאים — איז פאַרבונדן מיט גרויסע יחידים וואָס האָבן געווירקט קעגן דעם גייסט און געדאַנק פון זייער אַרום, און נישט מיט דער ווירקונג פון געדאַנק און גייסט פון דעם דאָזיקן אַרום גופא.

VII

געווען געלערנטע וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער עטישער מאָנאָטעאיזם איז אַ פּראָדוקט פון סעמיטישן גייסט. די סעמיטן, האָבן זיי געטענהט, זיינען געווען באַזונדערס רעליגיעז גענויגט. נו, גוט, רעליגיעז גענויגט, מען דאַרף אָבער וויסן ווי אַזוי רעליגיעז גענויגט. אויף וויפל מיר ווייסן, האָבן די סעמיטן באַשאַפן פילגעטעריי און זייערע געטער זיינען בדרך כלל געווען בייזע און בלוטדורשטיקע. איי די האַמוראַבי־געזעצן, איי די בבלשע הימנען, איי דער בבלשער רעליגיעזער עפּאָס, דאָס זיינען טאַקע מילדערנדיקע מאָמענטן, אָבער ענדערן נישט אין עצם דעם פאַקט, אַז די סעמיטישע רעליגיאָזיטעט האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ בייזער פילגעטעריי. דער עטישער מאָנאָטעאיזם אין זיין ריינעם צושטאַנד, דאָס הייסט אָן די צוגעמישטע עלעמענטן פון דער געצנדינערישער סביבה און אָן דעם בייזן גייסט וואָס האָט זיך אין אים אַריינגעריסן, איז געווען די פולסטע אַנטיטעזע פון דער סעמיטישער רעליגיאָזיטעט און האָט בכן נישט געקענט זיין אירער קיין פּראָדוקט. און דאָך איז פאַראַן אַ געוויסער אמת אין דער דאָזיקער אויפפאַסונג. און אָט ווי אַזוי: סיי דער געדאַנק וועגן אַ וועלט־רעגירנדיקן פּרינציפּ, סיי עטיק, זיינען אין תוך נישט קיין רעליגיעזע פראַגן, נאָר פילאָזאָפישע פראַגן. די גריכישע פילאָזאָפן זיינען געקומען צום גאָט־געדאַנק אָן רעליגיע און אויך צו עטישע דאָקטרינען זיינען זיי געקומען אָן רעליגיע. דאָס איז געווען ביי די אַרישע גריכן. ביי סעמיטישע דענקער און ביי סעמיטישע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן, האָט עס נישט געקענט געמאָלט זיין. דאָ האָט זיך אַלץ געמוזט אָנקליידן אין אַ רעליגיעזער פאָרעם. צוליב דער רעליגיעזער נויגונג פון די סעמיטן האָט זיך ביי זיי אַלץ דעאיפיצירט. דאָ, אין דער סעמיטישער סביבה און ביים סעמיטישן כאַראַקטער, האָט נישט געקענט זיין קיין רייד פון קיין פילאָזאָפישן גאָט און פון קיין פילאָזאָפישער מאָראַל. דאָ האָט אַלץ געמוזט ווערן צו רעליגיע. אויף אַזוי פיל איז מען באַרעכטיקט צו ריידן וועגן רעליגיעזן סעמיטישן כאַראַקטער. מען איז אָבער נישט באַרעכטיקט צו ריידן פון

עטישן מאָנאָטעאיזם אַלס פּראָדוקט פון זעלבן כאַראַקטער. דאָס נישט. די רעליגיעזע פאָרעם פון עטישן מאָנאָטע־איזם איז אַ סעמיטישע, דער אינהאַלט נישט. דער אינהאַלט איז אַ פּראָדוקט פון אינדיווידועלן פילאָזאָפישן געדאַנק און פון אינדי־ווידועלן עטישן געפיל. אין דער סעמיטישער סביבה און אין סעמי־טישן כאַראַקטער, איז פון אַ פילאָזאָפישער גאָט־אידייע און פון אַ פילאָזאָפישער מאָראַל־אידייע אַרויסגעקומען עטיש־מאָנאָטעאיסטי־שע רעליגיע. פון איין זייט איז עס געווען אַ מעלה און פון דער אַנדערער אַ חסרון. אַ מעלה איז עס געווען דערמיט וואָס אָננע־מענדיק אַ רעליגיעזע פאָרעם, ד"ה ווערנדיק דאָגמאַטיזירט און רי־טואַליזירט, זיינען אַ פילאָזאָפישע אידייע און מאָראַל־אידייען, גע־וואָרן אַ מאַסן־דערשיינונג, צום ערשט ביי איין פאָלק און נאָכדעם ביי אַ סך פעלקער. ווען די גאָט־אידייע און די מאָראַל־אידייען וואָלטן געבליבן אין אַ פילאָזאָפישער פאָרעם, אָט ווי דאָס איז גע־ווען ביי די גריכישע פילאָזאָפן, וואָלט פון זיי קיין וועלט־באַווע־גונג קיינמאָל נישט געוואָרן. פון דער צווייטער זייט אָבער, און דאָס איז דער חסרון, האָט דער גאָט־געדאַנק און דער מאָראַלישער גע־דאַנק, דורכן פאַרוואַנדלט ווערן אין בלינדער דאָגמע און אין מע־כאַנישן ריטואַל, זיך פאַרפלאַכט ביז גאָר. דער עטישער מאָנאָטע־איזם, לויט דעם ווי די ברייטע מאַסן גלויביקע האָבן אים אויפגע־פאַסט און פּראַקטיצירט, איז געווען נישט קיין מאָנאָטעאיזם און נישט קיין עטישער. אָבער דאָס איז זיך אַ באַזונדער פראַגע. דאָס וואָס אונדז אינטערעסירט אויף דעם פּלאַץ פעסטצושטעלן איז, אַז דער עטישער מאָנאָטעאיזם איז נישט געווען קיין פּראָדוקט נישט פון דעם סעמיטישן גייסט, נישט פון דעם אַלט־אידישן גייסט, וועל־כער איז געווען אידענטיש מיטן אַלגעמיין־סעמיטישן, און אויך נישט פון דער אַלטער אָריענטאַלישער סביבה. בשום אופן קען מען דעם עטישן מאָנאָטעאיזם פון די אַלע פאַקטאָרן נישט אַרויסדרינ־גען. פאַרקערט, די רעליגיאָזיטעט וואָס איז יאָ געווען אַ פּראָדוקט פון די אַלע פאַקטאָרן, איז לויט איר עצם און מהות געווען קעגנ־ועצלעך צום עצם און מהות פון עטישן מאָנאָטעאיזם. דאָס איינציקע וואָס דער עטישער מאָנאָטעאיזם האָט גענומען ביי זיין קולטור־

סביבה, זיינען געווען געוויסע אויסערלעכע פאָרמען און געוויסע אופנים פון אויסדריקן זיך. אויך איז פאַרבליבן אין תנ"ך אַ היפּש ביסל פון דעם אַלטן אנטי־מאָנאָטעאיסטישן און אַנטי־עטישן סעמי־טישן רעליגיעזן גייסט, וואָס בילדן אַ סתירה צום גייסט פון אמתן עטישן מאָנאָטעאיזם. אָבער דאָס זיינען אַלץ נעבן־זאַכן. דער עיקר, דער ריינער אינהאַלט פון עטישן מאָנאָטעאיזם, איז נישט גענומען נישט פון דער אַלג. אָריענטאַלישער סביבה און נישט פון דער צו איר ענלעכער אידישער פאָלקס־סביבה, נאָר איז גענומען פון די גייסט־טיפעניש פון גרויסע דענקער און עטישע מענטשן.

די געלערנטע ווייזן אָן, אַז קיין גלות בבל זיינען די אידן אוועק אַלס האַלב־געצנדינעריש פאָלק און צוריקגעקומען זיינען זיי פון דאָרט פאַרטיקע מאָנאָטעאיסטן. דאָס דאַרף הייסן אַזוי פיל, ווי אַז די אידן האָבן דעם עטישן מאָנאָטעאיזם געלערנט אין גלות בבל. אָבער מ'קען זיי פרעגן: וואו, ביי וועלכע רביים און אין וואָס פאַראַ שוועלן האָבן די אידן אין בבל געקענט לערנען דעם עטישן מאָנאָ־טעאיזם? זאָל שוין אפילו זיין אַז די אידן האָבן זיך אין בבל אויס־געלערנט די חומש־לעגענדעס, האמוראבים געזעצן, די בבלשע הימ־נען וועלכע זיי האָבן נאָכגעמאַכט אין תהילים אא"וו. אָבער דאָס איז דאָך אַלץ פאָרעם, נישט אינהאַלט. פון דעם עטיש־מאָנאָטע־איסטישן אינהאַלט איז דאָך אין דער בבלשער רעליגיע אפילו קיין סימן נישט געווען. טאָ ווי אַזוי האָבן די אידן דאָרט עס געקענט אויסלערנען? ניין, די אידישע שעפער פון עטישן מאָנאָטעאיזם האָבן זייער תורה נישט געלערנט נישט אין בבל, נישט ביי דעם געצנדינעריש־בייזן אַלטן אָריענט און נישט אין סעמיטישן כאַ־ראַקטער, נאָר זיי האָבן זייער תורה געלערנט אין זיך אַליין, אין זייער אייגענעם לויטערן גייסט און געדאַנק, און פון דאָרט אַרויס האָבן זיי עס איבערגעגעבן צוערשט צו זייער פאָלק און נאָכדעם צו דער גאַנצער מענטשהייט.

דער עטישער מאָנאָטעאיזם איז בכן נישט קיין שאַפונג פון אי־דישן פאָלק, נאָר פון גרויסע אידישע אינדיווידן. וועגן קיין אידישן כאַראַקטער האָט נאָך דעמאָלט בכלל נישט געקענט זיין קיין רייד. דאָס עברים־פאָלק האָט אין יענער צייט נישט פאַרגעשטעלט מיט

זיך — און נישט געקענט פֿאַרשטעלן — קיין שום באַזונדערקייט לגבי די פֿיל אַנדערע סעמיטישע פֿעלקער, פֿון וועלכע עס איז געווען אַ טייל. אויב דאָס אידישע פֿאָלק האָט זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן אויסטיילן און אָנגעהויבן אויסבילדן אין זיך געוויסע באַזונדערקייטן, איז עס געווען נאָר אדאַנק דער מאָנאָטעאיסטישער רעליגיע, וועלכע האָט געווירקט אין זיין מיט. פֿאַרשטענדלעך אַז די אידישע כאַראַקטער באַזונדערקייט וואָס איז מיט דער צייט געווען אַ פּראָדוקט פֿון מאָנאָטעאיזם, האָט נישט געקענט זיין די לכתחילהדיקע סיבה פֿון אַרויסברענגען דעם זעלבן מאָנאָטעאיזם. אַ פּועל־יוצא קען דאָך נישט זיין גלייכצייטיק די סיבה פֿון זיך אַליין. אין מאָמענט ווען דאָס עברים־פֿאָלק האָט אויפגענומען די מאָנאָטעאיסטישע אידייע, איז עס געווען ניט מער — אין קיין שום הינזיכט נישט מער — ווי אַ געוויינלעך סעמיטיש פֿאָלק. דאָס הייסט, אַז ווען אַ וועלכעס עס איז אַנדער סעמיטיש פֿאָלק וואָלט אויפגענומען ביי זיך די מאָנאָטעאיסטישע אידייע, וואָלט זי ביי אים געבראַכט די זעלבע רעזולטאַטן וואָס ביי די עברים.

אזוי גוט. די אידייע וועגן אַן איינציקן גאָט, וועלכע איז אויפגעקומען אין דער ווייטער באַגינען־צייט פֿון דער אידישער געשיכטע, ווי די שפּעטערדיקע אַרויסהויבונג פֿון דער דאָזיקער אידייע, איר עטיזירונג און אוניווערסאַליזירונג, איז נישט קיין פּראָדוקט פֿון קיין עטנישן קיבוץ, נאָר פֿון יחידים. די אידייע וועגן אַן איינציקן גאָט איז — וואַרשיינלעך — די שאַפֿונג פֿון אַן אוראַלטן עברימשן דענקער, און די אַרויסהויבונג פֿון דער דאָזיקער אידייע, געהער צו נביאים, ד"ה צו עטישע פּערזענלעכקייטן פֿונעם דאָזיקן שטאַם, אָבער נישט צום שטאַם אַלס גאַנצן. דאָס ברייטע אידישע פֿאָלקס־לעבן האָט מיט דעם נביאים־גייסט קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט און די נביאים זיינען נישט געווען דער אויסדרוק דערפֿון. עס איז נישט באַקאַנט אַז דאָס אידישע פֿאָלקס־לעבן זאָל ווען עס איז געווען האָבן געטראָגן אויף זיך דעם חותם פֿון נביאימטום, ד"ה אַז דאָס פֿאָלק אַלס גאַנצס זאָל געווען האָבן געפֿירט אַ נביאים־לעבן. פֿאַרקערט, מ'וואָלט געקענט זאָגן, אַז דער מהות פֿון פּראָפֿעטיזם און דער מהות פֿון המון־אידישקייט זיינען זיך שטענדיק געווען

קענגנזעצלעך. דער מהות פון פראפעטיזם איז געווען גוטער און פרו־
מער גייסט, וואס זאל ברענגען צו גוטן טאט, און דער מהות פון
המון־אידישקייט איז געווען פארמאליזם, טויטע דאגמע, מעכאני־
שער ריטואל און צערעמאניאל — זאכן קעגן וועלכע נביאים זיינען
שטענדיק ארויסגעטראטן.

קאפיטל 8

דער פילאָזאָפישער אַספּעקט פון מאָנאָטעאיזם

I

דער געדאנק וועגן אן איינהייטלעכן געטלעכן פּרינציפּ, וואָס גיט לעבן און קיום דער וועלט, וועלכער האָט זיך באַטייליקט — און באַטייליקט זיך — אזוי גוט אין די אנטשטייאונגס־און שאפונגס־פּראָצעסן פון אוניווערז, ווי אין זיינע דערהאַלטונגס־פּראָצעסן, איז אַ ריין פילאָזאָפישער געדאנק, וועלכן עס האָבן, אויף די פאַר־שידנסטע אופנים, אַרויסגעבראַכט אַלע דענקענדיקע מוחות פון אַלע צייטן און אַלע תקופות. עס איז אָבער פאַראַן אַ גוואַלדיקער אונ־טערשייד צווישן אָט דעם דאָזיקן ריין־פילאָזאָפישן גאָט־קאָנצעפּט, ביז דעם גאָט־קאָנצעפּט פון גלויבן. נאָך אַלע באַמיאונגען אַרומ־צופּולירן דעם גאָט פון רעליגיע פון זיינע גראָבע אַנטראָפּאָמאָרפיזמען און אים געבן אַן אידעאַל געשטאַלט, איז ער דאָך שטענדיק גע־בליבן מער ענלעך צו איינעם פון די מעכטיקע געטער פון פּאָלי־טעאיזם, איידער צום געטלעכן וועלט־פּרינציפּ פון וועלכן עס רעדט דער פילאָזאָף.

וואָס איז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון געצנדינערישן גאָט? — זיין נאַיוו־קינדערשער אַנטראָפּאָמאָרפיזם. דער גאָט פון געצנ־דינער איז אַ מעכטיק ספּיריטועל מענטשן־ענלעך וועזן, וועלכער טוט אַלץ לויטן מענטשלעכן מוסטער. די געטער האָבן געשאַפן די וועלט

ווי מענטשן שאַפֿן זייערע שאַפֿונגען; די געטער באַטרייבן די וועלט ווי מענטשן באַטרייבן זייערע באַטריבן; דאָס לעבן פֿון די געטער: זייערע מחשבות, געפֿילן און מעשים, זיינען ענלעך צו די מחשבות, געפֿילן און מעשים פֿון מענטשן. אויך איז די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די געטער געווענדט נאָר צום מענטשן. די וועלט און אירע דער־שיינונגען און אַלע נאַטור־פּראָצעסן, זיינען אַ שפּיל וואָס די גע־טער שפּילן־אויף פֿאַרן מענטשנס וועגן. אַזוי גוט די נוצן־ברענגענ־דיקע נאַטור־טעטיקייטן ווי די שאָדן־ברענגענדיקע, ווערן ספּעציעל באַטריבן אָדער צום גונסטן פֿון די מענטשן אָדער צו זייער היזק. עס דרינגט דערפֿון אַרויס, אַז די מענטשן מוזן די געטער דינען, כדי צו געווינען זייער גנאָד און זיין מיט זיי אין גוטע באַציאונגען.

עס איז נישט איינצוזען, אַז דער גאָט פֿון מאָנאָטעאיזם זאָל נישט געוועזן באַזיצן די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן. פֿאַרקערט, עס זעט אויס ווי יאַהווע וואָלט געווען דער מעכטיקסטער פֿון דער אַלטער־געטער־גאַלעריע, וואָס האָט זיינע שוואַכערע מיטאַרבעטער אומגע־בראַכט און איז געבליבן אַליינהערשער איבער דער וועלט און אי־בער די מענטשן. נישט יאַהווע איז געווען ווייניקער אַנטראָפּאָמאָר־פֿיש ווי די אָפּגעטער און נישט דער מאָנאָטעאיזם ווייניקער אַנטראָ־פּאָצענטריש ווי דער פּאָליטעאיזם. דער אונטערשייד פֿון די פֿיל גע־טער פֿון אַמאָל ביז יאַהווע, דעם איינציקן גאָט, איז געווען בלויז אַ קוואַנטיטאַטיווער, אַ נומערישער — דאָרט זיינען די געטער געווען אַ סך און דאָ בלויז איינער; דער מהות, אָבער, די קוואַליטעט, די פֿילאָזאָפֿישע הויך, איז בייביידע געווען גלייך. דאָס זעלבע וואָס שייך דער שטעלונג פֿון גאָט אין דער נאַטור. דאָ ווי דאָרט איז די שטעלונג אַן אַרביטראַרישע; די נאַטור איז אַ שפּילצייג אין די הענט פֿון איינציקן גאָט, ווי זי איז עס געווען אין די הענט פֿון די סך געטער. אַזוי אויך זיינען די באַציאונגען מיטן מענטשן די זעלבע פֿון איינציקן גאָט ווי פֿון די סך געטער. פֿאָלגט דער מענטש דעם איינציקן גאָט, — איז ער גוט צו אים און באַלוינט אים; פֿאָלגט ער אים נישט, ווערט ער בייז אויף אים און באַשטראָפֿט אים. דער אופֿן פֿון באַלוינען און באַשטראָפֿן איז אין מאָנאָטעאיזם דער־זעלבער וואָס אין פּאָליטעאיזם.

אויף די דאָגמען פון די מאַנאַטעאיסטישע רעליגיעס שטייען אויף דער שטופּע פון גערדאַנק וואָס די דאָגמען פון דער געצנדינערײ. סיי די דאָקטרינגערע הויפּט־דאָגמען, סיי די דאָגמען וואָס האָבן זיך, אין די שפּעטערדיקע צייטן, פון זיך אַליין אַרײַנבאַקומען אין די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס, זיינען, אין תוך, אידענטיש מיט די גלויבונגען פון געצנדינערישער רעליגיע.

לייענט מען סיי דעם אַלטן טעסטאַמענט, סיי דעם נייעם טעס־טאַמענט און מען זעט ווי זיי זיינען אָנגעפּילט מיט די פאַרשידנסטע מעשיות מכוח דעם ווי אַזוי גאָט האָט געענדערט דעם סדר פון דער נאַטור פון די מענטשנס־וועגן, ווי אַזוי די בריאה איז געוואָרן אַ אינסטרומענט אין די הענט פון גאָט צוליב די מענטשן; ווי אַזוי עס זיינען אַראָפּגעקומען ספּיריטועלע וועזנס פון הימל און זיך אַרײַנגעמישט אין די מענטשלעכע ענינים; ווי אַזוי מענטשן זיינען אַוועקגעפלויגן אין הימל אַרײַן און דאָרט זיך פאַרוואַנדלט אין ספּי־ריטועלע וועזנס; לייענט מען די דאָזיקע און אָן אַ שיר אַנדערע ענלעכע מעשיות און מען פרעגט ביי זיך: מיט וואָס שטייען די דאָ־זיקע אַלע געשיכטן אין גרונטבוך פון מאָנאָטעאיזם העכער פאַר די געשיכטן פון געצנדינערישער רעליגיע? און וואָס זיינען דען בכלל ניסים? ניסים מאַכן פון דער נאַטור, פון דער וועלט, אַ קעגנשטאַנד אויסצופירן מיט איר מאַגישע עקספּערימענטן פאַרן מענטשנס־וועגן, פאַר דעם „בחיר היצירה". זיינען די מענטשן מיט גאָט אין גוטע באַציאונגען: פאָלגן אים, חנפנען אים, ליבן אים, דינען אים — מאַנעווורירט ער מיט דער נאַטור אַזוי, אַז זי זאָל פונקציאָנירן זיי לטובה; זיינען זיי מיט אים אין שלעכטע באַציאונגען: פאָלגן אים נישט, חנפנען אים נישט, ליבן אים נישט, דינען אים נישט — מאַנעווורירט ער מיט איר אַזוי, אַז זי זאָל פונקציאָנירן זיי לרעה; איז גאָט חבר מיט די מענטשן, באַפעלט ער דער נאַטור אַז זי זאָל זיין מילד צו זיי, זאָל זיי ברענגען שפע און מזל־ברכה; איז ער מיט זיי ברוגז — מחמת זיי דינען און בוקן זיך צו אַנדערע געטער — באַפעלט ער די נאַטור זאָל זיין צו די מענטשן פיינטלעך און ברענ־גען אויף זיי צרות און פורעניות און אָנשיקענישן און עס זאָל זיך אויף זיי אויסגיסן די גאַנצע תוכחה; ווייל גאָט, מאַכט ער די נאַטור

זאָל זיין נאַטירלעך; ווייל ער, מאַכט ער זי זאָל זיין אומנאַטירלעך; אַמאָל אומנאַטירלעך צום גוטן, אַמאָל אומנאַטירלעך צום שלעכטן; אַמאָל אומנאַטירלעך פאַרן כלל און אַמאָל אומנאַטירלעך פאַרן יחיד. אויך באַשענקט גאָט זיינע פאַוואָריטן, די וואָס זיינען אים באַזונדערס טריי און פאָלגעוודיק, מיט ספּעציעלע מאַגישע פעאיקייטן, צו קענען טון מופתים און ענדערן די נאַטור פון די זאַכן...

— מיט וואָס שטייען די דאָזיקע גלויבונגען העכער פאַר די גלויבונגען פון געצנדינסט?!

נעמט מען אַזאַ אידישע הויפּט־דאָגמע ווי תורה מסיני. — גאָט, דער איינציקער גאָט, דער באַשאַפער פון הימל און ערד און פון אַלע וועלטן און פון גאַנצן אוניווערז און פון גאָר דעם וועלטאַל — האָט זיך אין איינעם אַ שיינעם טאָג אַריינגעזעצט אין אַ וואָלקן און האָט זיך דורך אַלע אומענדלעכע, סופלאַזע, גרעניצלאָזע וועלטן, אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער פּיצעלע ערד, און דאָ, אויף דער ערד האָט ער אויפגעזוכט אַ בערגל אין דער אַראַבישער וויסטעניש, מיטן נאָמען סיני, אונטער וועלכן ס'איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרופּע נאָמאַדישע סעמיטן. דאָ, אויפן בערגל האָט זיך גאָט דער אַלמעכטיקער אָפּגעשטעלט מיט זיין פליענדיקן וואָלקן, און האָט אָנגעהויבן ריידן צו די פאַרזאַמלטע אידן ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך פירן און אין וואָס זיי דאַרפן גלויבן. צווישן אַנדערן האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער איז דער איינציקער גאָט און קיין אַנדערע געטער אויסער אים טאָרן נישט זיין; אַז מ'טאָר ניט מזנה זיין, מ'טאָר נישט הרגנען, מ'טאָר נישט גלוסטן צו יענעמס ווייב און צו יענעמס באַזיץ, (כאָטש געמאַכט האָט ער גאָר דעם מענטשן אַזוי, אַז ער וויל יאָ מזנה זיין, וויל יאָ הרגנען, גלוסט יאָ צו יענעמס ווייב און באַזיץ) און אַזוי ווייטער. אָפּגעגעבן די דאָזיקע זעלבסטקרוינענדיקע דעקלאַראַציע און די באַפעלן, האָט גאָט, דער אַלמעכטיקער, דער באַשאַפער, באַלעבער און דערהאַלטער פון אוניווערז, אַ טרייב־געטון זיין מאַגישן וואָלקן און אַוועק צוריק אין העכסטן, אין זיבעטן הימל און זיך געזעצט אויף זיין כסא הכבוד. — אָט דער דאָזיקער ספּעקטאַקל, אויפגעפירט פון וועגן אַ רעדוצירטער גרופּע מענטשן אין דער אַראַבישער וויסטעניש, איז געווען... דער ציל פון דער וועלט־שאַפונג!

מיט וואָס, פרעגט זיך, שטייט די דאָזיקע גרונטדאָגמע פון אי־דישן מאָנאָטעאיזם אויף אַ העכערער שטופע פון געדאַנק, ווי די אומצייליקע מיטאָסן און לעגענדעס און גלויבונגען פון די געצנדי־נערישע רעליגיעס?

אָדער נעמט מען די גרונטדאָגמען פון קריסטנטום, וואָס פאַר־פליכטן צו גלויבן, אַז גאָט האָט דורכן הייליקן גייסט פאַרקערט מיט אַ אידישער פרוי פון גליל, אַ סטאָליערס אַ ווייב, און האָט מיט איר געבוירן גאָטס זון, דאָס הייסט גאָט אין געשטאַלט פון אַ מענ־טשן, און נאָכדעם ווי מ'האָט אים, גאָט־גאָטס־זון, אומגעבראַכט אויפן קרייץ און באַגראָבן אין דרערד, איז ער פון דאָרט אַרויס־געקראָכן און צוריק אַוועק אין הימל אַריין; דאָס הייליקע ברויט, די האָסטיע, וואָס די גלויביקע עסן, שטעלט מיט זיך בפועל ממש פאָר גאָטס לייב; זיי עסן אויף גאָט, הייסט עס, און אין זייער אינגעווייד מאַכט, נאַטירלעך, די שפּייז — גאָט, דורך די זעלבע פאַרוואַנדלונג וואָס אַלע אַנדערע שפּייזן...

הונדערטער און הונדערטער יאָרן האָבן מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי די בעסטע און די קליגסטע, געגלויבט באמונה שלמה און געווען איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון אָט די דאָ־זיקע מעשיות. פּאַסקאַל, למשל, האָט געגלויבט, אַז מ'קען די ריכ־טיקייט פון די קריסטלעכע דאָגמען דערווייזן מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט! (אַרימע „מאַטעמאַטישע פּינקטלעכקייט". — וואָס קען מען דען נישט „דערווייזן", וואָס האָט מען דען נישט „דערוויזן" מיט איר). טייכן מענטשלעך בלוט זיינען פאַרגאָסן געוואָרן; טויזנ־טער מענטשלעכע לעבנס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, צוליבן ווען אָפּנויגן אַ קוצו של יוד פון אָט די „מאַטעמאַטיש־פּינקטלעכע" דאָגמען...

נעמט מען אַרונטער דעם ענין איין גאָט און פיל געטער אונ־טערן שמעלצפייער פון ניכטערער שכלדיקער קריטיק, פאַרשווינדט יעדער געדאַנקלעכער אונטערשייד צווישן די ביידע. לאָזנדיק, הייסט עס, די עטישע זייט פון מאָנאָטעאיזם מן הצד, נאָר נעמענדיק בלויז די פילאָזאָפישע זייט זיינע, איז בשום אופן נישט איינצוזען מיט וואָס ער שטייט העכער פון פּאָליטעאיזם.

אײנע און די זעלבע גלויבונגען זײַנען אין פּאָליטעאיזם געווען נאַריש און לעכערלעך און מ'האָט זײ גערופן געצנדינסט און אַבערגלויבן, און אין מאָנאָטעאיזם זײַנען די זעלבע געווען העכער גלויבן און שכלדיקע דאָגמען. ווען געצנדינערײַ האָט גערעדט װעגן נישט דערצערענען די געטער כדי זײ זאָלן קײן בײז נישט טון די מענטשן און וועגן אײַננעמען די געטער, כדי זײ זאָלן זײַ גנעדיק צו די מענטשן, איז עס געווען גראָבער אַנטראָפּאָמאָרפיזם און נאַרישער אַבערגלויבן, און ווען מאָנאָטעאיזם האָט גערעדט וועגן דער זעלבער זאַך, אַז גאָט באַלוינט די וואָס פאָלגן אים און באַשטראָפט די וואָס פאָלגן אים נישט, איז עס געווען העכער גלויבן; טאָמער האָט זיך עמיצער געשראָקן פאַר אַ שלעכטן צײכן און עס אָנגענומען פאַר אַ באַווײַז, אַז אַ בײזע טרעפונג וועט אים טרעפן, איז עס געווען אַבערגלויבן, און טאָמער האָט דער זעלבער געטון עפּעס אַ פאַרבאָטענע זאַך און געגלויבט אַז ערגעץ אין ספּיריטועלע וועלטן ווערט זײַן זינדיקער טאַט פאַרשריבן אין דער הימלישער בוכהאַלטעריע, כדי נאָכן טויט אים צו באַשטראָפן — איז עס געווען העכער גלויבן. ווען געצנדינערײַ האָט גערעדט וועגן אַרײַנוואַרפן די זינדיקע נשמות אין פינצטערע אָפּגרונטן, און די גוטע צוטײלן אַלערלײ תענוגים, נאָכן טויט, איז עס געווען נאַרישער אַבערגלויבן; ווען מאָנאָטעאיזם האָט גערעדט וועגן דער זעלבער זאַך, איז עס געווען גרויסע חכמה.

דער געדאַנקלעכער אונטערשײד צווישן די גלויבונגען פון מאָנאָטעאיזם און פּאָליטעאיזם, איז בלויז אין דער א י נ ב י ל ד ו נ ג ו ו ע ג ן ז י י. יעדער גלויבונג מיט וועלכער מ'ווערט דערצויגן און מ'לעבט אונטערן שטענדיקן אײַנדרוק וועגן איר וועלטוויכטיקײט און טראַנסצענדענטער באַדײַטונג, ווערט אַזעלכע פאַרן שכל. די דאָזיקע גלויבונג מוז נישט ווירקלעך שטײן אויף אַ העכערער שטופע פון דענקען, נאָר מ'מוז זיך בלויז אײַנבילדן אַז זי איז אַזעלכע. יעדע גרונטדאָגמע, דאָס הײסט, יעדע גלויבונג אויף וועלכער עס איז קאָנצענטרירט די מאַקסימאַלע מאָס גלויבנס־קראַפט, איז שוין מיט דעם אַלײן די גרעסטע חכמה, איז שוין מיט דעם אַלײן וועלט־וויכטיק, אַפּריאָרי זיכער און שטײט אויסער יעדן ספק.

צווייטראַנגיקע גלויבונגען, מעגן זיי אפילו זיין שכלדיקער ווי די גרונטדאָגמען, ביי זיי איז שוין שוואַכער די מאָס גלויבנס־סוגעס־טיע און איינבילדונג, און פאַר געוואַגטע און צווייפלער זיינען זיי שוין אַ קעגנשטאַנד פאַר ספקות. עס איז קיינמאָל נישט וויכטיק די וואָרשיינלעכקייט און די שכלדיקייט פון אַ גלויבונג אָנפּאַרזיך, נאָר בלויז איר אָרט אין דער געגעבענער רעליגיע. אויב אַ גלויבונג שטאַמט דירעקט פון נביא און פון רעליגיע־גרינדער, איז נישט שייך צו גיין זוכן איר שכלדיקן ווערט. מעג זי זיין דער ווילדסטער אבסורד, איז זי די „העכסטע חכמה". וואָס גרעסער ס'איז דער אָפּשטאַנד צווישן אַ גרונטדאָגמע און דעם אורטייל פון שכל הישר וועגן איר, אַלץ מער איז זי למעלה מן השכל, אַלץ געטלעכער און וואונדער־לעכער. אַרויסטרעטן קעגן אַזאַ גרונטדאָגמע, אָדער שטעלן איר אונ־טער ספק, מיינט אַרויסטרעטן קעגן דער העכסטער גלויבנס־אוי־טאָריטעט, אָנגרייפן דעם סאַמע יסוד פון געגעבענעם גלויבן. קעגן אַזאַ שריט איז קאָנצענטרירט די גאַנצע אומגעהויערע קראַפט פון פאַרבאָט, דאָס מיינט מרידה אין די העכסטע גלויבנס־אינסטאַנצן. אויף אַזאַ שריט וואַגן נישט אַפילו די גרעסטע. בנוגע די עקרי הדת וואַגט קיינער נישט צו שטעלן די מינדסטע פראַגע און צו האָבן דעם מינסטן ספק. און אויב ס'האָט זיך אַמאָל געפונען אַזאַ שרעק־לעכער אפיקורס וואָס האָט יאָ געוואַגט צו שטעלן פראַגן און צו צווייפלען, האָט מען אים אין חרם געלייגט. די קללה פון גאָט האָט אויף אים גערוט און זיין בלויזע אָנוועזנהייט האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק און אַ פּחד אויף די אַרומיקע. ביי אַזאַ מין פילן די זאַכן — צי איז מעגלעך געווען, אַז שכל זאָל באַטש שפּילן אַפילו די קלענס־טע ראָלע אין באַאורטיילן גלויבנס־דאָגמען? אָ, ניין! שכל האָט אויף אַזעלכע פירכטלעכע פּאָסטולאַטן געגעבן זיין פּאַראַויסיקע, פולשטענדיקע, אומקאָנדיציאָנעלע הסכמה. קיין זאַך האָט נישט געקענט זיין מער זיכער, דערוויזן און עווידענט, ווי דאָס וואָס איז געווען גרונטדאָגמע פון אַ באַשטימטער רעליגיע. בלויז אַ גלויבונג וואָס האָט נישט געקערט צו די עקרי הדת, נאָר זי איז געווען אַ שפּעטער צוגעקומענע, דאָס הייסט אַזאַ וואָס איז געווען געשטיצט פון אַ קלענערער גלויבנס־אויטאָריטעט, האָט זי אַפילו געמעגט זיין שכלדיקער פאַר די דאָגמען, בלויז זי איז געווען מאַטעריאַל פאַר

צווייפל, און די „אויפגעקלערטע" פלעגן זיך צו אַזעלכע שפּעטער־צוגעקומענע גלויבונגען באַציען מיט אַ געווויסער קלות.

אין רעליגיע האָט דעצידירט אויסשליסלעך און אַליין נאָר די מאָס גלויבנס־קראַפט וואָס איז געווען קאָנצענטרירט אויף באַשטימטע גלויבנס־קאָנצעפּטן און האַנדלונגען. אויב איינע און די זעלבע גלויבונגען זיינען אין היידנישער רעליגיע געווען דאָס לעצטע נאַרישקייט און אין מאָנאָטעאיזם די העכסטע חכמה, איז עס פּשוט געווען דערפאַר וואָס אין דער ריכטונג איז געגאַנגען די באַאיינפלוסונג פון דער גלויבנס־מאַכט. אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן גלויבן אין אַ סך געטער, איז געווען ווילד, פינצטער און אָפּגעשטאַנען, און אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן גלויבן אין איין גאָט, איז געווען ציוויליזירט, שכלדיק און קולטורעל. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די מאָנאָטעאיסטישע רעליגיעס צווישן זיך. ייד, קריסט און מאַכמאַדאַנער האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטנס רעליגיע ווי אויף כישוף און שטותעריי.

דער מאָנאָטעאיזם, **ג ע ד אַ נ ק ל ע ך אָ פּ ג ע ש אַ צ ט**, איז פּאָליטעאיזם אַרומגעהילט מיט אַ מכלומרשטער פילאָזאָפישער הילע. דער עצם געדאַנק פון אַ איינציקן גאָט, אָדער געטלעכן פּרינציפּ, וואָס באַווירקט דעם אוניווערז, איז, ווי אויבן געזאָגט, טאַקע אַ פילאָזאָפישער געדאַנק, און ער שטייט אויף אַן אומגעהויער העכערער שטופע פון דענקען ווי דער גלויבן אין אַ סך געטער. אָבער דער איינציקער גאָט פון דער פילאָזאָפיע און דער איינציקער גאָט פון רעליגיע, זיינען אין תוך פאַרשידן. דער גאָט פון רעליגיע איז שטענדיק מער ענלעך צו איינעם פון די מעכטיקע געטער פון פּאָליטעאיזם, איידער צום גאָט פון פילאָזאָף. אין איינציקן גאָט פון רעליגיע זיינען איבערגעגאָסן געוואָרן אַלע נאַאיוו־פּרימיטיווע, אַנטראָפּאָמאָרפישע אייגנשאַפטן וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט די אָפּגעטער. דער ברייטער באַגריף פון מאָנאָטעאיזם איז טאַקע אַ פילאָזאָפישער, אָבער אַלע איבעריקע געדאַנקען און גלויבונגען פון מאָנאָטעאיזם, זיינען עס נישט. לויט דער אַלגעמיינער, אַבסטראַקטער פאָרמולירונג און אויפפאַסונג איז דער גאָט פון מאָנאָטעאיזם ענלעך צום וועלט־גאָט פון דענקער; לויט די דעטאַלירטע און קאָנקרעטע פאָרמולירונגען אָבער, איז ער מער ענלעך צו

א גרויסן אָפּגאָט. סיי זיין אַרט ריידן, סיי זיין אַרט דענקען און פילן — לויט ווי דאָס ווערט געשילדערט אין די גרונטביכער פון מאַנאָטעאיזם — סיי זיין אַרט מאַניפּולירן מיט דער נאַטור און סיי זיין אַרט באַציען זיך צום מענטשן, איז פולשטענדיק אידענטיש צו די פון די פּילגעטער. פונקט ווי יענע און נאָכמער ווי יענע, האַלט ער אין איין נאָכגיין די מענטשן און זיך אונטערקוקן צו זייערע מינדסטע טאַטן; פונקט ווי יענע נעמט ער זיך צום האַרצן יעדע קלענסטע אומפאָלגעוודיקייט זייערע און האָט גרויס נחת־רוח ווען זיי פאָלגן אים יאָ; פונקט ווי יענע ווערט ער דערצאָרנט אויף די מענטשן און שיקט אויף זיי אָן אומגליקן; פונקט ווי' יענע גיט ער דורך דער נאַטור כשוף־ספּעקאַקלען פאַר די מענטשנס־וועגן; פונקט ווי יענע האָט ער איינגעאָרדנט אויף יענער וועלט באַלוינען און באַשטראָף־אַנשטאַלטן; פונקט ווי' יענע פירט ער אָן אין הימל מיט אַ צאָללאָזער אַרמיי פון גייסטהאַפטע וועזנס, פון די פאַרשידנסטע סאָרטן, פונקציעס און יעראַרכיעס, וואָס העלפן אים אין דער וועלט־פאַרוואַלטונג און שטייען אין כסדרדיקן פאַרקער מיטן מענטשן. מיט איין וואָרט: דער גאַנצער מיסטיש־מאַגישער אַפּאַראַט, וואָס איז געווען טעטיק אין די געצנדינערישע גלויבנס, איז איבערגעגאַנגען אין די גלויבנס פון איין־איינציקן גאָט.

און אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין. וואָרום צווישן פילאָזאָפישן אויפפאַסן גאָט און דעם רעליגיעזן אויפפאַסן גאָט, הערשט אַן אומדורכדרינגלעכער תהום. די דאָזיקע צוויי שטאַנדפונקטן וועלן קיינמאָל נישט קענען פאַראייניקט ווערן און קיין אויסגלייך צווישן זיי איז גאָרנישט מעגלעך. אָדער דער מענטש מוז זיך אַליין מקריב זיין פאַר דער אמתער גרויסקייט פון גאָט, און זען זיך אַליין אין דער נאַטור ווי אַן אומבאַמערקט שטויבעלע, וועלכעס קען נישט פאָרדינען די אויפמערקזאַמקייט פון גאָט, און דעמאָלט האָט רעליגיע קיין זינען נישט, אָדער, אויב יאָ רעליגיע, איז דער מענטש מקריב גאָט צוליב זיך און מאַכט פון געטלעכן וועלט־פּרינציפּ אַ אַנטראָפּאָמאָרפיש און אַנטראָפּאָצענטריש קינדער־שפּילעכל, — אַ גאָטעלע וואָס מוז זיך שפּילן מיטן מענטשן: האָבן באַציאונג צו זיין יעדן מינדסטן טאַט און איבערלעבונג, מוז אים באַשטראָפן, באַלוינען, ברוגז ווערן אויף אים, אים מוחל זיין,

אים אויסהערן, אים טרייסטן, אים צערטלען, אים אָפּשטויסן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

פון איין זייט, האָט עס געהייסן ביי די רעליגיע־פילאָזאָפן, האָט גאָט נישט די מינדסטע ענלעכקייט צום מענטשן. זיין שכל איז אַנדערש ווי דער מענטשלעכער שכל און זיין ווילן איז אַנדערש ווי דער מענטשלעכער ווילן. גאָט איז גרויס און פאַרהוילן. דער מענטש ווייס בלויז זיין מציאות, אָבער נישט דעם אופן פון זיין מציאות. וואָרום דערקענען די וועזנהייט פון גאָט, וואָלט געמיינט אים אַריינפּאַסן אין די ראַמען פון די מענטשלעכע דערקענטעניש־פּעאיקייטן, און דאָס וואָלט געמיינט אים באַגרעניצן, אים מאַכן ענדלעך, און גאָט איז אומענדלעך. ווען דער מענטש וואָלט ביכולת געווען צו דערקענען די אינטימע וועזנהייט פון גאָט, וואָלט עס געהייסן, אַז: אָדער דעם מענטשנס דערקענטעניש־מעגלעכקייט דערהויבט זיך צו דער הויך פון גאָטס פּאַראַנזיין, אָדער ס'וואָלט געהייסן אַז גאָטס פּאַראַנזיין איז אַזוי קליין, אַז דער מענטש קען עס באַנעמען. אין ביידע פאַלן וואָלט געווען עקיוואַלענץ צווישן גאָטס וועזנהייט און דעם מענטשנס דערקענטעניש־פּעאיקייט. דאָס וואָלט רעדוצירט גאָטס וועזנהייט צו דער הויך פון מענטשנס גייסט. און אַזעלכעס איז נישט שייך צו ריידן וועגן גאָט, וואָס איז אונטער אַלע אַספּעקטן אומענדלעך און אָן־סופיק. דערפאַר אויך זיינען די אַלע גראָבע מענטשן־ענלעכע באַצייכענונגען פון גאָט אין דער ביבל, נישט מער ווי אַלעגאָריעס, משלים, פאַרן גראָבן, האַמעטנעם המון, וואָס קען נישט דענקען אַבסטראַקט און צו וועלכן מ'מוז ריידן אין אַ עמפּירישער בילדער־שפּראַך. עס האָט, בכן, פון איין זייט געהייסן, אַז נאָר דורך טיפן פילאָזאָפישן דענקען, קען מען באַקומען אַ וועלכע עס איז השגה מכוח גאָט. פון דער צווייטער זייט אָבער, האָבן גענומען די זעלבע פילאָזאָפן און האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס גרונטדאָגמען פון גלויבן אין גאָט: השגחה פּרטיות, שכר ועונש, גיהנם און גן עדן, ביאת משיח, תחית המתים, אא"וו. גלויבונגען, איבערגענומענע ביי דער נעצנדינערייי און וועלכע מאַכן גאָט ענלעך צום מענטשן צוויי טראָפּן וואַסער. אַלס פילאָזאָפן האָבן זיי אויפגעהויבן גאָט צו אַ קוים־באַגרייפלעכער הויך, און אַלס גלויביקע האָבן זיי אים אַראָפּגעפירט צו דער הויך פון אַ געץ.

אָבער רעליגיע מוז האַלטן אַז דער מענטש איז דער צענטער און דער ציל פון גאָר דעם באַשאַף, און אַז גאָטס הויפּט־אינטערעס און הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געהער דעם מענטשן. און ניט נאָר דעם מענטשלעכן כּלל, נאָר אויך דעם יחיד; און נישט נאָר די וויכ־טיקסטע געשעענישן אין לעבן פון יחיד, נאָר אַלע זיינע טאָגטעג־לעכע מעשים, אַלע געפילן און געדאַנקען — אַלץ פאַרנעמט גאָטס אויפמערקזאַמקייט. אָן דעם, האָט רעליגיע קיין זינען נישט. וואָרום וויבאַלד גאָט קוקט זיך נישט צו צו יעדן איינעמס האַנדלונגען, ווייס נישט יעדנס מחשבות און געפילן, פאַרנעמט ניט יעדנס גע־בעט און וועגדונג, הערט נישט יעדנס קרעכצן און זיפצן, הערט נישט יעדנס דאַנק און לויב, איז צו וואָס די גאָטספאַרכטיקייט, צו וואָס די פרומקייט און דאָס גאַנצע רעליגיעזע לעבן? אָן געדאַנק פון השגחה פּרטיות, האָט רעליגיע נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג, און מיט השגחה פּרטיות, איז גאָט אַ שפּילצייג אין די הענט פון מענטשנס אומבאַגרעניצטן עגאָצענטריזם.

די רעליגיע־פילאָזאָפן האָבן געוואָלט שלום מאַכן צווישן דער דאָזיקער קאָמפּראָמיסלאָזער סתירה, אָבער עס איז זיי נישט געלונ־גען. פון איין זייט האָבן זיי אַבסטראַהירט דעם גאָט־באַגריף ביזן העכסטן גראַד, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי דאָך געמוזט מאַכן פון גאָט אַ אייפעריקן אונטערקוקער פון די מענטשן מינדסטע מעשים און מחשבות. איז אָנשטאָט די אויסטייטשונג פון די פילאָ־זאָפן זאָל געווען מיט עפּעס פאַרענטפערן דעם ווידערשפּרוך צווישן דער גרויסקייט פון גאָט און דער נישטיקער קליינקייט פון מענטשן, האָט זי אים נאָך מער פאַרטיפט. וואָרום וואָס העכער עס איז גע־שטיגן דער פילאָזאָפישער גאָט־באַגריף, אַלץ שווערער איז געוואָרן אים צו ברענגען אין אַנקלאַנג מיטן גרונט־באַגריף פון רעליגיע, אַז גאָט פאַרנעמט זיך מיט די מיקראָסקאָפּיש־קליינלעכע אינטערעסן פון די מענטשן.

פאַר יעדעס מאָל וואָס דעם מענטשנס גייסט ווערט מיט אַן אמת דורכגענומען מיטן געפיל פון דער גרויסקייט און וואונדער־לעכקייט פון גאָט און פון אוניווערז, מוז ער זיך פילן בטל ומבוטל לגבי דער דאָזיקער גרויסקייט און זיך שעמען ביים בלויזן געדאַנק

אפילו, אז ער, זיין לעבן, ליידן און פילן, קען פארנעמען כאטש וויפל נישט איז אויפמערקזאמקייט פונעם אוניווערז־באלעבער; ער מוז זיך שעמען ביים געדאנק פון רעליגיע, הייסט עס, וואס זאגט אים, אז גאטס אויפמערקזאמקייט איז געווענדט הויפטזעכלעך צו אים און אז גאט קוקט נאך זיין יעדן קער און ווענד, צו וועלכע ער נעמט שטעלונג און וועט אים פאר זיי באלוינען אדער באַשטראפן. על פי שכל, וואלט יעדע אמתע גאט־דערקענטעניש באַדארפט פירן צו אירעליגיאזיטעט, ווי עס איז טאקע געווען דער פאל מיט די פילאזאפן וואס האבן דערקענט גאט אויפן ריין פי־לאזאפישן וועג און וועלכע עס האט נישט געלאסטעט קיין „אנטפלעקטע אמתן". איז אבער דער מענטש ניט קיין בעל שכל, נאר א בעל רגש. דאס וואס דעם מענטשנס ווערן וויל, דאס איז שכל. טא וויל דעם מענטשנס וועזן, אז וואס גרעסער גאט איז, אלץ נענטער זאל צו אים זיין דער מענטש און אלץ מער ארט זאל ער ביי אים פארנעמען.

* *
*

רעליגיע איז געבוירן געווארן אלס פרוכט פון פרימיטיוון מענטשנס אינפאנטילן דענק־אופן און אזעלכע — אינפאנטי־לע וועלט־טעאריע — איז זי געבליבן אויף שטענדיק. פאר א קינד האט די אויסערלעכע וועלט נישט קיין אייגענע רעאַליטעט, נאר זי עקזיסטירט אין שטרענגן צוזאמענהאנג מיט זיין איך. די יעניקע דרויסנדיקע געגנשטאנדן, וואס זיינען אים גלייכ־גילטיק, די באמערקט ער נישט, ווען די טראכט ער נישט און די עקזיסטירן נישט פאר אים. ער באמערקט יא, טראכט יא און עס עקזיסטירן יא פאר אים נאר זאכן, וואס אדער זיי געפעלן אים נישט, וואס ער האט פיינט, וואס שרעקן אים, און די דאזיקע וויל ער פארניכטן, אדער זאכן וואס געפעלן אים יא, וואס ער האט ליב, און זיי וויל ער פאראייניקן מיט זיך, מאכן א טייל פון זיך. אזוי איז דאס אויך מיטן גלויביקן. פארן גלויביקן, איז די וועלט א

קאָמפּלעקס פון פאַר אים נוצלעכע אָדער שעדלעכע קעגנשטאַנדן און דערשיינונגען. נישטאָ קיין זאַך און קיין דערשיינונג אויף דער וועלט וואָס זאָל פאַר אים נישט האָבן קיין פּערזענלעכן אינטערעס. אַלץ וואָס איז דאָ, און אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, מוז עס זיין און פּאַסירן אין צוזאַמענהאַנג מיט אים; מוז עס זיין און פּאַסירן נאָר אָדער אים לרעה אָדער אים לטובה. נאַטור־זאַכן און נאַטור־דערשיינונגען, וואָס זאָלן זיין און פּאָרקומען צוליב זיך, צוליב דער נויטווענדיקייט פון נאַטור־זיין און נאַטור־געשען, אַזעלכעס איז קעגן רעליגיעזן וועלט־באַנעם. וויבאַלד די וועלט גייט זיך איר אייגענעם וועג און דער מענטש גייט איר נישט אָן; וויבאַלד גאָט פירט די וועלט צוליב דער וועלט און נישט צוליבן מענטשן, איז צוליב וואָס רעליגיע. דער איינדרוק פון כל העולם כולה לא נברא אלא בשבילי, איז דער יסוד פון רעליגיעזן וועלט־בליק. אָן דעם דאָזיקן איינדרוק האָט רעליגיע קיין זינען נישט.

און פּונקט ווי דעם קינדס פאַנטאַזיע און געדאַנק איז שטענדיק פאַרנומען נאָר מיט מחשבות מכוח זיין וועלט, מכוח זיין אייגענער, פּערזענלעכער וועלט, פון וועלכער ער מאַכט וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער וויל, וועגן וועלכער ער טרוימט אויס און חלומט אויס די פאַרשידנסטע מעשיות און צופאַלן און פּאַסירונגען, אין וועלכע אַלץ באַוועגט זיך אַרום אים און צילט צו זיין גונסטן, צילט צו זיין נצחון, צילט צו זיין פרייד, צילט צו זיין צופרידנקייט, אַזוי איז דאָס אויך מיטן גלויביקן: גאָר זיין דמיון און גאָר זיין געדאַנק זיינען פאַרנומען מיטן אַרומטראַכטן און אַרומקלערן און אַרומטרוימען זיין וועלט, זיין אייגענע פּערזענלעכע וועלט און פאַרפאַסן וועגן איר אַלערליי וואונדער־מעשיות, וואונדער־דאָגמען, וואונדער־גלויבונגען, אויסמאָלן זיך וואונדער־וועלטן און זיי אַלע לאָזן פונקציאָנירן פאַרן אייגענעם נוצן וועגן, זיי זאָלן דינען אים צו פאַרשאַפן פרייד, אים צו פאַרשאַפן אַנזען, אים צו פאַרשאַפן גליק, אים צו פאַרשאַפן אייביקן לעבן און אייביקן וואוילזיין. פּונקט ווי דער קינדערשער דענקען איז דורך און דורך סוביעקטיוו, אַזוי איז דאָס אויך דער דענקען פון גלויביקן. פּונקט ווי דאָס קינד גיט רעאַליטעט די זאַכן פון זיך אַרויס

— די אויסערלעכע וועלט געווינט אַזויפיל אין ווירקלעכקייט אויף וויפל דער אינפאַנטילער סוביעקט שטייט מיט איר אין אינטענ־סיווע ווילנס־באַציאונגען — אַזוי איז דאָס אויך מיטן גלויבן. דאָס אַריינגיסן זיך אַליין אין זאַכן, איז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אינפאַנטילן און רעליגיעזן אַרט דענקען. פּונקט ווי פאַרן קינד זיינען „איך" און „וועלט" כמעט אידענטיש, אַזוי איז דאָס אויך אין גלויבן. „איך" און „וועלט" זיינען אין גלויבנס־קאָנצעפּט כמעט אידענטיש.

און פּונקט ווי דאָס קינד נעמט זיך אַליין, זיין אייגענעם אַרט האַנדלען און די אייגענע מאָטיוון וואָס אינספּירירן זיינע האַנד־לונגען אַלס דעם איינציקן מוסטער פאַר דער האַנדלונג פון דער אויסערלעכער וועלט; אַן אופן טעטיקייט מיט וועלכן דאָס קינד איז נישט באַקאַנט פון דערפאַרונג און טעטיקייטס־מאָטיוון וואָס זיי־נען אַנדערש ווי זיינע קען ער נישט באַגרייפן, אַזוי איז דאָס אויך מיטן גלויביקן — זעט ער די וועלט־טעטיקייט און די סיבה פון דער טעטיקייט ענלעך צו מענטשלעכע טעטיקייטן און זייערע סיבות.

II

קיינמאָל איז עס נישט געלונגען ווי געהעריק צו דעפינירן גאָט. נישט נאָר איז וועגן דעם אָנגעגאַנגען די ווייטגייענדיקסטע חלוקי דעות צווישן פאַרשידענע גלויבנס, נאָר אַפילו אינערהאַלב איין און דעם זעלבן גלויבן, האָט יעדער איינער זיך אביסל אַנדערש דער־קלערט די זאַך, אָפּהענגיק פון זיין גראַד קולטור און ערנסטקייט פון זיין געדאַנק. די באַגריפן וועגן גאָט וואָס זיינען געווען פאַר־שפּרייט צווישן המון־עם, זיינען געווען פאַרשידן פון די באַגריפן וואָס עס האָבן געהאַט די געלערנטע; די גאָט־פאַרשטעלונג פון דעם פּראָסטן מענטשן, איז געווען אַן אַנדערע ווי די גאָט־פאַרשטע־לונג פון דעם אויפגעקלערטן און אינטעליגענטן. די געדאַנקען און קאָנצעפּטן וועגן גאָט, זיינען שטענדיק געווען אַזוי לויז און עלאַס־טיש, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט טייטשן און איבערטייטשן אויף אַן אַ שיעור אופנים, ווי דאָס איז נאָר איינעם געפעלן. נישט זעלטן

פלעגן די אויסטייטשונגען פון גאָט גיין קעגן דעם טעקסט פון די רעליגיעזע הויפּט־ביכער. דאָס איז אַ פאַקט וואָס לאָזט זיך אָנמערקן אין אַלע גרויסע רעליגיעס. אומעטום, נישט קוקנדיק אויף דער פילאָזאָפישער הויך פון די גאָט־קאָנצעפּטן, וואָס זיינען ארויסגעבראַכט געוואָרן פון די רעליגיעזע דענקער און פילאָזאָפן, איז אָבער אין פּרט פון שאַפן אַן אַלגעמיין־אָנגענומענע און קלאָר־דעפינירטע גאָט־פאָרשטעלונג, געווען אַ בלויז. קיין איין רעליגיע איז נישט געלונגען צו שאַפן אַ פעסטגעשטעלט גאָט־בילד. אויף אַלע אירע שטופעס איז די גאָט־אידייע געבליבן אומקלאָר און פאַרנעפּלט. דאָס אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע איז דאָס, וואָס פאַר די גלויביקע איז די אומקלאָרקייט פון דעם סאַמע יסוד פון זייער גלויבן, נישט געווען קיין חסרון. פאַרקערט, וואָס אומקלאָרער און פאַרנעפּלטער, אַלץ בעסער איז עס געווען. גלויביקע האָבן קיינמאָל נישט געשטעלט קיין צופיל פראַגן וועגן גאָט: ווער איז גאָט? וואָס איז גאָט? וואו איז גאָט? (ווען איינער האָט זיך אָנגעהויבן שטעלן אַזעלכע פראַגן, האָט שוין אין אים געשפּראָצט דער זוימען פון אומגלויבן). זיי האָבן אָנגענומען פאַר גוט געלט יעדע פאַרשטעלונג וואָס מ'האָט ביי זיי געשאַפן וועגן גאָט. וועגן לאָגישער אויסגעהאַלטנקייט פון דער גאָט־פאַרשטעלונג, איז געווען דורכאויס איבעריק צו ריידן. זעען מיר טאַקע, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער גלויבנס־פענאָמען אָנפאַרזיך איז אַזוי אוניווערסאַל איינהייטלעך, זיינען פונדעסטוועגן זיינע קאָנקרעטיזאַציעס ביז גאָר פאַרשידן. די גלויבנס־אימפּולסן זיינען אומעטום די זעלבע; די גלויבנס־געדאַנקען זיינען אומעטום פאַרשידן; דאָס וואָס טרייבט צו גלויבן און סטימולירט גלויבן, איז ביי דער גאַנצער מענטשהייט איינהייטלעך; דאָס, אין וואָס מ'האָט געגלויבט און ווי אַזוי מ'האָט געגלויבט, דאָס איז פילהייטלעך.

און דאָס איז ביז גאָר מערקווירדיק: גאָט איז דאָך געווען דער הויפּט־מאָמענט, די הויפּט־באַזע פון רעליגיע בכלל און פון יעדער רעליגיעזער שיטה בפרט, איז ווי זשע האָט עס געקענט געמאָלט זיין, אַז דער דאָזיקער יסוד כל היסודות און עיקר כל העיקרים זאָל בלייבן אַזוי טונקל, כאַאָטיש און אומקלאָר? דאָס ערשטע וואָס האָט,

על פי שכל, באדארפט קלאָר געמאַכט ווערן, האָט באַדאַרפט זיין דער וועזן און מהות פון גאָט און דער אופן פון זיין ווירקן אויף דער נאַטור און אויפן מענטשן. ווי געשיקט זיך עס, אַז מ'האָט די דאָזיקע הויפּט־פראַגן נישט פרעציז און גענוי פאַרענטפערט גלייך פון אָנהויב אָן? ווי אַזוי האָבן מענטשן אָנגעהויבן גלויבן, נישט וויסנדיק גענוי אין וואָס זיי גלויבן?

וואַרפן מיר אַ בליק אויף דער אומגעהויערער צאָל אופנים, ווי אַזוי די מענטשהייט האָט זיך אין פאַרשידענע ציטן און ערטער געפּרואווט אויסמאָלן דאָס גאָט־בילד; זעען מיר ווי אומקאָנסטאַנט און כסדר דינאַמיש ס'איז געווען די גאָט־פאָרשטעלונג ביי פאַרשידענע פעלקער; זעען מיר די אומאויפהערלעכע זוכעניש, וואָס איז אָנגעגאַנגען סיי אויפן געביט פון לאָקאַליזירן די געטלעכקייט און סיי אויפן געביט פון געפינען אַ פּאָסיקע גאָט־דעפיניציע, זעען מיר דאָס אַלץ, דאַן ווערט פאַר אונדז באַזונדערס קלאָר דער אומראַציאָנעלער, נאָר דורכאויס עמאָטיווער תוך פון גאָט.

און נישט נאָר וואָס איז שייך דער דעפיניציע פון גאָט איז געווען באַאָס און פּלאָנטער, נאָר אויך וואָס איז שייך דעם גאַנצן גרויסן און ברייטן דאָמיניום פון דער מיסטיק: וואָס איז הימל? וואָס איז יענע וועלט? וואָס איז נשמה? וואָס זיינען מלאכים? וואָס זיינען מייוואַלים? וואָס זיינען די אַלע אומאויסרעכנבאַרע מינים גייסטיקע ברואים פון די פאַרשידנסטע געשטאַלטן, יעראַרכיעס, אייגנשאַפטן און פונקציעס, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלן און וואָס האָבן יאָרטויזנטער אין יאָרטויזנטער ארומגעשוועבט אין זיין מוח? וואָס זיינען זיי, די דאָזיקע ספּיריטועלע וועזנס, וואָס זיינען אינעם מענטשנס קולטור־היסטאָריש לעבן געווען מער רעאַליטעט, ווי דאָס וואָס ער האָט געזען, געהערט און באַנומען מיט זיינע חושים און פאַרשטאַנד?!

קיינער האָט עס ניט געוואוסט, קיינער ווייסט עס נישט און קיינער וועט עס נישט וויסן!

אומוויסנדיקייט, טונקלקייט, מיסטעריעזקייט, דאָס איז דער סוד און דער אויפהאַלט־כוח פון גלויבן. וואָלט אין גלויבן, אַלץ געווען קלאָר און פאַרשטאַנדלעך, וואָלט דאָך עס קיין גלויבן נישט

געווען! שכלדיקייט, וויסן און קלאָרקייט זיינען עסענציעל סענג־זעצלעכע עלעמענטן צו גלויבן. די עלעמענטן פון גלויבן זיינען מיס־טעריעזקייט, פאַרהוילנקייט און פאַרבאָרגנקייט, — דאָס וואָס מ׳וויים נישט און דאָס וואָס מ׳פאַרשטייט נישט. דאָס אומפאַר־שטענדלעכע און דאָס געהיימע, — דאָס לאָקט, דאָס צויבערט, דאָס רייצט. די מעכטיקייט פון גאָט באַשטייט אין זיין פאַרהוילנקייט, טויבקייט, שטומקייט און אומזעעבאַרקייט. שטענדיק האָט עס פּאַ־סירט, אַז ווען מענטשן האָבן גערופן גאָט און ער האָט זיי נישט געענטפערט און זיך נישט „באַוויזן״, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זייער אמונה אין אים און אַלץ מער באַוויזן איז עס געווען אַז ער איז דאָ, נאָר ער וויל נישט ענטפערן. און וואָלט זיך גאָט אָנגע־הויבן באַווייזן צו מענטשן, וואָלטן זיי אויפגעהערט צו גלויבן אין אים...

ווען גלויבן וואָלט געווען קלאָר, וואָלט ער זיך מיט דעם פאַר־מישפּט צום אונטערגאַנג. גלויבן איז געבוירן געוואָרן איינגעהילט אין זיבן שלייערן און די וואָס האָבן קולטיווירט און געפלעגט די דאָזיקע מיסטיש־מיסטעריעזע פלאַנץ, האָבן זיך שטענדיק באַמיט — באַוואוסטזיניק צי אומבאַוואוסטזיניק, ערלעך צי אומערלעך — גלויבן נאָך מער צו פאַרהוילן און צו פאַרבאָרגן. וואָס געהיימניס־פולער די גלויבנסזאַכן זיינען געווען, אַלץ באַגלויבטער, און וואָס וואונדערלעכער, אַלץ מער למעלה מן השכל, אַלץ געטלעכער... גענוג איז געווען אַז אימפּולסן זאָלן רעגן, און שוין איז געקומען אמונה, נישט וויסנדיק אין וואָס און אין וועמען; נישט וויסנדיק וואָס דאָס איז אין וואָס מ׳גלויבט און ווי אַזוי ס׳איז. מ׳האָט געגלויבט לכל הדעות. דער „וויסן״ און דער „פאַרשטיין״, איז שטענדיק געקומען נאָכן גלויבן. מ׳האָט „פאַרשטאַנען״ דאָס אין וואָס מ׳האָט גע־גלויבט. נישט פריער האָט מען פאַרשטאַנען און נאָכדעם געגלויבט, נאָר פריער האָט מען געגלויבט און נאָכדעם „פאַרשטאַנען״; דער „שכל״ האָט „דערוויזן״, אַז דאָס אין וואָס מ׳גלויבט איז דאָס וואָרהאַפטיקסטע און קליגסטע וואָס קען נאָר געבן!

עס גילט ווי אַ כלל אין רעליגיע — און אפילו אין פילאָזאָפי־שע סיסטעמען — אַז די געזונטע פונקציע פון די חושים און ניכ־

טערן שכל, איז אַ שטער צו דער דערקענטעניש פון דעם אמתן תמצית פון דער וועלט, און אַז, פאַרקערט, איבערזינלעכקייט, אי־בערשכלדיקייט, עקסטאַז, דאָס הייסט דאָס דערוווייטערן זיך פון דער וואָר און דערנענטערן זיך צו חלום, העלפט צו דערקענען און צוצו־קומען אוממיטלבאַר צו דער עסענציעלערווירקלעכקייט פון דער וועלט, וואָס שטייט הינטער דער פאַלשער, פאַרפירערישער, זיגלע־בער ווירקלעכקייט אירער. פונעם עקזאַלטירטן כוהן־מכשף ביי די פרימיטיווע און ווילדע, ביז צום חוזא און עקזאַלטירטן מיסטיקער אין מאַנאַטעאיזם, און ביז אַלע פּלאַטאָנישע, אידעאַליסטישע, אינ־טואיציאָניסטישע און ספּיריטיסטישע פילאָזאָפן, האָבן אַלע הייליקע פאַרמיטלער צווישן דער גייסט־וועלט און דער מאַטעריעלער וועלט, זיך געמוזט אויסטון פון דעם ניכטער־וואַכעדיקן צושטאַנד און אַריינ־קריכן אין אַ עקסטאַטישן חלומנדיקן צושטאַנד, כדי צו קענען קומען אין „דירעקטן" קאָנטאַקט מיט דער „אמתער" וועלט...

III

אבערגלויבן איז שרעק פאַר בייזע אומבאַוואוסטע צופאַלן. אַבערגלויבן ווייס, אַז עס טרעפן בייזע טרעפונגען מיט מענשן. קיין זאַך טרעפט נישט פון זיך אַליין. אַלץ איז באַשטימט און אָנגע־שיקט. עס איז, בכן, פאַראַן אַ בייז אויג וואָס וואַכט שטענדיק אי־בער אונדז, און אַ בייזע האַנט וואָס שטרעקט זיך צו אונדז. עס איז פאַראַן עמיצער וואָס קאָמפּלאָטירט כסדר קעגן מענטשן, וואָס מאַכט קעגן אים פּלענער און שפּרייט פאַר אים נעצן. קיינער ווייסט נישט וואָס פאַר אַ בייז עס דערוואַרט אים און פאַרוואָס עס דערוואַרט אים דאָס בייז. בייז טרעפט אַלע מאָל און יעדן איינעם, און גאָר אינגאַנצן אומגעריכטערהייט; עס לאָזט זיך נישט באַשטימען פאַר־וואָס און פאַרווען דאָס בייז טרעפט. גיין אַרומקלערן דאָס בייז און אויסגעפינען צוזאַמענהאַנגען צווישן דעם און דעם מענטשנס מעשים, דאָס איז נישט שייך. קעגן באַשערטע אומגליקן איז גאָרנישטאָ וואָס צו טון; צרות וואָס מוזן קומען, וועלן קומען, וואָס מ'וועט נישט טון און ווי אַזוי מ'וועט נישט טון.

אָט די דאָזיקע „איבערצייגונג" האָט זיך אין מענטשן אויס־

געארבעט און פארוואַרצלט אין לויף פון טויזנטער און טויזנטער יאָרן לעבן און דערפאַרונג. שטענדיק האָבן מענטשן געקענט איינזען אַז צרות קומען אויף אַלע, אויף די ערגסטע ווי אויף די בעסטע; אונטער אַלע אומשטענדן און ביי יעדן לעבנס־אויפפיר. קעגן צרות איז קיינער נישט באַוואָרנט. קיין שום זיכער מיטל איז נישט פאַראַן ווי זיך פון זיי צו שיצן און זיי אויסצומיידן. דאָס איז געווען דער וועג וואָס האָט געפירט צו אַבערגלויבן. אַבערגלויבן איז: שטענדיקע מורא פאַר פאַטאַלן בייז וואָס הענגט איבער אונדזער קאָפּ — אַ פאַטאַל בייז פון וועלכעס מען קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן און פון וועלכעס מ'קען נישט אַנטרונען ווערן, וואָרום עס גייט אונדז נאָך אומעטום.

אַבערגלויבן איז טונקל, אומדעפינירט, אינסטינקטמעסיק. קיין שום באַטראַכטונג איז דאָ נישט פאַראַן, קיין שום שכלדיקע דערקלערונג ווערט דאָ נישט צוגעלאָזט. גענוג איז צו זען אַז עס טרעפן — פּלוצים און אומדערוואַרט און אָן אַ קלאָרן פאַרוואָס — אומגליקן און צרות, און שוין רעאַגירט דערויף שרעק, — עווענטועלע, זינלאָזע שרעק. צופאַל און שרעק דאָמינירן אין אַבערגלויבן און לאָזן שכל זיך נישט אַריינמישן און קומען צום וואָרט.

ווער זיינען די וואָס שיקן אָן דאָ בייז און פאַרוואָס שיקן זיי עס אָן? דאָס אינטערעסירט נישט אַבערגלויבן. אַבערגלויבן קלערט נישט, אַבערגלויבן איז טונקעלער געפיל. אין אַבערגלויבן ווייסט דער מענטש בלויז צוויי זאַכן: ערשטנס: עס טרעפט בייז, דאָס בייז טרעפט אומפאַרמיידלעך, מען קען עס נישט אָפּווענדן, און צווייטנס: בייז מוז פון עמיצן ווערן אָנגעשיקט, פון זיך אַליין טרעפט נאָרנישט. הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן עמיצער אָדער אַ סך עמיצערס וואָס שיקן אָן דאָס אומפאַרמיידלעכע בייז. איז דאָס שוין גענוג געוואוסט און מען דאַרף דאָ מער נישט אַרומקלערן, ווער די אָנשיקער פון בייז זיינען און וואָס זיי זיינען. זיי זיינען בייזע פּאַטומס, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס שמידן בייז פאַרן מענטשן.

פאַרשטענדלעך, אַז עס פלעגט זיך אין אַבערגלויבן אַריינרייסן אויך אַ גלויבנס־ניואַנס, דאָס הייסט מען האָט פאַרדעכטיקט, אַז דאָס אָנגעשיקטע בייז קומט פון גאָט אָדער פון די געטער, אָבער

דאָס איז געווען אַ פאַרבלאָנדזשעטער עלעמענט אין אַבערגלויבן. אין אַבערגלויבן האָט מען זיך נישט געשראָקן נישט פאַר קיין געטער און נישט פאַר קיין דעמאָנען, נאָר פאַר בייזע פאַטומס, דאָס הייסט, פאַר פאַרהוילענע, פאַרבאָרגענע, אומבאַוואוסטע בייז־אָנשיקער, — פאַר „בייזע אויגן" וואָס קוקן צום מענטשן און פאַר „בייזע הענט" וואָס שטרעקן זיך צו אים.

אַבערגלויבן זוכט נישט קיין מיטלען ווי אַזוי אָפּצואווענדן דאָס באַשערטע בייז. אַבערגלויבן וויל נישט ענדערן די אומפאַרמיידלעכע אומגליקן וואָס מוזן קומען. דאָס קען מען נישט. אַבערגלויבן זוכט בלויז צייכנס פון דעם אומפאַרמיידלעכן בייז וואָס מוז טרעפן. דערצו, צו געפינען צייכנס און אָנזאָגן פון פאַרשטייענדיקן בייז, איז געווען געווידמעט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון אַבערגלויבערישן געדאַנק. און אין וואָס האָט דען אַבערגלויבן נישט אויסגעפונען קיין צייכן און קיין אָנזאָג פאַר פאַרשטייענדיקן בייז! אין אַלץ, אין יעדער מינדסטער פאַסירונג, אין יעדן קעגנשטאַנד, באַלעבטן צי אומבאַלעבטן, אין אַלץ איז געווען צייכן און אָנזאָג וועגן טרעפונגען וואָס גרייטן זיך פאַר מענטשן. דאָ, פונקט ווי אַרומעטום אין דעם גרויסן דאָמיניום פון דער איראַציאָנעלער מיסטיק, האָט אויפן ערשטן פלאַץ געשפילט אַ ראָלע די סימבאָלישע פאַסירונג. אויב, למשל, אַ ליכט האָט זיך פון זיך אַליין פאַרלאָשן, איז דאָס געווען אַ שלעכטער סימן; אויב אַ מעסער איז אַראָפגעפאַלן און איינגעזונקען מיטן שפיץ אין באָדן, איז עס געווען אַ שלעכטער סימן; אויב איינער איז געגאַנגען עפעס אונטערנעמען און אָנקומענדיק אויפן באַשטימטן פלאַץ האָט ער זיך פאַרטשעפעט און געפאַלן, איז עס געווען אַ שלעכטער סימן, און אַזוי ווייטער. די דאָזיקע אַלע פאַסירונגען רופן אַרויס די פאָרשטעלונג פון אומגעזעענע טוער וואָס פירן זיי דורך: אַן אומגעזעען מויל האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט; אַן אומגעזעענע האַנט האָט אָנגעפירט מיטן מעסער און אים פאַרזונקען אין באָדן; אַן אומגעזעענע האַנט האָט אונטערגערוקט דעם מענטשן די שטרויכלונג און ער איז געפאַלן. הייסט עס, אַז דאָס זאָגט מען אָן, אַז עס גרייטן זיך אומגליקן. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז דער מענטש פאַלט אַריין

אין אַ בהלה; אַ מיסטישע פּאַניק באַמעכטיקט זיך איבער אים און ער פאַרלירט זיין רו און גלייכגעוויכט. אומזיסט וועט ער זוכן זיך איינצוגעמען מיט קלוגע באַווייזן און שכלדיקע רייד, אַז עס איז גלאַט סתם אַזוי אַ צופאַל און עס באַדייט גאָרנישט דאָס וואָס עס האָט זיך געטראָפן. די פאָרשטעלונג פון דער סימבאָלישער פאַר־סירונג, אונטערגעהאַלטן פון שרעק, וועט אים מער נישט צורו־לאָזן און וועט אים אַזוי לאַנג בויערן דעם מוח ביז ער וועט אויף זיך ברענגען אַן אמתע צרה.

לויט דער פאַרשפּרייטקייט פון אַבערגלויבן און לויט דער גרויס פון דער מאַכט פון אַבערגלויבן, קען מען זען ווי שטאַרק עס איז די מאַכט פון דער אור־פּסיכיק אין מענטשן, דאָס הייסט, די מאַכט פון אימפּולס און וויזיע, און ווי שוואַך עס איז די מאַכט פון ניכ־טערן געדאַנק.

IV

דער שטאַנדפּונקט פון באַלוינונג פאַר גוטס און באַשטראָפונג פאַר שלעכטס, וואָס רעליגיע האָט אַרויסגעשטעלט, און דער שטאַנד־פּונקט, אַז אומגליקן און צרות טרעפן די גוטע אַלציינס ווי די שלעכטע, וואָס אַבערגלויבן האָט אַרויסגעשטעלט, האָבן זיך שטענ־דיק צונויפגעמישט. מען קען נישט אָנווייזן קיין גלויבן, אַפילו פון די עלטסטע צייטן און פון נידעריקסטן טיפּ, וועלכער זאָל נישט גע־וועזן אַנטהאַלטן אין זיך קיין צוועקמעסיקע פרומקייט און גאָטס־פאַרכטיקייט, און פאַרקערט, איז אַפילו אין די רעליגיעס פון העכס־טן טיפּ, געווען שטאַרק די מורא פאַר באַשערטע און אומפאַרמייד־לעכע אומגליקן, וואָס מוזן טרעפן.

דער פאַקט, אַז גליק און ליידן זיינען אומאָפּהענגיק פון פרומ־קייט, און אַז פרומע און גאָטספאַרכטיקע מענער טרעפן אָפטמאָל גרויסע אומגליקן און עס קומען אויף זיי צרות און פּורעניות, און פאַרקערט, שלעכטע און שאַלקהאַפטיקע, האָבן אָפט גרויס גליק און זיי לעבן אין וואוילטאָג און פאַרגעניגן — אָט דער דאָזיקער אומ־באַשטרייטבאַרער פאַקט, האָט געמוזט באַקרעפטיקן אַבערגלויבן.

די אומאויסנאַמלעכע דערפֿאַרונג, אַז אַן אומגליק טרעפֿט דעם וועמען עס טרעפֿט; דעם בעסטן און דעם פֿרימסטן, אַז עס דאַרף אים טרעפֿן אַן אומגליק, טרעפֿט עס אים, איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז פֿרומקייט איז נישט קיין מיטל קעגן אומגליקן. קעגן אומגליקן אין בכלל קיין מיטל נישטאָ. דאָס האָט געמאַכט די מענטשן עווענטועל פֿילן שרעק פֿאַר די אומאויסמיידלעכע געפֿאַרן און אומגליקן, וואָס הענגען איבער זייערע קעפּ און פֿון וועלכע זיי קענען נישט אַנטלויפֿן און זיך נישט אויסבאַהאַלטן.

מעגלעך אַז אָט דער דאָזיקער ווידערשפּרוך האָט אונטערגעהאַלטן דעם גלויבן אין יענער וועלט. פֿון איין זייט האָט מען געוואָלט, אַז דעם מענטשנס גוטע אויפֿפֿירונג זאָל באַלוינט ווערן פֿון גאָט: די וואָס פֿאָלגן אויס גאָטס געבאָטן זאָלן דערפֿאַר קריגן שכר, און די וואָס פֿאָלגן ניט אויס, זאָלן באַקומען שטראָף; פֿון דער צווייטער זייט האָט מען אָבער איינגעזען, אַז ס'איז נישט אַזוי, — דעם גוטן איז שלעכט און דעם שלעכטן איז גוט. כדי צו פֿאַרענטפֿערן די דאָזיקע סתירה, האָט מען די באַלוינונג פֿאַר גוטס און באַשטראָפֿונג פֿאַר שלעכטס, איבערגעטראָגן אויף יענער וועלט.

V

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן רעליגיע און כישוף?

רעליגיע האָט ראַציאָנאַליזירט די מיסטיק. עס קען נישט זיין, האָט עס געהייסן אין רעליגיע, אַז די ספּיריטועלע וועזנס, זאָלן פֿאַרפֿאָלגן דעם מענטשן גלאַט סתם אַזוי, אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען; זיי מוזן עפּעס וועלן פֿון מענטשן; עס מוז זיין אַ שכלדיקער פֿאַרוואָס זיי פֿאַרפֿאָלגן דעם מענטשן און ברענגען אויף זיי אומגליקן. די באַציאונג פֿון דער גייסטער־וועלט צום מענטשן, מוז האָבן אַ זינען און אַ לאָגיק.

כישוף, אין קעגנטייל, איז פֿון לכתחילה אָן צוגעגאַנגען מיט אַן איראַציאָנעלן בליק צו דער מיסטיק. די בייזע גייסטער פֿאַרפֿאָלגן די מענטשן, האָט עס געהייסן אין כישוף, דערפֿאַר וואָס עס געפֿעלט זיי אַזוי, דערפֿאַר וואָס זיי האָבן הנאה פֿון פֿאַרפֿאָלגן: זיי

פארפאלגן צוליב פארפאלגן און מער גארנישט. זיי, די בייזע גייס־טער, איז נישט שייך צו בעטן, דינען צו זיי, זיך זיי אונטערוואַרפן. דאָס אַלץ האָט אויף זיי קיין ווירקונג נישט. מיט קיין מענטשלעכע מיטלען קען מען זיי בכלל נישט איינגעמען. זיי מוז מען איינעמען מיט דעמאָנישע מיטלען, זייער מאכט מוז מען ברעכן מיט גוואלד. כישוף מיינט ברעכן אויף כוח די מאכט פון די בייזע מיסטישע וועזנס און מאכן זיי אומשעדלעך. כישוף בעט נישט; כישוף באַ־צווינגט. דער כישוף־מיטל אנטמעכטיקט די בייזטועריש גייסטן און זיי ווערן מאבטלאַז. נישט זיי ווילן מער ניט טון דאָס בייז, נאָר זיי קענען מער נישט טון דאָס בייז, זיי פארלירן זייער כוח.

אַ רעליגיעזער אַקט איז לויט זיין עצם מענטשלעך. דער מענטש ווענדט זיך צו גאָט אָדער מיט תפילה און בקשה, אָדער מיט דאַנק און אַנערקענונג, אָדער מיט באַגייסטערונג און באַוואונדערונג אא״וו. דער רעליגיעזער אַקט, סיי זיין שפּראַך, סיי זיין האַנדלונג, סיי די געפילן און געדאַנקען וואָס קומען אין אים צום אויסדרוק, זיינען פארשטענדלעכע, קלאָרע, מ ע נ ט ש ל ע כ ע. אַ כישוף־אַקט, סיי זיין שפּרוך, סיי זיין האַנדלונג, זיינען לויט זייער עצם ט יי וו ל ש. פון מענטשלעכן שטאַנפּונקט קען מען נישט פאַר־שטיין פארוואָס זיי ווירקן, דאָס קען מען נאָר פארשטיין פון טייוול־שן שטאַנדפּונקט. דער מאַגיקער און מכשף זיינען מענטשן פון דער דעמאָנען־וועלט. זיי קענען דאָס לעבן און איינגעשאַפטן פון די גייס־טער און זיי וויסן וואָספאַרא שפּרוכן און האַנדלונגען עס האָבן אויף זיי אַן איינפלוס און נעמען זיי איין פאַרן מענטשן. דער מאַ־גיקער און מכשף, בעת זיי טוען זייערע מאַגיע־און כישוף־אַקטן דע־מאָניזירן זיי זיך. זיי אידענטיפיצירן זיך מיט די „נישט גוטע", ווערן זייערסגלייכן און הויבן אַן באַזיצן דעם זעלבן כוח וואָס „זיי". אין דעם צושטאַנד און באַוואָפנט מיט די מאַגישע און כישוף־מיט־לען פאַרפירן זיי אַ קאַמף מיט די שדים און די רוחות און זיינען זיי מנצח.

ווי אַזוי האָט דער מענטש געקענט אויסטראַכטן אַזעלכע משו־נהדיקע שפּרוכן און האַנדלונגען וואָס זיינען פון מענטשלעכן שטאַנד־פּונקט אומפאַרשטענדלעך? מסתמא האָט דאָ געווירקט די משונהדי־

קייט פון די שפּרוכן און אַקטן גופא. אַז אויסטערלישער, אַ צעדריי־טער אַקט, אָדער שפּרוך, האָבן צוליב זייער צעדרייטקייט און אויס־טערלישקייט גופא, געקענט אָנהויבן פאַרלאָקן און סוגעסטירן און עס איז אָנגענומען געוואָרן, אַז זיי האָבן אַ מאַגישע קראַפט, ד"ה זיי באַאיינפלוסן די גייסטער. עס האָט אויך געמוזט מיטווירקן דער סימבאָלישער זינען פון די כישוף־אַקטן און שפּרוכן. דער עיקר אָבער האָט כישוף באַדאַרפט זיין מיסטעריעז און געהיימניספול: אַ פינצטערע מיטנאַכט, אַן איינזאַם אָרט; שוואַרצע ליכט, ביינער און סקעלעטן פון טויטע; געהיימע צייכנס און רופן; אַז אַלטע צע־פּאַטלטע מכשפה אא"וו, זיינען גויטוועגדיקע עפעקטן פון כישוף־אַקט. רעליגיע ווייס נישט פון די אַלע שרעקן און מיסטעריעזקייטן, נאָר איז אָפן, פריי און פאַרשטענדלעך.

אָט די דאָזיקע צוויי וועגן אין דער מיסטיק: דער מענטש־ענ־לעכער ראַציאָנעלער, און דער טייוול־ענלעכער איראַציאָנעלער, זיי־נען געגאַנגען האַנט אין האַנט זינט די עלטסטע צייטן ביז אויף היינטיקן טאָג. אַבערגלויבן, כישוף און אַלע סאָרטן מאַגיע זיינען געווען די שטענדיקע שותפים פון רעליגיע און גלויבן. כאָטש אָפּי־ציעל האָט עס געהייסן, אַז גלויבן און רעליגיע האָבן די אויבער־מאַכט, האָט דאָך, אין דער ווירקלעכקייט, שטענדיק געהאַט די אויבערמאַכט אַבערגלויבן און כישוף. פאַרן טייוול האָבן די מענ־טשן מער מורא געהאַט ווי פאַר גאָט און די מאַכט פון מכשף איז געווען גרעסער ווי די מאַכט פון גייסטלעכן. בפרט אַז רעליגיע האָט גאָרנישט פאַרלייקנט כישוף, נאָר האָט בלויז פאַרבאָטן זיך צו באַ־נוצן מיט דעם. גאָט האָט נישט פאַרלייקנט דעם טייוול, נאָר האָט געהייסן זיך אויסהיטן פון אים. איז עס דאָך געווען לאָגיש, אַז וויבאַלד דער טייוול איז דאָ, און מאַכט איבער די מענטשן האָט ער, אַז די מענטשן זאָלן אויסטראַכטן מיטלען ווי אַזוי זיך פון אים צו שיצן. איז געקומען כישוף און מאַגיע. דורך פרום זיין, איז מען געווען אין גוטע באַציאונגען מיט גאָט; דורך כישוף האָט מען אומ־שעדלעך געמאַכט די ווירקונגען פון טייוול.

אויך איז אויפגעקומען אַ וועג פון אומשעדלעך מאַכן די וויר־קונג פון דער טומאה, פון די רוחות רעות, דורך דער מאַכט פון

דער קדושה. מיט שמות פון הייליקע מלכים און מיט יעדער סארט הייליקייט, האט מען פארטריבן די שדים און די רוחות. דאס איז געווען דער וועג פון דער קבלה. די קבלה איז געווען לויט איר תוך רעליגיע און לויט איר מעטאד — כישוף.

קאפיטל 9

אַלגעמיינער בליק

I

וואָס מער מיר בלעטערן די געשיכטע פון דער מענטשהייטס אוניווערסאַלסטער גייסטיקער שאַפונג, פון רעליגיע, אַלץ מער פאַרלירן מיר זיך אין אַן אויסגאַנגסלאָזן לאַבירינט פון מיסטיק. יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט און יאָרטויזנט נאָך יאָרטויזנט, אַלעמאָל פון דאָסניי און אַלעמאָל אַנדערש וואַריאירט, האַלט אָן די וועלט־באַהערשונג פון דער מיסטיק. דורות פאַרגייען און דורות קומען אויף; עס קומען פאָר טיפע ענדערונגען אין לעבן פון די מענטשן, — עס קומען פאָר מלחמות, קאַטאַסטראָפעס, וואַנדערונגען; דאָס לעבן נעמט אָן אַלעמאָל נייע פאָרמען און נייע געשטאַלטונגען; עס שאַפן זיך נייע באַדינגונגען און נייע פאַרהעלטענישן; ראַסן מישן זיך אויס מיט ראַסן און פעלקער מישן זיך אויס מיט פעלקער; עס קומען אויף נייע געוואוינהייטן און נייע קולטורן. איין זאַך בלייבט אומפאַרענדערט — די מיסטישע וועלט־באַהערשונג. וואָס עס זאָל נישט פאַסירן מיט די מענטשן: מעגן זיי אויפשטייגן פון דער לאַגע פון קנעכט צו הערשער, אָדער אַראָפּנידערן פון דער לאַגע פון הערשער צו קנעכט; אין דער גרעסטער מיזעריע ווי אין דער גרעסטער רייכקייט — אין געטער, גייסטער, דעמאָנען, רוחות, פאַרגעסן זיי קיינמאָל נישט. אין אַלע לענגען און ברייטן פון אונד־

זער פּלאַנעט, אין אַלע פיר זייטן פון אונדזער ערד־קײלער, ביי אַלע קלימאַטן און אונטער אַלע געאָגראַפישע תנאים, אויפן פאַר־וואָרפנסטן אינדזל און אָפּגעלעגנסטן ווינקל פון דער ערד — אומע־טום און אין אַלע צייטן זינט דער מענטש עקזיסטירט, איז זיין הויפּט־ אויפמערקזאַמקייט געווענדט צו — גייסט־וועזנס.

אויב דער מענטש האָט אַמאָל אָנגעהויבן באַאָבאַכטן די נאַטור און זיך עטוואָס וועגן איר דערוואוסט, איז עס געווען אַדאַנק דער מורא פאַר די גייסטן; אויב דער מענטש האָט אַמאָל אָנגעהויבן רייסן די אויגן צום הימל און באַאָבאַכטן דעם גאַנג פון זון, לבנה און שטערן, איז עס געווען אַדאַנק דער מורא פאַר די גייסטן. פון די שאַטנס־וועגן האָט דער מענטש אָנגעהויבן אָפּהיטן די ערשטע כּללים פון ריינלעכקייט און היגיענע, פון זייערטוועגן האָט דער מענטש אָנגעהויבן צו פאַרצייכענען און פאַרגעדענקען דאַטן און גע־שעענישן; פון זייערטוועגן האָט דער מענטש אויסגעזונגען דאָס ערשטע ליד, אויפגעבויט דעם ערשטן שיינעם בנין — דעם טעמפּל; פון זייערטוועגן האָט ער געפילט, פון זייערטוועגן האָט ער געדיכ־טעט און פאַרפאַסט, פון זייערטוועגן מעשיות דערציילט, מיטן אויס־געטרוימט, לעגענדעס צונויפגעשטעלט. אַלע וויסנשאַפטן און אַלע קונסטן האָבן זייער אורשפּרונג און ערשטן אָנשטויס אין דער מיסטישער שרעק.

די מיסטיק איז געווען אי אַ ברכה, אי אַ קללה פאַרן מענטשנס גייסט. פון אָנפאַנג איז זי געווען דער ערשטער אימפּולס זיך צו פאַרטראַכטן וועגן אַ סך וויכטיקע זאַכן און אויפטועז. דורך איר איז צום ערשטן מאָל אָנגערעגט און באַפרוכפּערט געוואָרן דער מענטשלעכער געדאַנק און געפיל צו זיין שעפעריש און אַקטיוו. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין שטאַרקע אינערלעכע טרייב־קראַפט, וואָס זאָל דעם פּרימיטיוון מענטשן געווען צעטרייסלען ביזן גרונט און אים צווינגען צו טראַכטן און צו האַלטן וואַכזאַם און טעטיק זיין גייסט, וואָלט ער זיך נאָך אפשר ביזן היינטיקן טאָג געפונען אין יענער טעמפּער גלייכגילטיקייט, פוילקייט און פאַר־שטאַרטקייט פון גייסט אין וועלכן ער האָט זיך געפונען צענדליקער אויב נישט הונדערטער טויזנטער יאָרן. איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז

אין דעם גוואַלדיק־לאַנגן פּאַלעאָליטישן פּעריאָד זיינען דורכגעגאַנ־
גען אַן אַ שיר יאָרטויזנטער אַן וועלכן עס איז קענטיקן שפּור פון
פּראָגרעס און שטייגערונג. אין קעגנטייל איז אין דער נעאָליטישער
צייט געמאַכט געוואָרן גרויס פּראָגרעס אין גאָר אַ קורצער צייט.
אָבער אויב פון אָנפאַנג האָט די מיסטיק געווירקט פרוכטבאַר אַלס
אָנרעגונג צו טראַכטן און צו פילן, האָט זי נאָכדעם זיך פאַרוואַנדלט
אין דער גרעסטער שטערונג פון מענטשלעכן פּראָגרעס. נאָכדעם האָט
די מיסטיק אַלץ פאַרשלונגען. פון זינט פּרעהיסטאָרישע צייטן ביז
אויפן היינטיקן טאָג, קען מען זאָגן, פאַרנעמט די מיסטיק דעם סאַמע
אויבנאָן אין דער מענטשהייטס גייסטיקער קולטור. נישטאָ נאָך
איין קולטור־געביט וואָס זאָל זיך צו איר קענען גלייכן.

זינט יענעם פריען באַגינען פון דער מענטשהייט ביז אין
אונדזער קעגנוואַרט, שטראָמט אַ לאַנגע, אומענדלעכע, אומאיבער־
געריסענע, איבער דורות, עפּאָכעס און יאָרטויזנטער זיך ציענדיקע
כוואַליע פון מיסטיק. אומטום און איבעראַל זיינען געווען אומזי־
ניקע טואונגען און באַנעמונגען; אומעטום און איבעראַל זיינען גע־
ווען אומפאַרשטענדלעכע ריטואַלן, צערעמאָניאַלן און ווילדע געזעצן.
וואו נאָר מיר ווענדן אונדזער בליק איבער דער היסטאָרישער פּאַ־
נאָראַמע פון דער אַלטער וועלט, זעען מיר דינסט צו שאָטנס פון די
פאַרשידנסטע שאַטירונגען. אומעטום טעמפּלען, אַלטאַרן, מיסטישע
הייזער.

אין די טעמפּלען, צו די סקולפּטירטע און געמאָלטע שאָטנס,
שטראָמען אומאויפהערלעך די מענטשלעכע דורות. זיי קומען בעטן
די שאָטנס זאָלן זיי קיין ביי נישט טון; זיי קומען דאַנקען די
שאָטנס פאַר אָפּגעהאַלטענע ניצחונות און בעטן שטיצע אין געלי־
טענע מפּלות; ביי די שאָטנס קומען זיי זוכן גענעזונג פאַר זייערע
קראַנקע און הילף פאַר זייערע ליידנדיקע; ביי די שאָטנס קומען זיי
בעטן רעטונג פאַר זייער קערפּער און פאַר זייער נשמה אויף יענער
וועלט. הונדערטער און נאָך הונדערטער און טויזנטער יאָרן געשעט
דאָס זעלבע. אָן אויפהער, אָן אויפהער, זעען מיר דעם „קלוגן מין"
שטיין און בעטן און ריידן צו אויסגעמאָלטע פאַנטאָמען, זיך
בוקן צו זיי, קניען פאַר זיי, וויינען פאַר זיי מיט ביטערע טרערן,

אָדער ברויזן פאַר זיי מיט צעשוימטער פרייד; מאַכן האַרצרייסנדע פאַרצווייפלטע הילפסרופן אין מאָמענטן פון אומגליקן, און מאַכן ענטוזיאַסטישע יובל־רופן אין מאָמענטן פון פייערלעכקייט, אין מאָ־מענטשן פון טריאומף און אויפשטייג.

נישטאָ קיין אָרט און קיין ווינקל אויף דער ערד, וואו מיר זאָלן נישט קאָנען זען דאָס דאָזיקע בילד. אומעטום, אומעטום הער־שן די שאָטנס מיט אומבאַגרעניצטער, גרויזאַמער מאַכט. אין איין אָרט זיינען זיי געמאַכט גראַנדיעז, מעכטיק, אימפּאָנענט; אין אַן אנדער אָרט — רוי, פּרימיטיוו, נעבעכדיק און צעקאַליעטשעט; אין איין אָרט זיינען זיי איינפאַך, אין אַ צווייטן — קאָמפּליצירט. או־מעטום אָבער זיינען עס די זעלבע שאָטנס, די זעלבע געשפּענסטן — פּראָדוקטן פונעם מענטשנס צעשראָקענעם דימיון. און אומעטום שפּילן זיי די ערשטע ראָלע. אומעטום זיינען זיי דער צענטער פון גאָר דעם מענטשנס גייסטיקער אויפמערקזאַמקייט, אומעטום איז גאָר דעם מענטשנס שאַפונג און געדאַנק פאַרנומען מיט זיי. בער־גער מיט גלויבונגען, מיטאָסן, לעגענדעס און מעשיות האָט דער מענטש אויסגעחלומט אויפן חשבון פון זיינע שאָטנס. אין לויף פון דורות און דורות האָבן די מיסטישע שאַפונגען אויסגעפילט די הערצער און מוחות פון גאָר דער מענטשהייט. ווען מיר לייענען די דאָזיקע שאַפונגען, קען מען קוים גלויבן, אַז דאָס האָבן אויסגע־טראַכט שכלדיקע וועזנס און אַז שכלדיקע וועזנס האָבן, אין לויף פון טויזנטער יאָרן, הייליק געגלויבט אין דעם.

און דאָך איז עס אַזוי געווען. — דער בעל־שכל האָט געגלויבט! נישט געווען גאָר אַזעלכעם אין וועלכעם מענטשן זאָלן נישט געווען גלויבן. וואָס אויסטערלישער, וואָס פאַבלהאַפטער, וואָס מאָנסטער־יעזער, אַלץ מער האָבן זיי געגלויבט, וואָרום אַלץ מער האָט עס זיי גערייצט און געשראָקן.

און נישט בלויז האָבן זיי אַבסטראַקט געגלויבט, נאָר אויך קאָנ־קרעט געגלויבט. זייער ל ע ב ן איז געווען איין לאַנגע שרעקנס־מעשה. וואו נאָר זיי זיינען געגאַנגען און געשטאַנען, וואו נאָר זיי האָבן זיך געקערט און געווענדט, אומעטום און אין אַלץ האָבן זיי געזען ווירקן די מיסטישע וועזנס. וואו נאָר עס האָט פּאַסירט אַ

נישט געוויינלעכע זאך, איז עס געווען „זייער" ארבעט. איז געקו־מען קראנקייט, איז עס געווען פון „זיי", איז געקומען הונגער, איז עס געווען פון „זיי"; איז געקומען אן אומגליק, איז עס געווען פון „זיי"; יעדער קאטאסטראפע, יעדער צרה, יעדער פלאג, סיי פארן כלל, סיי פארן יחיד, איז געווען פון די גייסטן. דאס גאנצע לעבן, דער גאנצער תקום, נאטור און מענטש, חיה און פלאנץ, הימל און ערד, אלץ איז געווען אנגעפילט מיט זייערע ווירקונגען, אלץ איז געווען איין גרויסער קעסל, וואס האט געקאכט און געזאטן מיט מיסטיש־מאגישע השפעות און ווירקונגען.

פארשטענדלעך, אז עס האבן געמוזט אנטשטיין שוצמיטלען קעגן אזעלכע אומעטומיקע און אלערלייאיקע און שטענדיקע גע־פארן. איז אנטשטאנען כישוף און מאגיע און שווארצקינצלעריי פון די פארשידנסטע מינים, און די ערד איז פול געווארן און פול גע־בליבן פאר לאנגע יארטויזנטער און פאר אלע געשיכטלעכע דורות — מיט מכשפים, מכשפות, טייוול־יאגער, אפשפרעכער, באשווע־רער, חלומות־באשיידער און מטורפים פון אלע סארטן. תקופה נאך תקופה און יארטויזנט נאך יארטויזנט, אונטער די פארשידנסטע לעבנס־אומשטענדן, ביי אלע ראסן, ביי אלע פעלקער און ביי אלע קלאסן. אומעטום און אן אן אפשטעל זעען מיר בושעווען די כוואַ־ליע פון דער מיסטיק. קיינער איז פון איר נישט פריי. אלע־אלע זיינען אנגעגריפן פון דער דאזיקער אוניווערסאלסטער גייסט־קראנ־קייט. אלעמענס קעפ פארטשאדעט, אלעמענס אויגן פארבלענדט, אלעמענס הערצער צעטומלט און צעשראקן. אלע אנטלויפן, אלע האבן מורא, אלע זעען זיך פארפאלגט. יעדער איינער איז דער אויפ־מערקזאמקייט־צענטער פון גאר דעם וועלט־דעמאנענטום.

איז אנטשטאנען א אוניווערסאלער קרבן־קולט, א קולט בלוט צו פארגיסן, צו קוילען און צו ברענען לעבעדיקע באשעפענישן, מענטשן אריינגערעכנט — פאר די שאטנס־וועגן. אין לויף פון אן א שיר צייט איז גאר די מענטשלעכע ערד באדעקט געווען מיט מיס־טישע שעכט־און פארברען הייזער. צאללאזע מחנות פריסטער זיי־נען געווען באשעפטיקט ביי דער דאזיקער הייליקער ארבעט פון שטילן דעם בלוטדורשט פון די גייסטן. טייכן בלוט האבן זיך גע־

גאָסן אומאויפהערלעך פאַר די וועלט־געשפענסן. שוואַרצע זיילן קרבנות־רויך האָבן פאַרטונקלט די בלויע הימלען איבערן מענטשנס קאָפּ. וואו ערגעץ אַ בערגל האָט זיך געגרויכערט און געפלאַקערט אַן אַלטאַר צו די געשפּענסטן; וואו ערגעץ אַ הויכעניש האָט זיך געטראָגן אַ ביטער געיאָמער פון אויסגייענדיקע קרבנות, באַגלייט מיט פאַרריקטע עקסטאַטישע געשרייען, געזאַנגען און רופן פון די פון בלוט־פאַרשיקערטע כוהנים און קרבן־ברענגער.

וואָס האָט פּאַסירט? — אַ מין, אַ גאַנצער מין, דער שכלדיקער מין, דער האָמאָ סאַפּיענס, איז גייסטיק קראַנק געווען. ער האָט געליטן פון גייסטער־פאַרפאָלגונג, פון דעמאָנען־וויזיעס און האַלוצינאַציעס. ער האָט זיך געזען כסדר נאָכגעיאָגט פון גייסטער, גע־טער, געשפּענסטן, פאַנטאַזמען. אומעטום וואו נאָר מיר ווענדן אונדזער בליק איבער לענדער און צייטן, טרעפן מיר דאָס זעלבע בילד. אָט איז, למשל, דאָס אַלטע אינדיע. זינט אומגעדענקבאַרע צייטן, זיינען דאָ די מענטשן פאַרזונקען אין אַ טיפן גלויבנס־לע־טאַרג. זיי זיינען ביז אַזאַ גראַד באַווירקט פון דער גלויבנס־סוגעס־טיע, אַז עס איז דאָ אָפּגעווישט יעדער גרעניץ צווישן ווירקלעכקייט און טרוים, צווישן קערפּער און גייסט, צווישן לעבן און טויט. דער שטאַרקסטער כוח אין דער וועלט — דער ווילן צו לעבן, איז דאָ געבראָכן און אָפּגעשוואַכט. רעליגיעזער זעלבסטמאָרד איז דאָ אַן אָפּטע דערשיינונג. זיך לאָזן צעקוועטשן פון הייליקע וועגענער, זיך וואַרפן אין הייליקן גאַנגעס, זיך לאָזן פאַרברענען צוזאַמען מיט די טויטע אויף שייטערהויפנס, לאָזן רייסן פון זיך שטיקער און פאַרפייניקן פון געטערס־וועגן, איז דאָ אַ געוויינלעכע אַלטעגלעכע זאַך. דאָס אויסהונגערן זיך און דאָס אויסצערן און פאַרמוטשען זיך און דאָס אָפּזאָגן זיך פון יעדער טעטיקייט, כדי זיך אַריינצולאָזן אין אַן אָפּגעלאָזענער אַסקעזיע און זעלבסטפאַרגעסנקייט — איז דאָ אַלגעמיין פאַרשפּרייט און אָנגענומען. די בראַמאַנען, די גייסטלעכע קאַסטע, זיינען דאָ די העכסטע באַלעבאַטים און הערשער איבערן לעבן. זיי פאַרוויגן דאָס אַלטע פילמיליאָניקע פאָלק אין זיסן חלום פון דער מיסטיק און דערציילן אים צויבער־מעשיות פון געטער, נשמות, גילגולים אא״וו.

דאָס זעלבע איז אין אַלטן עגיפּטן. אויך דאָ זעען מיר אַ גרויס לאַנד אַנגעפילט און פאַרפלייצט מיט געצן און געצקעס און טעמפּלען און הייליקטימער און כוהנים און כישופמאַכער. מיר זעען ווי אַ גאַנץ פאָלק איז באַשעפטיקט, אין לויף פון דורות און דורות, מיט אָנשטאָפּן די בייכער און שאַרבנס פון זיינע טויטע און בויען פאַר זיי טויטנוואוינונגען. די מאַניע צום לעבן נאָכן טויט, האָט דאָ דערגרייכט צום העכסטן פונקט. די גרעסטע מאָס אויפמערקזאַמקייט פון ווירקלעכן לעבן, איז דאָ געווענדט צום געשפּענסטהאַפטיקן לעבן אין מלכות פון שאָטנס. דאָס גאַנצע לאַנד איז איין גרויסער בית־עולם איבער וועלכן עס יאָגן אַרום די געשפּענסטן פון די פאַרשטאָרבענע דורות. זיי, די געשפּענסטן פון די געשטאָרבענע, מישן זיך אויס מיט די געשפּענסטן פון געטער און דעמאָנען און רוחות און מיט די בייזע געשטאַלטן פון די געהיימנישפולע פּריסטער און בישוף־לייט.

דאָס זעלבע בילד זעען מיר ווען מיר ווענדן אונדזער בליק צו די אַלטע פעלקער פון אָריענט: צו שומר און צו אכד, צו אשור און צו בבל, צו כנען און צו פעניציע. אויך דאָ זעען מיר איבעראַל געצעס, אַלטאַרן, טעמפּלען, קרבן־בלוט און קרבן־רויך, מכשפים און מכשפות פולן אָן און פאַרפלייצן גאָר די מענטשלעכע ישובים פון דאַנען. דאָ זעען מיר ווילדע און אָפּשוילעכע ספּעקטאַקלען פון ברענגען מענטשלעכע קרבנות פאַר די געטער. דאָ הערשט דער בלוטדורשטיקער מולך פאַר וועמענס־וועגן מען שעכט און מען ברענט יונגע קינדער. דאָס פרעסן אויף די בייזע געטער דאָס לעבן פון יונגפרויען און יונגעלייט. דאָ פראַוועט מען רעליגיעזן זנות און הייליקע אויסגעלאַסנקייט צו די געשלעכט־גאָטהייטן. די געטער זיינען דאָ בייז, גרויזאַם, נקמהדיק און בלוטדורשטיק.

דאָס זעלבע איז צו זען ביי די באַרבאַרישע געצנדינערישע פעלקער פון אַלטן אייראָפּע. אויך דאָ זיינען די געטער צאָרנדיק און בייז. אויך דאָ הערן די פּריסטער־מכשפים און מכשפות נישט אויף צו פאַרגיסן בלוט פאַר די געטער־וועגן. אויך דאָ הערשט איבעראַל פינצטערער אַבערגלויבן און כישוף־קולט.

און דאָס זעלבע איז צו זען אומעטום. אין אַמעריקע און אין אַפריקע, אין אויסטראַליע און אין אָקעאַניע און וואו נישט!

און אַז מיר ווענדן, ענדלעך, אונדזער בליק צו די פּאָרגע־שריטנסטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט: צו גריכנלאַנד און צו רוים, טרעפן מיר אויך דאָ די הערשאַפט פון די שאָטנס. דאָ זיינען די געטער אַביסל מילדער, געמיטלעכער ווי ערגעץ אַנדערש. דאָ זיינען די געטער אויסגעמישט מיט די מענטשן און פירן מיט זיי, אַזוי צו זאָגן, אַ געמיינזאַם לעבן. די געטער אינטריגירן דאָ און פאַרראַטן און שטעלן־אונטער פיסלעך, סיי איינער דעם אַנדערן און סיי די מענטשן; דאָ זיינען די געטער פאַראינטערעסירט אין יעדער קליינקייט פון מענטשלעכן לעבן, אַזוי פון קאָלעקטיוון ווי פון פּריוואַטן, און זיי האַלטן אין איין געבן צייכנס די מענטשן וועגן אַלץ וואָס עס שטייט זיי פאָר. צו דעם צוועק זיינען דאָ געשאַפן גוואַלדיקע אינסטיטוציעס און שטייגערן. עס איז דאָ פאַראַן אַן אָראַקול, אָנגעפירט פון אַ היסטערישער מויד — פּריסטערן, דורך וועמענס מויל די געטער גיבן ענטפערס אויף אַלערליי פראַגן; עס איז דאָ פאַראַן אַ שטייגער פון זוכן די געטערס ווילן אין די אינגעווייד פון נאָר וואָס געשאָכטענע בהמות; עס איז דאָ פאַראַן אַ שטייגער צו זוכן דעם ווילן פון די געטער אין דעם פלי פון די פויגל, אין קוואַקען פון די הינער, אין הירזשען פון די פערד אאַ"וו א"וו. קיין איין טריט האָט דאָ קיינער נישט געמאַכט, נישט דאָס פאָלק און נישט דער איינצלנער מענטש, אין די קלענסטע ווי אין די גרעסטע אונטערנעמונגען, אָן דעם פריער אָנצופרעגן דורך די בהמהשע קישקעס און אַנדערע צאָללאָזע אַבערגלויבערישע צייכנס — דעם ווילן פון די געטער... און אַז די געטער האָבן גענומען שטעלונג צו יעדער מינדסטער קליינקייט אין לעבן פון די מענטשן, האָט מען זיי דאָך דערפאַר געמוזט באַגיטיקן. האָט מען דעריבער געהאַלטן אין איין שעכטן קרבנות. נישט איינצלנע קרבנות, נאָר צענדליקער און הונדערטער — העקאַטאָמבן. אָפטמאָל האָט מען דעם איינדרוק, לייענענדיק די אַנטיקע אויטאָרן, ווי מען וואָלט זיך געפונען אין אַ גרויס שלאַכטהויז. כסדר און אָן אָפּשטעל האָלט מען אין איין שעכטן גאַנצע סטאַדעס מיט אַלערליי בהמות. טייכן בלוט גיסן זיך צופוסנס

די אַלטאַרן. און ביי די אויפגעשניטענע בייכער פון די קרבנות שטייען פּריסטער און באַברען זיך אין די וואַרימע קישקעס און זוכן צייכנס פון די וועלט־באַלעבאַטים צו די מענטשן. — אָט דאָס איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע און פאַרשפּרייטסטע טואונגען פון די קולטורעלסטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט.

קען מען עס פאַרשטיין?! קען מען פאַרשטיין דעם גאַנצן אַבערגלויבערישן טשאַד וואָס האָט אָנגעפילט די מוחות פון די דאָזיקע בראַווע, שעפערישע מענטשן? לייענט מען זייערע ווערק, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון פאָרעם און סטיל, זיינען זיי מאָנומענטן פון שיינקייט און פולקאָמענהייט פאַר אַלע צייטן — און מען זעט ווי כמעט אַלע די ווערק זיינען פול מיט די אומזיניקסטע געטער־געשיכטן, געטער־מעטאַמאָרפאָזן, געטער־קאַמפן, געטער־אינטריגעס, געטער־רעוואָליטעטן, געטער־ראָמאַנסן, געטער־פּאַרראַטן; לייענט מען זייערע טעאָגאָניעס און קאָסמאָגאָניעס און מיטאָסן און לעגענדעס און זאַגעס אא״וו און מען זעט ווי אַזוי זייער גאַנץ לעבן איז געווען דורכגעדרונגען מיט משונהדיקע גלויבונגען און פירונגען, מוז מען פול ווערן מיט דער גרעסטער פאַרוואונדערונג: וואָס האָט פאָרט פּאַסירט מיט די מענטשן?! אָט ריידן זיי דאָך אַזוי שיין, ניכטער, זאַכלעך קלוג און ערנסט, און צום סוף גייט גאָר דאָס גערייד וועגן פאַנטאָמען און שאָטנס. אמת, די שאָטנס זיינען שיינע, עלעגאַנטע, גראַציעזע, עסטעטישע, אָבער דאָך נישט מער ווי שאָטנס!... אַזאַ פיינע, ראַפינירטע, איידעלע פאָרעם — פון וואָרט און פון בילד — אַ פאָרעם וואָס האָט באַגייסטערט און באַאיינפלוסט אַלע נאָכקומענדיקע דורות, — און אַזאַ קינדערשער, אומזיניקער אינהאַלט!

די זעלבע מענטשן וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ פיינע קולטור און ציוויליזאַציע; וואָס האָבן געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער מענטשהייטס פילאָזאָפיע און קונסט, אָט די זעלבע מענטשן האָבן דאָך געהאַט פולע קעפ מיט אַבערגלויבערישן טשאַד. ווען מען זאָל צונויפקלייבן די אַבערגלויבערישע מעשיות וואָס בלויז איין פּלוטאַרך באַשרייבט אין זיינע באַלד צוויי טויזנט יאָר באַרימטע ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, וואָלט מען מיט דעם געקענט אָנפילן אַ דיקן באַנד.

גריכנלאַנד און רוים — די צוויי לענדער וואו עס איז גע־גרינדעט געוואָרן די וועלטלעכע קולטור, פון וועלכע מיר זיינען היינט אַ ווייטערדיקע פאָרזעצונג; די צוויי קלאַסישע לענדער פון וועלטלעכקייט, וואו די מענטשן האָבן געלעבט מיטביידע פיס אויף דער ערד און האָבן געזוכט צו מאַכן דאָס לעבן וואָס באַקוועמער, אָנגענעמער און פאַרגעניגנפולער — שוין צופיל פאַרגעניגנפול; גריכנלאַנד און רוים די צוויי קלאַסישע לענדער פון עולם־הזה, וואו די מענטשן זיינען געווען רעאַליסטן, פּראַקטיקער, ניכטער־דענקנ־דיקע אין זייערע פּריוואַטע און מלוכהשע אָנגעלעגנהייטן, — גריכנ־לאַנד און רוים זיינען דאָך געווען פול אָנגעפּראָפּט מיט די פאַר־שידנסטע אַבערגלויבנס, אין געדאַנק ווי אין טאַט!

אָפּטמאָל קען מען עס נישט תופס זיין און נישט באַגרייפן: וואָס פאַרט איז געווען דער מער מיטן מין מענטש? וואָס פאָרט האָט עס אַזוי צעטומלט און דערשיטערט די מענטשן, וואָס פאַרט האָט עס אַזוי צעדרייט זייער גייסט און פאַרפּלאָנטערט זייערע מוחות, אַז זיי זאָלן לעבן אין אַ צושטאַנד פון אָנהאַלטנדיקער פאַר־בלענדקייט, אַז אין לויף פון יאָרטויזנטן זאָלן זיי האַלטן אין איין זען וויזיעס און חלומות און פּלאָנטערן און ברייען און פלעכטן נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע זאַכן?! וואָס פאַרט האָט עס געמאַכט אַז דאָס לעבן פון מענטשן, זאָל דורך זיין גאַנצער גע־שיכטע, זיין אַזוי דורכאויס, אַזוי טאָטאַל, אַזוי פולשטענדיק דורכ־געדרונגען מיט פאַנטאַזמאַגאָרישן געדאַנק?

אָבער ווי מען זאָל עס נישט דערקלערן, בלייבט דער פאַקט אַ פאַקט. דער פאַקט איז, אַז אָן איבעררייס און אָן איבערשלאָג האָט זיך געצויגן דער לאַנגער מיסטישער לעטאַרג. איין דור האָט פאַר־וויגט דעם צווייטן; זיידעס האָבן פאַרוויגט טאַטעס, טאַטעס האָבן פאַרוויגט קינדער, קינדער האָבן פאַרוויגט קינדס־קינדער. עס האָט זיך געביטן דער אויסערלעכער אויסזען פון מענטשלעכן לעבן. דעם מענטשנס מאַטעריעלע קולטור האָט זיך פאַרפיינערט, דעם מענטשנס קענטעניש זיינען געשטיגן. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו אַרבעטן און צו געברויכן. ער האָט זיך אויסגעלערנט בויען און שאַפן. ער האָט אָרגאַניזירט שטאַטן און געגרינדעט אימפּעריעס. ער האָט זיך

איינגעשאפט רייכקייט און באקוועמלעכקייט. ער האט אנטוויקלט קולטור און ציוויליזאציע. איין זאך איז געבליבן, אין תוך, אומגע־ענדערט: — די מיסטישע וועלט־שרעק. זי איז אומעטום געווען די זעלבע. די זעלבע ביים ווילדן אינדזל־באוואוינער ווי ביים ציווי־ליזירטן עגיפטער; ביים אפגעשטאנענעם אויסטראליער און ביים פארגעשריטענעם גריך; ביים פרימיטיוון פון דער פארגעשיכטע ווי ביים ראפינירטן רוימער: די זעלבע שאטנס, די זעלבע געצעס, די זעלבע אלטארן, די זעלבע קרבנות, די זעלבע ריטואלן, דער זעלבער כישוף און דער זעלער אבערגלויבן. עס האט זיך בלויז געביטן און פארפיינערט די פארעם; דער אינהאלט איז געבליבן דער זעלבער.

II

אבער צום העכסטן פונקט איז געשטיגן דער מיסטישער קאש־מאר אין אזא צו אונדז נאענטער צייט ווי עס איז דער מיטלאלטער. ווען מיר קומען צו צו דער דאזיקער עפאכע, פאלן מיר אריין אין א תהום פון מיסטישער צעטומלטקייט. אין מיטלאלטער האט דער מיסטישער דעליריום דערגרייכט צום קלימאקס. די מענטשן זיינען דאן געווען ווארע סאנאמבולן. קיינמאל בעפאר האט די מיסטישע גייסט־קראנקייט נישט אנגענומען אזעלכע פראפארצן ווי אין מיטל־אלטער. אזוי ווי מיר קומען נאר צו צום דאזיקן צייטאלטער, אזוי גיט עס אונדז א שלאג מיט א געדיכטער פינצטערניש. מיר פאלן אריין אין אן אטמאספער פון שדים און רוחות און נישט גוטע אן אן אויסגאנג. איבעראל מכשפים און מכשפות און מאגיקער און מיסטיקער און קאבאליסטן און ספיריטיסטן און אקולטיסטן און אס־טראלאגן און אלכעמיסטן און כיראמאנטן און נעגראמאנטן און די־בוק־פארטרייבער און זנאכערס און באבעס; איבעראל כישוף־צערע־מאניעס־ און כישוף־ארגיעס און טייוול־דינעריי און ווילדע אויסגע־לאסנקייט און א ים פון פינצטערן אבערגלויבן; איבעראל משונה־דיקע מיסטישע געריכטן מיט פייער־און וואסער־פראבעס, מיט טאר־טורן און פייניקונגען און אכזריותן, וואס האבן צו זיך קיין גלייכן נישט; איבעראל צלמים און קלויסטערס און קאנוועגטן און כומרים

און מאָנאַכן און מאָנאַשקעס און גלאָקנגעקלאַנג און מיסטישע פּראָצעסיעס און ווייַרוך־דעמפּונג אאַ"וו אַ"וו. נישט נאָר די מאַסע איז פֿאַרבלענדעט, נאָר אויך די געלערנטע לייט; נישט נאָר דער יחיד און זיין פּריוואַט לעבן, נאָר אויך די געזעלשאַפֿט און איַרע אינסטיטוציעס זיינען באַזירט אויף די ווילדסטע אַבערגלויבנס. דער מענטש האָט מער קיין געדאַנק נישט, קיין חושים נישט. דאָס וואָס ער זעט, הערט, פֿילט, טראַכט, דאָס טויג נישט, דאָס איז פֿאַרבלענדעניש; עס טויג יאָ, דאָס וואָס ער זעט נישט, הערט נישט, פֿאַרשטייט נישט, נאָר דאָס וואָס איז פֿאַנטאַזמאַגאָריע, געשפּענסט, צעפֿיבערטע האַלוצינאַציע. חכמים און פּראָפֿאַנען, פֿילאָזאָפֿן און גראָבער המון, אַלע זיינען פֿאַרזונקען אין דער פֿינצטערניש פֿון דער מיסטיק. אויב דאָס פֿאָלק גלויבט בלינד, מאַכן די געלערנטע לייט פֿון מיסטישן טשאַד — ווּיסנשאַפֿטן, „געהיימע וויסנשאַפֿטן", חכמה נסתרה. זיי צייגן איבער מיט לאָגישע אַרגומענטן און שכלדיקע באַווייזן, אַז די אַלערליי גלויבונגען, מאַגיע, כישוף, אַלכעמיע, אַסטראָלאָגיע און אַזוי ווייטער, זיינען דאָס קליגסטע אויף דער וועלט.

איבעראַל הערשט אַ בילבול המוחות. גלחים מישן זיך אויס מיט מכשפים, מאָנאַשקעס מיט מכשפות, טעאָלאָגן מיט מאַגיקער, מאָנאַכן מיט שוואַרצקינסטלער, רעליגיע מיט כישוף, גאָט מיטן טייוול. איבערהויפּט הערשט דער טייוול. די מורא פֿאַר שדים און בייזע רוחות איז דאָמינירנד. שדים און בייזע רוחות פֿילן אָן די וועלט. זיי זיינען פֿאַראַן אומעטום: אין פֿעלד, אין וואַלד, אונטערוועגנס, ביים געבוירן, ביים שטאַרבן, ביים קראַנק זיין, ביים חתונה האָבן — אומעטום. נישטאָ קיין איין ווינקעלע פֿון לעבן, וואָס זאָל פֿריי זיין פֿון דער מיסטישער קראַנקייט. יעדער געדאַנק, יעדער געפֿיל, יעדער טאַט — אַלץ איז מיסטיציזירט ביזן גרונט.

און דאָס אַלץ קומט באַגלייט מיט אינקוויזיציעס, אויטאָ־דע־פֿעס און פֿאַרפֿאָלגונגען קעגן אַנדערש־ און שלעכט־גלויביקע. טייכן בלוט ווערן פֿאַרגאָסן. מאַסן מענטשן ווערן אומגעבראַכט אויפֿן שוידערלעכסטן אופֿן צוליב אַ פֿאַרשידענעם נוסח איינציק־אמתער רעליגיע. נישטאָ די גרויזאַמקייט וואָס מ'זאָל זיך נישט דערלויבן קעגן אַ שלעכט־גלויביקן. די שרעקלעכסטע פּייניקונגען וואָס די

מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען זיך נאָר אויסמאָלן, ווערן אָנגעווענדט אין די הייליקע שחיטות. איבערן מינדסטן אָפּנויג אין דער אינטער־פּרעטאַציע פון אַ געטלעכן פּאָקוס, האָט מען אומגעבראַכט טויזנ־טער מענטשלעכע לעבנס, האָט מען אוועקגעלאָזט שטעט מיט פייער און רויך, האָט מען חרוב געמאַכט ישובים, איז מען באַגאַנגען גרוי־זאַמע ווילדקייטן.

און אַז מ׳האָט נישט געקענט אויסראָטן דעם קעגנער פיזיש, האָט מען אים אויסגעראָטן גייסטיק. מ׳האָט אים פאַרמיאוסט, מ׳האָט צו אים איינגעפלאַנצט אַ שינאה און האַס, מ׳האָט אים באַ־טראַכט פאַר אַן עקלדיק, אָפּשוילעך באַשעפעניש, מיט וועלכן עס עם אָפּשטויסנד און דערנידערנדיק צו האָבן אַ וועלכע עס איז מגע ומשא. זיין גלויבן איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס שלעכ־טע און בייזע און אַלדאָס לעבערלעכע און נאַרישע. זיינע גאָטעס־דינסטן, זיינע תפילות, זיינע מיצוות זיינען געווען אי טומאה, אי אומזין, אי כישוף. דאָס וואָס ביי מענטשן פון איין גלויבן איז גע־ווען דאָס העכסטע, דאָס קליגסטע, דאָס שענסטע, איז ביי מענטשן פון צווייטן גלויבן געווען דאָס נידעריקסטע, נאַרישסטע, אומוויר־דיקסטע און מיאוסטע; דאָס וואָס איינער האָט צוממייסטן פאַרערט און הויכגעשאַצט, דאָס האָט דער צווייטער צוממייסטן מינדער־שאַצט און דערנידעריקט. אין נאָמען פון דער איינציק־בעסטער רע־ליגיע האָבן מענטשן און פעלקער זיך געהאַסט מיט אַ טויטלעכן האַס, האָבן זיך פאַראַכטעט און פאַרניינט ביז לעצט. דער גוי האָט געהאַלטן דעם יידן פאַר דער שפלדיקסטער און אומווירדיקס־טער באַשעפעניש, און דער ייד האָט געהאַלטן דעם גוי פאַר אַזעלכן. ייד און קריסט האָבן אַזוי געהאַלטן דעם מאַכמעדאַנער און דער מאַכ־מעדאַנער האָט אַזוי געהאַלטן ייד און קריסט. און אַפילו אינערהאַלב איין און דעם זעלבן גלויבן, האָבן זיך די פאַרשידענע פראַקציעס באַהאַנדלט און אָפּגעשאַצט מיט דער זעלבער מאָס. אַלע מיטלען האָט מען געלאָזט אין גאַנג פיזיש און גייסטיק צו פאַרניכטן דעם רעליגיעזן קעגנער. אַן אומדורכדרינגלעכער תהום איז געלעגן צווישן די מענטשן פון איין רעליגיע און דער צווייטער. אויף דער פּערזאָן פון אַנדערשגלויביקן איז געלעגן אַ חרם. מ׳האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ גראָב מגושמדיק וועזן, וועלכער שטייט אויף אַ נידעריי־

קערער ביאָלאָגישער שטופּע ווי דער רעכטגלויביקער. מען האָט מיט אים בלויז געמעגט האָבן אויסערלעכע שייכותן, אָט ווי מען האָט אַזעלכע מיט אַ גוצלעכער הויז־חיה, אָבער בשום אופן נישט קיין אינטימע שייכותן, נישט קיין קערפּערלעכע און נישט קיין גייסטי־קע. עס איז אויסגעקומען, אַז דער אַנדערשגלויביקער האָט גאָרנים געקערט צום זעלבן מין מענטש וואָס דער רעכטגלויביקער...

און איבער וואָס איז דאָס אַלץ געווען?! איבער וואָס האָבן זיך עם מענטשן געהאַסט מיט אַזאַ טויטלעכן האַס? איבער דער פאַר־שידענער ניואַנסירונג פון שאַטנס; איבער דער מיינונגס־פאַרשידנ־הייט אין דער אינטערפּרעטאַציע פון פאַנטאַמען! אַלעמאָל זיינען אויפגעקומען נייע וואַריאַציעס און נייע נוסחאות פון די איינציק־אמתע ניסים ונפלאות און דאָגמאַטישע האָקוס־פּאָקוסן, און אַלע־מאָל נייע הערעטיזמען, נייע אומגלויביקע, נייע זינדיקע, און נייע שייטערס, נייע טאָרטורן, נייע פּייניקונגען, נייע באַרטאָלאָמיי־נעכט, נייער האַס און נייע שינאה, אָן אַ שיעור, אָן אַ שיעור...

און אויב אַזעלכעס איז געווען דאָס לעבן פון די געוויינלעכע, דורכשניטלעכע מענטשן, טאָ ווי אַזוי איז עס שוין געווען פון די אויסנאַמען? די אויסנאַמען, די מער עמאָטיווע, זיינען געוואָרן אַס־קעטן. זיינען פאַרקראָכן אין מדבריות און וועלדער, האָבן זיך פאַר־שפּאַרט אין היילן, האָבן זיך פאַרשטעקט אין פעלדזן־שפּאַלטן, און דאָרט זיך געפּייניקט, יסורים אָנגעטון, נישט געגעסן, נישט גע־טרונקען, קיין פּרוי נישט געקענט, טאָג און נאַכט און דאָס גאַנ־צע לעבן פאַרבראַכט אין ספּיריטועלע מיראַזשן און עקסטאַזן, געזען זעאונגען און געשוועבט אין אויסגעחלומטע מיסטישע וועלטן. ביי די דאָזיקע מענטשן, האָט די מיסטישע אויטאָסוגעסטיע דערגרייכט ביז צום גראַד פון פולשטענדיקער זעלבסטפאַרקריפּלונג, פיזיש און גייסטיק.

לייענט מען די באַשרייבונגען פון די אַלערליי אַסקעטישע סעק־טעס און זייער אַרט לעבן, און מען זעט וואָס אַלץ מענטשן האָבן פון זיך געמאַכט אונטערן דרוק פון גלויבנס־היפּנאָז, קען מען זיך נישט גענוג אָנחידושן איבער דער אומגעהויער־גרויסער מאַכט וואָס גלויבן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. איז עס דען נישט צו שטוינען,

ווען מיר זעען ווי אזוי מענטשן פארוואנדלען זיך אליין אין פיזישע און גייסטיקע קריפּלס; ווי אזוי מענטשן האלטן א לעבן לאנג אין איין באקעמפן אין זיך די סאמע עלעמענטארסטע נאטור־באדערפע־נישן פון דערנערונג און סעקס; ווי אזוי מענטשן באשטייען אומ־אויפהערלעך זיך אנצוטון יסורים; ווי אזוי מענטשן באשטייען זיך אפּצושליסן אין די איינזאמסטע ערטער און זיך אפּזאגן פון יעדער קאנטאקט מיט זייערע מיטמענטשן? איז עס דען נישט צו שטוינען ווען מיר זעען ווי אזוי מענטשן פארוואנדלען זיך אליין אין סאנאמ־בולן און געפינען זיך כסדר אין א צושטאנד פון אנהאלטנדיקן פאנ־טאזמאגארישן ענטוזיאזם; ווי אזוי מענטשן האבן די שטארקסטע איבערלעבונגען דורך זעלבסט־איינגעבילדעטע הימל־זעאונגען; ווי אזוי צעפיבערטע חלומות פארוואנדלען זיך אין אזא גייסט־כוח וואס איז שטארקער פאר נאטור, שטארקער פאר לעבן און טויט; ווי אזוי צעהיצטע האלוצינאציעס און אויסדראכטונגען דערפירן די מענטשן ביז פולשטענדיקער אטראפיע פון זייער שכל און ברענגען זיי צו זעלבסטפארניכטונג און זעלבסטצעשטערונג?!

און אזעלכער איז געווען דאס לעבן פון „בעל־שכל" אין דער נאענטסטער פארגאנגענהייט; אזוי האבן זיך געפירט אונדזערע נאענטסטע אבות, וועמענס גייסט עס צאפּלט זיך נאך פריש אין אונדז. איז וואס זאלן מיר זאגן וועגן זיי און וועגן אונדז אליין טראכטן!...

— דער מענטש איז נישט קיין בעל שכל, נאר א וויזיאנער; דער מענטש איז נישט קיין דענקער נאר א בעל חלומות.

די געשיכטע פון רעליגיע איז די געשיכטע פון מענטשנס אומ־דענקערישקייט. די אנטשטייאונג פון גלויבן איז געווען א באווייז און א אנזאג, אז שכל וועט נישט הערשן אין מענטשלעכן לעבן. באלד די ערשטע פרוכט פון מענטשלעכן דענקען זיינען געווען דיקטירט פון שרעק און פארלוירנקייט, און שרעקעדיק און פארלוירן איז גע־בליבן די פרוכט פון זיין דענקען ביז היינטיקן טאג. פון יענעם ווייטן אורשפרונג פון געדאנק ביז צום געדאנק פון היינטיקן טאג, ציט זיך אן אומאיבערגעריסענער פאדים: — ס'איז דערזעלבער טיף גע־דאנק וואס ווערט באהערשט און באפוילן פון אימפּולס און וויזיע.

טויזנט מאל מער פלאץ פארנעמט, אין דער פארגאנגענהייט

פון מענטשנס קולטור און געדאנק, דאָס „דערפאָרשן און דערקענען די וועלט" דורך חלום, איידער דאָס דערפאָרשן און דערקענען די וועלט דורך וואכזאמער דערקענטעניש. דאָס געזעענע, געהערטע און איבערגעלעבטע אין וויזיאָנערן צושטאנד, האָט פארן מענטשן געהאט מער האפט און ממשות, ווי דאָס געזעענע, געהערטע און איבערגעלעבטע אויף דער וואָר. דער „האָמאָ סאפיענס" האָט שטענדיק געהאט מער גלויבן און צוטרוי צו אַלערליי מיסטישע אַנטפּלעקונגען, איידער צו דעם וואָס ער האָט דערפאָרן מיט זיינע חושים און תופס געווען מיט זיין געזונטן שכל הישר.

קאפיטל 10

רעליגיע און פילאָזאָפיע

I

רעליגיע איז דער עיקר א זאך וואָס האָט צו טון מיטן מענטשן. אין צענטער פון רעליגיע, מעג זי זיין ווי מעטאפיזיש און אבס־טראַקט, שטייט דער מענטש, — דער מענטש מיט זיינע אינטע־רעסן, שטרעבונגען, פארלאנגען, איבערלעבונגען אא״וו. פילאָזאָפיע איז דער עיקר א זאך וואָס האָט צו טון מיט דער וועלט, מיט דער דערקענטעניש פון דער וועלט, מיט דער דערקענטעניש פון די גע־זעצן פון אלזיין און אללעבן. דער מענטש איז בלויז א טייל דערפון.

אין רעליגיע עקזיסטירט גאָט און וועלט צוליבן מענטשן. די וועלט איז געשאַפן צוליבן מענטשן און גאָטס הויפּט־אינטערעס איז געווענדט צום מענטשן. תורה, מיצוות און מעשים טובים — אָט דאָס איז רעליגיע.

פאַר דער פילאָזאָפיע שטייט נישט די פראַגע פון מענטשנס לעבן און אויפפירונג. דער פילאָזאָף, אויב ער געפינט א גאָט, דאַרף ער אים פאַר דער וועלט; פאַר דער גרויסקייט און וואונדערלעכקייט פון דער וועלט, און ער לאָזט אים איבער אין דער וועלט. דער פי־לאָזאָף ציט נישט אריין גאָט אין קרייז פון דעם מענטשנס אינ־טערעסן און באַדערפענישן. דאָס וואָלט געווען א דעגראַדאַציע פון גאָט.

דער גאָט פון רעליגיע איז אַ מענטשלעכער גאָט; דער גאָט פון דער פילאָזאָפיע איז אַ וועלט־גאָט.

אַנטראָפּאָמאָרפיזם און נאָך מער אַנטראָפּאָצענטריזם, זיינען די הויפּט־שטריכן, וואָס טיילן אָפּ דעם רעליגיעזן בליק אויף גאָט און וועלט פון דעם פילאָזאָפישן.

רעליגיע, אויף אַלע פאַזן און שטופן פון איר אַנטוויקלונג. פון נעם נידעריקסטן פעטישיזם ביזן העכסטן מאָנאָטעאיזם, איז שטענדיק געווען און איז געבליבן — אַנטראָפּאָמאָרפיש און אַנטראָפּאָצענטריש. פון גלויביקן פּרימיטיוון און ווילדן, ביזן העכסטן מאָנאָטעאיסט, האָבן אַלע געהאַלטן, אַז די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון גאָט געהער דעם מענטשן. האָט רעליגיע געמעגט שטייגן ווי הויך, האָט דער באַגריף גאָט געמעגט ווערן ווי אינטעלעקטועל און לויטער, דאָך איז דער גרונטשטריך פון רעליגיע, דער אַנטראָפּאָצענטריזם, שטענדיק געבליבן. אָפּגענומען אָט דעם דאָזיקן באַזעדיקן קאָנצעפּט ביי רעליגיע, בלייבט פון איר גאָרנישט. אויב דעם מענטשנס אויפפירונג גייט נישט אָן גאָט, איז וואָס פאַרא זינען האָט דאַן רעליגיע.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט דער פילאָזאָפיע. די פילאָזאָפיע איז פון לכתחילה אָן פריי געווען פון אַנטראָפּאָצענטריסטישן פעלער. דער פילאָזאָף, אַפילו דער פרימיטיווער, איז צוגעגאַנגען באַטראַכטן די וועלט ווי זי איז אין זיך און פאַר זיך; ער האָט געזען נאַטור־עלעמענטן, נאַטור־כוחות, נאַטור־אייגנשאַפטן אא״וו. און האָבן אַפילו זיינע אויספירן געמעגט זיין רוי און נאַיוו, זיינען דאָך נישט וויכטיק די אויספירן, נאָר דער צוגאַנג זיינער צו דער וועלט־פראַגע. ער איז צוגעגאַנגען באַטראַכטן די וועלט נישט מיט דימיון און נישט אויס מורא, נאָר מיט שכל און אויס דערקענטעניש־ווילן; נישט דערפאַר וואָס די וועלט, די נאַטור־טעטיקייטן, האָבן א י ם געשראָקן, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי זיי קומען פאָר. אמת, אַז אויך ער איז געקומען צו אויספירן, אַז די וועלט „לעבט״; אויך ער האָט דערקלערט די כסדרדיקע טעטיקייט און שאַפונג פון דער וועלט דורך באַלעבנדיקע כוחות וואָס ער האָט פאַרזעצט אין איר, אָבער זיינע באַלעבנדיקע כוחות, זיין

„הילאזאיזם", זיינען געווען נאטור־דערשיינונגען, ער האט זיי געלאזט אין דער נאטור, ער האט זיי נישט ארויסגענומען פון דארט, ער האט זיי נישט פערזאניפיצירט, נישט געמאכט פון זיי גייסט־האפטע וועזנס און נישט איינגעארדנט פון זייערטוועגן קיין קולטן און דינסטן.

דער פילאזאף איז פון לכתחילה אן צוגעגאנגען באטראכטן די וועלט ווי א דערוואקסענער. האט ער אפילו געמעגט זיין א דערוואקסענער מיט ווייניק וויסן און דערפארונג, מיט ווייניק טיפע און דורכגעארבעטע געדאנקען, דאך איז דער אופן ווי אזוי ער איז צוגעגאנגען באטראכטן די וועלט געווען פון א דערוואקסענעם. ער האט געצוימט די אייגענע אימפולסן און אויסדאכטונגען מכוח דעם לעבן און דער טעטיקייט פון דער וועלט. ווען ער האט באטראכט די וועלט, האט ער זיך אליין שטיל געמאכט, האט ער זיך אליין אוועקגעשטעלט אין א זייט און זיך באמיט צו זיין וואס מער אביעקטיוו און ניכטער ביים באאבאכטן די פאקטן און די דערשיינונגען פון דער וועלט, און אויפן סמך פון די דאזיקע באאבאכטונגען, האט ער געמאכט אויספירן און טעאריעס.

דער גלויביקער, אפילו פון דער העכסטער שטופע, איז צוגעגאנגען זען די וועלט ווי א קינד. ער האט פריער געפילט, פריער געגלויבט, פריער זיך פארגעשטעלט און נאכדעם געטראכט. און אט דער דאזיקער טיפ דענקען, וואס איז א פרוכט פון געפיל און פארשטעלונג, איז א אינפאנטילער טיפ דענקען. ווארום פונקט ווי דאס קינד הויבט אן גלויבן אונטערן איינדרוק פון געפיל, אז דאס וואס עס דאכט זיך אים אז ס'איז, איז טאקע, אזוי האט דאס געטון אויך דער פרומער מאן: גאט האט ער געפילט, — האט זיך אים גאט אויסגעדאכט, האט ער אנגעהויבן גלויבן אין גאט, דאס הייסט ער איז געווארן איבערציינט, אז דאס וואס ער פילט און דאס וואס עס ווייזט זיך אים אויס, איז טאקע אזוי. פונוואנען־זשע האט ער אבער געוואוסט אז עס איז טאקע אזוי? וואס האט אים דערין איבערציינט, אויסער זיין געפיל און פארשטעלונג? וואס האט אים געגעבן די זיכערקייט, אז זיין געפיל און פארשטעלונג נארן אים נישט? — קיין שום אויסערלעכע באשטעטיקונג האט ער דערפאר

נישט געהאַט און קיין שום אויסערלעכער באַווייז האָט אים נישט געגעבן קיין זיכערקייט. די איינציקע באַשטעטיקונג און די איינציקע זיכערקייט איז געווען די „אינערלעכע" באַשטעטיקונג און די „אינערלעכע" זיכערקייט. די „זיכערקייט" פון געפיל; ער האָט געפילט אַזוי זיכער אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אַז ער האָט שוין אויסער דעם דאָזיקן געפיל קיין שום אַנדער באַווייז נישט געדאַרפט האָבן. דאָ איז דער פעלער. „אינערלעכע זיכערקייט" איז אַ ריין־סוביעקטיווע דערשיינונג און באַווייזט מיט גאָרנישט דעםווירקלעכן זיין פונעם אויסערלעכן אָביעקט צו וועלכן די אינערלעכע זיכערקייט באַציט זיך. דאָס וואָס מאַכט איינעם פילן זיכער, אַז אַ זאַך איז דאָ, איז נישט די ווירקלעכע וועזנהייט פון דער זאַך, נאָר בלויז דער *שטאַרקער ווילן*, אַז די זאַך *זאָל זיין*; וואָס *שטאַרקער ס'איז דער ווילן*, אַז אַ זאַך *זאָל זיין*, אַלץ גרעסער איז דער געפיל פון *זיכערקייט*, אַז די זאַך איז דאָ. דאָס אַלץ וואָס דער זיכערער געפיל וועגן גאָט, באַווייזט, איז, אַז דער מענטש וויל שטאַרק ס'זאָל זיין אַ גאָט, און מער גאָרנישט. צווישן דער אינטימער זיכערער איבערצייגונג מכוח דעם דאָזיין פון אַ וועזנהייט און דער אָביעקטיווער רעאַליטעט אירער, ליגט אַ תהום. אַרויסדרינגען די אָביעקטיווע זיכערקייט פון דער סוביעקטיווער זיכערקייט — דאָס איז דער גרונטשטריך פון פרימיטיוון און קינדערשן געדאַנק און דאָס איז אויך דער גרונטשטריך פון רעליגיעזן געדאַנק.

דער געדאַנק פון דערוואַקסענעם מיידט אויס דעם דאָזיקן פעלער. דער דערוואַקסענער ווייס, אַז נישט אַלץ וואָס מ'פילט אַז ס'איז, נישט אַלץ וואָס מ'וואָלט געוואָלט ס'זאָל זיין און נישט אַלץ וואָס ס'ווייזט זיך אויס אַז ס'איז — איז טאַקע. דערוואַקסנקייט פון געדאַנק באַשטייט דער עיקר אין קענען פונאַנדערטיילן דעם סוביעקטיוון „אמת" פון דעם אָביעקטיוון אמת. רייפער געדאַנק איז פעאיק צו זען און צו באַגרייפן די אָביעקטיווע ווירקלעכקייט פון זאַכן און דערשיינונגען *טראָץ און קעגנזעצלעך* צו דעם אייגענעם פילן, ווילן און פאָרשטעלונג.

וואָס מער איינער איז בכוח זיך אויסצוטון פון זיך אַליין, בעת

ער דענקט וועגן דער וועלט; וואָס מער ער איז פעאיק צו *אָביעקטיוויזירן דענקען*, אַלץ ריינער דענקט ער, אַלץ נענטער שטייט ער צו דער רעאַליטעט פון באַטראַכטן אָביעקט און אַלץ אמתער זיינען זיינע אויספירן און טעאָריעס. פאַרקערט, וואָס מער סוביעקטיוו, וואָס מער די פערזענלעכקייט פון דענקער באַהערשט זיינע געדאַנקען, אַלץ מער איז ער אויסגעשטעלט צו מאַכן טעותן, אַלץ ווייטער איז ער פון דער רעאַליטעט פון באַטראַכטן אָביעקט. דער סוביעקטיווער דענקער, שטויסט אַרויס פון באַטראַכטן אָביעקט זיין (דעם אָביעקטס) ווירקלעכקייט און אמת, און גיסט אים אָן מיט אייגענער (דעם דענקערס) ווירקלעכקייט און אמת. אָנשטאָט צו געפינען דעם אמת פון אָביעקט, געפינט ער נאָר אַ שטיקל פון זיין אייגענעם אמת, וואָס ער האָט, אומבאַמערקט, אַריינגעבראַכט אינעם אָביעקט אַריין. ער מיינט, אַז ער האָט געפונען דעם אינטימען אינהאַלט פונעם נאָכגעפאָרשטן קעגנשטאַנד און צום סוף האָט ער נאָר געפונען אַ פראַגמענט פון זיך אַליין, אַ פראַגמענט פון דעם *אייגענעם אינטימען אינהאַלט*.

די מעגלעכקייט פון דענקען *אָן זיך*, *קעגן זיך*, איז די מאָס פון הויכן דענקען, און פאַרקערט די אוממעגלעכקייט צו דענקען אָן זיך, נאָר דאָס מוזן דענקען *מיט זיך* און *לויט זיך*, איז די מאָס פון נידעריקן דענקען. דער פראָגרעס פון מענטשלעכן געדאַנק איז געגאַנגען פון סוביעקטיוון דענקעקסטרעם צום אָביעקטיוון. דאָס קינד און דער פרימיטיווער, באַזיצן כמעט נישט די פעאיקייט צו דענקען וועגן *זאַכן*, נאָר זיי דענקען שטענדיק וועגן *זיך אין־און דורך זאַכן*. וואָס עלטער און דערפאַרענער עס ווערט דער אינדיוויד און וואָס עלטער און דערוואַקסענער עס איז געוואָרן דער מין, אַלץ מער פעאיקער ווערן זיי צו דענקען וועגן זאַכן און דערשיינונגען *אַנפאַרזיך*. דענקען אַבסאָלוט אָביעקטיוו קען נישט דער מענטש און וועט עס מיסתמא קיינמאָל נישט קאָנען. דאָך, ביז אַ געוויסן גראַד קען ער עס יאָ, און דער מעגלעך־העכסטער גראַד אָביעקטיווער דענקען, איז דער מעגלעך־העכסטער גראַד דענקען בכלל.

II

עס איז דאָ אין מענטשן אַן אַ ד מ י ר אַ צ י ע ־ ג ע פ י ל צו דער וועלט, אַ געפיל וואָס צויבערט אין אים ווען ער טראַכט וועגן וועלט־לעבן, ווען ער טראַכט וועגן דער גרויסקייט און וואונדערלעכקייט פון דער וועלט, וועגן ציל און צוועק פון דער וועלט. וואָס שטאַרקער ס'איז דער דאָזיקער געפיל, אַלץ מער ווילט זיך פאַרטיפן, דערפאָרשן און דערקענען די וועלט. דער אַדמיראַציע־געפיל גייט איבער אין אַ וועלט־דערקענטעניש־ווילן און די דערקענטעניש פאַרגרעסערט נאָך מער דעם אַדמיראַציע־געפיל. די ביידע באַווירקן זיך קעגנזייטיק.

דער וועלט־דערקענטעניש־ווילן איז דער פאָטער פון דעם גאַנצן וויסן וואָס דער מענטש האָט זיך דעראָבערט. אַדאַנק דעם דאָזיקן ווילן האָבן זיך מענטשן אָנגעהויבן פאַרטראַכטן און פאַרטיפן אין דער וועלט און גענומען זוכן אַ לייזונג פאַרן אייביקן וועלט־פּראָבלעם און אַזוי אַרום געקומען צו די אַלגעמיינע געדאַנקען פון דער פילאָזאָפיע און צו די איינצלנע וויסנשאַפט־געביטן.

סיי רעליגיע, סיי פילאָזאָפיע, סיי די וויסנשאַפטן שטאַמען אָפּ פון איין בשותפותדיקן געפיל־מקור: פונעם ווילן צו פאַרענטפערן די וועלט־פּראַגע. דער מענטש איז נישט גלייכגילטיק צו דער וועלט, נאָר ער האָט צו איר אַ טיף־אינערלעכע באַציאונג. אין טיפסטן הינטערגרונט פונעם וועלט־דערקענטעניש־ווילן איז פאַראַן אַ געוויסע מורא פאַרן וועלט־לעבן. די נייגעריקייט וואָס באַהערשט דעם מענטשן לגבי דער וועלט, איז, אין תוך, אַ מין טונקעלער, געהיימער געפיל, אַז דאָס וואָס קומט פאָר אין דער וועלט און מיט דער וועלט, האָט אַ דירעקטע שייכות מיט אים. דעם מענטשן אינטערעסירט אַזוי שטאַרק דאָס וועלט־געשען נישט צוליב דער וועלט, נאָר צוליב זיך אַליין. אין דעם פאַרוואונדערונג־געפיל מיטן אוניווערסאַלן פּראָצעס, איז פאַראַן אַ געוויסע שרעק פאַרן דאָזיקן פּראָצעס. דער מענטש וויל אַריינדרינגען אין די סודות פונעם קאָסמאָס, ווייל עס ווייזט זיך אים אויס אַז ער וועט דאָרט געפינען עפּעס אַזעלכעס וואָס וועט וואַרפן אַ שיין אויף זיין אייגענער שטעלונג

אינעם קאָסמישן פּראָצעס. דער מענטש זוכט אַזוי פּלייסיק און אומדערמידלעך אַן ענטפער אויף דער וועלט־פראַגע, ווייל ער האָפט אין איר צו געפינען אַן ענטפער אויף זיין אייגענער פראַגע. מיט איין וואָרט: דער מענטש זוכט אין דער וועלט רק זיך אַליין. מעג די זוכעניש כלומרשט גיין אויף אַ געביט וואָס האָט פאַרן מענטשן קיין שום פּראַקטישן באַדייט נישט, איז דאָך שטענדיק פאַראַן דער באַדייט פון אויפדעקן אים, פון אַנטהילן אים. דער מענטשלעכער ווילן אַלץ צו וויסן וועגן דער וועלט, איז אַ ווילן נישט צו לאָזן גאָרנישט פאַרבאָרגן. אין אַנבליק פון פאַרבאָרגענעם, פון געהיימען, פון פאַרהוילענעם, פילט זיך דער מענטש אומהיימלעך און נישט זיכער.

נישטאָ קיין אינדיפערענטע וויסנשאַפטן פאַרן מענטשן. אַלץ באַרירט אים. מעג זיך עס האַנדלען וועגן געבוי פונעם קלענסטן טיילכעלע שטאָף, צי וועגן ווייטסטן קאָסמישן שטראַל, צי וועגן צו־זאַמענשטעל און פונקציע פונעם מינדסטן גרעזעלע אָדער ווערימל, אַלץ האָט פאַרן מענטשן אַ פּערזענלעכן אינטערעס. יעדעס פּיצעלע שטויב און יעדע מינדסט־מינדסטע פּאַסירונג, אַזוי אויף אונדזער ערד ווי אויף דער ווייטסטער פון די וועלטן, אַזוי אינעם לעבן פון דער אָרגאַנישער ווי פון דער אומאָרגאַנישער נאַטור, אָן אונטער־שייד וועגן דאָס זאָל נישט האָבן פּאַסירט — אַלץ וויל דער מענטש וויסן, ווייל אַלץ איז אים דירעקט נוגע.

אויב דער מענטש לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפע אָפּגרונטן פון די ימען און פאָרשט די פינצטערע תהומען, איז עס דערפאַר וואָס ער זוכט דאָרט אַן ענטפער אויף זיין אייגענער פראַגע; אויב דער מענטש הויבט זיך אויף מיט זיין געדאַנק אין די גרעניצלאָזע הויכ־קייטן פון רוים און זוכט צוצוקומען ביז צום ווייטסטן פון די שטערן און וויל וויסן וואָס עס טוט זיך דאָרט, איז עס דערפאַר, וואָס ער האָפט דאָרט צו געפינען עפּעס אַ רמז וועגן זיך, וועגן זיין אייגענעם גורל אויף דער ערד; אויב דער מענטש פאַרגראָבט זיך אינעם אינגעווייד פון דער ערד און זוכט און נישטערט שפּורן פון אַלטן לאַנג־פאַרשוואונדענעם לעבן; אויב ער בויערט זיך אַריין אין די טיפעניש פון פעלדזן און צעאַקערט אַלטע געאָלאָגישע שיכטן,

טוט ער עס דערפאַר וואָס ער גלויבט דאָרט צו געפינען אַ פּיצעלע באַשייד פאַר זיין אייגענעם רעטעניש. די גאַנצע וויסן־גיריקייט וואָס דער מענטש ווייזט אַרויס און דער גאַנצער דערקענטעניש־דראַנג וואָס באַהערשט אים, צילן צו איין פּונקט — קלאָר צו מאַכן די שטעלונג פונעם מענטשן אויף דער וועלט.

די וועלט־פראַגע האָט אָנגעהויבן באַאומרואיקן דעם מענטשן תּיכף ווי ער איז נאָר אויף דער וועלט געקומען; זי באַאומרואיקט אים היינט און זי וועט אים באַאומרואיקן אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן. דער מענטש וויל וויסן וואָס איז די וועלט; וואָס איז עס דאָס גרויסע און ברייטע און אומאויסמעסטבאַרע, וואָס רינגלט אים אַרום; ער איז פול מיט נייגעריקייט און וויסן־דורשט בנוגע דעם אַלזיין: פונוואַנען קומט עס און וואוהין גייט עס? ווי אַזוי איז עס אַנטשטאַנען און געוואָרן און ווי אַזוי האַלט זיך עס אויף און עקזיסטירט? ווער האָט עס געמאַכט און צוליב וואָס איז עס געמאַכט געוואָרן?

די מאָדערנע וויסנשאַפטן האָבן נישט פאַרענטפערט די דאָזיקע אַלע פראַגן. פאַרקערט, זיי האָבן זיי נאָך מער פאַרברייטערט און פאַרטיפט. וואָס האָבן דען געוואוסט וועגן דער וואונדערלעכקייט, וועגן דער אומגעהויערער וואונדערלעכקייט פון דער וועלט די אַמאָליקע דורות? גאָרנישט! ערשט מיר, היינט, אַ דאַנק אונדזערע היינטיקע וועלט־קענטענישן, הויבן אָן באַגרייפן די גרויסקייט, די ברייטקייט און די וואונדערלעכקייט פון דער וועלט, די גוואַלדיקע מיסטעריע פון דער וועלט. טויזנט מאָל מער גרונט אַריינצופאַלן אין אַ רעליגיעזער התפּעלות האָט דער היינטיקער מענטש מיט זיין וועלט־וויסן, איידער דאָס האָט געהאַט דער אַמאָליקער מענטש. מיר, היינט, ווייסן, אַז פול מיט סודי־סודות איז די וועלט, פול מיט די מיפסטע געהיימנישן איז דער אוניווערז, פול מיט אומלייזבאַרע רעטענישן איז די נאַטור. וואָס מער דעם מענטשן געלינגט אַריינצודרינגען אין די געהיימע ספערן פון דער נאַטור, אַלץ מיט מער וואונדער באַגעגנט ער זיך דאָרט; וואָס מער דער מענטש דערוויסט זיך וועגן דער וועלט, אַלץ גרעסער ווערט זיין פאַרוואונדערונג מיט איר; וואָס ווייטער דער מענטש טראָגט זיך אַוועק אין די ענדלאָזע

ווייטקייטן פונעם קאָסמאָס; וואָס טיפער ער דרינגט אריין אין די אינטימסטע אינהאַלטן פון דער מאַטעריע; וואָס מער ער געפינט אויס די פאַרבאָרגענע כוחות און קרעפטן וואָס זיינען באַהאַלטן אינעם קלענסטן פּיצעלע שטאָף; וואָס מער ער דערפאָרשט און דערקענט די אייגנשאַפטן פונעם מינדסטן לעבעדיקן קערפּערל, אַלץ מיט מער איבעררַאשונג, אַלץ מיט מער פאַרוואונדערונג און באַוואונדערונג ווערט ער איבערפולט. אַ ציטער פילט אָן דעם מענטשנס האַרץ אין אָנבליק פון דער אומענדלעכער, סופלאָזער גרויסקייט און וואונדערלעכקייט פון דער וועלט; אַ מעכטיק געפיל פון באַגייסטערונג און אַנטציקונג פילט אָן זיין גאַנץ וועזן; אַ דערשיטערנדיק געפּיל פון פיעטעט און פון וועלט־פאַרערונג דרינגט דורך זיין גייסט. אין אַזאַ מאָמענט איז דער מענטש איין טריט פון *ספּאָנטאַנער איינשטראָמונג אין רעליגיע*; אין אַזאַ מאָמענט ווילט זיך פון זיך אַליין אויסשרייען דאָס וואָרט: *גאָט*! אָבער צי קען מען דעם דאָזיקן שריט מאַכן און צי קען מען דאָס דאָזיקע וואָרט אַרויסריידן. מאַכן דעם דאָזיקן שריט און אויסריידן דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָלט געמיינט זיך לאָזן אַראָפּשווענקען פונעם מעכטיקן געפּיל־שטראָם וואָס פאַרפלייצט אונדז, וואָלט געמיינט לאָזן פאַלן די פעסטונג פון געדאַנק אונטערן שטורעם־ און דראַנג־אָנגריף פון דער עמאָציע.

אמת, אַז דאָס וועלט־לעבן באַגייסטערט דעם מענטשן; אַז די גרויסקייט, די אָנסופיקייט פונעם אוניווערסאַלן פּראָצעס אינספּירירן אוממיטלבאַר דעם מענטשן און דערוועקן אין אים די שענסטע איבערלעבונגען. פאַרטיפט אין מעדיטאַציעס וועגן דער וועלט, פילט זיך דער מענטש געלייטערט און דערהויבן. אַ זיסע נשמה־רו שטראַלט אים דורך; געפילן פון באַוואונדערונג צו דער וועלט פילן אָן זיין האַרץ, אַ לירישע בענקשאַפט באַהערשט אים. אין אַזאַ מאָמענט פילט דער מענטש זיך פאַרוואַנדט מיט דער וועלט, ער פילט זיך ווי אַ טייל פון איר; ער פילט ווי פון דער טיפעניש פון זיין וועזן ציען זיך פעדים וואָס פאַרבינדן אים מיטן וועלט־וועזן; ער פילט אַז עס עקזיסטירט אַ אינטימער צוזאַמענהאַנג צווישן אים מיט דער וועלט; אַז זיין לעבן איז פאַרוועבט און פאַרבונדן מיטן וועלט־לעבן. דאָס

איז אַ ספּאָנטאַן רעליגיעז געפיל וואָס באַהערשט דעם מענטשן. פון זיך אַליין פילט מען זיך באַהעפט מיט „גאָט". דאָס איז אַ נשמה־דערשיינונג און אַ געמיט־צושטאַנד וואָס נישט שכל ברענגט אים אַרויס און נישט שכל קען אים אָפּפרעגן. פּסיכאָלאָגיש איז עס פאַר־שטענדלעך און באַרעכטיקט. פּסיכאָלאָגיש איז פאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט, אַז דער מענטש זאָל האָבן רעליגיעזע שטימונגען און הויכע איבערלעבונגען. אַלס געפיל־ווען קען דער מענטש שטייגן זייער הויך. אויף די אָדלער־פליגלען פון דער אינספּיראַציע, קען דער מענטש זיך אויפהויבן ביז אין די העכסטע ספערן. קעגן דעם איז גאָרנישטאָ וואָס אויסצוזעצן, דאָ איז גאָרנישטאָ וואָס אָפּצו־פרעגן און נישט אָפּפרעגן קען דאָ עפּעס העלפן. דאָס איז די נאַ־טירלעכע רעכט פון אַ וועזן צו זיין דאָס וואָס ער איז און צו פילן אַזוי ווי ער פילט. אויב איינער גרייכט צו גאָט מיט זיין האַרץ, גרייכט ער; אויב איינער דערקענט גאָט מיט זיין געפיל, דערקענט ער. דאָס קען מען נישט אָפּלייקענען און דאָס איז אויך קיין פּראָ־בלעם נישט. דאָס פּראָבלעם הויבט זיך אָן „פון יענער זייט האַרץ" און פון „יענער זייט געפיל" — דאָרט וואו מ'וויל מאַכן פון סוב־יעקטיווע געפילן אָביעקטיווע אמתן; פון פּסיכאָלאָגישע דערשיי־נונגען, וועלט־דערשיינונגען...

ניין! דער אמת־ליבנדיקער און אָביעקטיוו־דענקנדיקער מענטש קען עס נישט טון. דער אָביעקטיווער דענקער און דער אמתער פי־לאָזאָף ווייסן, אַז דער אופן ווי אַזוי דער מענטש פּילט די וועלט און דער אופן ווי אַזוי די וועלט איז, זיי־נען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן. מעג דער פילאָזאָף זיך ווי באַגייס־טערן מיטן וועלט־לעבן, מעג ער אַריינפאַלן אין דער העכסטער התפעלות און באַוואונדערונג מיט דער נאַטור, מעג זיין נשמה ברויזן און שטורעמען אין מאָמענטן פון וועלט־דערקענונג, דאָך וועט ער אויפהאַלטן דעם גלייכגעוויכט פון זיין גייסט, די אומאָפּהענגיקייט פון זיין געדאַנק און שכל און וועט ווייסן, אַז די אויפברויזן פון די געפילן זיינען נישט מער ווי דערשיינונגען פון און אין זיין איי־גענער נשמה און זאָגן גאָרנישט וועגן דער אָביעקטיווער ווירקלעכ־קייט פון דער וועלט.

זעען מיר ווי אַפּט פילאָזאָפן האָבן אריינגעגאָסן זייער אייגע־נעם גייסט אין דער וועלט און זיי האָבן געמיינט, און האָבן אונדז געוואָלט מאַכן מיינען, אַז דאָס האָבן זיי דעם וועלט־גייסט אריינ־געגומען אין זיך; זעען מיר ווי אַפּט פילאָזאָפן האָבן אריינגעבראַכט זייער אייגענעם שכל און זייער אייגענעם געדאַנק אין דער וועלט, און זיי האָבן געגלויבט און האָבן אונדז געוואָלט מאַכן גלויבן, אַז דאָס האָבן זיי דעם וועלט־שכל און דעם וועלט־געדאַנק אריינגע־בראַכט אין זיך, פאַרשטייען מיר ערשט ווי שווער עס איז צו דענ־קען אָביעקטיוו, דאָס הייסט, נישט צו דענקען וועגן דער וועלט דאָס וואָס מען פילט וועגן איר. די דערמאָנטע פילאָזאָפן זיינען באַגאַנ־גען אין דער פילאָזאָפיע דעם רעליגיעזן פעלער: זיי האָבן אָנגענומען פאַרווירקלעך דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט דעם איינדרוק, דאָס וואָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן אַז ס'איז ווירקלעך. זיי האָבן געהאַט אַ „אי־נערלעך געפיל", אַ „אינטימע, אינטואיציווע, אוממיטלבאַרע אי־בערצייגונג", אַז אין זיי איז פאַראַן די וועלט־נשמה, דער וועלט־שכל, דער געטלעכער גייסט, האָבן זיי געגלויבט, אַז אַזוי איז עס טאַקע. אַלץ אין וואָס מיר קענען זיין זיכער, איז, אַז זיי האָבן אַזוי געפילט, אַז זיי האָבן געהאַט אַזאַ א י נ ד ר ו ק. אָבער צי זייער געפיל און איינדרוק האָט זיי נישט אָפּגענאַרט, דאָס ווייסן מיר נישט. אינערלעכע געפילן, אוממיטלבאַר־אינטואיטיווע איבערציי־גונגען, קענען אַמאָל ווירקלעך אָפּשפּיגלען די רעאַליטעט פון דעם אָביעקט אויף וועלכן זיי באַציִען זיך און קענען אויך זיין ניט מער ווי פּסיכאָלאָגישע צושטאַנדן פונעם דענקנדיקן סוביעקט. אָננעמען פאַר זיכער דאָס ערשטע, הייסט אויפהערן דענקען, נאָר אָנהויבן גלויבן. דענקען הייסט נעמען בלויז דאָס זיכערע, און דאָס זיכערע אין דעם פאַל איז, אַז אַזוי האָבן זיי געפילט און מער גאָרנישט.

דערהאַלטן פאַר יעדן פּרייז די ריינקייט און אומאָפּהענגיקייט פון געדאַנק, פאַרטיידיקן מיט אַלע כוחות די זעלבסטשטענדיקייט פון שכל, ראַטעווען דעם דענקער אין זיך פון זיך אַליין, דאָס הייסט פון די אייגענע ספּאָנטאַנע נשמה־טענדענצן און שטרעמונגען, נישט לאָזן דעם „איך" אריינדרינגען, פאַרגוואַלדיקן און אויספילן דער „זאַך" — אָט דאָס איז די גרויסע און שווערע אויפגאַבע פון

דער פילאָזאָפיע. צי די ביז איצטיקע פילאָזאָפיע האָט דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע. אָבער צי די פילאָזאָפיע האָט דאָס יאָ אָדער נישט דערפילט אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז דאָס פאָרט איר אויפגאַבע און זי וועט עס דאַרפן דערפילן אין דער צוקונפט. עס איז די אויפגאַבע פון דער פילאָזאָפיע צו קוקן אומדערשראָקן דעם אמת אין די אויגן אַריין, מעג ער זיין ווי ביטער פאַרן מענטשן. רעליגיע האָט נישט געזוכט דעם ביטערן אמת; אַלץ איז אין רעליגיע אַרויסגעקומען אַזוי, ווי דער מענטש האָט געוואָלט ס׳זאָל אַרויסקומען. די אמתן פון רעליגיע זיינען מענטשלעכע אמתן; די אמתן פון דער פילאָזאָפיע, דאַרפן זיין וועלט־אמתן. רעליגיע האָט געאָפּערט מיט דער וועלט לטובת דעם מענטשן. די פילאָזאָפיע דאַרף נעמען דעם אמת פון דער וועלט אַזוי ווי ער איז.

דער רעליגיעזער מענטש ווען ער האָט געדענקט וועגן דער וועלט, האָט ער געזוכט וואָס מער זיך צו פאַרטיפן אין זיך, וואָס מער זיך אַריינצופילן אין זיך. דער פילאָזאָף, אין קעגנטייל, ווען ער דענקט וועגן דער וועלט, דאַרף זוכן זיך אָפּצורייסן פון זיך, אויסטון זיך פון זיך, פאַרלאָזן זיך, באַמיען זיך צו זיין אומפּערזענלעך, נאָר צוגיין צו דער וועלט מיטן מעגלעך העכסטן גראַד ריינעם דענקען. זיכער איז עס אַ שווערע און אַ פּיינלעכע אויפגאַבע, וואָרום דאָס מיינט פאַרגוואַלדיקן זיך אַליין. אָבער אַזאַ איז דער וועג פון אמת פאַר אַלע צייטן און אויף אַלע געביטן. דער וועג פון אמת איז נישט געווען, איז נישט און וועט, אפּנים, קיינמאָל ניט זיין אויסגעשפּרייט מיט רויזן. נישט נאָר פאָדערט פון אונדז דער אמת צו ברענגען פונזיינעטוועגן קליינע קרבנות, נאָר ער פאָדערט פון אונדז גרויסע קרבנות. עס פאָדערט פון אונדז, אַז בעת מיר זוכן אים, זאָלן מיר אינגאַנצן אויפהערן צו עקזיסטירן, זאָלן מיר זיך אינגאַנצן מקריב זיין פאַר אים, זאָלן מיר זיך אַליין באַהערשן, דערווידערן, פאַרנייגען ביזן מעגלעך־העכסטן גראַד פון ז ע ל ב ס ט־ל אָ ז י ק י י ט.

אינהאַלט:

קאפיטל 1	— גאָט — — — — — — — — — — —	5
„ 2	— אומשטערבלעכקייט — — — — — — —	31
„ 3	— עטישע רעליגיע — — — — — — — —	66
„ 4	— נביא און פאָלק — — — — — — — —	92
„ 5	— רעליגיע און עראָטיק — — — — — —	140
„ 6	— משיחיזם — — — — — — — — — —	169
„ 7	— די שאפער פון עטישן מאָנאָטעאיזם — —	200
„ 8	— דער פילאָזאָפישער אספעקט פון מאָנאָ־טעאיזם — — — — — — — — —	230
„ 9	— אַלגעמיינער בליק — — — — — — —	255
„ 10	— רעליגיע און פילאָזאָפיע — — — — —	271

דאָס דאָזיקע בוך, געדרוקט אין דרוקעריי
פון כוליאָ קויפמאַן, כונין 344, בוענאָס
איירעס, איז פאַרענדיקט געוואָרן דעם
8־טן יולי 1944.